STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00937

DI TSEN LANDSLAYT

Chaver-Paver

Permanent preservation of this book was made possible
by Arthur Pinchuck
in memory of
Sadie & Jacob Pinchuck

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כּאַווער־פּאַווער

די צען לאַנדסלייט

ראָמאַן פון אידישן
אימיגראַנטן - לעבן
אין ניו-יאָרק

אַרויסגעגעבן פון כּאַווער־פּאַווער בוך־קאָמיטעט
לויט דער איניציאַטיוו פון לאָס־אַנדזשעלעסער
איקוף מיט זיינע לייען־קרייזן

לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1942

DIE TZEN LANDSLEIT

Copyright by
GERSHON EINBINDER
Los Angeles, Calif.

Published by the Chaver Paver Book Committee under the auspices of
the Los Angeles Icuf and its reading circles.
209

מיט ליבשאַפט טראָג איך צו מיין בוך,
„די צען לאַנדסלייט״, אַ מתנה צו:

חיים קאָטיליאַנסקי

דעם וואונדערלעכן זינגער
און געטרייען היטער
פון דעם אידישן פאָלקס־ליד.

איך באַדאַנק האַרציג די חברים און חבר׳טעס פון כאַוועו־פאַוועד בוך־קאָמיטעט און די לייען־קרייזן ביים לאָס אַנדזשעלעסער איקוף פאַר זייער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט פון אַרויסגעבן מיין בוך „די צען לאַנדסלייט“:

נחום אייעראָף, סעם באָרנשטיין, העדי גאָלדשטיין (פראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון קאָמיטעט), **דזשעני גלאַדסטאָון** (מיאַמי), **גאָלדע טשערניצקי, יעקב לון, נאַדיאַ לון, נפתלי נאַפּטולין** (פינאַנס־סעקרעטאַר פון קאָמיטעט), **גיטל נאַפּטולין, ראָזע סטעפּקין, מינאַ סמאָלאַר, בונצע פרימאַק, מישאַ צעפּקין, שמואל קאַדיש** (וויצע־פּאָרזיצער פון קאָמיטעט), **חיים קאָטיליאַנסקי** (פּאָרזיצער פון קאָמי־טעט), **ה. קרוט, נחום קרופּין** (עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון קאָמיטעט), **וועלוול קעסנער** (וויצע־פּאָרזיצער פון קאָמי־טעט), **דוד ריטשמאַן, מערי ריטשמאַן.**

אין דער איצטיגער צייט, ווען דער אוממענטש האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצוראָטן די קולטור־אוצרות פון אַלע פעלקער און באַזונדערס פון אונזער פאָלק, איז דאָס אַרויסגעבן פון אַ אידישן בוך נאָך אַ שאָס פון אונזערע קולטור־האַרמאַטן דעם שונא פון דער מענטשהייט, דעם פאַשיזם.

איך ווינטש און איך האָף, אַז דער כאַוועו־פאַוועד בוך־קאָמיטעט וועט בלייבן אַ שטענדיגע אינסטיטוציע אין לאָס־אַנדזשעלעס אויף אַרויסצוגעבן ביכער אויך פון אַנדערע אידישע שרייבער און דערמיט פאַרמערן דעם אוצר פון אונזער קולטור.

כאַוועו־פאַוועד.

משה, משה, וואו זייט איר . . .

. . . און צום אַלעמערשטן איז געווען ווייסט און לער, און פינצטערניש איבערן אָפּגרונט. . . .

. . . די דאָזיגע פינצטערניש, די דאָזיגע לערקייט אינמיטן גרויסן און אומענדלעכן ים. . . .

רעוועט דער קוימען פון דער „אַקוויטאַניע” מיט אַזאַ דער־שראָקענעם רעווע. ברומען און הודיען די געדערים פון דער שיף. טיאָכקעט הויך דאָס האַרץ ביי דעם ריזיגן קערפּער פון אָקרענט, וואָס שניידט דעם ים מיט דער שאַרף פון זיין נאָז און דרינגט אַלץ ווייטער אין דער גרויער אומענדלעכקייט...

פון דער גרויער אומענדלעכקייט וועט זיך אַמאָל אויסשיילן אַ לאַנד מיט ריזיגע שטעט, מיט רוישיגע גאַסן, מיט איילנדיגע מענטשן אויף די טראָטואַרן, מיט טומלדיגע צעווילדעוועטע קינדערלעך, מיט ליכט אין די פענצטער, מיט באַלויכטענע קראָמען און רעסטאָראַנען, מיט קענדי־סטאָרס און גראָסעריס, מיט וואָלקן־קראַצערס און טענעמענט־הייזער...

עס וועט הייסן אַמעריקע.

— האָבן מיר אַמאָל געהאַט אַ שטעטעלע אין בעסאַראַביע. טשערעמעיעוו האָט מען דאָס גערופן. האָט אונזער שטעטל זיך שוין אָפּגערוקט אַזוי ווייט, אַזוי ווייט. באַלד וועט דאָס ווערן אַ חלום.

— אַ חלום זאָגט איר, משה? — רופט זיך אָן זלאַטע הירש־בער דעם בלינדנ׳ס.

— יאָ, אַ חלום.

ס׳איז שוין פאַרנאַכט. אָבער דאָ, אינמיטן ים, האָט מען ניט געוואוסט ווי אַזוי דער פאַרנאַכט איז געקומען. ביי טאָג איז אויך געווען פאַרנאַכט. דער הימל איז נאָך פון איינדערפרי פאַרלוירן גע־גאַנגען. איז געבליבן גרויקייט און ים, אַרום און אַרום, אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף.

— באַלד וועלן מיר אַריין אין אַ טומאַן, זלאַטע.

— אין אַ טומאַן?

— יאָ, אין אַ טומאַן. איר הערט נים, זלאַטע, ווי דער קוימען שרייט? דאָס לאָזט ער וויסן צו אַלע מאַטראָסן: „היט זיך, חברה, ווייסט וואָס איר האָט צו טאָן.״

וואָלט זי דאָרטן, אין טשערעמעיעוו, ווען עס איז געַחלום׳ט צו רעדן מיט משה בוכבינדער אַליין, פּנים צו פּנים? מיט משה בוכ־בינדער, דעם גרעסטן העברייאישן לערער פון שטעטל? ער האָט זי אפשר גאָר אינגאַנצן ניט געקאָנט דאָרטן אין טשערעמעיעוו. ווער איז זי געווען דאָרטן?

— און איידער גאָט האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, זלאַטע, איז געווען וויסטקייט און לערקייט און פינצטערניש איבערן אָפּגרונט. איז איצט אויך אַ וויסטקייט, אַ לערקייט און אַ פינצטערניש איבערן גאַנצן אַרום און אַרום.

פאַרשטייט ניט זלאַטע, וואָס ער מיינט. פאַרטראַכט זיך זלאַטע, די אָרימסטע פון דער גאַנצער גרופּע טשערעמעיעווער, וואָס פאָרן איצט אַלע אינאיינעם קיין אַמעריקע. די אָרימסטע אַפילו פון אַלע מיידלעך אין זייער שטעטל.

איר טאַטע, הירש בער, דער גרויסער עני ואביון, דער אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס; הירש בער מיטן בלינדן אויגל, וועגן וועמען די שטאָט האָט גערעדט, אַז דאָס וואָס ער סטאַיעט ניט אָפּט פון טשערע־מעיעוו, איז אויף אָרומצוגיין אין די הייזער איבער דער וועלט און קלייבן נדבות.

אַן אָרימאַנ׳ס אַ טאָכטער און נאָך ניט קיין שיינע דערצו: אַ לאַנגער נאָז, אַ פּנים פול מיט געלע קלייען, פלאַקסענע האָר.

דערפאַר אָבער האָט איר שטיל קול געגלעט דעם מענטשן מיט ווארעמקייט און גוטסקייט.

דערפאַר אָבער האָבן אירע אויגן פון ביר־קאָליר שטענדיג גע־לויכטן, שטענדיג געפלאַקערט.

דערפאַר האָבן אירע הענט געשיינט מיט בלאַסע לאַנגע פינגער.

דערפאַר אָבער האָבן אירע צוויי שלאַנקע פיס געשפּאַנט אויף דער וועלט׳ס ערד מיט פרומקייט און שעמעוודיגקייט.

ווי זשע קומט טאַקע צו הירש־בער דעם בלינדן אַ מיידל מיט אַזוינע שיינע אויסגעלייטערטע הענט? אירע הענט, וואָס האָבן גע־

שמירט די ערדענע פּאַדלאַנעס, וואָס האָבן געשקראַבעט די מולטערס, וואָס האָבן געקנאָטן ליים, געוואַשן וועש?

און ווי זשע קומט צו הירש־בער דעם אָרימאַן אַ מיידל מיט אַזוינע שלאַנקע זינגעוודיגע פיס? אַז זיי האָבן גאָר געטראָגן שטיוול אין די גרויסע אָסיענדיגע בלאָטעס. אַז זיי זיינען גאָר פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פון אומגיין באָרוועס איבער דער צעטריקנטער ערד, זומער אין די גרויסע היצן.

אַלע פּאַסאַזשירן טומלען זיך איצט אין די קאָרידאָרן און אין די רויכער־זאַלן.

פון די אויבערשטע דעקן דערטראָגט זיך דאָס שפּילן פון שיף־אָרקעסטער.

די מאַשינעריע, וואָס ליגט אין האַרץ פון דער שיף, קלאַפּט אויס מיט אַ רעגולערן ריטם דאָס אָטעמען פון דעם ריזיגן קערפּער, וואָס שניידט דעם ים מיט ווילדן כח און בייזער גבורה, וואָס דרינגט אַלץ ווייטער און ווייטער.

משה שווייגט. ער איז טרויעריג געוואָרן. די מוזיק האָט אים געמאַכט טרויעריג. די מוזיק האָט אים דערמאָנט אין ליכטיגע זאַלן פון די אויבערשטע דעקן, אין פאַרפּוצטע דאַמען און הערן, אין טאַנצנדיגע פּאָרלעך. צווישן די אַלע פּאָרלעך זעט ער זי אויך. ווערא באַראַש. זי טאַנצט איצט מסתמא מיט דעיוו'ן, דרייט זיך מיט אים, לאַכט און שמייכלט און פרייט זיך. וואָלט זי ניט געפאָרן אויף דער זעלביגער שיף. וואָלט זי כאָטש גענומען אַן אַנדער שיף. וואָלט זי אינגאַנצן ניט געווען. וואָלט זי זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן יעדע שעה פון טאָג.

דער טומאַן רוקט זיך. דער טומאַן שפּרייט זיך. דער הויכער קוימען איז שוין פאַרלוירן געגאַנגען פון אויג. ווייסט מען שוין ניט פון וואַנען עס וואַיעט דאָרטן. משה קוקט שוין ניט צו זלאַטע'ן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט די פּלייצעס. ער בויגט זיך אָן איבער דער פּאַרענטשע. שרעקט זיך זלאַטע, וואָס ער בויגט זיך אָן איבער דער פּאַרענטשע. ער גלייכט זיך אָבער באַלד אויס, שטרעקט אויס אַ האַנט צו דער ווייטקייט. ער רעדט צום ים, אַט דער משה, פונקט ווי צו אַ לעבעדיגן מענטשן. ער האָט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זלאַטע'ן.

— אוי, ים, ים, וואו הויבסטו זיך אָן און וואו לאָזסטו זיך אויס? אוי, וואַסערן טיפע, וואַסערן ברויזנדיגע, וואוהין טראָגט איר מיך מיט מיין גורל? און וואָס וועט מיר טרעפן אין מיינע שפּעטערדיגע טעג אין דעם פרעמדן אומבאַקאַנטן לאַנד? וועל איך וויסן אַ סך יסורים דאָרטן? צי וועל איך האָבן פרייד? אוי, ים, ים, דו גרויסער און אומענדלעכער...

אַזאַ מין מאָדנער בחור. ס'איז אַזש אַ פּחד מיט אים צו שטיין אויף דער ליידיגער דעק. מען האָט נאָך אין טשערעמעיעוו גערעדט וועגן אים, אַז ס'פאַלט אים אָפּטמאָל אָן אַזאַ מרה שחורה, וואָס מאַכט אים אויסזען איינגאַנצן אַנדערש. זעט זי שוין איצט אַליין מיט אירע אייגענע אויגן, אַז דער בחור איז אַריין אין דער מרה שחורה.

זלאַטע לאָזט זיך גיין אָן אים, גייט אָפּ ביז צו די טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ צום זאַל, און דרייט זיך אויס אַ קוק צו טאָן אויף משה'ן צום לעצטן מאָל איידער זי לאָזט זיך אַראָפּ.

ווי איז צו איר! וואו איז משה? צי האָט אים דער טומאַן אַזוי שנעל איינגעשלונגען וואָס זי זעט אים איצט שוין ניט אַרום?

— משה, משה, איר זייט דאָ?... אוי, אַ בראָך צו מיר!

קיינער ענטפערט איר ניט. אפשר איז טאַקע מערער שוין ניטאָ קיין משה. אפשר האָט ער זיך גאָר אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין, און זי האָט ניט געהערט דעם פּליוסק?

— משה, משה, איך זע אייך ניט.

רעוועט דער קוימען. וואָיעט און קלאָגט. קאָכט און זידט דער ים, בליפּעט און פאַרבלינעט זיך. פאַרגייען זיך די כוואַליעס אין בייזע געלעכטערס.

— משה, משה, וואו זייט איר?

פאָרן זיך צען בעסאַראַביער יונגעלייט קיין אַמעריקע

צען נפשות זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון בעסאַראַביער שטעטעלע טשערעמעיעוו אויפן וועג קיין אַמעריקע:

משה, זלאַטע, אַרקע, מאַניאַ, פרויקע, ברוך, בערל, יאַסקע, וועווקע און ווערא.

דוד, אהרן דעם שמש׳ס, האָט זיי אַרויסגעפירט. דוד, אהרן דעם שמש׳ס, וואָס נאָך צוואַנציג יאָר אָפּזיין אין אַמעריקע, איז געקומען אַהיים אויף אַ באַזוך און האָט שוין געהייסן דעיוו, מיסטער דעיוו שאַמעס. האָט דאָס דער דאָזיגער דעיוו געבראַכט די שיפסקאַרטן צו די שטעטלדיגע יונגע לייט פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים.

צען נפשות זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען מיט קלומעקעס און זעק, מיט קעסטלעך און קאָרזינעס, געהאַלדזטע און געקושטע פון טאַטע און מאַמע, פון ברידערלעך און שוועסטערלעך, צום לעצטן מאָל, צום לעצטן מאָל. אָנגעוואָונטשעוועטע מיט דעם בעסטן און שענסטן אויף דער וועלט פון פעטערס, מומעס און שכנים, וואָס זיינען געלאָפן זיך געזעגענען.

האָבן זיך די אַלע צען געזעצט אויף די וועגענער מיט טיאַכקענדיגע הערצער, מיט שטיקער געוויין אין די העלזער, מיט פאַרעלנטע אויגן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָפּלאָזן דעם לעצטן סימן פון ליבן שטעטעלע — דעם דאַך פון דער הויכער שול, וואָס האָט זיך נאָך אַרויסגעזען, אַפילו עט שפּעטער, ווען מען איז שוין געווען ווייט, ווייט איבערן סטעפּ.

ער, דעיוו שאַמעס, איז אויך אַזוי מיט יאָרן און יאָרן צוריק אַרויסגעפאָרן פון דעם שטעטעלע אויפן וועג קיין אַמעריקע. ער האָט אויך אַזוי געהאַלטן אויסגעדרייט דאָס פּנים צום לעצטן סימן פון דער ליבער היים. ער האָט אויך אַזוי קרום געשמייכלט מיט וויינענדיגע ליפּן, נאָכדעם ווי דער לעצטער סימן האָט זיך אָפּגעטאָן און ס׳איז געבליבן בלויז וויטער סטעפּ און איינזאַמע טעלעגראַף-סלופּעס.

שפּעטער מיט יאָרן, שוין אין אַמעריקע, ווען יעדער איינער פון זיי האָט זיך שוין איבערגעשמאָלצן, איינגעוואָרצלט צוביסלעך; ווען איינער פון זיי איז געוואָרן אַ גרויסער גביר; ווען דער נאָמען פון אַ צווייטן איז געווען באַקאַנט צו טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד; ווען אַ דריטער פון זיי איז אָפּגעגאַנגען פון דער וועלט איידער ער האָט זיך נאָך רעכט צעבליט; ווען איינע פון די מיידלעך איז אַוועק צו אַ לעבן פון שאַנד; ווען דעיוו איז געווען דערנאָכדעם אויף חתונות פון די לאַנדסלייט, און אויך אויף לויות פון די לאַנדסלייט, האָט ער זיך שטענדיג דערמאָנט אָן יענער מינוט, אָן יענער לעצטער מינוט, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט טשערעמעיעוו, מיט די צעטומלטע קליינ־

שטעטלדיגע פּנים'ער, מיט די וויינענדיגע ליפּן, מיט די פאַרגאַסענע אויגן.

מאַניא באַלאַבאַן, דעם גביר'ס טעכטערל. פון דער רייכסטער שטוב מיטן ווייסן גלעזערנעם גאַניק און מיט דעם גרויסן גאָרטן. מאַניא באַלאַבאַן האָט זיך שוין געהאַלטן ביים שמד'ן, און דערפאַר טאַקע האָבן אירע עלטערן מיט געוואַלד זי געשיקט קיין אַמעריקע.

משה בוכבינדער, דער וואויל־קענער, דער העברייאישער לערער, דער עלוי, דער פילבארער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט געוואָרפן אין טייך צוליב אַ ליבע.

אַרקעלע בורמילע, פּייגע דער קעכינ'ס זינדל, דער באָד־גוי, דער הפקר־יונג.

זלאַטע די נייטאָרין, די אָרעמסטע מיידל פון שטעטל. די פאַר־שעמטע און דערנידעריגטסטע פון אַלע מיידלעך אין טשערעמעיעוו.

וועווקע טאַפּער, דער הויכער, דיקער וועווקע טאַפּער, מלכה־לאה דער קוראַלאַפּניצע'ס בן, דער לאַכנדיגער תם, וועמען אַלע אין שטעטל האָבן אָפּגעטאָן שפּיצלעך.

בערעלע גאָנאַפּטי, דער זשוליק, דער אַפּעריסט, דער קאַרטיאָזשניק.

פרויקעלע מיטן חן־גריבעלע און מיט די זיידענע שווארצע אויגעלעך. פרויקעלע, רעב סענדערל'ס זון, פון אַ געהויבענער משפחה פון רבנים, דיינים, גוטע אידן, שאַרפע מוחות און גמרא־קעפּ.

ברוך, עליק דעם ליווראַנט'ס זון. דער ציוניסט פון שטעטל, דער פיינער בחור מיטן לאַנגן באַלעבאַטישן ראָק.

יאָסקע, בנימין דעם ווינשענקער'ס, דאָס ציטערדיגע בחור'ל, אַ בן־יחיד ביי טאַטע און מאַמע. אַ געקעכלטער, אַ געכאַליעטער.

און צולעצט קומט ווערא, די הויכע שטאַלטנע מיידל מיט די בלויע אויגן, מיט די העלע ליכטיגע האָר, וואָס האָט פאַרשפּילט איר יונג לעבן סאַמע אין אָנהויב.

פאָרן זיי, די צען יונגעלייט, קיין אַמעריקע מיט די בעסאַראַביער זאַפּטן אין די בלוטן. מיט די היימישע קאָלירן אין די אויגן: פון אַ גאָלדענער זון און בלויע הימלען, פון טיפע שנייען און שמעקעדיגע גערטנער, פון רויטע עפּל און געלע בארן, פון בלוטיגע קאַוואַנעס און גאָלדענע דיניעס, פון בורשטינענע וויינטרויבן און שוואַרץ־ברוינלעכע

פלוימען, פון וויינינגע קארשן און גרינע שטעכיגע אוגערקעלעך, פון רויטע פּאָמידאָרן און געלע קאַבאַקעס.

פאָרן זיי, די צען יונגעלייט, מיט דער פעטקייט פון דער בעסאַראַביער ערד אין דיביינער און מיט דער פעטקייט פון די ווייצן און קאָרנס, קארטאָפּליעס און פאַסאָליעס, ציבעלקעלעך און רעטעכלעך, זראַזעס פון לעמעלעך, מאַמאַליגעס מיט ברינזע, און קעזן און סמעטענע...

* * *

. . . רעוועט דער קוימען פון דער שיף „אקוויטאַניע" מיט אַזאַ צעשראָקענעם רעווע. ברומט, הודיעט און הויבט זיך דער ריזיגער קערפּער פון אָקעאַנט. שניידט ער דעם ים מיט דער שאַרף פון זיין נאָז, דרינגט אַלץ ווייטער אין דער גרויסער אומענדלעכקייט...

פאָרן די צען טשערעמעיעווער יונגעלייט קיין אַמעריקע. איז שוין אָנגעגרייט פאַר זיי דאָרטן פרייד און אומגליק, ליבע און געוויין און סכנות'דיגע טעג, און לאַכנדיגע הימלען, און דער קאַלטער שווארצער קבר אויף פרעמדער ווייטער ערד...

וועט ער שוין פאַרבלייבן ביזן טויט אַן אַלטער בחור?

יאָרן, יאָרן, וואוהין זייט איר פאַרפלויגן? ווי אַזוי זייט איר ניט געוואָרן?

וואוהין זיינען טאַקע אַוועק דעיוו'ס יאָרן, אַז ערשט נעכטן איז ער נאָר אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַ יונג בחור'ל, מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, מיט שטאַרקע ציין, מיט פייערדיגע ברוינע אויגן?

ערשט נעכטן. ערשט נעכטן. און אַזוי זיינען פאַוואָליטשקע אַוועק צוואַנציג קיילעכדיגע יאָרן. זיינען די האָר אויפן קאָפּ שוין מערער ניט געדיכט. זיינען די ציין שוין מערער ניט אַזוי שטאַרק. זיינען די אויגן שוין אַ ביסל טונקעלער.

פרילינג־יאָרן, פרילינג־יאָרן, גאָלדענע, ליכטיגע...

וואוהין זיינען אַהינגעקומען דעיוו'ס פרילינג־יאָרן? וואוהין זיינען אַהינגעקומען זיינע גאָלדענע זונען פון די ליכטיגע יוגנט־טעג?

ניט קיין גאָלדענע זונען פון הימל האָבן פאַר אים געשײַנט אין אַמעריקע אין זײַנע פרילינג־יאָרן. עס האָבן זיך געשאָטנט איבער זײַן יונגן קאָפּ די בראָדיגע סטעליעס פון די שעפּער.

זוכט אים ניט דאָרט, וואו פּאַלמען בליען. זוכט אים דאָרט, וואו דאָס פּרעסל טשאַדעט, וואו די לופט איז פאַר'חלש'ט.

אָט באַלד, אָט גאָר אינגיכן, קומט שוין דעיוו אַרײַן אין ווינטער אַרײַן. אַ שניי וועט אַרויספאַלן און באַדעקן זײַן קאָפּ. אַן אייביגער שניי.

וועט שוין דאָס זײַן דער גאַנצער תכלית מיט דעיוו'ן? וועט ער זיך לאָזן אַרײַנגנאַרן אין ווינטער אַרײַן, ווי ער האָט זיך געלאָזט אַרײַנ־נאַרן אין האַרבסט אַרײַן? וועט ער שוין פאַרבלײַבן אַזוי ביז זײַן טויט אַן אַלטער בחור? וואוינען אין בראָנזוויל אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו אין אַ בעדרום, לייענען ביכער, שפּילן אויף דער גיטאַרע אין זײַנע עלנטע שעה'ן, זיך אויספּוצן אין זײַן שיינעם קאָסטיום און גיין איינער אַליין שפּאַצירן אין פּראָספּעקט פּאַרק, אָנזאַמלען נאָך אַ ביסל געלט, אויפכאַפּן זיך אינמיטן דער נאַכט אין דער פינצטער און ניט קאָנען צוריק אײַנשלאָפן, טראַכטן און קלערן אין די שלאָפלאָזע שעה'ן וועגן דער וועלט, וועגן לעבן, וועגן אַלע קלוגע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון די ביכער? וועט ער זיך שוין אַזוי אָפּלעבן די יאָרן און אָוועקגיין פון דער וועלט איינער אַליין? קיינער וועט נאָך אים ניט קלאָגן? קיינער וועט נאָך אים ניט טרויערן? זײַן געביין וועט אויסגעמישט ווערן מיט דער אַמעריקאַנער ערד און אויס?

וועט דאָס שוין אַזוי בלײַבן דער גאַנצער תכלית מיט דעיוו'ן? ניין, ער וועט זיך ניט לאָזן. זאָל ער נאָר אָנקלײַבן גענוג געלט, וועט ער אַ פּאָר טאָן אין טשערעמעיעוו.

זײַן שטעטעלע טשערעמעיעוו מיט דעם ליכטיגן בלויען הימל, מיט דעם קלאָר ריינעם טײַכל, מיט דער ווייסער הויכער שול, מיט דעם הודיענדיגן ברוק, מיט די היימישע שמעקענדיגע ווינטעלעך.

ער וועט זיך דאָרטן אויך אפשר אויסקלײַבן אַ כלה. אַ טשערע־מעיעווער היימישע כלה, מיט אַ לאַנגן צאָפּ האָר, מיט אַ ווײַסן האַלז, מיט רויטע באַקן. אַ קלײַנשטעטלדיגע אידישע טאָכטער.

וועמען האָט שוין דאָרטן, דעיוו, אין טשערעמעיעוו? סיידן דעם אַלטן פעטער שמואל, וואָס דאַרף שוין זײַן אין די ווײַטע אַכציגער?

אַלע אויסגעשטאָרבן דאָרטן. פריער דער טאַטע, דערנאָכדעם די מאַמע. די שוועסטער רבקה איז אוועק אין ארגענטינע. דער ברודער נחום — אין אפריקע.

* * *

האָט אים קיינער ניט באַגלייט צו דער שיף, אחוץ די באַלעבאָסטע זיינע, מיסעס סיגל, פון סאַראַטאָגאַ עוועניו. די אַלטע מיסעס סיגל, ביי וועמען ער האָט אָפּגעוואוינט קיילעכדיגע פופצן יאָר.

האָט זי געוויינט ביים געזעגענען זיך. אים געוואונטשן ער זאָל פאָרן בשלום און קומען בשלום, און אפשר טאַקע, אַז דער אויבערשטער וועט וועלן, וועט ער שוין צוריקקומען ניט אַליין, נאָר מיט עפּעס א כשר׳ער אידישער טאָכטער. אי, זי וועט אָנווערן א באָרדער, אַרט איר שוין ניט. פאַרקערט. נאָר טאָמער מאַכט זיך אים גאָרניט דאָרטן, און ער קומט איינער אַליין, זאָל דעיוו וויסן, אַז זיין אַלקער שטייט אָנגעגרייט פאַר אים. זי וועט דאָס קיינעם ניט פאַרדינגען ביז ער וועט צוריקקומען.

האָט אויפגעשפילט דער שיפס־אָרקעסטער דעם אַמעריקאַנער הימן. האָט דער קוימען געגעבן איין לאַנגן אויסגעצויגענעם רעווע, האָט מען א צי געטאָן דאָס לעצטע בריקל, וואָס האָט נאָך פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער ערד. האָט זיך די שיף אויסגעדרייט. איז ניו יאָרק אָפּגעפאָרן אויף צוריקוועגס.

בליפּעט אויף דעיוו שאַמעס, וויינט אויף די צוואַנציג עלנטע יאָרן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ניו יאָרק.

איז דאָס דוד?

און טשערעמעיעוו האָט געברומט און געמאַכט איינער צום אַנדערן: איז דאָס דוד? דוד, אהרן דעם שמש׳ס? דוד׳ל מיטן פאַר־סמאַרקעטן נעזל און מיטן סטון אינדרויסן? יאָ, דאָס איז דוד, אָבער רופט אים שוין ניט דוד. רופט אים דעיוו.

דוד האָט ער געהייסן אין טשערעמעיעוו. דוד, אהרן דעם שמש׳ס. דערקאָנט אים נאָך קיינער ניט. מיידלעך קוקן אין די פענצטער.

ווייבער שטייען אויף די שוועלן. אידן רעדלען זיך אינמיטן גאַס און קוקן מיט אומצוטרוי אויף דעם פּאַרפּוצטן פריץ, וואָס איז אַריינ־געפאָרן אינמיטן מארק מיט גרויסע טשעמאָדאַנעס.

— איר דערקאָנט מיך ניט, רעב ישעיה?

שאַ, שאַ, דער פּריץ רעדט גאָר אידיש. דער פּריץ מיט דער געלער שליאַפּע, מיטן גרויען ראָק, מיט דעם זילבערנעם שטעקן. ניט דער גאַנצער שטעקן איז געווען פון זילבער. בלויז די גאַלקע. אָבער מען האָט שוין סיי ווי געקאָנט זאָגן, אז ס'איז א זילבערנער שטעקן.

— איר דערקאָנט מיך ניט, רעב ישעיה?

ניין, רעב ישעיה, מיט די ווייסע זאָקן, מיט דער אויסגעריבענער שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, מיט גרייז־גרויע ברעמען, דערקאָנט אים ניט.

— שאַט נאָר, ס'איז דאָך דוד; דוד, אהרן דעם שמש'ס. כ'לעבן, דוד.

— יאָ, ס'איז איך, דוד.

— נאַ זשע דיר דעם גרויסן שלום עליכם, דעם גרויסן, פיינעם שלום עליכם.

— שלום עליכם, עליכם שלום. אודאי איז דאָס דוד. וועסט מיר גיין דערציילן מעשיות, וואָס זשע, איך האָב באַלד ניט געוואוסט, אז דאָס איז דוד?

— קומסטו טאַקע פון סאַמע אמעריקע, דוד?

לויפט די נייעס פון שטוב צו שטוב. ווייסט מען שוין אומעטום, אז דוד, אהרן דעם שמש'ס, איז געקומען פון אמעריקע. א גרויסער גביר. אפשר א מיליאָנער.

יאָ, דאָס איז דוד. אָבער רופט אים שוין ניט מערער דוד, רופט אים: דעיווו, ווייל פּאַרדעיוועט זיינען געוואָרן זיינע בעסטע יאָרן אין די פינצטערע שעפּער פון ניו יאָרק.

ס'איז אַמאָל געווען א דוד, וואָס האָט געבאַפּט פּעטש פון ביזן טאַטן, און וואָס האָט געבאָדן די פויערשע פערד אין טייך, און וואָס האָט זיך נאָכגעהאַנגען די וואָגנס, און וואָס האָט געשריען: „מאַמע, מאַמע, איך וויל עסן", און די מאַמע האָט געזאָגט: „נאַ, עס מיך, שנייד אָפּ א שטיקל לייב פון מיר און עס"...

און טשערעמעיעוו האָט געברומט און געמאַכט איינער צום

אנדערן: איז דאָס טאַקע דוד? דוד מיטן פאַרסמאַרקעטן נעזל און מיטן סטון אינדרויסן? דוד, אהרן דעם שמש׳ס?

מיין קאָפּ איז מיר געווען פאַרטשאַדיעט

אזוי פיל שטערנדלעך אין טשערעמעיעווער הימל. אַנגעפּיקעוועט איינס אויף ס׳אַנדערע. אַ רואיגע נאַכט, אַ שטילער הימל. אַקוראַט ווי גאָרניט איז ניט געשען. אַקוראַט ווי ער איז גאָר קיינמאָל נאָך ניט געווען אין אַמעריקע. אַקוראַט ווי ס׳איז נאָך אַלץ מיט צוואַנציג יאָר צוריק, ווען טאַטע און מאַמע האָבן נאָך געלעבט, און ער — אַ יונגער בחור.

גרויסע ווייס־זייבערע קישנס, טשערעמעיעווער קישנס. ער וועט זיך שוין גוט אויסשלאָפן אויף די דאָזיגע טשערעמעיעווער שמעקנדיגע קישנס, פאַר אַלע פאַרוואַגלטע יאָרן וועט ער זיך שוין אויסשלאָפן.

די פיס לאָזן זיך אָפּ. די הענט לייזן זיך אויף. דאָס פענצטער איז אָפן. די געשמאַקע טשערעמעיעווער קילע לופט דרינגט אריין אין יעדן אבר.

אפשר איז דאָס גאָר געווען אַ חלום די גאַנצע מעשה מיט אַמע־ריקע? אפשר איז ער גאָר קיינמאָל ניט אוועק פון דער היים?

— מאַמע, וואו ביזטו געווען? און דו, טאַטע, איך האָב דיך שוין אזאַ לאַנגע צייט ניט געזען.

— וואו ביזטו געווען, מיין קינד? מיר האָבן דיך געזוכט און געזוכט און דו ביזט ניט געווען.

— אָ, טייערע מיינע, איך ווייס אַליין ניט וואו איך בין געווען. איך געדענק שוין ניט.

— דערמאָן זיך, זון, דערמאָן זיך און דערצייל אונז אַלצדינג.

— אז איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, אז איך וויל זיך ניט דער־מאָנען. ס׳איז מיר דאָרטן געווען זייער שלעכט. מיינע הענט האָבן מיר וויי געטאָן. מיינע פיס האָבן מיר געצויגן, מיין קאָפּ איז מיר געווען פאַרטשאַדיעט. ס׳איז מיר געווען אומעטיג. איך האָב קיינעם ניט געהאַט. איך האָב ניט הנאה געהאַט ווען איך האָב עפּעס געגעסן. איך האָב זיך ניט אויסגערוט ווען איך בין געשלאָפן. קאָך מיר אָפּ,

מאמע, א מאמעליגע, איך האָב שוין אזוי לאַנג נישט געגעסן קיין מאמעליגע.

— באַלד, זון, וועל איך צושטעלן וואסער אויף מאמעליגע. אָבער זון מיינער, האָסט זיך נישט געקאָנט צוקלייבן קיין כשר'ע אידישע טאָכטער און זי פירן אונטער דער חופה, ווי גאָט האָט געבאָטן און ווי אַלע פרומע און גוטע לייט הייסן צו טאָן?

— איך האָב זיך נישט געקאָנט צוקלייבן, מאמע. איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער אזוי שוין זיינען די יאָרן געגאַנגען.

— זעסטו, זון, דאָס איז געווען קרום. אַן עבירה פאַר גאָט און פאַר לייט. אָבער דאגה נישט. גוט וואָס דו ביזט געקומען אַהיים. מיר וועלן פאַר דיר שוין אויסקלייבן א כשר'ע לייטישע כלה. אפשר טאָקע ווערא בארא'ץ, מאיר דעם שניט־קרעמער'ס טעכטערל?

אויפן בויך איז דעיוו געשלאָפן, מיט צעשפּרייטע הענט און פיס, פונקט ווי אַמאָל, מיט צוואַנציג יאָר צוריק.

אזא געזונטער שלאָף. יעדעס פּיצעלע נאָכט אויסגעשלאָפן. דורך דעם אָפענעם פענצטער זיינען אריינגעגאַנגען אַלע ריחות און זאַפטן פון אַמאָל. די דאָזיגע ריחות, וואָס האָבן אים שטאַרק געמאַכט אין דער קינדהייט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט אין טאָג, און די טשערעמעיעווער זון איז שוין געווען אין אַלקער. גאָר נישט פאַרעלטערט געוואָרן די זון. די זעלביגע יונגע, פריילעכע, לאַכנדיגע זון אויף אַלע ווענט, אויף דעם דיל, אויף דער סטעליע. פונקט די זעלבע זון, וואָס פלעגט קומען צו זיי אין הויז א פסח אינדערפרי.

ווי שטאַרק ער איז איצט דעיוו, ווי קרעפטיג זיינען אים אַלע אברים. בלויז פון איין נאָכט גוטן, גוטן שלאָף, און ער קאָן שוין איבערקערן וועלטן.

ווער זשע זינגט דאָס אזוי שיין אין צווייטן אַלקער? זאָל דאָס זיין ווערא? די הויכע שטאָלטנע מיידל מיט די בלויע ווייכע אויגן? די דאָזיגע מיידל, וואָס האָט אים נעכטן אויסגעבעט אזא ציכטיג ווייסן געלעגער, וואָס האָט נעכטן פאַר אים געגרייט דעם טיש אזא פלאַטערנ־דיגע און שעמעוודיגע?

זי זינגט גאָר א העברייאישע ליד? דעיוו גדענקט גאָר נישט, אַז

די טשערעמעיעווער מיידלעך זאָלן האָבן אמאָל געזונגען העברייאישע לידער. יאָ, ס׳איז טאַקע אין העברייאיש. ער פאַרשטייט ניט, דעיוו, קיין העברייאיש, אָבער עס קלינגט שיין. אזא ליכטיג, צאַרט מיידלש קול.

וויפיל אשטייגער איז אַלט די דאָזיגע שטאָלטנע ווערא? זאָלן מיר זאָגן ביי אַ צוואַנציג יאָר? און אפשר גאָר אַכצן? נאָך גאָר אַ יונגע, גאָר אַ קינד. זאָל ער ניט טראַכטן ווי גוט ס׳איז אים איצט, ווי אָנגעגאָסן זיינען זיינע אַלע אברים מיט אזוי פיל גבורה. שוין לאַנג ניט געפילט אזוי קרעפטיג.

ער איז דאָך איצט אַ פּרינץ, דעיוו דער פּרעסער. אַ בן מלך. אוועקגעפאָרן פון טשערעמעיעוו אַלס אַן אָרעם בחור׳ל און איצטער געקומען צוריק דער חשוב׳סטער זון פון שטעטל.

יעדער איינער האָט אים געוואָלט איינלאַדן צו זיך. די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן זיך געקריגט צוליב אים. געוואונען האָט אָבער מאיר באָראַץ, אָט דער מאיר באָראַץ, וועמען דעיוו אַלס קינד פלעגט שבת נאָכטראָגן זיין טלית אין דער הויכער שול אריין. אָט דער מאיר באָראַץ, מיט דער רויטער באָרד, וואָס פלעגט זיך באַגיין מיט זיין טאַטן, אהרן דעם שמש, ווי מיט אַ שיק־אינגל. האָט דער דאָזיגער מאיר באָראַץ צו אים גערעדט אזוי פּאַמעלעך:

— הער זשע נאָר אויס, דוד, פאַרציי מיר וואָס איך רעד מיט דיר אויף „דו". איך געדענק דאָך דיך, ווען דו ביזט נאָך געווען אָט אזא־אָ, ביי דער ערד. דיין פעטער שמואל האָט זיך אַליין ניט וואוהין אהינצוטאָן. שטיי זשע איין ביי מיר אין שטוב, מיר וועלן דיך אָפּהיטן ווי אַן אייגן קינד, און דו וועסט נאָך אונז אָנטאָן אַ גרויסן כבוד.

אַ כיטרער איד געווען שטענדיג אָט דער דאָזיגער מאיר באָראַץ. אמאָל געווען דער גרעסטער שניט־קרעמער פון שטעטל. איצטער איז ער שוין פאַראָרימט געוואָרן. ער וויל עפּעס אויסנאַרן ביי אים. זאָל ער אויסנאַרן. ער וועט זיך לאָזן. ער איז גרייט צו צעטיילן זיין גאַנץ האָב און גוטס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אהער, פאַר דעם גרויסן תענוג.

ניט באַשערט געווען טאַטע־מאַמע זיך דערלעבן נחת אין אים. ניט באַשערט געווען דוד׳ן אָפּגעבן טאַטע און מאַמע כבוד אויף דער עלטער. אָרעמע לייט אַלע יאָרן. אַ לעבן פון דלות. איצט, אז ער וואָלט

זי שוין געקאָנט דערפרייען . . . ער וועט שפּעטער גיין צום בית־עולם אויף קבר אבות.

גיטע, זאָל אים איצט ניט זיין שווער. זאָל ער זיך ניט צעוויינען. ווייל די זון איז אַזאַ ליכטיגע און אַ פריידיגע, און אין צווייטן אַלקער זינגט אַ ליד די שענסטע פון אַלע מיידלעך אין טשערעמעיעוו. די היימישע, גוטע, ליבע מיידל. אפשר ווערט די ליד געזונגען בלויז פון זיינעטוועגן. זי איז אָבער נאָך אַזוי יונג. צוואַנציג יאָר אַלט און אפשר גאָר אַכצן. ער דאַרף ניט טראַכטן פון דעם...

דיינע ליפּן ווי צוויי פרישע ווײַנשל

שטיל אין צימער. אַזאַ ריינקייט. אַזאַ קילקייט. שיינע קאָלירטע קילימלעך (טעפּיכלעך) זיינען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע. דער קיילעכדיגער שוואַרצער פּאָליטורטער טיש איז אויך קיל. דאָס פענצטער גייט אַרויס צום באַרג צו. הינטערן באַרג גלאַנצט דער דניעסטער. פון יענער זייט דניעסטער — בערג און פעלדער.

זיי קושן זיך ביידע, דער לערער מיט זיין תלמידה. מיט טיאַבקעני־דיגע הערצער קושן זיי זיך, ווייל יעדע מינוט קאָן אַריינקומען איר טאַטע אָדער איר מאַמע און זיי כאַפּן אין אַזאַ ענין.

דער לערער איז משה, דער גרויסער העברייאישער קענער פון שטעטל, וואָס איז קלאָר אין אַלע חכמות פון דער וועלט. אפילו אין אַלגעבראַ און געאָמעטריע.

די תלמידה איז ווערא באַראַץ, מאיר דעם שניט־קרעמער׳ס טעכטערל.

העברייאיש לערנט זי משה און דקדוק און תנך און וועלטלעכע חכמות, און אַזוי גייט ער שוין אַהער אין הויז פּאָר די לעצטע דריי יאָר.

היינט אָבער איז די תלמידה זיינע אַ צעטראָגענע. האַלזט זיך און קושט זיך און פּליסטערט אים אין אויער אַריין:

— משה חביבי (משה מיין ליבער, מיינט דאָס אין אידיש).

— מה לך רעיתי? (וואָס איז דיר, מיין פריינט?)

— אין מאומה חביבי (גאָרניט, מיין ליבער).

— אפשר צוליב דער שיפסקאַרטע? זאָרג זיך ניט, אמונה שלי (מיין ווערא, מיינט דאָס אין אידיש)... איך פּאָר ניט. אָן דיר וועל

איך נישט פאָרן. כי נפשי דבקה בנפשך (ווייל מיין זעלע האָט זיך באהעפט אָן דיין זעלע).

גיט זיך פלוצלונג ווערא א וואָרף. פארשטייט שוין משה וואָס דער וואָרף מיינט. עס מיינט, אז עמיצער גייט. זעצט ער זיך אַנידער אויף זיין בענקל, נעמט אָן די שטרענגע מינע פון א לערער. זעצט זיך אויך ווערא אַנידער אויף איר בענקל, נעמט אָן א געהאָרכזאמע מינע פון א תלמידה.

— הלואי וואָלטן מיינע אויגן געווען א קוואַל פון טרערן — לערנט דער לערער הויך אויף א קול מיט זיין תלמידה א קאפּיטל פון ירמיה דעם נביא.

— הלואי וואָלטן מיינע אויגן געוועז א קוואל פון טרערן — זאָגט נאָך פרום די גוטע תלמידה און ווארפט אויגן צו דער טיר.

דער טאטע איז אריין אין צימער. דער הויכער טאטע מיט דער פייערדיגער רויטער באָרד. ער איז עפּעס היינט אויפגעלייגט, דער טאטע. טוט ווערא'ן א שנייד אין האַרץ אריין צוליב דעם, וואָס איר טאטע איז אזוי אויפגעלייגט.

— איר פארשטייט, משה — אירצט דער הויכער איד דעם צוואַנציג־יאָריגן לערערל — עס דארפן באַלד קומען געסט אין הויז. איז דעריבער מאכט דאָס היינט בקיצור.

— אדרבא ואדרבא — ענטפערט משה צעטומלט.

— איר וועט מיר מוחל זיין. איר פארשטייט, די מאמע אירע דארף זי האָבן אין קיך.

— אדרבא ואדרבא.

גייט דער טאטע ארויס, און ווערא בלייבט זיצן מיט פיל פחד.

— דיינע אויגן, געליבטע פון מיין האַרץ, זיינען אזוינע גרויסע, און זיי ברענען און זיי פלאַקערן — נעמט ארום דער לערער זיין גוטע תלמידה.

— איך האָב מורא, מיין טייערער — ענטפערט זי אים אויף העברייאיש.

— פארוואָס? זאָג, איך בעט דיך. איך בין הוילער ציטער. עפּעס א סוד באהאלטסטו פון מיר.

זאָגט זי אים גאָרניט, האַלזט אים, לייגט ארויף איר טרויעריגן קאָפּ אויף זיין אַקסל און וויל וויינען. פארגעסט שוין משה, אז דער

טאטע אירער האָט איט געגעבן אַן אײדעלע אָנצוהערעניש, אַז ער דאַרף דאָס מאַכן בקיצור. ווי קאָן ער אָבער דאָס מאַכן בקיצור, אַז זיינע בלוטן ברומען פון גרויס גליק, אַז עס עפענען זיך ביי איט אַלע קוואַלן פון גוטסקייט, און אַז עס קומען צו איט אַן אַזוי פיל דערהויבענע שיינע העברייאישע ווערטער:

— עיניך כשני כוכבים — דיינע אויגן ווי צוויי שטערן — דיינע ציין ווי העלפאַנט־ביין, דיינע ברוסטן ווי צוויי טויבן, וואָס שטייען אויף אַ צווייגל פון אַ הויכן בוים און קוקן אַראָפּ אין דער נידער, דיינע ליפּן ווי צוויי פרישע ווײנשל, וואָס מען דאַרף מאַכן איבער זיי אַ ברכה. איך וועל ניט פאָרן אָן דיר קיין אַמעריקע. מיין גורל וועט זיין דיין גורל. וואו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין...

* * *

און אין דעם צווייטן אַלקער, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס, זיצן שוין שעה'ן און שעה'ן דעיוו מיט גליקל, דער טשערעמעיעווער שדכנ'טע. דעיוו בעט זיך נעבעך ביי דער שדכנ'טע:

— איר פאַרשטייט, ליבע פרוי, איך בין שוין אַ בחור אין די ווייטע יאָרן.

— עס מאַכט ניט אויס, דוד, אַלטער וויין שפּילט בעסער.

— עס מאַכט יאָ אויס. זי איז דאָך נאָך אַ קינד. באַזונדערס אין אַמעריקע דאָרטן. מענטשן וועלן קוקן אויף מיר קרום. זי וואָלט דאָך געקאָנט זיין מיין טאָכטער.

— פאָלג מיך, דוד, פאָלג אַן עלטע־ן מענטשן. זי וועט דיר פאַר־שאַפן אַ סך גליק. זי וועט דיר זיין אַ גוטע ווייב, אַן ערלעך ווייב, זי וועט דיר געבוירן לייטישע קינדער, אַחוץ דעם . . .

לאַכט בלומרשט דעיוו און שפּאַט אָפּ פון גאַנצן ענין און פון זיך אַליין. ער, וואָס קאָן שוין אַזוי גוט די וועלט, וואָס האָט שוין געלייענט אַזוי פיל ביכער וועגן לעבן, וועגן ליבע און וועגן דער פראַגע פון חתונה האָבן, פאַרשטייט גלייך, אַז ער איז נישט איר פּאָר. זי וועט איט ניט ליב האָבן, דעם עלטערן בחור, דעם קורצן, דעם באַבייכלטן. ער האָט דאָך שוין קיין האָר ניט, בלויז אַ פּאָר פּאַסמעס געבליבן אויף אַן אָנדענק. אַרום זיינע אויגן ליגן שוין אַזוי פיל קנייטשעלעך. זיין בלוט אין איט איז שוין שלאָבעריג.

„ניין, און ניין", זאָגט אים זיין גלייכער געדאַנק. „און אפשר, און אפשר", שעפּטשעט אים אין אויער אַ פאַרפירערישער געדאַנק. און אפשר איז ער גאָרניט אַזוי אַלט, און אפשר איז אין אים פאַראַן עפּעס אַזאַ שיינקייט, וואָס ער אַליין קאָן ניט זען, אָבער אַנדערע זעען יאָ. אחוץ דעם, ער וועט זי ברענגען אין אַמעריקע, איר אַרויסווייזן פיל גוטסקייט. אפשר. אפשר...

מען זאָגט, אַז אויף דער וועלט איז ליבע פאַראַן

פּויקט שמערל דער פּויקער מיט פיל כח. שוין לאַנג ניט געפּויקט. שוין אַזוי לאַנג אַז ס'איז שוין ניט געווען קיין חתונה אין טשערע־מעיעוו. פּויקט ער איצט מיט פיל חשק, הילכט אָפּ דאָס קלאַפּן פון דער פּויק איבערן גאַנצן שטעטל, פאַרטראָגט זיך דער הילך צום טייכל, צו דעם ברוק און צו די פויערשע כאַטעס. פאַרגייט זיך דאָס פידעלע. פּעסטשעט זיך די פּליט. בייזערט זיך דער באַס. וויל זיך אַריינלייגן אין שלום די גוטמוטיגע מעשענע טרובע. טענה'ט זי איין צו זיי אַלע מיט גוטע און אָנגענעמע רייד: פּראַ־פּאַ פּאַ־פּאַ, פּיריבירי־באַ, פּאַ־פּאַ.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ העל גאָלדענעם טייך. ברענט אין פלאַמען דער פּאַסאַד פון דער הויכער שול. איבער דער גלאַזנער טשערעמעיעווער גאַס הויבט זיך אַ שטויב. דער פּאַסטוך איז אַריינ־געקומען אין שטעטל אַריין מיט דער טשערעדע. מעקען די שאָף און די ציגן, מוקען די קי.

דאָס יונגוואַרג פון שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן צו דער חתונה. איז שוין איינעווייניג געפּאַקט. לאָזט מען מער ניט אַריין. האָבן זיי באַלאַגערט יעדער שפּעלטעלע פון שאַלאַש אינדרויסן.

— מזל טוב, מזל טוב, מיט מזל זאָלט איר לעבן. איר און אייערע קינדער און אייערע קינדס־קינדער, אָמן. גאַטעניו, פּאָטער ליבער און האַרציגער. ציאַם, ציאַם.

כלה, כלה, ליבע כלה, נימע־זשע וויין...

ס'וויינט די כלה מיט ביטערע טרערן. זי האָט געוויינט פאַר דער חופּה, זי וויינט איצט נאָך דער חופּה. די הויכע, שיינע, בלאַסע כלה. ווייסן שוין די מיידלעך פון טשערעמעיעוו, נאָך וועמען זי וויינט.

— גאַנצע דריי יאָר, אַז זיי האָבןביידע געשפּילט אַ ליבע, איז דאָס דיר גאָרניט? — מאַכט אסתר דעם קאָוואַל׳ס, אַריינקוקנדיק דורך די שפּאַלטן פון שאַלאַש.

— שאַ, איז כאָטש משה געקומען צו דער חתונה? — קוקט אויך אַריין גיטל דעם טאַלייסניק׳ס דורך די שפּאַלטן פון שאַלאַש.

— מען זעט אים ניט. זיין מאַמען און טאַטן זעט מען, אָבער אים זעט מען ניט — רופט זיך אָן ציפּע, ברײנע דער מאַרק־זיצערינ׳ס.

— ס׳אַ משל! משה זיצט אויף דער ערד אין די זאָקן ביי זיך אין שטוב — מאַכט פּעסי, אביגדור דעם ריבאַק׳ס.

— אין די זאָקן גאָר? וואָס פלוצלונג אין די זאָקן? ס׳איז דען עמיצער ביי זיי געשטאָרבן? — דערשרעקט זיך אסתר דעם קאָוואַל׳ס.

— וואָס זשע, איך וועל עפּעס אויסטראַכטן? — באַליידיגט זיך שוין פּעסי. — אָט האָב איך פריער פאַר טשיקאַוועס אַליין אַריינגעקוקט צום אים דורכן פענצטער.

— הפּנים, אַז דאָס זיצט משה שבעה נאָך וועראַ׳ן — זיפצט גיטל דעם טאַלייסניק׳ס. — ער מעג שוין זאָגן קדיש אויך נאָך איר.

— גאַנצע דריי יאָר, אַז זיי האָבן ביידע געשפּילט אַ ליבע, און אַלע האָבן שוין געמיינט, אַז זיי וועלן זיך נעמען; קומט אָן אויס־רייסעניש, אַ שוואַרץ יאָר, אַי, אַי, אַי . . .

— דער חתן קאָן דאָך שוין זיין איר טאַטע!

— אַ טאַטע? נאָך אַ ביסעלע און ער וואָלט שוין געקאָנט זיין אויך איר זיידע...

— מען שמועסט, אַז ער איז אַ גרויסער גביר. אפשר צוואַנציג איינענע הייזער פאַרמאָגט ער אין אַמעריקע, און דינסטן און משרתים און אויטאָמאָבילן.

— פונדעסטוועגן וואָלט איך נים חתונה געהאַט פאַר אַזאַ אַלטן בחור.

— איך אויך נים.

— און איך אויך נים. אַ גאַנצע שטוב מיט גאָלד זאָל מען מיר אָנשיטן.

— און משה זיצט אויף דער ערד אין די זאָקן, וויי, וויי — קאָן אסתר דעם קאָוואַל׳ס גאָרניט פאַרגעסן.

— ווען איך בין משה, וואָלט איך אַ שפּיי געטאָן, אַז זי קאָן זיין אַזאַ . . .

— ער קאָן דאָך אַלע קלאַסן פון גימנאַזיע אויף אויסנווייניג.

— און ווען ער וויל זיין אַ דאָקטאָר, וואָלט ער דיר ניט געוואָרן קיין דאָקטאָר?

— ווערא איז דען שולדיג? ס'איז איר טאַטע. אַזאַ רויטער גזלן. קוקט, ווי זי וויינט נעבעך. ווי איז צו מיר.

די אָרעמע טשערעמעיעווער מיידלעך, וואָס שטייען אינדרויסן און קוקן אריין אין שאָלאָש דורך די שפּאַלטן, באַדויערן דאָס אומ־גליקלעכע פּאָרל, וואָס האָט גאַנצע דריי יאָר געשפּילט אַ ליבע און זיך ניט געקאָנט נעמען. אָבער פונדעסטוועגן, ווער פון זיי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ גאָלדענעם שידוך? פון אַ חתן אַ מיליאָנשטשיק, וואָס האָט אפשר צוואַנציג הייזער און דינסטן און משרתים און אויטאָ־מאָבילן, און ער וועט זי נאָך גלייך נאָך דער חתונה אַוועקנעמען קיין אַמעריקע? אי, אַמעריקע, אַמעריקע, דאָס גאָלדענע לאַנד. דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט געלאָפן קיין אַמעריקע, ווען מען קאָן נאָר. אַז פאַר אידן איז גאָר קיין תכלית ניטאָ אין בעסאַראַביע, ווער שמועסט נאָך ביי דעם שחור, ביי דעם ציגיינער, דעם רומענער.

— שאַט, שאַט, דער חתן טאַנצט מיט דער כלה, קוקט אומישנע. זיי טאַנצן, זיי טאַנצן.

די שיינע בלאַסע כלה אין לאַנגער ווייסער גאַליאַנדרע, מיט פאַר־שעמטע אַקסלען, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, טאַנצט מיטן חתן... דער חתן, דעיוו, אין אַ האַרטער שוואַרצער שליאַפּע, אין אַ סורטוק מיט אויסגעשניטענע פּאָלעס, אין אַ שניי־ווייס העמד, אין אַ קאָלירטן שניפּס מיט אַ קליין דימענט־שפּילקעלע אינמיטן שלייף, טאַנצט מיט פרעסערישע פלאַכע פּיס און מיט קלוגע טרויעריגע אויגן. ווייסן די אויגן, אַז ערגעץ פּאַרט זיך דאָס ניט, אַז ערגעץ איז דאָס ניט רעכט. אָבער זאָל זיין ניט רעכט. עס וועט שוין שפּעטער ווערן רעכט.

אַ שער טאַנצט מען. דער טאַטע, די מאַמע, די מומעס, די פעטערס און דער חתן מיט דער כלה.

דרייט די מאַמע איר טאָכטער און קושט זי און האַלזט זי; דרייען די מומעס זייער פּלימעניצע און מען קושט זי און מען האַלזט זי.

דרייט מען אויך דעם חתן אַרום און אַרום מיט פריינטשאַפט און מיט נאָענטקייט. דאָס נעמען זיי אים אַריין אין זייער משפחה פאַר די אויגן פון אַלע מחותנים...

* * *

און משה? אין דער פינצטערער שטוב, אויף דער הוילער ערד, אין די זאָקן זיצט ער און שאָקלט זיך. ברומט און קלאָגט. חזר'ט איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַ שורה פון ביאַליק'ס ליד: „אומרים יש בעולם אהבה, איפא אהבה שלי" (מען זאָגט, אַז אויף דער וועלט איז ליבע פאַראַן, וואו זשע איז מיין ליבע?).

קלאָגט איצט משה, זיצנדיג אויף דער הוילער ערד אין דער פינצטערער שטוב... און דאָרטן שפּילן קלעזמער פריילעכסן און שערן, און בולגאַרן, און זיין ליבע איז פאַרשוועכט געוואָרן, און ער וויל שוין ניט לעבן. עס טוט אים וויי יעדעס פּיצעלע פון לייב. ער קאָן שוין מערער ניט זיין אויף דער וועלט. ער וועט אַוועקגיין פון לעבן. שוין. איצטער.

דערנאָכדעם צו דער חופה־וועטשערע, ווען דאָס פידעלע איז זיך צעגאַנגען אין אַזאַ זיסער פיינלעכקייט, און עס האָט דערגרייכט אויך צו משה'ן אין דער פינצטערער שטוב, האָט דאָס אים אַזוי צענומען, אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, אויפגעפּראַלט די טיר און זיך געלאָזט אין די זאָקן לויפן באַרג־אַראָפּ.

— גע־וו־אַ־לד! — האָט זיך אין אַ ווייַלע אַרום געהערט פון טייך.

— נעוו־וו־אַ־לד, גע־וו־אַלד! — האָט מען אָנגעהויבן לויפן פון שאַלאַש — געוו־וו־אַלד!

— געוו־וו־אַלד! — האָט מען אָנגעהויבן שרייען, איידער מען האָט געוואוסט וואָס עס איז געשען.

— אַ מענטש טרינקט זיך, ראַטעוועט — שרייט אָשר בעדער פון הינטערן באַרג.

— נעוו־אַ־ל־ד, אַ מענטש טרינקט זיך. גע־וו־אַלד...

פירט מען חתן-כלה אין אַלקער אַריין . . .

איז שוין בלאָס די נאַכט. דאַרף מען שוין פירן די חתן־כלה אין זייער אַלקער אַריין. שפּילן אויף די קלעזמער אַ פריילעכן מאַרש. נעמט אָן דער חתן זיין יונגע כלה אונטער׳ן אָרעם, דערפילט ער אַ ווידער־שפּעניגן ציטער. נעמט ער דעם ציטער אין חשבון אַריין. ער האָט שוין אַ חשבון, דעיוו, מיט איר. אָנגעהויבן האָט זיך דער חשבון ווען זי האָט גע׳חלש׳ט אין שאַלאַש, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז משה טרינקט זיך. צוגעקומען נאָך עפּעס צום חשבון, ווען ווערא האָט אויפגעלויכטן און אויפגעשיינט, ווען מען איז געקומען אָנזאָגן, אַז מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. אפשר ווען ער, דעיוו, זאָל דאָס געוועזן וויסן פריער, וואָלט ער זיך אפשר אָפּגעהאַלטן. אָבער פאַרפאַלן.

שפּילן די קלעזמער אינמיטן דער ברייטער גאַס אין בלאָסן פאַר־טאָג. דערשרעקן זיך די ציגן און אַנטלויפן אין די ליקלעך (קליינע געסעלעך). עפענען זיך פענצטער און טירן. אידן און אידענעס, קינד און קייט אין די אונטערוועש שטעקן אַרויס נייגעריגע פּנים׳ער און קוקן, ווי מען פירט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק אין אַלקער אַריין.

ווערט פּלוצלונג גאָלדיג אַ ווייטער וואָלקן. ציט אַרויס פון הינטערן וואָלקן אַ העלע ליכטיגקייט. שמעקט די טשערעמעיעווער ערד מיט פייכטן שטויב, מיט טוי, מיט גראָזן און קרייטעכצער.

ווילן זיך עפענען אַלע קוואַלן פון טרערן ביי דוד׳ן, וואָס איז געוואָרן אין אַמעריקע דעיוו דער פרעסער, וואָס איז געקומען אַהיים מיט צוואַנציג יאָר אויף די פּלייצעס און געוואָלט ווערן צוריק דער דוד פון אַמאָל.

— גאָט זאָל אייך בענטשן. איר זאָלט זיך פרוכפּערן און מערן און אויפשטעלן אַ דור צווישן אידן — בענטשט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק נחום דיין.

— אַ דאַנק ,אַ דאַנק — גיט אים דעיוו דריי דאָלער.

פירט ער זיין יונג ווייבל אין אַלקער אַריין. וואַרט שוין דאָס גרויסע שיינע בעט, אַ צעעפּנטס, אַ זויבערס, אַ קילס.

— לייג זיך צו, ווערא, ביזט אַזוי מיד.

דרייט דעיוו אָפּ דאָס פּנים פון בעט. גייט צו צום אָפענעם פענצטער און קוקט אַרויס. זעט ער ווי אַ גאַנצער ברעג הימל ליכטיגט זיך שוין.

ווי דער פּאַסטוך טרייבט שוין צונויף די שעפּסעלעך, די ציגן און קי.

טראַכט דעיוו לאַנג, לאַנג. הויבט אָן פון סאַמע אָנהויב און טראַכט און טראַכט. צעשמייכלט ער זיך צו זיך אַליין מיט אַ טרויעריגער קלונשאַפט:

„הייסט דאַס, ס'איז געווען אַ משה פאַר מיר. יאָ, משה, משה. און איך האָב אים נאָך געבראַכט אַ שיפס־קאַרטע, און איך וועל אים נאָך דאַרפן פירן קיין אַמעריקע אויך. יעס, יעס, משה."

מוט אָפּ דעיוו זיין פּנים פון פענצטער, קוקט זיך אום: ליגט זי גאָר אין די קליידער, פאַרגעסן אין אַ טיפן שלאָף, מיט לאַנגע וויעס, וואָס וואַרפן אַ שאָטן אונטער די אויגן, מיט צעלאָזענע האָר, מיט פרומע פּיס פאַרבאַהאַלטן הינטערן לאַנגן קלייד. זיין ווייב. דעיוו שאַמעסעס ווייב...

זיי געזונט, טשערעמעיעוו . . .

איז גאַנץ טשערעמעיעוו יענעם פרימאָרגן געגאַנגען ביז נאָך דער מיל אַרויסצובאַגלייטן די ניין יונגעלייט, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון שטעטל. דער צענטער, משה, האָט ניט געוואָלט זיך רירן פון טאַטנ'ס הויז. ער וויל ניט פאָרן קיין אַמעריקע.

די מאַמע זיינע האָט אודאי פאַרגאָסן ביטערע טרערן יענעם פרי־מאָרגן אויף איר גרויסן בראָך. זיך געבעטן ביי אים, איינגע'טענה'ט:

— פאָלג מיך, משה'לע, און וואַרף דיר אַרוים פון קאָפּ דאָס משוגעת. דו מוזט אָפּפאָרן פון דאַנען. ניט חס וחלילה ווייל מיר טרייבן דיך אַרויס. ווייל וועלכע מאַמע וועט פאַרטרייבן איר אייגן קינד פון זיך. ס'איז אָבער אַ סכנה פאַר דיר צו בלייבן דאָ אין רומעניע. נאָך אַ יאָר, און דו וועסט דאַך דאַרפן גיין אין סאָלדאַטן, זיין צווישן גויים, עסן טריפות און מחלל זיין אַלע שבתים און ימים־טובים. און דערנאָכדעם, אַז דו וועסט זיך שוין אויסדינען?... פאָר קיין אַמעריקע, זון, זיי דאָרטן מצליח און נעם אונז אויך אַרויס אַהין. פאַרן אידן איז דאָ קיין תכלית ניטאָ.

ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן דער מאַמעס געוויין. משה האָט אַרויס־

געטריבן דעם בעל־עגלה, וואָס איז פאַרפאָרן נאָך אים, זיך געזעצט ביים טיש מיט אַ בוך און שוין מער ניט געוואָלט הערן פון דעם.

* * *

צוויי וועגענער האָבן ארויסגעפירט די אויסוואנדערער פון טשעד־רעמעיעוו. אויף איין וואָגן מיט די פעקלעך און קלומקעלעך זיינען געזעסן: ווערא, דעיוו, ברוך און פרויקעלע. אויף דעם צווייטן וואָגן מיט די פעקלעך און קלומקעלעך זיינען געזעסן די אָרימערע: ווערקע טאפער, אַרקעלע בורמילע און יאָסל.

מאַניא באַלאַבאַן איז נאָך פאַרטאָג ארויסגעפאָרן אין אַ פאַעטאָן מיט אירע עלטערן. מאַניא באַלאַבאַן האָט זיך שוין פאַר וואָכן און וואָכן ניט געוויזן אין דער ליכטיגער שיין פון דער גאַס. נאָכדעם וואָס מען האָט זי קוים ארויסגעראַטעוועט פון שמד, האָבן די עלטערן זי געהאַלטן פאַרשפאַרט אין הויז און מורא געהאַט זי ארויסצולאָזן. האָט טאַקע קיינער פון שטעטל ניט געזען ווי מען האָט זי ארויסגעפּעקלט פון טשערעמעיעוו אין יענעם פאַרטאָג.

ביז דער מיל האָבן פילע טשערעמעיעווער ארויסבאַגלייט די וועגענער. לעבן דער מיל זיינען די וועגענער געבליבן שטיין, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן איבעראַניים דאָס געזעגענען זיך. מען האָט געדריקט הענט, מען האָט געקלאַפּט אין די פּלייצעס, מען האָט געוואונטשן, מען האָט געבענטשט, מען האָט זיך געבעטן:

— ברוך, ברוך, פאַרגעס אונז ניט.

— פרויקעלע, פרויקעלע, געדענק אָן אונז.

— יאָסל, יאָסל, אַז גאָט וועט דיך באַגליקן דאָרטן אין פרעמדן לאַנד, דערמאָן זיך אָן מיר, דיין פעטער חיים, וואָס האָט דיך ליב געהאַט אהבת נפש.

פון דער מיל זיינען די צוויי וועגענער שוין געפאָרן אין דער באַ־גלייטונג בלויז פון די טאַטעס און מאַמעס, ברידערלעך און שוועסטער־לעך און נאָענטע קרובים.

הירש־בער, זלאַטע׳ס טאַטע, איז דעמאָלט ניט געווען אין טשערע־מעיעוו. ער איז דעמאָלט געווען ערגעץ איבער דער וועלט, געגאַנגען איבער די הייזער און געקליבן נדבות. האָבן זלאַטע׳ן ארויסבאַגלייט

די מאַמע, די צוויי קלענערע שוועסטערלעך און דאָס איינגסטע ברודערל, ליבעלע.

* * *

מלכה־לאה האָט ניט אָפּגעלאָזט די האַנט פון איר זון וועווקע, וואָס איז געזעסן אין וואָגן. זי האָט געוויינט און גערעדט צו אים ווי צו אַ קליין ייִנגעלע:

— וועלוועלע, מיין קרוין, שטיק גאָלד דער מאַמעס, לאָמיך זיך נאָך זעטיגן מיט דיין ליכטיגער צורה. ווי איז צו מיר! אָן אַכטיג צו מיר! איין און איינציג שטיקל נחת...

דער היפּשער יונגאַטש וועווקע, מיט די תמיד לאַכנדיגע אויגן, מיט דעם תמיד אָפענעם מויל און שמייכלענדיגע ציין, מיט די בלויע קינדערשע אויגן און רויטע אָנגעגאָסענע פּאַמפּושקע־באַקן, סאָפּעט און שוויצט אויפן וואָגן. קוקט מיט אַ צעעפנט מויל אויף זיין מאַמען, קוקט אויף איר, אויף דער קליינינקער, אויף דער פּאַר'יסורים'טער, און וויל וויינען.

מלכה־לאה די קוראָלאַפּניצע — זיין מאַמע. מלכה־לאה, די קליינינקע אידענע מיט די פאַרשמאָלצענע קליידלעך, וואָס טאַפּט די הינער ביי אַלע פּויערים און פּויערטעס, וואָס טראָגן אין שטעטל עופות צו פאַרקויפן. זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט אָן אַ טאַטן. מיט אירע אייגענע כוחות. ווי זשע קאָן מען איבערלאָזן אַזאַ טייערע מאַמע און אַליין אַוועק אַזוי וויט, אַזוי וויט?!

— מאַמע, מאַמע — מאַכט ער צו איר — וועסט זען, וועסט זען.

הינטערן באַרג האָט מלכה־לאה די אלמנה געוואוינט מיט איר וועווקען. אין אַ קליין הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך. ווען וועווקע איז נאָך געווען אַ קליין קינד, פלעגט זי אים איבערלאָזן אין שטוב, פאַרשליסן די טיר פון דרויסן און לויפן אין מאַרק אַריין צו טאָן מסחר.

האָט זיך דער קליינער וועווקע אין דער פאַרשפּאַרטער הויז אַ גאַנצן טאָג געריסן אויף אַלע ציין. געוויינט און געכניקעט, געקלאַפּט אין דער טיר מיט די פּיסלעך און מיט די הענטלעך און גאָר ניט בעקאָנט שלום מאַכן מיט זיין לאַגע. אַז ער איז מיד געוואָרן וויינען, פלעגט ער זיך שטעלן ביים פענצטער און שמייכלען צו אַלע דורכגייער, לאַכן צו די קינדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן פענצטער צו

קוקן אויף וועווקע לעקיש, געמאכט העויות צו זיי, כדי צו מאכן זיי פריילעך, זיי זאָלן אזוי גיך ניט אוועק פון פענצטער, און ער וועט זיך דערוויל האָבן מיט וועמען צו שפּילן.

וועווקע לעקיש האָט מען אים נאָך גערופן דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ קינד. דעם צונאָמען „טאַפּער" האָט אים דאָס שטעטל געגעבן, ווען ער איז עלטער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן ארויסצוהעלפן זיין מאַמען אויפקויפן הינער. ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט טאַפּן די הינער און דערקאָנען לויטן טאַפּן, וועלכע עס איז אַ פעטע הון און וועלכע איז אַ מאָגערע. ער האָט זיך אויסגעלערנט פון זיין מאַמען אַלע אירע גאַנגעלעך: ווי אזוי צו דינגען זיך מיט פּויערים און פּויערטעס, ווי אזוי צו שווערן זיך מיט קולי־קולות איבערן גאַנצן מאַרק. „אַ היפּשער בחור זאָל טאַפּן עופות פּונקט ווי די ווייבער" — האָט דאָס שטעטל געלאַכט און אים געגעבן דאָס צונעמעניש „טאַפּער".

* * *

— פאַרגעס ניט שרייבן קיין בריוועלעך, ארקעלע זון — לויפט נאָך נאָכן וואָגן פייגע די קעבין — אָפּטע בריוועלעך זאָלסטו שרייבן, אַלע צוויי טעג אַ בריוועלע, ארקעלע, ארקעלע, ארקעלע...

ארקעלע זאָל שרייבן אַ בריוועלע. ער קאָן דען, דער בורמילע, שרייבן? מסתמא האָט די מאַמע געמיינט, אַז ער זאָל בעטן עמיצן דאָרטן אין אַמעריקע, וועט מען פאַר אים שרייבן.

ארקעלע בורמילע, וואָס איז אפילו יום־כּיפּור ניט געגאַנגען אין שול אריין, וואָס איז געוואַקסן אַ הפקר'דיגער, אָן אַ טאַטן. זיין טאַטן האָט מען דער'הרג'עט אין דער יאַפּאַנעזישער מלחמה, און זיין מאַמע פייגע איז געווען אַ קעבין ביי די באַלאַבאַטים אין דער גבירישער הויז.

ארקעלע, וואָס האָט מיט זיין באַנדע חברים, די באָסיאַקעס, איבער־געקערט דאָס גאַנצע שטעטל אָריען־קאָריען.

ארקעלע, וואָס איז אויף להכעיס דער אָרעמקייט אויסגעוואַקסן אַ בחור אַ גבור. דוקא ניט קיין הויכער, אָבער מיט די ריכטיגע פּלייצעלעך.

ארקעלע, וואָס האָט געקאָנט אריבערשווימען דעם גאַנצן דניעס־טער פון איין עק ביזן אַנדערן; וואָס האָט געקאָנט רייטן אויף פערד; וואָס האָט זיך גע'ממית'ט מיט די פּויערשע יונגען ביז בלוט...

* * *

— ברוך, מיין גרויסטענער זון — רעדט לייטיש עליק דער ליבע־ראנט צו זיין בחור, וואָס זיצט אין וואָגן „סעריאָזנע״ און סטאַטעטשנע — זאָלסט איבערגעבן דעם שיינעם גרויסן גרוס צו מיין ברודער שלמה דאָרטן אין אַמעריקע. זאָג אים דאָרטן, אַז זיין ברודער עליק וועט קיינמאָל אים ניט פאַרגעסן די טובה. זאָג אים, אַז דו קאָנסט לערנען. לערנען איז די בעסטע סחורה אומעטום. שעם זיך ניט.

וועט זיך אודאי ברוכ׳קע ניט שעמען און זאָגן דאָרטן, אַז ער קאָן לערנען. ער איז ניט פון די שעמעוודיגע. ער איז דער גאַנצער מאַכער אין שטעטל, דער פּרעדסעדאַטעל פון ציוניסטישן קלוב. מעג טאַקע משה, ישעיה דעם גמרא־מלמד׳ס, זיין אַ גרעסערער קענער פון אים. אָבער וועמען האָט מען אויסגעקליבן פאַר פּרעדסעדאַטעל? אים, ברוכ׳ן.

זיין טאַטע, עליק דער הויכער ליפּעראַנט, האָט אַליין דוקא ניט געקענט אַזוי גוט לערנען. מען קאָן זאָגן, טאַקע גאָר ניט געקענט. קוים דורכגעקראָכן אין סידור. דערפאַר אָבער האָט ער ניט געשפּאָרט קיין געלט פאַר זיין ברוכ׳ן. צו די בעסטע מלמדים אים געגעבן. אפילו משה ישעיה׳ס איז אויך געווען זיין לערער. איצטער פאָרט ער אַוועק, דער גרויסטענער זון. דער הויכער טאַטע איז צעבראָכן. שפּאַנט נאָך נאָכן וואָגן... אין האַלז איז ענג, די אויגן פייכטלעך. אויסגעהאָדעוועט אַ זון פאַר דער פּרעמד. זיין זון דער קענער, דער גרויסטענער...

* * *

— זיי זשע געהיט, בערל — בעט זיך דער טאַטע זיינער, שמעון דער טיטון־שניידער — אין אַמעריקע, אַז מען וועט דיך כאַפּן מיט אַזוינע קונצן, וועט מען דיר ברעכן רוק און לענד.

— זאָל איך אַזוי לעבן, טאַטע, זאָלן מיר אָפּדאָרן די הענט! — שווערט זיך מיט כל השבועות דאָס בערעלע.

בערעלע גאַנאַפטי, וואָס קוקט אויס ווי אַ ציגיינער, אַ חנ׳עוודיג בחור׳ל מיט זיידענע וואָנצעלעך, מיט אומרואיגע גנב׳ישע אויגעלעך. ער פלעגט ארומגיין איבער די יאַרידים מיט דריי קאָרטן און אויס־שווינדלען געלט ביי די פּויערים. ער האָט שוין געהאַט מיט זיך אַ גאַנצע חברה, וואָס פלעגן אים אַרויסהעלפן. זיי פלעגן זיך אויס־מישן מיטן עולם און קוקן מיט דער זעלביגער נייגעריגקייט אויף בערעלען, ווי אַלע איבעריגע פּויערים. „די דריי״, פלעגט בערעלע מאַכן

מיט א ליטיש קול'כל, געווינט ניט, „די צוויי" געווינט אויך ניט, אָבער די „טויז" געווינט. שטעלט איין לעי אויף דער טויז, שטעלט צען לעי אויף דער טויז, שטעלט הונדערט לעי אויף דער טויז, איך צאָל. מיין שלימזל און אייער גליק, אָדער אייער שלימזל און מיין גליק.

אויף א קעסטעלע פלעגט ער אויסלייגן מיט פלינקע פינגערלעך די דריי קאַרטן, פלעגט זיך כלומרשט פאַרקוקן אין א זייט. פלעגט איינער פון דער חברה דעמאָלט שנעל אויפדעקן א קאַרט פאַר אַלעמענס אויגן און וויזן וואו די טויז געפינט זיך און ווינקען ממזר'יש מיט די אויגן, מען זאָל לייגן געלט אויף איר, ווייל איצטער וועט מען דאָך זיכער געווינען. דערנאָך, אז בערל האָט שוין אויפגעהערט צו קוקן אין א זייט און אָנגעהויבן צו קוקן צוריק אויפן עולם ארום אים, האָט א פויער מיט ציטערדיגע פינגער גלייך ארויסגעכאַפּט א זשמעניע געלט און געלייגט אויף דער קאַרט, וואָס האָט באדארפט זיין די טויז, אָבער עס איז שוין ניט געווען די טויז. עס איז גאָר געווען די דריי. ווי אזוי איז פון דער טויז געוואָרן א דריי? בערעלע האָט זיך אפילו ניט צוגערירט צו די קאַרטן, די קאַרט איז געבליבן ליגן אויף דעם זעלביגן אָרט ווי פריער, ווען מען האָט זי אויפגעדעקט.

מען האָט שוין אויך געשלאָגן דעם בערעלע ערגעץ אויף א יאריד. מכות רצח האָט מען אים געשלאָגן. מיט די פּוזשעלעם גלייך אין פּנים אריין.

פאַרט ער אויך איצט קיין אמעריקע. דאָס חנ'עוודיגע זשוליקע־וואַטע בחור'ל, שמייכלט פרום און ליטיש צום טאַטן. זיצט אין וואָגן אזא סטאַטעטשנער, א פרומס, א גאָט די נשמה שולדיג.

* * *

פרויקעלע'ן האָט זיין טאַטע סענדער גאָר ניט אָנגעזאָגט. זיין טאַטע, וואָס האַלט א גרויסע קלייט פון געפעס אין מיטן מארק, א יאַדישלעוועווער איד, אָבער א חשוב'ער אזא, אן אָפּגעהיטער. גייט אָנ־געטאָן ווי א רבי'לע אין פרומע הייליגע מלבושים: אין אן אטלאַסנער קאַפּאָטע, אין ווייסע זאָקן, אין א גרין פליושן היטל, מיט א גרויסער קאַלירטער פאַטשיילע אין א קעשענע. א איד א חריף, פון יחום'דיגער משפחה, פאַרלאָזט ער זיך שוין אויף זיין זון, אז ער וועט אים ניט פאַרשעמען אפילו אין אמעריקע.

קוקט פרויקעלע מיט טרויעריגע סאַמעטענע אויגעלעך אויף זיין

חשוב׳ן טאַטן, און דאָס האַרץ גייט אוים נאָך אים, נאָך דעם אָפּגעהיטן, הייליגן און פרומען אידן.

— קער זיך אום צוריק, טאַטע, וועסט זיך נאָך פאַרהוסטן.

איז דער טאַטע אָבער אַן עקשן, האַלט זיך צו ביים וואָגן און שפּאַנט נאָך, ווי אַנדערע טאַטעס.

* * *

ביים צלם האָבן זיך די וועגענער נאָך אַמאָל אָפּגעשטעלט. דער צלם אויפן שייד־וועג, וואו עס הענגט יעזוס אַן אויסגעשפּרייטער, אַ געפּייניגטער.

מען האָט זיך ווידער געזעגנט. מאַמעס האָבן געקלאָגט און גע־יאָמערט. טאַטעס האָבן געווישט אַ טרער. די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך האָבן נאָך פּרובירט נאָכלויפן נאָך די וועגענער. די רעדער האָבן זיך שוין אָבער געקייקלט שנעל און אימפּעטיג.

הענט האָבן נאָך געפאָכעט. מאַמעס שלוקערצן האָבן זיך נאָך געהערט. די פערד האָבן זיך אָבער געיאָגט און געטראָגן, און די איינענע ערד, אויף וועלכער עס זיינען נאָך געשטאַנען טאַטעס, מאַמעס, ברידערלעך און שוועסטערלעך, האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער. דערנאָכדעם איינגאַנצן נישט געזעהען.

— זיי געזונט, טשערעמעיעוו!

און ווי אַזוי קוקט אוים די דאָזיגע אַמעריקע?

פּאַרנאַכט־צו זיינען זיי שוין אַלע געזעסן אין באַן. אויף צוויי בענק איינע אַנטקעגן די אַנדערע זיינען זיי געזעסן. באַלעבאַטישע קינדער אויף איין באַנק און די אָרעמערע אויף דער צווייטער באַנק. קיינער האָט קיינעם נים געהייסן דעם זיצן דאָ און דעם דאָרטן. פון זיך אַליין האָבן זיי זיך געצויגן, יעדערער צו זיין גליכן.

ווערע וויינט. פאַרגעסט זיך אויף אַ ווייל. הערט אויף. דערנאָכ־דעם ווידער אַמאָל טרערן. דעיוו שמייכלט מיט טרויעריגע קלוגע אויגן. קוקט אויף זיין יונג ווייבל, וואָס האָט שוין אויסגעוויינט אירע שיינע בלויע אויגן, און זאָגט איר גאָרנים.

קוקט פרויקעלע אויף דעיוו׳ן מיט זיינע פאַרשנדיגע אויגעלעך

און וואונדערט זיך, וואָס ער קאָן נישט טרעפֿן, צי יענער איז אויפֿ געלייגט פֿון דעם וואָס משה איז ניט געפֿאָרן, צי ס׳איז אים נאָך אַלץ אָנגעזאָלצן אויפֿן הארצן. אַ קלוגער בחור, ווייזט אויס, אָט דער אַמעריקאַנעץ — באַשליסט ביי זיך פּרויקעלע.

מאַניאַ באַלאַבאַן קוקט אַרויס דורך דעם פֿענצטערל אויף דעם לויפֿנדיגן פֿאַרנאַכטיגן סטעפּ און טראַכט, און טראַכט. זי קאָן אים גאָר ניט אָפּטרייבן פֿון געדאַנק. זי זעט אים איצטער, פֿעטיאַ׳ן, דעם גלח׳ס זונדל, צוליב וועמען זי האָט זיך געוואָלט שמד׳ן, אין אַ גרויסער קוטשמע, אין לאַנגע אָפּיצערסקע שטיוועלעך, אין פֿוטערנעם פּעלץ. ס׳איז דעמאָלט געווען ביינאַכט און אַ ווייסער שניי און אַ העלע לבנה. און ער האָט זי געקושט אין פּראָסט. דער שליטן איז געשטאַנען אין מיטן וועג, און שטיל איז געווען...

זי וויל זיך ניט אומקוקן, מאַניע, צו די איבעריגע. זי וויל ניט אָפּטאָן איר פּנים פֿון פֿענצטערל, ווייל זי ווייסט, אַז זי וועט באַגעגענען קאַלטע פֿיינטלעכע פּנימ׳ער. קיינער וועט ניט וועלן רעדן צו איר. זי איז אין אַ חרם, אַפֿילו דאָ אין וואַגאָן.

— ביזט אַ מבין, ווי זי האַלט זיך נאָך אַזוי וואַזשנע, די דאָזיגע באַרישניע? — רעדט רכילות אויף איר ברוך דעם ליפֿעראַנט׳ס אין פּרויקעלעס אויער אַריין.

— וואָס דען זאָל זי דיר טאָן? — ענטפֿערט פּרויקעלע קידער־ווידער.

— אָבער זי וואָלט דאָך זיך געמעגט שעמען אין איר ווייטן האַלז אַריין.

— וואָס זשע ווילסטו זאָל זי דיר טאָן? פֿאַלן פֿאַר דיר אויף די קני און זיך שלאָגן חטאתי, איך האָב געזינדיגט? — ענטפֿערט פּרויקעלע צו׳להכעיס.

ניט אַזוי וואָס פּרויקעלע נעמט זיך אָן פֿאַר מאַניע׳ן, ווי צוליב דעם וואָס ער האָט פֿיינט אָט־דעם ברוכ׳קע שטופּער, דערפֿאַר איז ער אַזוי קידער־ווידער. ער, פּרויקעלע, איז פֿון די בעסערע קענערס אין טשערעמעיעוו. אַ למדן בן למדן. ברוכ׳ן האַלט ער פֿאַר אַן עם הארץ, קאָן ניט ליידן וואָס יענער שטופּט זיך אומעטום און וואַרפֿט זאַמד דער וועלט אין די אויגן.

גיין, ער פֿאַרטיידיגט ניט מאַניע׳ן. זי איז ביי אים אויך טרייף.

אז זי האָט געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ שאַנדע אירע עלטערן און אַלע אידן פון שטעטל, איז זי ניט ווערט מען זאָל זיך אַפילו אומקוקן אויף איר.

דער איינציגער, וואָס האָט אָבער יאָ געקוקט און שטאַרק געקוקט, איז געווען אַרקעלע בורמילע. ניט מיט שפּאָט האָבן חס וחלילה זיינע אויגן געקוקט אויף איר, נאָר מיט באַוואונדערונג.

— „טשטאָ ווי טאַק סמאָטריטיע נאַ מעניאַ" (וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר)? — האָט שוין מאַניאַ ניט געקאָנט פאַרליידן זיינע צודרינגלעכע בליקן.

— שפּילט אונז אויף דער פּיאַנאָ — האָט אַרקעלע אַ זאָג געטאָן און זיך נאַריש צעלאַכט.

מאַניאַ באַלאַבאַן, די וואונדערבאַר־שיינע ברונעטין, מיט הייסע פלאַקערדיקע אויגן, מיט די סאַמעט־געדיכטע האָר, מיט דעם מאַטעווען פּנים, מיט דעם הויכן, וואַרעמען האַלז, מיט די זאַפטיגע פולע ליפּן, זי איז דערצויגן געוואָרן ביי איר טאַטן דעם גביר אין רוסישן שטייגער. זי האָט אַפילו ניט פאַרשטאַנען קיין אידיש. געענדיגט אַ גימנאַזיע אין אָדעס אין דער צייט פון מלחמה. גע'חבר'ט זיך אין שטעטל בלויז מיט די אינטעליגענטע לייט — מיטן דאָקטאָר'ס קינדער, מיט דעם ראַבינער'ס טעכטער.

אַ הויך־דערצויגענע גבירישע טאָכטער, די איינציגע מיידל אין טשערעמעיעוו, וואָס האָט געקאָנט שפּילן אויף אַ פּיאַנאָ. געשפּילט פּיאַנאָ האָט זי בלויז פאַר געהויבענע געסט, אָבער דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין סיי ווי סיי אויך הנאה געהאַט פון איר שפּילן. אין אַ פרילינג אָדער זומער פאַרנאַכט, ווען די פענצטער זיינען געווען געעפנט צו דער גאַס, איז דאָס גבירישע הויז געווען באַלאַגערט פון קינד און קייט. פון אַלע ווינקעלעך זיינען אידן זיך צונויפגעקומען הערן די וואונדער־באַרע פּיאַנאָ־שפּילערין.

פון אַלע אינדרויסנדיגע צוהערער איז דער געטרייסטער געווען טאַקע אָט דער אַרקעלע בורמילע. אַ פאַרצאַפּלטער פלעגט ער אָפּשטיין שעה'ן און שעה'ן, ער האָט אַזש ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פון גרויס תענוג.

איצטער פאָרט ער מיט איר צוזאַמען אין איין וואַגאָן, זיצט אַנטקעגן איר אַזוי נאָענט. ער זעט דעם אויסשניט פון איר קאָלנער.

ער זעט דעם וואַרעמען האַלז אירן, די שיינע פלאַקערנדיגע אויגן ; ער פילט אַפילו דעם שמעקנדיגן ריח, וואָס אירע האָר גיבן אַרויס.

ער האָט רחמנות אויף מאַניע׳ן. ער איז איר מוחל אַלצדינג. ער וואָלט געוואָלט צו איר רעדן גוטע רייד, אָבער ווי קומט ער, אַרקעלע בורמילע, צו רעדן צו אַזאַ געלערנטער מיידל. שמייכלט ער נאַריש, ווען זי טוט אויף אים אַ שטאָלצן קוק.

— וועל, וועל, הייסט עס, פאָרן מיר טאַקע קיין אַמעריקע, חברה ?

— מאַכט דעיוו צו אַלעמען מיט פייערלעכקייט און דערמוטיגונג.

וויסן זיי אים ניט וואָס צו ענטפערן דערויף. שמייכלען זיי אומבאַשטימט. די דאָזיגע פרעמדע וועלט, וואָס לויפט פאַרביי די וואַגאָנפענצטערלעך, איז שוין אויך ביי זיי ווי אַמעריקע. אַן אויסטערלישע, טשיקאַווע וועלט.

— און משה דער משוגענער איז טאַקע פאַרבליבן אין טשערעמעיעוו — זאָגט ברוך אין דער שטיל צו פּרויקעלע׳ן.

— ער וועט ניט פאַרבלייבן — גיט דאָס קלוגיטשקע פּרויקעלע אַ מאַך מיט זיין הענטל, פּונקט ווי זיין טאַטע, רעב סענדער, פלעגט מאַכן, ווען ער האָט זיך געוואָלט פון עמיצן אָפּטשעפּען.

— וואָס מיינסטו, ער וועט ניט פאַרבלייבן ? דו זעסט דאָך.

— עט ! — גיט ער ווידער אַ מאַך מיטן הענטל.

פּרויקעלע וויל מען זאָל אים צורו לאָזן. ער וויל צו קיינעם ניט רעדן. ער וויל בעסער שווייגן און טראַכטן. ס׳איז דאָ וועגן אַזוי פיל צו טראַכטן. ס׳איז אים טרויעריג. דער באַן לויפט און לויפט און ס׳איז עפּעס שרעקנדיג, וואָס דער באַן לויפט און לויפט... איז טאַקע אמת, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע ? אמת, אמת. ער פאָרט קיין אַמעריקע. און וואָס זשע וועט זיין מיטן דאָרטן ? מיט טשערעמעיעוו ? מיט אַלע שטיבלעך, מיט דער הויכער שול, מיט דער ברייטער גאַס, מיטן מאַרק ? וועט ער שוין קיינמאָל ניט אָנזען טשערעמעיעוו ? ווי קאָן דאָס זיין ? און זיין טאַטע רעב סענדערל ? און וואָס וועט צו אים טרעפן אין אַמעריקע ? און ווי אַזוי קוקט אויס די דאָזיגע אַמעריקע ? איז דאָרטן אויך דאָ אַ הויכע שול, מיט אַ טייך, מיט אַ מיל ?

יאָסל, בנימין דעם וויינשענקער׳ס, קאָן גאָר אינגאַנצן נישט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט מורא. ער פאַרמאַכט אַזש די אויגן פון מורא. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער זיך נאָך דאָרטן אין טשערעמעיעוו.

ברוך קוקט ארוים דורכן פענצטער. וואונדערט זיך און וואונדערט זיך. ווערט אזש מיד פון וואונדערן זיך. אזוי פיל פרעמדע און נייע זאכן. גארניט געוואוסט ביז אהער, אז די וועלט איז אזוי גרויס, אז א חוץ טשערעמעיעוו זיינען דא אנדערע שטעטלעך מיט הייזער, מיט קוימענס, און פון די קוימענס גייט א רויך.

זלאטע שווייגט. שווייגט און האט מורא זיך א ריר צו טאן. זי האט מורא זיך אויפצוהויבן און צו גיין אהין, וואו יעדער מענטש דארף אמאל גיין. זי האלט זיך איין און גייט ניט. אויף דעם שטיקל פלאץ, וואו זי האט זיך געזעצט אויף דער ערשטער סטאנציע, וועט זי שוין אפזיצן דעם גאנצן וועג און שווייגן. קיינער רעדט צו איר סיי ווי סיי ניט אוים קיין ווארט. זי שטאמט פון דעם געמיינסטן קלאס אין טשערעמעיעוו. נאך גוט וואס מען לאזט זי זיצן צווישן אלעמען...

* * *

דערנאכדעם איז געקומען די נאכט. האט מען גענומען דרעמלען זיצנדיג, זיך אויפגעכאפט אלע מאל, ווען דער באן איז דורכגעפארן פארביי ליכטיגע סטאנציעס. מען האט געוואלט שלאפן און שלאפן. ס'האבן אזש ווי געטאן די אויגן, וואס מען האט געוואלט שלאפן און שלאפן, און ניט געקאנט...

וועווקע וואלט אפשר געקאנט איינשלאפן, אבער זיין מאמע האט אים ניט געלאזט. ווי בלויז נאר ער האט געזאלט פארצווינגן ווערן אין שלאף, האט זיך באלד געיאוועט די מאמע, מלכה־לאה די קוראלאפניצע. זי איז נאכגעגאנגען נאכן וואגן, געקוקט צו אים מיט אזוינע פאר־יסורים'טע אויגן...

— אוי, נאך וואס דארף איך גאר פארן קיין אמעריקע! — האט זיך פלוצלונג אינמיטן דער נאכט צעוויינט הויך אויף א קול יאסל, בנימין דעם וויינשענקער'ס. — נאך וואס, נאך וואס? איך האב דען עמיצן דארטן?

— זיי ניט קיין אידענע! — שרייט אן אויף אים ברוך, עליק דעם ליפעראנט'ס, וואס האט זיך אויפגעכאפט דער ערשטער ווי אן אפגעבריטער.

— אוי, ווי, נאך וואס? — שאקלט זיך יאסקע דעם וויינ־

שענקער׳ס, און אזוינע גרויסע הייסע טרערן רינען אים איבער זיין אויסגעצערט פנים...

דערנאכדעם איז געקומען אזא ליכטיגער פארטאג... אזא שיינע, פרעמדע און ווייטע זון... מען איז שוין דעמאלט אלע געזעסן אויף דער פלאטפארמע אויף דער סטאנציע אונגעני און געווארט אויף א בוקארעשטער באן.

אין בוקארעשט האט דעיוו געדארפט קריגן וויזעס ביים אמעריקאנער קאנסול. מען האט לאנגע שעה׳ן געדארפט ווארטן אויפן נייעם באן. זיינען זיי געזעסן אויף דער פלאטפארמע אויף זייערע פעק און זעק. זיך געטוליעט איינער צום אנדערן. מיט נייגעריגקייט און מורא געקוקט אויף דער פרעמדער וועלט ארום. אנדערע מענטשן גאר... אנדערע געלעכטערס און רייד, אנדערע גאנגעלעך...

דערנאכדעם איז שוין געווען שפעט אין טאג. די געוואגטערע פון זיי, ווי ארקעלע און פרויקעלע, זיינען ארומגעגאנגען איבער דער גרויסער פלאטפארמע, געווען אינעווייניג אין דער סטאנציע, געווען אפילו פון יענער זייט סטאנציע, ארומגעשמעקט און ארומגענישטערט און געקומען צוריק מיט פיל חידושים צו דערציילן.

דערנאכדעם, א האלבע שעה איידער מען האט זיך שוין געדארפט זעצן אויפן בוקארעשטער באן, איז משה אנגעלאפן אויף א שפעטערדיגן באן. חרטה געקראגן, וויזט אוים, דער בחור. נאר גוט איז וואס זיי האבן געדארפט ווארטן אין אונגעני אזוי פיל שעה׳ן, אנדערש וואלט ער זיי שוין קיינמאל ניט דעריאגט.

— משה, משה — האט וועווקע אים ארומגעכאפט מיט גרויס פרייד און זיך געוואלט מיט אים צוקושן.

— משה, משה — האבן אים אלע ארומגערינגלט מיט אזא פרייד, פונקט ווי זיי וואלטן שוין געווען אין דער פרעמד פילע יארן און זיי האבן ערשט באגעגנט א היימישן מענטשן פון זייער שטעטל.

ווערא איז אבער געשטאנען פונדערווייטנס און זיך ערשט איצט געוואלט באניים צעוויינען. דעיוו איז אויך געשטאנען פונדערווייטנס. געשמייכלט מיט טרויערינקייט און מיט קלוגשאפט צו זיך אליין. ער האט שוין געוואוסט, אז עס גייען אויף אים זייער ניט קיין פריילעכע טעג...

איך האָב צו דיר אַ טענה, משה . . .

דער קוימען פון דער שיף הערט ניט אויף צו וואָיען. ס'איז אַ טומאַן אויפן ים, און דער גאַנצער אַרום איז בלינד געוואָרן. אפילו די שאַרפע ליכט, וואָס ווערט געוואָרפן פון קאַפּיטאַנ'ס טורעמל, קאָן ווייט ניט דערגרייכן.

אין שיפס־זאַל טומלען זיך איטאַליענישע פּויערים מיט פאַר־ברענטע פּנים'ער; הויכע, דאַרע סלאָוואַקן, קנאָכיגע און ביינערדיגע מיט קינדערשע בלויע אויגן; ברייט־פּלייציגע דייטשן מיט העלע קעפּ האָר, שווערע און געפּאַקטע; זשוואַווע פראַנצויזן מיט זיידענע שוואַרצע אויגן; הויכע שטאַלטנע אונגאַרן מיט שמאָלע הויזן, מיט שפּיציגע היטלען; און אידן. אַ סך אידן. באַבאָרדעטע אידן אין קאַפּאָטעס און אידענעס אין קאָפּן־טיכלעך, אידן אין קורטשמעס, און אידן אין היטלען מיט גלאַנציגע דאַשיקעס, און יונגעלייט אין היינט־וועלטיגע שליאַפּעס.

מישן זיך שפּראַכן און געלעכטערס און זידלערייען און זיפצן און קרעכצן און געזאַנגען פון די באַלקאַנישע בערג, פון די פראַנצויזישע פעלדער, פון איטאַליענישע גערטנער און אידישע פאָלקס־לידער פון פּוילישע, בעסאַראַביער, אוקראַינישע און רומענישע שטעטלעך. איבער זיי אַלעמען רעוועט אריין דער קוימען מיט פאַרצווייפלונג און שרעק אין דער פינצטערניש פון דעם אומענדלעכן ים.

די משערעמעיעווער האַלטן זיך אינאיינעם, נאָר אַרקעלע בורמילע, דער הפקר־יונג, ער פאַרטשעפּעט זיך מיט יעדן איינעם. מיט אַ דייטשישן בחור האָט ער זיך איצט פאַרטשעפּעט. ער רופט אים אַרויס אויף אַ געוועט, ווער וועמען וועט צעליינגן.

דער דייטש לאָזט זיך ניט בעטן און דער פאַרמעסט הויבט זיך אָן.

די גאַנצע מאַסע מענטשן אינעם שיפס־זאַל, וואָס איז פריער געווען צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך, ביי קאָרטן, ביי אַ גלעזל ביר, ביי דאָמינאָס און שאַך, ביי אַ פריינטלעכן געשפּרעך, איז זיך איצטער צונויפגעלאָפן און געמאַכט אַ גרויסן קרייז.

דער דייטש איז העכער פון אַרקעלען מיט אַ גאַנצן קאָפּ. דערפאַר אָבער זיינען אַרקעלע'ס פּלייצעס פול מיט גבורה. ער האַלט אים אין קלעם, דעם דייטש. ער דריקט אים צו זיך, ער גראָבט זיך אַריין מיט

זיין הארטער ביינערדיגער מאָרדע אין יענעמס ברוסט. ער ברעכט אים. ער בויגט אים. יענער איז בלאַס. יענער סאָפּעט שווער. יענער קאָן ניט אָטעמען.

— ארקעלע, טייערער, הארציגער — שרייט וועווקע טאָפּער מיט צעקאָכטע אויגן — צעלייג אים, צעלייג אים!

— צי אים אויס, דעם דייטשמערוק! — בעט זיך בערעלע גאָנאַפּטי.

— פּארשעם ניט אונזער בעסאראביע — גיט אים אונטער היץ פּרויקעלע רעב סענדער׳ס.

— הורא, הורא, הורא!

—דו וועסט שוין זיין א פּראיז־פּאיטער אין אמעריקע! — באַוואונדערט דעיוו דעם טריאומפירנדיגן ארקעלע.

ארקעלע איז דער העלד פון דער שיף. צווישן אלע יונגע בחורים איז ער דער שטארקסטער. ער האָט זיך שוין געבאָרעט מיט א פראנצויז, מיט א רוס, מיט אן אונגאר, מיט אן איטאליענער. ער איז ארוים דער זיגער. א זיגרייכער ארקעלע, און מאניא באלאבאן וויל אפילו נישט קוקן אויף אים, דעם זיגרייכן. זי וויל אים ניט אנערקענען.

— וואָס אזוינס איז א פּראיז־פּאיטער? — וויל עמיצער פון דער חברה וויסן.

— איינער, וואָס באָקסט זיך — דערקלערט דעיוו, וואָס ווייסט אלצדינג וועגן אמעריקע. — איינער וואָס האָט געזונטע קולאקעס און גיט קלעפּ, אז ס׳ווערט אזש פינצטער אין די אויגן. מען קאָן פארדינען א סך געלט פון דעם.

— פאר שלאָגן יענעם פארדינט מען געלט? — קאָן דאָס פּרויקעלע סענדער׳ס ניט באנעמען מיט זיין גלייכן שכל.

— נאָך א מין פארדינען! — צעוואַרעמט זיך דעיוו. — מיליאָנען מאַכן זיי.

— דו הערסט באַטש, ארקעלע? וועסט מאַכן מיליאָנען! וועסטו מיר באַטש לייען א גמילת־חסד, אז איך וועל באדארפן? — חנפ׳עט זיך שוין ברוך דעם ליפעראנט׳ס צום צוקונפטיגן גביר.

— איך האָב דיך אין דער ערד! — מיינט ארקעלע, אז מען מאַכט חוזק פון אים.

— און וואָס אַ שטייגער קאָן איך טאָן אין אַמעריקע ? — בעט זיך וועווקע טאַפּער.

—און איך ? און איך ?

שמייכלט דעיוו צו זיי מיט טרויעריג־קלוגע אויגן, באַטראַכט יעדן איינעם פון זיי. נעמט זיך אַריין אין זכרון יעדן איינעמ׳ס געשטאַלט: קליינשטעטלדיגע צעפּלאָמטע פּנימ׳ער. מיט גלויבן און האָפענונג. יונגע כשר׳ע לעמעלעך. מיט זיינע אייגענע הענט פירט זיי דעיוו קיין אַמעריקע צו דער שחיטה. מען וועט זיי דאָרטן אָפּשינדן און אָפּפליקן, פונקט ווי מען האָט אים דאָרטן אָפּגעשונדן און אָפּגעפליקט. און אפשר וועלן אייניגע פון זיי זיך פּאָרט דורכרייסן צו אַן אינטערע־סאַנטערן לעבן ? ווער ווייסט ?

— זאָג, דעיוו, וואָס וועל איך זיין אין אַמעריקע ? — בעט זיך וועווקע רחמים.

— אַן עקספּרעסמאַן וועסטו זיין — ענטפערט אים דעיוו גלאַט אַזוי, אין שפּאַס.

— וואָס מיינט אַן עקספּרעסמאַן ? — פרייט זיך שוין וועווקע, מיינענדיג אַז דאָס איז עפּעס אַ גוטע פּרנסה.

— אַ בינדיוזשניק — וויצלט זיך דעיוו.

— כאַ, כאַ, כאַ — לאַכן די חברה. — הי, הי — הירזשעט אויך וועווקע. עס טוט אים הנאה, וואָס אַלע לאַכן צוליב אים. — הי, הי — ווי ער האָט מיר אַריינגעזאָגט !

— קוק, קוק — טאַרקעט ברוך פּרויקעלע׳ן אין דער שטיל — משה מיט ווערא׳ן.

— משה מיט ווערא׳ן ? — וואונדערט זיך טאַקע פּרויקעלע, וואָס ער זעט זיי צוזאַמען.

אין אַ ווינקל זיצן זיי איינער לעבן אַנדערן, ציטערדיגע און פּלאָטערנדיגע.

— און דו זאָלסט ניט זיין בייז אויף מיר פאַר מיינע האַרטע רייד, משה — טענה׳ט צו אים ווערא — דו פירסט זיך אויף געגן מיר ווי אַ נאַרישער אינגל. דו דרייסט אַוועק דעם קאָפּ פון מיר, ווען דו דערזעסט מיך. גיסטו אַמאָל אַ קוק אויף מיר, זיינען דיינע אויגן פול מיט האַס. איך טרינק זיך, משה, און דו האָסט זיך אָפּגעקערט פון מיר. זעסטו ניט, אַז איך גיי אונטער, משה ?

אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. די דאָזיגע שיינע, בלויע אויגן וועלן זיך באַלד צעוויינען.

— וויש אָפּ די טרערן פון דיינע אויגן — זאָגט ער צו איר אין העברייאיש, און דאָס האַרץ גייט אים אויס נאָך איר.

האָט דעיוו געזען, ווי משה און ווערא זיצן זיך איינער לעבן אנדערן אין אַ ווינקל, ציטערנדיגע און פלאַטערנדיגע, אָבער ער איז ניט צוגעגאַנגען צו זיי. ער האָט זיך גאָר געזעצט שפילן שאַכמאַט מיט איינעם פון די פּאַסאַזשירן און האָט שוין מערער ניט אַ קוק געטאָן אין זייער ריכטונג. ער האָט זיך געוואַלדיג פאַרטאָן אין דער שפּיל: געקנייטשט זיך דעם שטערן, געריבן זיך די שלייפן און געטראַכט אַ גאַנג . . . געטראַכט און געטראַכט...

אַ גאָלדענער קנויל גייט אויף אין וואַסער . . .

משה האָט אינמיטן שלאָף דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט דער סדר פון דעם תמיד פולסירנדיגן קערפּער פון דער שיף. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען טויט־שטיל. אַ שיף אָן אַ דופק. אפשר איז גאָר די שיף אַראָפּגעפאַלן צום גרונט, און דערפאַר איז אַזוי שטיל ?...

וועווקע טאַפּער, פּרויקע ר׳ סענדער׳ס און יאָסל דעם וויינשענקער׳ס זיינען שוין אויך געווען אויף. געלעגן אין דער פינצטערניש מיט אָפענע אויגן און זיך געשראָקן וואָס ס׳האָט שוין ניט אין איין קלאַפּן, אין איין אָטעמען די מאַשינעריע פון דער שיף, וואָס ס׳איז אַזוי שטיל, שטיל.

— איר שלאָפט, חברה ? — פרעגט משה אין אַ פליסטער.

— ס׳איז דו, משה ?

— יאָ, דאָס בין איך. קומט, חברה, לאָמיר אַרויף אויפן דעק אַ קוק טאָן וואָס ס׳איז געשען.

משה עפנט פאָרזיכטיג די טיר. לאָזן זיך אַלע דריי איבער די פוסטע קאָרידאָרן.

פאַרגליווערטע לאַנגע שמאָלע קאָרידאָרן. פון דאָ און דאָרטן באַ־ווייזן זיך דערשראָקענע פּאַסאַזשירן. אויפן דעק איז שוין פאַרטאָג.

די שיף שטייט מאַקע. פון דערווייטנס שטיקער בלוילעך לאַנד. בלוילעך לאַנד מיט רויטלעכע בערג. ערגעץ פון די וואַסער־טיפעניש קלינגען ים־גלעקער: גלאָן־גלאָן־גלאָן. ברענען נאָך ערגעץ פייערלעך, וואָס לעשן זיך פאַר זייערע אויגן. לעשן זיך און צינדן זיך שוין מער ניט אָן.

א גאָלדענער קנויל גייט אויף פון סאַמע וואַסער. גייט אויף מיט אַזאַ העלער קלאָרער ליכט.

— מיר זיינען שוין לעבן די סאַמע טויערן פון אַמעריקע — ציטערט משה.

— מיר זיינען שוין אין אַמעריקע, מיר זיינען שוין אין אַמעריקע!

— דערהערן זיך אויפגערעגטע קולות פון דאָ און דאָרט.

מיט צעלאָפענע אויגן קוקן די קינדער פון פילע לענדער אויף ווייטע שטיקער בלויקייטן, וואָס באַצייכענען לאַנד; אויף דער גאָלדענער ליכטיגקייט, וואָס שפּרייט זיך איבער גרויסע שטרעקעס ים; אויף די ווייטע שיפן, שיפלעך און באַרזשעס.

נעמט משה אָן פולע אויגן מיט ליכטיגקייט. ציט אַריין די נייע אַמעריקאַנער ריחות, וואָס קומען אָן פון די ווייטע בלויע שטיקער לאַנד. ווערן אָנגעגאָסן מיט גרויס גבורה אַלע זיינע אברים, בלייבט ער שטיין מיט צעשפּרייטע הענט צום נייעם לאַנד.

עמיצער אוכקעט מיט וואַרעמקייט סאַמע אויף זיין האַלז און נאַקן. עמיצער שטייט הינטער אים. ער האָט מורא זיך אומצוקוקן. אפשר איז דאָס ניט אין דער וואָר?

— וועראַ, מיר קומען שוין קיין אַמעריקע.

— יאָ, משה, מיר קומען שוין קיין אַמעריקע.

דעיוו שלאָפט אַזוי געשמאַק, און זי האָט דערפילט, ווי ס'איז פלוצלונג שטיל געוואָרן די שיף; האָט זי געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, אַריינגעשטעקט די באָרוועסע פיס אין די שיך און אַרויסגעלאָפן אויפן דעק פון צווייטן קלאַס. דערנאָכדעם איז זי אַראָפּ אויפן דעק פון דריטן קלאַס און דאָרטן געטראָפן איר ליבסטן און שענסטן.

ער נעמט אַרום איר בויגעוודיגקייט. איז וואַרעם און צאַרט איר מיידלשע בויגעוודיגקייט. פאַרגעסט זיך משה אין גאַנצן אַרום, בויגט זיך צו די ליפן און גיט אַ באַריר די וואַרעמקייט און שמעקעוודיגקייט פון איר צעעפנט מויל.

— מיר וועלן שוין שטענדיג זיין צוזאמען, אמונה שלי. ס'הויבט זיך ערשט אָן, ווי ס'הויבט זיך אָן דאָס גאַנצע לעבן אונזערס איצט.

האָט דעיוו געזען אַלצדינג.

ער האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט צוליב דער פּלוצלונג־געוואָרענער שטילקייט, דערזען ווערא'ס בעט אַ ליידיגס, איז ער געוואָרן אַ פּאַר־ציטערטער. האָט ער אויך אויף זיך עפּעס אַרויפגעכאַפּט און אַרויף אויפן דעק פון צווייטן קלאַס, פון דאָרטן איז ער אַראָפּ צום דריטן קלאַס, און זיי געטראָפן סאַמע דעמאָלט, ווען משה האָט געקושט די ליפּן פון זיין שיינער ווייבל. האָט ער תיכף ניט געסטאַיעט, דעיוו. אַנטלאָפן צוריק אין דער קאַיוטע.

שפּעטער, ווען ווערא איז אָנגעלאָפן, האָט דעיוו זיך צעשמייכלט צו איר מיט איינגעשמעלערטע אויגן:

— און אָט, ווערא, זיינען מיר שוין באַלד אין אמעריקע.

שווייגט ווערא מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ און קוקט מיט פרעמדע אויגן אויף דעם מאַן, וואָס הייסט דעיוו.

נעמט זי דעיוו אַרום, ציט זי צו זיך. שטייט זי פאַרגליווערט אין זיין אַרומנעם.

— יאָ, ווערא, אַזוי וועט דאָס זיין! — רעדט ער צו איר מיט אַ ווייט קול.

פרעגט זי אים ניט, וואָס וועט אַזוי זיין. שווייגט און וואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

זאָגט ער שוין מער גאָרניט. ווערט פּלוצלונג אויפגעלייגט און רופט זיך אָן מיט אַן איבערגעטריבענער פריילעכקייט:

— וועל, פּאַקעווען מיר זיך. באַלד קומען מיר שוין אָן אין אמעריקע. אָט באַלד...

ציטערדיגע, פלאַטערדיגע

האָבן זיי געכאַפּט ריינע וועש און געלאָפן אין באָד־צימער פון דריטן קלאַס, וואו עס געפינט זיך אַן איין־און־איינציגע וואַנע און אַ פּאָר שפּריץ־רערן.

איידער מען וועט אויפטרעטן אויף דער נייער ערד, דאַרף מען זיך פריער גוט אָרומוואַשן, אָפּזייפן, אָנטאָן פרישע וועש.

פּליושקען זיי זיך, זייפן זיך און פרייען זיך די טשערעמעיעווער חברה אונטער די שפּריץ־רערן. קוויטשען זיי, לאָבן זיי און שפּריצן וואַסער איינער אויפן אַנדערן, טשעפּען זיך צו וועווקע טאַפּער, הלמאַי זיין לייב איז אינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר פּונקט ווי ביי אַ מאַלפּע. לאַכן זיי אָפּ פון יאָסל׳ס שוואַכער מענלעכקייט, פון יאָסלען דעם וויינ־שענקער׳ס, וואָס איז געשטאַנען אַ נאַקעטער פאַר אַלעמענס אויגן, אַ דאַרער און אויסגעצערטער, ווי אַ ניט־דערוואַקסן אינגל.

נאָכן אַרומוואַשן זיך, האָט זיך יעדערער אָנגעטאָן די שבת׳דיגע מלבושים און אַרויס מיט די פּעקלעך אויפן דעק, גרייט אויפצונעמען דאָס נייע לאַנד.

משה האָט זיך אָנגעטאָן זיין בלויען שעוויאָטענעם קאָסטיום מיט דער ברוינער שליאַפּע, וואָס ער האָט זיך געקויפט נאָך אויף פּסח, אַריינגעטאָן דעם האַלז אין אַ הויכן גומענעם קאָלנער מיט אַ שוואַרצן באַנטיקל.

וועווקע טאַפּער האָט טאַקע ניט פאַרמאָגט קיין יום־טוב׳דיגן גאַר־ניטער, דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ פּופּאַיקע, אַ גרוי וואָלן לייבל אַזאַ מיט אַ וואונדערלעכן קאָלנער, וואָס האָט אַריינגענומען זיין געזונטן, רויטן האַלז ווי אין אַ רינג. די וואָלענע פּופּאַיקע האָט די מאַמע, מלכה־לאה די קוראַלאַפּניצע, אומיסטנע אים געקויפט לכבוד אַמעריקע. זאָל איר זון אַריינפאָרן אין דעם נייעם לאַנד ניט, חס־וחלילה, ווי אַ שלעפּער. האָט די גרויסע פּופּאַיקע זיך זייער שיין געפּאַסט צו זיין לאַכנדיגן רויטן פּנים. איז ער אַרויפגעגאַנגען אויפן דעק מיט שטאָלצע אַקסלען, מיט מוטיגע טריט. אַזאַ פּופּאַיקע איז איינע אויף דער וועלט.

בערעלע גאָנאַפּטי האָט זיך אָנגעטאָן זיין שוואַרץ העמדל פון גלאַנציגן סאַטין, מיט די רויטע, געלע און גרינע אויסנייעכצן אויפן הויכן קאָלנער, וואָס האָט זיך פאַרשפּיליעט אָן אַ זייט, ווי די רוסישע העמדלעך, מיט אַ גאַרטעלע נאָך אויך אַרומגענומען. אַ בלוי זיידן גאַרטעלע מיט גרינע קוטעסן. האָט ער איצט אויסגעקוקט שוין אמת וואויל־יונגעריש, אָט דער בערעלע מיט די פּעך־שוואַרצע, גיך־לויפנדיגע אויגעלעך, מיט די זיידענע חנ׳עוודיגע וואָנצעלעך, מיט דעם וועלאָסי־פּעדנע גרוילעך היטל.

ברוך ביר, ברוך, עליק דעם ליפּעראַנט׳ס, האָט זיך אָנגעטאָן אין

אַ שוואַרצן לאַנגן ראָק. אַט דעם שוואַרצן לאַנגן ראָק, אין וועלכן ער פלעגט גיין מיט זיין טאַטן אין שול אַריין, און דער דאָזיגער ראָק האָט אים געמאַכט אויסקוקן אַזוי חשוב אין די אויגן פון די טשערעמע־יעווער לייט. וועט ער שוין מסתמא ביי די אַמעריקאַנער מענטשן אויך אויסקוקן אַזוי חשוב, און יעדער איינער וועט שוין דערקענען, אַז ער איז אַ באַלעבאַטיש קינד און ניט אַבי־וואָר.

פּרויקעלע רעב סענדער׳ס האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאַרטענעם גאַרניטער. זייער אַ שיינער גאַרניטער מיט צוויי רייען קנעפּ אויפן רעקל. דער עיקר איז אָבער געווען די פילצענע גרויע שליאַפּע מיט דעם שוואַרצן שנירל, וואָס האָט זיך אַראָפּעלאָזט סאַמע פון באַנד. דאָס שנירל האָט געדאַרפט זיין אַרומגעוויקלט אַרום באַנד, אָבער אין טשערעמעיעוו איז געווען אַזאַ מאָדע פון אַראָפּלאָזן דאָס שנירל און עס זאָל הענגען איבער די אויגן, האָט דאָס צוגעגעבן אַ סך חן דעם יעניגן בחור, ביי וועמען דאָס שנירעלע איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער שליאַפּע.

אַרקעלע, פייגע דער קעבינ׳ס, האָט אויך ניט געהאַט קיין שבת׳דיגן גאַרניטער, דערפאַר האָט ער אָבער פאַרמאָגט לאַקירטע שטיוועלעך מיט הויכע אַפּצאַסן און אַ לעדערנע טוזשורקע, ווי די רומענישע אַפּיצערן פלעגן טראָגן. שטיוועלעך אַזוינע, צום פּוס צו, מיט הויכע אַפּצאַסן, אַ לעדערנע טוזשורקע מיט קאָסע קעשענעס. האָט ער אַריינגעליינט די הענט אין די קאָסע קעשענעס און אַרויסגעשפּאַנט אויף דער דעק אין די לאַנקע שטיוועלעך, ווי אַ בחור פון בחורים־לאַנד. האָט זיך די אַמעריקאַנער זון גלייך דערפרייט מיט די דאָזיגע שטיוועלעך, צו־געפאַלן צו זיי און זיי געמאַכט שטראַלנדיגע און לויכטנדיגע, אַז מען האָט זיך געקאָנט אַזש אָנשפּיגלען אין זיי.

יאָסל דעם וויינשענקער׳ס האָט זיך דוקא אויך אָנגעטאָן אין אַ שבת׳דיגן גאַרניטער, אָבער ער האָט אויסגעקוקט וואַכעדיג אין אים. דער האַלז איז אָפּגעשטאַנען פון קאָלנער. די הויזן צו לאַנג. ס׳איז אים עפּעס די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען.

זלאַטע האָט וועבעך געטראָגן אַן ענג סאַקל מיט קורצע אויס־געריבענע אַרבל. די איינציגע שיינע זאַך אין דעם דאָזיגן סאַקל, וואָס איז איבערגעבליבן געוואָרן פון דער מאַמעס ראָטאָנדע, זיינען געווען די גרויסע, ווייסע, פּערלמוטערנע קנעפּ. אָבער קנעפּ זיינען דאָך ניט

אַלץ. האָט זי אויסגעקוקט אין דעם ענגן סאַקל מיט די קורצע אַרבל, גיט ווי אַ מיידל פון צוואַנציג יאָר, קיין עין־הרע, נאָר ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָר פערצן.

דערפאַר אָבער האָט מאַניאַ געליכטן. מאַניאַ באַלאַבאַן אין לאַנגן וואָלענעם בלויעך־גרויען מאַנטל מיט דער קעשמירער שאַרפּע פון אַלערליי קאָלירן אַרום איר שטאָלצן שיינעם האַלז. באַזונדערס נאָך ווען דער ווינט האָט אונטערגעכאַפּט די ברעגן פון דער שאַרפּע און זיי געווייעט און זיי געפאָכעט, איז דאָס געווען פול מיט פאַנטאַזיע.

מען איז געשטאַנען אַלע צוזאַמען מיט די טשערעמעיעווער קעסטלעך און קאָרזינעס. מען האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, ציטערדיגע, פלאַטערדיגע, מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס, מיט רווישנדיגע בלוטן, מיט צעפּאָרענע אויגן.

— הזאת היא אמעריקע ? — מאַכט משה אין העברייאיש — איז דאָס אַמעריקע ?

יאָ, דער דאָזיגער באַרגיגער ברעג מיט די שיינע פּאַלאַצן איז אַמעריקע. די ווייטע הויכע הייזער זיינען שוין ניו יאָרק. טוען אים אַזש ווי די אויגן, וואָס קאָנען זיך ניט אָפּשטעלן אויף איין שטיק אַמעריקע, נאָר זיי לויפן אין אַלע זייטן און ווייסן ניט וואוהין פריער צו קוקן.

— קוקט, קוקט, ס'איז ניו יאָרק !

— ניו יאָרק ! — שפּרייט משה אויס די הענט צו די טויזנטער הייזער אויפן ברעג — דו, ליבע ניו יאָרק ! עיר ואם בישראל, דו שטאָט און מוטער צווישן אידן ! — גייט שוין משה אַריין אין הויכן עקסטאַז, און עס עפענען זיך ביי אים אַלע קוואַלן פון זיין באַגייסטערונג. — און ווער קאָן גאָר אויסמאָלן דיין גרויסקייט ? ! — ווייסט ניט משה וואוהין פריער צו קוקן. — און ווען אַלע וואַסערן זאָלן זיין טינט — צעווייגט ער זיך אין אקדמות־ניגון — און ווען אַלע ביימער זאָלן זיין פּענען, און ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט, וואָלט איך ניט געקאָנט אויסמאָלן . . .

— און פונדעסטוועגן, ווען דו פּאָלגסט מיך — וואָרנט אים דאָס קלוגע פּרויקעלע — וואָלסטו נישט געמאַכט אַזוינע שטיק, ווייל מען וועט מיינען אַז ביזט משוגע און מען וועט דיך, חס וחלילה, נים וועלן אַריינלאָזן קיין אַמעריקע.

— שלום־עליכם, עליכם־שלום! — הערט אַפילו ניט משה וואָס פּרויקעלע האָט געזאָגט. — שלום־עליכם! — שטרעקט עס אויס די הענט צו דער סטאַטוע פון פרייהייט, — שלום־עליכם, דו מיידל פון פרייהייט! זאָלן דיינע שטראַלן באַלויכטן אונזער וועג אין דעם נייעם לאַנד. זאָלן דיינע ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט זיין אויסגעקריצט אויף די טאָוולען פון אַלעמענס הערצער. ברוך אתה . . . שהחינו וקימנו . . . — גייט שוין משה גאָר ווייט אין זיין באַגייסטערונג. — געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען, וואָס האָט אונז געלאָזט לעבן, אויפגעהאַלטן און האָט אונז געמאַכט דערגרייכן די דאָזיגע צייט. . . .

אָנגעקומען די צען לאַנדסלייט קיין ניו יאָרק

ס׳האָט געדונערט און ס׳האָט געבליצט. ס׳האָט געקנאַקט און געהודיעט. עס האָבן געזאָטן און געברומט די שטיינער אונטער די פיס...

האָט זיך יאָסלען דעם וויינשענקער׳ס אויסגעדאַכט, אַז ערגעץ שרייט מען געוואַלד . . . גע־וו־אַלד... איז ביי אים אַראָפּגעפאַלן דאָס האַרץ. האָבן זיינע פיס אים אָפּגענומען, און ס׳איז אַריין אין זיינע בלוטן אַ גרויסער פּחד, און ער האָט תיכף געוואָלט לויפן צוריק...

וועווקע טאַפּער האָט געשמייכלט מיט די גרויסע בלויע אויגן. געקוקט אַרום און אַרום און געשמייכלט פון גרוים תענוג, ווי אַ אינגל, וואָס פאַלט אַריין צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אין אַ צירק אַריין, און עס ווערן דאָרטן געוויזן גרויסע חידושים... אַזוי פיל נייקייטן און אַנדערשקייטן... עס וועט אים שוין זיין אמת גוט אין אַמעריקע. אויף יאָרן און יאָרן וועט ער שוין האָבן וואָס צו זען...

בערעלע גאָנאַפּטי האָט געשמייכלט צו אַלע מיידלעך, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען. ס׳איז געווען מיטאָג־שטונדע. האָבן זיך די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דערבייאיגע אָפיסעס, אַרומגעשפּאַצירט פריילעכע און רוישיגע. ווערט בערעלע׳ן זייער גוט אויפן האַרצן, וואָס אין ניו יאָרק זיינען דאָ אַזוי פיל שיינע מיידלעך... אַזוינע שלאַנקע נאָך אויך דערצו, מיט אינגלשע „פּאַכאַדקעס“... גאָרניט קיין שעמעוודיגע. פרייע און אָפענע. איינינע האָבן גאָר געשמייכלט צו אים. איז אים

געוואָרן גוט און וואַרעם פון דעם, און ער האָט גלייך דערפילט, אַז ער איז אָנגעקומען אין אַ געבענטשט לאַנד...

ארקעלע האָט געשפּאַנט מיט פּאַרמאַכטע פויסטן. ער האָט שוין גלייך געזען, אַז די פרעכע אַמעריקאַנער יונגאַטשעס מאַכן חוזק פון אים. ציינן מיט די פינגער אויף זיינע שטיוול און לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער. אַנו, זאָל עמיצער אַ פּרואוו טאָן אים אָנרירן! זאָל גאָט געבן אַזאַ זינען עמיצן — יענער וואָלט שוין פאַרזאָגט קינדס קינדער...

מאַניאַ איז בלאַס, באַטויבט, באַרוישט. זאָל מען זי שוין וואָס גיכער ברענגען אין אַ הויז אַריין, וועט זי זיך צולייגן, וועט פאַרמאַכן די אויגן און טראַכטן וועגן איר פאַרלאָרענער וועלט...

פרויקעלע שמייכלט מיט אַ חן־גריבעלע צו די פאַרבייגייער, וואָס קוקן אויף אים. פון מורא שמייכלט ער. ער ווייסט מיט זיין קלוג־שאַפט, אַז אויב מען שמייכלט צו עמיצן מיט פריינטשאַפט, וועט זיך יענעם שוין ניט ליינן די האַנט אים צו טאָן שלעכטס. שמייכלט ער צו די פרעכע אַמעריקאַנער יונגע בחורים, וואָס ווילן רק אים אַ קלאַפּ טאָן איבער זיין ווייכער פילצענער שליאַפּע מיט דעם אַראָפּהענגענדיגן שניפּל. איינער האָט שוין אַפילו אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָבער פרויקעלע'ס ליב שמייכעלע האָט געראַטעוועט. זיין שמייכעלע האָט געזאָגט: „ניטע, מען דאַרף ניט. איך האָב דיך ליב, ביזט אַ וואוילער בחור."

זלאַטע איז אַרויפגעטראָטן אויף דער נייער ערד מיט וויינענדיגע אויגן. זי האָט דערזען די שוועסטער איטע, אַזאַ אויסגעדאַרטע, אַ חרוב'ע. ווי, ווי, וואָס פון איר שוועסטער איטע איז געוואָרן! די שיינע איטע, די ליכטיגע איטע...

ברוכ'ן האָט מען גלייך אַוועקגענומען אין אַן אויטאָמאָביל. איז ער זיך געזעסן צעלייגט אויף די ווייכע קישעלעך מיט פיל נחת. טשע־רעמעיעוו וואָלט כאָטש באַדאַרפט קוקן ווי ער, ברוך, פאָרט זיך אין דעם דאָזיגן אויטאָמאָביל. ביי זיי אין שטעטל איז געפאָרן בלויז דער פּריץ מיט דער פּריצה, מיט זייערע קינדער, אין אַזאַ מאַכינע.

— ווי, ווי — טוט ברוך אַ זיפץ.

— וואָס זיפצסטו, ברוך? — פרעגט דער פעטער מיט אַ שמייכל.

— גלאַט אַזוי, פעטער שלמה, גלאַט אַזוי...

אַ פֿרעמדע פֿרוי כאַפּט אים אַרום און קושט אים

— און די זיינען די מענטשן פֿון ניו יאָרק ? — פֿרעגט משה ביי זיין פֿעטער ליב'ן, וואָס האָט אים אָראָפּגענומען פֿון עליס־איילאַנד.

— יאָ, אָט די זיינען די מענטשן פֿון ניו יאָרק — שמייכלט דער פֿעטער.

— וואָס האָבן זיי אַזוי קיין צייט ניט, די מענטשן פֿון ניו יאָרק ?

— שטעלט אַנידער משה זיין קאַרזינע אינמיטן דער גאַס און וויל זיך נעמען באַטראַכטן דעם אַרום.

יאָגן זיך די אויטאָמאָבילן גלייך אויף דעם גרינעם בחור מיט זיין קאַרזינע, און דער פֿעטער שלעפּט אים ביי דער האַנט :

— שנעלער, משה, גיכער, גיכער, זעסט ניט ?

דערשרעקט זיך אויך משה, דערזעענדיג די גרויסע מחנה מאַשינען, וואָס לאָזן זיך גלייך אויף אים. כאַפּט ער די קאַרזינע און לויפֿט אַריבער די גאַס מיט גרויס פּחד.

— וואָס איז אויף זיי די יאָגעניש ? וואָס איז אויף זיי די איילעניש ? — איז ער בייז.

מען יאָגט אים נעבעך, משה'ן. מען שטויסט אים. מען לאָזט אים אויפֿן טראָטואַר זיך אויך ניט אָפּשטעלן.

— ס'איז ניט משערעמעיעוו, משה — לערנט אים דער פֿעטער ליב דעם שטייגער פֿון לאַנד. — דאָרטן גייט מען פּאַוואָליע. מען שטעלט זיך אָפּ אינמיטן סטריט אַ ביסל אַ קלער טאָן, אַ טראַכט טאָן. דאָ איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן. גייסטו, גיי, אַז ניט, וועט מען דיך איבערפֿאָרן, אַז ניט, וועט מען דיך צעקוועטשן.

הערט שוין ניט משה, וואָס דער פֿעטער רעדט צו אים. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט צו די ריזיגע הויכע הייזער געגנאיבער. די שליאַפּע זיינע פֿאַלט אים אַזש אַראָפּ פֿון קאָפּ.

— נו, קום שוין — הויבט אים דער פֿעטער אויף די שליאַפּע און טוט זי אים אָן — קום גיכער, די טאַנטע מיט דער פֿעמילי וואַרטן שוין אויף דיר.

וואונדערט זיך משה, וואָס דער פֿעטער ליב האָט געזאָגט „טאַנטע". ווי ער, משה, ווייסט, איז „טאַנטע" אַ דייטשיש וואָרט. אין משערעמעיעוו האָט קיינער ניט געזאָגט „טאַנטע". מען וואָלט געלאַכט

פון איינעם, ווען ער זאָגט „טאַנטע". דער פעטער האָט אויך געזאָגט: „פעמילי", איבערגעקרימט פון „פאַמיליע", ווייזט אויס.

— נו, האָרי אָפּ — לויפט דער פעטער ארויף די טרעפּ צום עלעוועיטעד.

האָט משה אויך פאַריבל אויפן פעטער, וואָס האָט אים ערשט געזאָגט עפּעס א פרעמד וואָרט. „האָרי־אָפּ" — ס'קלינגט ווי א זידל־וואָרט.

ווארפט דער פעטער אריין א מטבעה אין א קליין שפּעלטעלע, גיט א שטופּ אזא שטאַכעט, און ער איז שוין אויף יענער זייט. ווארפן פילע מענטשן אריין מטבעות אין די שפּאַלטן, דרייען זיך די שטאַכעטן, און עס קלאַפּט אָפּ מיט אַן אָפּגעהאַקטן קלאַפּ, אַקוראַט ווי מען וואָלט געהאַקט האָלץ.

לאָזט מען אים ניט באַטראַכטן, ווי די שטאַכעטן ארבעטן. מען יאָגט אים מיט זיין קאָרזינע, וואָס ער האָט שוין מורא ארויסלאָזן פון די הענט. מען שטופּט אים, מען שטויסט אים אריין אין א צעעפנטער טיר פון א וואַגאָן. איידער וואָס, איידער ווען, פאַרמאַכט זיך די טיר פון זיך אליין, און מען טראָגט זיך שוין פאַרביי הייזער און דעכער.

טוט שוין משה'ן ווייַ דער קאָפּ. ער פאַרשטייט שוין גאָרניט. אלצדינג זעט ער ווי דורך טונקעלעברילן. האָט ער אפילו ניט באַמערקט, ווי עס האָט פּלוצלונג ניט געסטאַיעט דער ליכטיגער אינדרויסן, מיט די מויערן און פענצטער און דעכער, און לעמפּעלעך האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אין וואַגאָן.

— אָט דאָס פאָרן מיר שוין אונטער דער ערד, משה.

— אונטער דער ערד? ווי אזוי קאָן דאָס זיין?

— גיב א כאַפּ אומיסטנע א קוק אין פענצטערל — לאַכט דער פעטער.

קוקט משה אין פענצטער. זעט גאָרניט. א חוץ שטיינערנע ווענט, וואָס לויפן פאַרביי בליץ־שנעל.

— דו זעסט, משה, מיר פאָרן דורך א טונעל, א לאַנגן גרוב, טיף אונטער דער ערד.

— און וואָס איז אויבן, איבער אונז?

— אויבן איז די שטאָט ניו יאָרק.

— און מענטשן גייען אויבן? — חידוש'ט זיך משה.

— און מענטשן גייען אויבן, און הייזער שטייען, און אויטאָ־מאָבילן פאָרן.

ווייל שוין דער מוח פון גאָרניט נישט טראַכטן. ווילן די אויגן מערער שוין גאָרניט נישט זען. די אויערן ווילן ניט הערן. ער איז צעטומלט, משה, פאַרלוירן, אָפּגעשוואַכט.

געדענקט ער שוין ניט, ווי אַזוי מען האָט אים געבראַכט אין הויז אַריין. צי איז ער אפשר געשלאָפן גייענדיג. עפּעס האָט ער יאָ געזען אַן אינדרויסן מיט גאַסן, אָבער עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז געווען עט פריער, איידער נאָך מען איז געפאָרן אונטער דער ערד. ווי אַזוי ס׳זאָל ניט זיין, ער געפינט זיך שוין אין אַ הויז. אַ פרעמדע פרוי כאַפּט אים אַרום און קושט אים. קינדערלעך קוקן אויף אים מיט פרעמדע לאַכנדיגע אויגן. שטרעקן אים אויס די הענט און רעדן צו אים עפּעס אין אַ פרעמדער שפּראַך, און עס דאַכט זיך אים אויס ווי זיי וואָלטן געמאַכט חוזק פון אים.

הייסט מען אים זיך זעצן. זעצט ער זיך. פרעגט מען אויס וועגן טשערעמעיעוו. רעדט ער, און די ליפּן פילן ניט וואָס ער רעדט. הייסט מען אים עסן, עסט ער, און די צונג פילט ניט קיין שום טעם.

קומען אַן אידן. עפּעס פאַרשטעלטע אידן, פונקט ווי די אַקטיאָרן אין טעאַטער, וואָס ער האָט געזען אין בוקאַרעשט. מיטליאָריגע אידן און עלטערע אידן אָן בערד און אָן פאות, מיט קאָלנערס און שניפּסן. זייער לשון איז ניט אידיש, ניט דייטש. מיט אַ מאָדנעם צו־זינג רעדן זיי. לאַכן מאָדנע. הייסן מאָדנע נעמען: הערי און מאַקס און סעם און מאָריס און לואי. דעם פעטער רופן זיי „לואי״.

דערנאָכדעם ווערט פינצטער. גיט מען אַ צי אַ שטריקל — ווערט ליכטיג. און משה וויל געבעך אַרויס. שעמט ער זיך צו זאָגן, אַז ער וויל אַרויס. גרימט אים אין בויך, און ער וויל אַזש וויינען. דערקאָנט די מומע, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט דעם גרינעם, שושקעט זי זיך מיטן פעטער. נעמט דער פעטער און פירט אים אַריין אין אַזאַ אַלקער. פאַרשטייט ער ניט צוליב וואָס מען האָט אים אַריינגעפירט אין דעם אַלקער. דערזעט ער אָבער קראַנען, אַ שפּיגל און אַן אויסגעהוילט בענקל, שטויסט ער זיך שוין גלייך אָן, וואָס דאָס אויסגעהוילט בענקל מיינט. אַזאַ זאַך האָט ער שוין געזען אויף דער שיף. איז אים אָבער קשה, וואָס דער דאָזיגער בית־הכסא, איז סאַמע אינמיטן שטוב.

גייט דער פעטער ארויס, נאָכדעם וואָס ער האָט אים דערקלערט, ווי אזוי מען דארף ציען דאָס קייטל, אז ס'זאָל זיך גיסן וואסער. בלייבט ער איבער אליין און שעמט זיך, וואָס פון יענער זייט טיר זיינען דאָ מענטשן און מען וועט דערהערן.

קומט ער ארויס פון דאָרטן אַ פארשעמטער, אַ דערנידעריגטער.

לאַכן די מענטשן, קלאַפּן אים אין די פּלייצעס.

— וועסט זיין אַלראַיט אין אַמעריקע, מאָריס, וועסט זיין אַלראַיט.

מען האָט שוין גע'שמד'ט זיין נאָמען משה אויף „מאָריס", און ער האָט זיך גאָרניט געוועהרט. שוין ניט געהאַט קיין כח זיך צו ווערן...

וועווקע טאַפּער קנאַקט ניס . . .

שפּילט די וויקטראָלאַ אויף בערעט סטריט אין בראַנזוויל, און וועווקע טאַפּער ל־אַ־כ־ט. לאַכט און פרייט זיך, וואָס צוליב אים שפּילט מען די דאָזיגע זאַך. ניסלעך ליגן אין פרוכטאַוואניק, און עפּל און באַרן און וויינטרויבן, און עפּעס אַ מין אַמעריקאַנער פרוכט, וואָס הייסט באַנאַנע. קנאַקט ער די ניסלעך איינס נאָכן אַנדערן און ווערט גאָרניט מיד. ער האָט ליב ניסלעך, וועווקע. דאָס קנאַקן די ניסלעך איז איצט שוין אַזוי זיך. פריער האָט מען געגעסן אַ געשמאַקע וועטשערע. מיט עוף, מיט יויך, מיט קאָמפּאָט, מיט הערינג און פּאָמידאָרן.

מלך דאַנסקאָי, דער יעניגער וואָס האָט וועווקע'ן אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, איז צו אים ניט קיין ברודער, ניט קיין פעטער און אַפילו ניט קיין וויטער קרוב. מלך דאַנסקאָי איז בלויז געווען אַ חבר צו וועווקע'ס טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ פופצן יאָר צוריק.

דערציילט טאַקע מלך דאַנסקאָי די מענטשן אין הויז, וואָס זיינען געקומען זען דעם גרינעם, פאַרוואָס ער, מלך, האָט אַריבערגעבראַכט וועווקע'ן.

ער דערציילט, מלך, ווי ער און וועווקע'ס טאַטע זיינען געווען צוויי שמייסער־יונגען ביי פּיוויש דעם באַלעגאָלע, ווי די כאָלעריע איז געקומען אין שטעטל, און ווי עס האָט געוואַליעט מענטשן ווי די קעץ. ווי ער איז אויך פאַרשלאָפט געוואָרן אויף דער כאָלעריע, און פּיוויש

דער באַלגאַלע האָט אים געלאָזט ליגן אין שטאַל צווישן די פערד און מורא געהאַט אפילו אַריינצושמעקן אהין. ווי אַ הונט האָט ער זיך געוואַלגערט און געדרעמלט אין גרוים הויז, און ער וואַלט שוין מסתמא פון לאַנג ניט געווען אויף דער וועלט, ווען ניט וועווקע׳ס טאַטע.

אויף די פּלייצעס האָט אים וועווקע׳ס טאַטע איבערגעטראָגן צו זיך אין הויז. וועווקע איז נאָך געווען אַ שנעקל, געדענקט ער אודאי ניט. אים איבערגעטראָגן צו זיך אין הויז, איינגעהייצט דעם אויוון. אים געריבן דאָס לייב מיט ספּירט און אים איינגעדעקט מיט אַן איבער־בעט. האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו שוויצן. איינגעשלאָפן געוואָרן און אָפּגעשלאָפן אפשר צוויי מעת־לעת. און אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

— און אַז איך האָב זיך דערוואוסט דאָ אין אַמעריקע, אַז מיין חבר בענצי איז געשטאָרבן (מען האָט זיין טאַטן גערופן בענצי), האָב איך זיך געגעבן אַ הייליגע שבועה, אַז גאָט וועט מיר העלפן און מיך באַגליקן, וועל איך ניט לאָזן פאַלן בענצי׳ס אלמנה און איר קינד. איצטער האָב איך מיין שבועה מקיים געווען...

זיינען אַלע מענטשן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען זען דעם גרינעם, שטאַרק גערירט פון דער מעשה, טרינקען אַלע לחיים צו מלכ׳ן און צו זיין פרוי בעסי׳ן, און צו דעם גרינעם, און מען ווינטשעוועט זיי כל הגוטס אויף דער וועלט.

איז וועווקע׳ן גוט ווי די וועלט. ער הירזשעט פון גרוים פאַר־געניגן. שוויצט און לאַכט, קנאַקט נים, עסט באַנאַנעס און לאָזט זיך גאָרניט בעטן.

שפּעטער האָט מען אים געפירט שלאָפן אין אַ באַזונדערן אַלקער. אַזאַ הויכער אַלקער מיט געדיכטע קילימער (טעפּיכער).

היינט דאָס בעט אַליין. די זויבערקייט, די ווייסקייט פון די ליילעכער און פון די ציכן. קילע קישנס און אַ וואַרעמע וואָלענע קאָלדרע. אין דער היים האָבן די קישנס אינגאַנצן ניט געהאַט קיין ציכן, און די האָר פון קאָפּ זיינען אים צוליב דעם תמיד געווען מיט פּעדערן.

אַך, אַ מחיה צו זיין אין אַמעריקע! אַזוינע שמעקנדיגע קישנס, און דאָס בייכל זיינס איז פול מיט עוף, מיט יויך, מיט קאָמפּאָט, מיט ווייַן, מיט נים און מיט אַלערליי פרוכטן.

— כוטקא, מוטקא — מאכט ער זיך משוגע אויף דער ווייכער בעט און לאכט צו זיך אליין. — פורסקי, ליטשקי — פלאפלט ער צו זיך אין אזא באזונדער שפראך, וואָס האָט ניט קיין שום טייטש. די איינציגע טייטש איז, וואָס ס'איז אים גוט, וואָס ס'איז אים וואויל...

יאָסל, יאָסל, שטיי אויף, שטיי אויף . . .

ליגט יאָסל דעם ווינשענקער'ס מיט אָפענע אויגן אין בעט, וואָס אין דעם קליינעם ענגן צימערל, און טראַכט, אז גלייך מאָרגן אנטלויפט ער צוריק אהיים קיין טשערעמעיעוו.

די מומע בתיה האָט אים אראָפּגעבראכט אהער. זיין מאַמעס א שוועסטער. וואוינט זי אויף דער צוועלפטער גאַס, און די פענצטער פון צימער גייען ארויס אויף דער ערשטער עוועניו, סאַמע אונטערן עלעוועיטער.

דעם גאַנצן אָוונט האָט די מומע בתיה געהאַלטן אין איין וויינען און קלאָגן פאַר דעם פלימעניק, וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון דער שיף, אזא בלאַסער, אזא אויסגעמאַטערטער און צעטומלטער.

זי האָט זיך געקלאָגט פאַר יאָסלען, וואָס זי איז אזוי עלנט אין אַמעריקע, א פינצטערע אלמנה מיט א דערוואַקסענער טאָכטער. ווערט פאַרשוואַרצט אין דער גראָסערי. זי האַלט א גראָסערי, איז זי שטענדיג מיט איר טאָכטער פרענצים פאַרשקלאָפּט אין דער גראָסערי פון פאַר־טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— מאָל דיר, יאָסל, איך האָב זיך שוין גענוג אויסגעבראַכט צוליב דיין קומען אין אַמעריקע. אָבער אַז דיין מאַמע שרייבט מיר, איך זאָל לָמען השם טאָן אייניגעס, און דיך אריבערנעמען קיין אַמע־ריקע, ווייל דו ביזט אין א גרויסער סכנה דאָרטן אין בעסאַראַביע און מ'ען קאָן דיך נאָך צונעמען פאַר א סאָלדאַט, האָב איך שוין אויף גאָרניט געקוקט. אָבער געדענק זשע, יאָסל, ווי גלייך דו געפינסט אַרבעט, זאָלסטו שוין נעמען אויסצאָלן. וועסט טאָקע וואוינען ביי מיר. א זייער פיינער צימער. פאַרנעם טאָקע ניט, אַז די רענט הויבט

זיך אָן פון היינט אָן. וואָס האָבן מיר היינט? דעם צוואַנציגסטן אין אויגוסט. פאַרגעס זשע ניט, דעם צוואַנציגסטן אויגוסט.

* * *

וואַרפט זיך יאָסל אויף זיין געלעגער. שלאָפט איין און כאַפּט זיך אַלע מאָל אויף. שלאָפט איין און עס דאַכט זיך אים אויס, אַז די כוואַליעס פון ים קלאַפּן אין פענצטער, און עמיצער רייסט אים און שרייט צו אים:

— שטיי אויף, יאָסל, שטיי אויף!...

כאַפּט ער זיך אויף און ס'דאַכט זיך אים נאָך אַלץ אויס, אַז ער איז אינמיטן ים, און גרויסע כוואַליעס, ווי די בערג, וואַרפן די שיף, און ער האָט אַזוי מורא.

דערנאָכדעם דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז שוין אין אַמעריקע, די ערשטע נאַכט אין אַמעריקע, און אַז אונטער די פענצטער לויפט אַלע-מאָל דורך אַ באַן, און דערפאַר קלאַפּט דאָס אַזוי, און דערפאַר דונערט דאָס אַזוי.

ער וועט אַנטלויפן צוריק אַהיים. ער וועט ניט קאָנען לעבן דאָ. אוי, אוי, צעוויינט ער זיך ביטער. וויינט אויף אַ קול אין דער פינצטערניש. וואַקסט אויס לעבן זיין בעט אין אַ נאַכט-העמד זיין קוזינע פּרענציס. זי גלעט אים דעם פאַרשוויצטן שטערן, רעדט צו אים אין אַ געבראָכענעם אידיש:

— שאַ, שאַ, דו ניט וויין. סליפּ, שלאָף. דער ערשטער איווניגנ, דאַטס וואַי דו שלאָפסט ניט.

— איך האָב מורא — פעסטשעט ער זיך פאַר איר.

— דו האָב ניט מורא, דו סליפּ, שלאָף — גיט זי אים אַ קוש אין די ליפּן.

ווערט יאָסל אַ פאַרציטערטער פון דעם קוש, ליגט מיט אַ פאַר-כאַפּטן אָטעם און וואַרט, און וואַרט...

שווייגט דאָס צימער, שווייגט די פינצטערניש. פּרענציס איז שוין פון לאַנג אַוועק, און ס'איז אַזוי מורא'דיג שטיל. דערנאָכדעם הויבט זיך אים אָן ווידער אויסדאַכטן, אַז ער איז נאָך אינמיטן ים, און די ריזיגע כוואַליעס וואַרפן זיך אויף דער שיף, און די שיף בויגט זיך, און די שיף שטעלט זיך דיבאָם, און עמיצער שרייט:

— יאָסל, יאָסל, שטיי אויף, שטיי אויף!...

אַ מזל׳דיגער גרינער אָט־דער בערל גאַנאַפּטי . . .

פון עלים איילאַנד ביז דעם ברודער הערשל׳ס הויז אויף פּראָספּעקט עוועניו אין די בראָנקס, האָט זיך בערעלע גאַנאַפּטי גלייך אויסגעלערנט עטלעכע ענגלישע ווערטער: „העלאָו, האַוואַריו, טהענקס, אָלראַיט״. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די דאָזיגע ענגלישע ווערטער פון די מענטשנ׳ס ליפּן. ער האָט געזען אין סאָבוועי, ווי צוויי מענטשן האָבן זיך באַגריסט. איינער האָט געזאָגט „העלאָו״, און דער צווייטער האָט געענטפערט: „האַוואַריו״. דערנאָכדעם האָט ער געזען, ווי אַ בחור האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אָפּגעגעבן זיין פּלאַץ צו אַ דאַמע, האָט די דאַמע געמאַכט „טהענקס״.

האָט ער שפּעטער אויך אַזוי געטאָן. זיך געגעבן אַ הויב פון פּלאַץ, אַ ריס געטאָן דעם דאַשעק פון זיין וועלאָסיפּעדנע היטל. האָט יענע צו אים געמאַכט: „טהענקס״.

לאַכט דער ברודער הערשל. ער האָט דאָך אים איבערגעלאָזט גאָר אַ צוציק אין טשערעמעיעוו, אָט דעם בערעלע, און איצט איז ער אַזוי שיין, פלינק און קלוג, און כאַפּט גלייך דעם אַמעריקאַנער שנים. ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט אין דעם רוסישן העמדל מיט דעם הויכן קאָלנער פאַרשפּיליעט אָן אַ זייט.

— ווערסט שוין, בערקע, זיין אָלראַיט אין אַמעריקע.

— וואָס זשע מיינט „אָלראַיט״? — ווערן זייערע אויערן גלייך וואַך צום נייעם וואָרט.

— עס מיינט „גוט״.

— אויב אַזוי, איז „אָלראַיט״ — ענטפערט בערעלע מיט ווייסע שמייכלענדיגע ציין.

מענטשן אין וואַגאָן קוקן אויף בערעלע׳ס מאָדנע בגדים מיט חוזק. אָבער יענער פאַרשעמט זיך ניט. פאַרקערט, ער פילט זיך אַזוי פריי און ניט געצוואונגען. שמייכלט צו יעדן איינעם. אַ היימישער מענטש.

דערנאָכדעם, ערגעץ אויף אַ גרויסער סטאַנציע, האָבן זיך די טירן פון וואַגאָן צעעפנט, און אַ סך מענטשן האָבן זיך אַריינגעשטופּט. איז שוין בערעלע געשטאַנען אָן איינגעפּרעסטער צווישן די פילע מענטשן און הנאה געהאַט פון דער שטופּעניש. עס איז אַ מחיה זיך

צו שטופּן צווישן מענטשן. מען פילט אפילו ניט די אייגענע האַנט. מען פילט אַפילו ניט, ווען עמיצער זאָל דיר אַ קניפּ טאָן.

שפּעטער, שוין אין דער היים, האָט בערעלע אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדענעם פּאָרטסיגאַר און געוויזן זיין ברודער הערשל. האָט זיין ברודער הערשל זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם דאָזיגן פּאָרטסיגאַר:

— עס מוז דאָך קאָסטן אַ פאַרטשון. וואו האָסטו אים גענומען?

— געפונען — מאַכט בערעלע מיט ערלעכע אויגן.

— וועסט מיר דאָך ניט גיין זאָגן, אז דו האָסט אים נאָך געפונען אין טשערעמעיעוו? — איז הערשלען עפּעס פאַרדעכטיג.

— פאַרוואָס ניט אין טשערעמעיעוו? — מאַכט בערעלע אין אַ שפּאַסיגן טאָן.

— ווייל דער נאָמען, וואָס איז דאָ אויסגעקריצט, איז אַן אַמעריקאַנער.

— לייען מיר איבער דעם נאָמען — איז בערעלע נייגעריג.

— דזשי. באָרדען, שטייט אָנגעשריבן.

— אַ, אַ — מאַכט בערעלע.

— וואָס אַ, אַ? — איז דעם ברודער עפּעס קשה.

— מסתמא האָט דער מאַן, וואָס האָט פאַרלאָרן, געהייסן דזשי. באָרדען — באַדויערט נעבעך בערעלע דעם מיסטער דזשי. באָרדען. — איך האָב דאָס געפונען אַראָפּגייענדיג פון שיף — מאַכט ער אַזוי אומשולדיג.

— אַ מזל'דיגער גרינער — לאַכט די שווגערין — ערשט אַרויפגעטראָטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד און שוין געפונען גאָלד. וועסט זיין אָלרייט אין אַמעריקע, בערעלע...

וואָס-זשע זיפצסטו שוין ווידער, ברוך?

ווען דער אויטאָמאָביל איז אַריינגעפאָרן אין בראָנקס פּאַרק, און ברוך האָט דערזען דורכן פענצטערל די שיינע גאַס הייזער, מיט די רייכע קראָמען, מיט די אידישע „ווירוועסקעס" (שילדן) איבער די קראָמען, האָט ער זיך דערפרייט. „בשר כשר" און „תלמוד תורה" און „הרב

הגאון דער און דער" און „מוהל ומסדר קדושין" און „מקוה כשרה לבנות ישראל" — א אידיש לאנד אמעריקע. ס'איז א מחיה.

וואוינט טאקע דער פעטער שלמה אויף איינער פון די דאזיגע רייכע גאסן. אין אן אייגן הויז וואוינט ער, מיט א ווייסן גלעזערנעם גאנעק, מיט א בלומען־גערטנדל, מיט אזוינע שיינע אויסגעפלאסטערטע רויטע שטיינדעלעך ביים ארייננאנג.

א משפחה פון גאלע פעמפיקלעך. דער פעטער שלמה, אדער סאלאמאן, ווי מען רופט אים דא אין אמעריקע, איז דער טאטע־פעמפיק. א הויכער, א דיקלעכער. די מומע קלארא איז די מאמע־פעמפיקיכע. א פרוי א טורעם. אירע שווארצע געדיכטע האר זיינען פארפלאכטן אין גראבע שווערע צעפ און נעמען ארום איר קאפ עטלעכע מאל. א שווערע געזונטע מומע מיט רחבות און מיט פארנעם.

דעם פעטער'ס צוויי אינגלעך: אויך פיינע פעמפיקלעך. בעקלעך אנגעגאסן מיט געזונט און מיט בלוט. שיינענדיגע אויגן. פיינע קיילעכ־דיגע קעפלעך. אנגעטאן ווי פריצים'לעך: אין קורצע הייזקעס, אין טייערע געלע שיכלעך, אין פיינע געשטריקטע לייבלעך, האלטן זיך אזוי לייטיש און מיט רעספעקט צום גרינעם קאזין.

ביטרים, די זעכצן־יאריגע טאכטער — אויך נישקשהדיג פעטלעך. א פולבלעכע, א פוכלינקע, מיט געקרייזלטע געדיכטע האר, מיט א העלזל — בלוט און מילך. מיט קליינע אויסגעפאשעטע הענטלעך, מיט לאווקע פולע אויסגעקיילעכדיגטע פיסלעך.

א גליקלעכע משפחה. מען קוקט אויף ברוכ'ן מיט גוטסקייט און פריינטלעכקייט. גוטסקייט און פריינטלעכקייט שייגט אראפ פון יעדן ווינקעלע. אזא טייער מעבל אין הויז. זינט ער לעבט, האט ער נאך אזא שיין מעבל ניט געזען: אזוינע פיינע געשניצטע שטולן מיט זיידענע קישעלעך, אזוינע געדיכטע ווייסע טעפיכער, אזוינע צאצקע־דיגע אבאזשורן איבער די לעמפלעך, און די שיינע שווארצע גרויסע פיאנא. זיין פעטער שלמה מוז זיין א גרויסער גביר — טוט ברוך א זיפץ מיט גרויס רחמנות צו זיך אליין, וואס ער איז געבעך אנגעקומען אזא ארימער קיין אמעריקע.

— וואס־זשע זיפצסטו, ברוך?

— פון נחת זיפץ איך, פעטער שלמה און מומע קלארא. איך בין

אייך זייער דאנקבאר, וואס איר האט מיך אריבערגעבראכט קיין אמעריקע.

האט די מומע קלארא גלייך געזען, אז ס'איז א פיינער באי. זי האט טאקע אזוי זיך אנגערופן אין ענגליש צום מאן, אז זיין פלימעניק איז א פיינער באי. איז דער פעטער שלמה געווען זייער צופרידן, וואס דער גרינער האט אזוי אויסגענומען ביי זיין ווייב. האט ער דעם פלימעניק געקלאפט אין די פלייצעס און צו אים זיך אנגערופן:

— דו זיי נאר א מענטש, וועסטו שוין עסן ביי מיר אין סוכה.

א דינסט איז אויך פאראן אין הויז. א דינסט מיט א שווארצער הויט. דאס שענסטע אבער איז, וואס זי הייסט סארא, כמעט ווי שרה, א אידישער נאמען. אפשר שטאמט זי פון די עשרת השבטים, פון די צען פארבלאנדזשעטע שבטים.

סארא האט געגרייט צום טיש, און דאס טעכטערל ביטריס האט דערוויל געשפילט אויף דער פיאנא. דאס האט איר די מאמע געהייסן שפילן אויף דער פיאנא לכבוד דעם גאסט.

— מתוק מדבש, זיסער פון האניג, אר־ווא, אר־ווא — זאגט ברוך מבינות אויף איר פיאנא־שפילן.

געפעלט דאס דעם פעטער, וואס זיין פלימעניק איז אזא איידעלער בחור און ווארפט אריין העברייאישע פסוקים. ער וועט שוין ניט פאר־שעמט ווערן מיט דעם גרינעם אין דער קאנגרעגעישאן „אנשי בעסא־ראביע", וואו ער, סאלאמאן ביר, איז דער פרעזידענט.

א פרומע הויז ביים פעטער. פיר יארמולקעס האט די שווארצע דינסט געבראכט אויף א זילבערנער טאץ, נאכדעם ווי זי האט שוין געדעקט דעם טיש. האט דער פעטער אנגעטאן א יארמולקע, האבן די צוויי פעמפיקלעך זיך אויך אנגעטאן יארמולקעס, און ברוך האט אויך אנגעטאן א יארמולקע.

— סימאר הייסט דער עלטערער אינגל. ס'נעמט זיך פון סימכע — דערקלערט דער פעטער ברוכ'ן — נאך מיין זיידן און דיין עלטער־זיידן סימכע עליו־השלום. העסקל הייסט דער מיזיניק מייגער, נאך מיין ווייב'ס טאטן כאצקל עליו־השלום. און זי, ביטריס, נאך מיין מאמע און דיין באבע ברײנע עליה השלום. אן ערלעכע אידענע געווען, דיין באבע — ווערט דער פעטער גערירט ביז טרערן — זי האט דאך געדאווענט אלע אינדערפרי. אנו, זאל זי געווען פארפעלן אן אינדערפרי.

ברוך אָבער הערט שוין ניט, וואָס דער פּעטער רעדט צו אים. ער קוקט נאָך מיט נייגעריגער שרעק צו אַלע באַוועגונגען, וואָס די שוואַרצע דינסטמיידל סאַראַ מאַכט. זינט ער לעבט, האָט ער נאָך ניט געזען קיין מענטשן מיט אַזאַ שוואַרצער הויט, און בפּרט נאָך אַ יונג מיידל, און נאָך אַ שיינע אויך דערצו. ווי זי שפּאַנט דאָס אַזוי טאַנצנדיק און זינגענדיק מיט די שווערע טאַצן. ווי זי שרפ'עט אַזוי מיט אירע ברענענדיקע אויגן.

— ווײַ, ווײַ — טוט ברוך ווידער אַ זיפץ.

— וואָס־זשע זיפצסטו שוין ווידער, ברוך ? — לאַכט דער פּעטער.

— גלאַט אַזוי, פּעטער שלמה, גלאַט אַזוי...

זי פּאַלט אין דעם וואַסער, זלאַטע . . .

אוי, איר שוועסטער איטע ! זלאַטע האָט גאָרניט דערקאָנט איר שוועסטער איטע, ווען יענע איז איר געקומען אַקעגן פון דער שיף.

אַ בליענדיקע מיידל מיט געדיכטע לאַנגע רויטלעכע צעפּ איז די שוועסטער איטע געווען אין דער היים. אַ פּולבלעכע מיט אַ קלינגענדיק קול, מיט פריילעכקייט און געלעכטער, האָט זי זלאַטע געדענקט פון טשערעמעיעוו ; און געטראָפן האָט זי גאָר אין אַמעריקע אַ נאָכגע־קרימטע שוועסטער איטע : אַן אויסגעדאַרט מיידל מיט קורץ־געשוירענע האָר, אין ברילן, מיט אַן אויסגעבלאַסטער הויט, מיט אַן אויסגעדינטער שטימע.

— מיין שוועסטער זלאַטע, מיין שוועסטער זלאַטע — האָט די אַמעריקאַנער שוועסטער אַרומגעכאַפּט דאָס טשערעמעיעווער שוועס־טערל, איר שוועסטערל, וואָס שמעקט נאָך מיט אַלע טייערע ריחות פון דער היים.

האָט זלאַטע געוויינט דעם גאַנצן וועג, וואָס איר שוועסטער איטע האָט זי געפירט קיין וויליאַמסבורג. דאָס לעבן איז געווען שלעכט צו איר שוועסטער איטע'ן דאָ אין אַמעריקע. דאָס לעבן איז שלעכט צו איר גאַנצער משפחה : דער טאַטע גייט איבער די הייזער, די מאַמע, מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך, אָרעם און נאַקעט און הונגעריק נאָך אַ שטיקל ברויט.

— שוועסטער איטע, שוועסטער איטע...

האָט זי די שוועסטער איטע געבראַכט אין איר צימער, וואוהין די באַלעבאָסטע, מיסעס קליין, האָט אריינגעשטעלט נאָך אַ בעטל פאַר דער גרינגער.

אָבער דעם ערשטן אָוונט זיינען ביידע שוועסטער געשלאָפן צו־זאַמען אין איין בעט. האָט די אַמעריקאַנער שוועסטער געהאַלטן ארומגענומען איר טשערעמעיעווער שוועסטערל, געטוליעט זיך צו איר שמעקנדיגן יונגן ליִב, אויסגעטאַפּט איר יעדעס ביינדעלע.

קאַלטע זיינען דער שוועסטער איטע׳ס הענט. אָן בלוט. קאַלט זיינען אירע אויסגעדאַרטע פיס. אויסגעדינט זיינען אירע ברוסטן. ביינערדיג זיינען אירע היפטן. זי איז אַן אַלטע, קראַנקע מיידל. גוט נאָך, וואָס זי האָט אריבערגעבראַכט דאָס שוועסטערל אהער, וועט זי שוין נים זיין אַזוי עלנט דאָ. וועט זי שוין האָבן צו וועמען זיך צוטוליען.

— וואָס־זשע טוט דער טאַטע, און וואָס טוט די מאַמע, זלאַטע? וואָס טוען די ברידערלעך און שוועסטערלעך, זלאַטע? און ווי אַזוי קוקט איצטער אוים טשערעמעיעוו? דערציי״ל מיר וועגן אַלצדינג, זלאַטע.

רעדן ביידע שוועסטער איינע צו דער אַנדערער. ביז שפּעט אין דער נאַכט רעדן זיי. רעדן און וויינען און קושן זיך.

— שלאָפסט, קינד, שלאָפסט?

זלאַטע איז שוין צוואַנציג יאָר אַלט, און איטע רופט זי נאָך „קינד”. אַ קינד איז טאַקע זלאַטע געווען, ווען איטע איז אָפּגעפאָרן. שלאָפט איר קינד זלאַטע. זי שלאָפט און פאַרגעסט, אַז זי איז אין אַמעריקע. זי איז נאָך אויף דער שיף. די כוואַליעס הויבן די שיף, הויך, הויך. די כוואַליעס שפּרינגען צום הימל, גרויסע בערג מיט וואַסער לויפן אָן...

זי פאַלט אין דעם וואַסער, זלאַטע, און זי טרינקט זיך גאָרנים. זי לאָזט זיך שווימען. זי קאָן גוט שווימען. פּאַטשט זי מיט די הענט און שווימט. נאָך עמיצער שווימט לעבן איר, און דאָס איז גאָר משה. שעמט זי זיך, וואָס משה שווימט לעבן איר...

* * *

שלאָפֿט שוין איר גרין שוועסטערל, און איטע ליגט און וואַכט לעבן איר. טראַכט און טראַכט וועגן אירע פֿאַרלאָרענע יאָרן, וועגן אירע אומעטיגע יאָרן. זאָל כאָטש מיט איר שוועסטערל ניט געשען דאָס זעלבע וואָס מיט איר. זאָל זי שוין אויפֿגעריכט ווערן אין דעם לאַנד. זאָל כאָטש איר יוגנט ניט פֿאַרלאָרן גיין צווישן די פֿינצטערע מאַשינען. זאָל כאָטש איר שוועסטער שוין וויסן פֿון פֿרייד.

זי וויינט, איטע. שטילערהייט אין זיך וויינט זי, די עלטערע, אויסגעמאַטערטע און אויסגעפּייניגטע שאַפּ־מיידל, איטע...

אַרקעלע בורמילע און יאַנקעלע באַסיאַק . . .

אַרקעלע'ן האָט אַראָפּגענומען פֿון עלים־איילאַנד זיין חבר יאַנקל. יענער האָט טאַקע אים אַרויסגעשיקט די שיפֿסקאַרטע. יאַנקעלע מיט די רויטע פּליאַמען אויף דער לינקער באַק, פֿון געבוירן־אָן אַזוי. אין טשערעמעיעוו האָט מען געזאָגט, אַז די רויטע פּליאַמען אויף זיין באַק האָבן זיך גענומען פֿון דעם, וואָס זיין מאַמע, ווען זי איז געווען טראָגעדיג מיט אים, האָט זיך איבערגעשראָקן פֿון אַ שׂרפֿה, וואָס האָט אויסגעבראָכן איינמאָל אַ ביינאַכט. האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אָן דער לינקער באַק, און דערפֿאַר איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן מיט רויטע פּליאַמען אויף דער לינקער באַק.

אַרקעלע בורמילע איז געווען מלך אין טשערעמעיעוו איבער אַלע וואַוילע יונגען, און יאַנקעלע באַסיאַק איז געווען שני למלך. דער צווייטער, הייסט עס, צום מלך.

יאַנקעלע באַסיאַק איז מיט דריי יאָר צוריק אַוועק קיין אַמעריקע. אַ שוועסטער האָט אים אַריבערגענומען. אָבער יאַנקעלע אָן אַרקעלע'ן איז געווען אַ האַלבער מענטש. זיי זיינען ביידע געווען פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן פֿון קינדהייט אָן אין טשערעמעיעוו.

שמעון ולוי אַחים. שמעון און לוי זיינען געווען צוויי ברידער, אַזוי האָט מען וועגן זיי געזונגען מיט אַ ניגון. שמעון און לוי האָבן געקאָנט אַ גאַנצע שטאָט חרוב מאַכן. אַרקעלע און יאַנקעלע האָבן דאָס אויך געקאָנט טאָן. אַ באַנדע האָבן זיי אַרום זיך געהאַט. אַ באַנדע באַרוועסע אָרעמע הפקר־איינגלעך פֿון טשערעמעיעוו. מלחמות פֿלעגן

זיי פירן מיט די קריסטלעכע אינגלעך. שפּיצלעך פלעגן זיי אַפּטאָן צו די חשוב'ע באַלעבאַטים פון שטאָט. און אַז זיי האָבן נאָר געוואָלט, האָבן זיי פארטריבן אַ גאַנצע גאַס מיט שפּאַצירנדיגע מיידלעך און אינגלעך אין אַ שבת פאַרנאַכט: מיט לאַנגע שטעקנס און מיט שטיינער פלעגן זיי אָנלויפן, ארקעלע בורמילע און יאַנקעלע באַסיאַק מיט זייער באַנדע, און טורקען און פייפן, און פאָכען מיט די שטעקנס.. נאָר ווי די פּאָגראָמשטשיקעס...

— ארקעלע בורמילע, אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אריין!

— יאַנקעלע באַסיאַק, אַ נכפה דיר אין דיינע ביינער!

זיי האָבן זיך ניט צוקושט, די ביידע חברים. אַט וועלן זיי גיין זיך לעקן איינער דעם אַנדערן, ווי די הינטלעך.

דער יענעם אַ קלאַפּ אין הארצן אריין, יענער דעם אַ קלאַפּ אין הארצן אריין, און אַ געלעכטער.

— אַ סומאַטאָכע ביי דיר אין אַמעריקע — וויל יענער כלומרשט חוזק מאַכן פון דעם גרויסן געבראַזג און געדרענג, וואָס האָט אים באַגעגנט באַלד, ווי ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט אויף דער גייער ערד.

— מען רופט מיך שוין נישט יאַנקל, מען רופט מיך דזשעיק — באַרימט זיך דער חבר.

— דזשעיק. כאַ, כאַ, כאַ. דזשעיק שמעיק — קליגערט זיך ארקעלע.

— דו וועסט דאָ אויך הייסן אַנדערש, ארקעלע זשוליק — רייצט זיך מיט אים דער אַמעריקאַנער חבר.

— איך וועל הייסן מיך קושן אין . . . — איז ארקעלע וואויל־יונגעריש.

— כאַ, כאַ, כאַ — געפעלט יאַנקעלע'ן יענעמס זאָג.

קלאַפּט מען זיך שוין ווידער אין הארצן אריין. דער יענעם אַ קלאַפּ, יענער דעם אַ קלאַפּ, און — אַ געלעכטער.

דאַרף מען אַראָפּגיין די טרעפּ ערגעץ אין אַ האַלב־פינצטערן אריינגאַנג. שמעקט דאָס ניט ארקעלע'ן. עפּעס האָט ער דאָ מורא, אַז דער חבר וויל אים אָפּטאָן אַ שפּיצל. ניין, ער וועט זיך ניט אַראָפּלאָזן אין קעלער. אַ יאָלד איז ער?

— מיר נעמען דעם סאָבוועי, דעם פּאָיעזד — לאַכט יאַנקעלע פון זיין קליינשטעטלדיגן חבר.

— פאַרוואָס־זשע לאַכסטו? — איז אַרקעלע פול מיט פאַרדאַכט.

— קום, משוגענער, זעסט נישט? אַלע מענטשן גייען.

— דו ביזט אַליין משוגע און רייס אויף זיך דאָס העמד — שטייט ניט אָן אַרקעלע׳ן, וואָס איז געווען דער מלך איבער אַלע וואוילע יונגען אין טשערעמעיעוו, אַז יענער זאָל מיט אים קאָמאַנדעווען.

שפּאַנט אַרקעלע אַראָפּ פאַרזיכטיג. קוקט זיך אַרום, זעט וואָס אַנדערע מענטשן טוען, הויבט שוין אָן אַ ביסל צו גלויבן, אַז ס׳איז טאַקע ניט קיין קעלער גלאַט אַזוי.

דערנאָכדעם זעט אַרקעלע, ווי זיין חבר וואַרפט מטבעות אין אַזאַ שמאָל קעסטעלע מיט אַן אָנגעצונדן לעמפּעלע אינעווייניג. לאַכט ער. זעט ער, ווי אַנדערע מענטשן וואַרפן אויך מטבעות אין דעמזעלבן שפּאַלט — לאַכט ער ווידער.

— וואָס לאַכסטו, משוגענער?

— וואָס דען? זאָל איך וויינען?

לויפט אָן אַ באַן מיט אַזאַ גערודער. עפענען זיך די טירן, שטופּן זיך אַריין אַלע מענטשן. שטופּט זיך אַריין אויך אַרקעלע מיט זיינע פּעקלעך. צעפּליט זיך דער באַן. צעהוידעט זיך אַרקעלע, בויגט זיך און ברעכט זיך, אָבער ער לאָזט זיך ניט, האַלט זיך אויף די פיס זייער העלדיש.

— האַלט זיך אָן אין דעם הענטל — בעט זיך יאַנקעלע.

ניט אַרקעלע וועט זיך אָנהאַלטן. וואָס־זשע, ער איז אַן אַלטער איד, חס וחלילה, וואָס ער וועט זיך דאַרפן דיר אָנהאַלטן? ער קאָן דיר באַווייזן אַ קונץ, ווי ער האַלט זיך גראַדע ניט אָן אין הענטל, און דאָך בלייבט ער שטיין אויף די פיס.

לאַכן די מענטשן אין וואַגאָן פון דעם מאָדנעם בחור אין די הויכע לאַקירטע שטיוול מיטן לעדערנעם רעקל, וואָס הוידעט זיך, ברעכט זיך און בויגט זיך.

זעט אַרקעלע, אַז מען לאַכט פון אים, שטעלט ער אויף זיי אָן ביידע אויגן. אפשר ווילן זיי זיך גאָר שלאָגן מיט אים? אדרבא ואדרבא! ער מאַכט פויסטן, אַרקעלע. ער איז שוין גרייט צו דערלאַנגען.

זעט יאַנקעלע, וואָס זיין חבר וויל טאָן, לאַכט ער צו אים. לאַכט ארקעלע אויף צוריק. לאַכן זיי ביידע, און ס'איז זיי ביידן זייער פריילעך.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי שוין געהאַלטן אין איין לאַכן, די ביידע חברים. זיי האָבן אויך ניט אויפגעהערט צו לאַכן, ווען יאַנקל האָט אים געבראַכט צו זיין שוועסטער אין הויז. די פריילעכסטע זאַך אָבער איז געווען, ווען יאַנקעלע האָט ארקעלע'ן אריינגעפירט אין וואַש־צימער. אַזאַ זאַך איז שוין פאַר ארקעלע'ן געווען דער גרעסטער חוזק אין דער וועלט.

— זיי דאַרפן דיר זיין אין אַמעריקע די אמת'ע . . . אַז מען האַלט דיר אַ נוזשניק סאַמע אינמיטן שטוב. כאַ, כאַ, כאַ.

— כאַ, כאַ, כאַ — געפעלט שטאַרק יאַנקעלע'ן דעם חבר'ס זאָג.

— כאַ, כאַ, כאַ, דו ביזט שוין דער ריכטיגער באָסיאַק — גיט ארקעלע ווידער אַ באַגראָב יענעם אין האַרצן אריין.

ארקעלע מוז באַטראַכטן יעדע זאַך. ער טאַפּט די בענקלעך, ער שטורכעט די ווענט. ער ציט דאָס שטריקעלע, וואָס איז צוגעבונדן צום לעמפּל, און עס ווערט אַלע מאָל ליכטיג... און ער לאַכט, און לאַכט... ער קאָן שוין ניט אויפהערן לאַכן...

* * *

שפּעט אין דער נאַכט אָבער, ווען אַלע אין הויז זיינען שוין געווען טיף אין שלאָף, האָט דער וואָווליונגערישער הפקר'דיגער ארקעלע בורמילע אין זיין בעט געוויינט ווי אַ קליין קינד... געוויינט און זיך גאָרניט געקאָנט טרייסטן... געוויינט און געוואוסט, אַז מען קאָן שוין גאָרניט אומקערן אויף צוריק, אַז דאָס פריערדיגע, דאָס נאָענטע, דאָס היימישע איז שוין אויף אייביג פאַרלוירן...

וויינט מאַניע מיט הייסע טרערן . . .

די שוועגערין האָט געהייסן אין דער היים קאַטיאַ. הייסט זי דאָ אויך קאַטיאַ. דער ברודער האָט געהייסן אין דער היים מישאַ. הייסט ער דאָ אויך מישאַ. רעדן זיי רוסיש אין הויז. רעדן רוסיש אפילו מיט די קינדער.

אויף סעינט מאַרקס פּלעיס וואוינען זיי. ניט ווייט פון סעקאָנד עוועניו. אין דעם געגנט וואוינט אַ היפּשער טייל פון דער רוסישער

סקאַלאַניע. דאָרטן ניט ווייט געפינען זיך אַ פּאָר רוסישע קלויסטערס, אַ רוסישער בוך־געשעפט, אַ פּאָר רוסישע קאַפּע־הייזער.

איר ברודער מישאַ מישט זיך דאָ אין אַמעריקע ניט מיט די אידן. אין דער היים האָט ער זיך אויך ווייניג וואָס געמישט מיט די אידן, איר עלעגאַנטער, העלדישער ברודער מישאַ.

האָט זי אים אָבער געטראָפן דאָ אין אַמעריקע מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ און מיט אַ היפּש בייכל, דעם העלדישן ברודער מישאַ, וואָס פלעגט רייטן אויף אַ פערד אין טשערעמעיעוו, אַנגעטאָן ווי אַ פּריצ'ל, אין רייטער־הויזן, אין געלע שטיוועלעך און אַ קורץ טוזשורקעלע.

דאָ אין אַמעריקע פאַרקויפט ער צוקערקעס צו די קינדער פון דער גאַס. אין דער היים וואָלט מען עס גערופן, אַז ער שטייט אין אַ בודקעלע. דאָ רופט מען דאָס אַ קענדי־סטאָר. פאַרקויפט סעלצער־וואַסער, און מאַראָזשענע, און קאַראַנדאַשן.

צוליב אַ ליבע איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע פון רייכן טאַטנ'ס הויז. דער טאַטע האָט ניט געוואָלט דעם שידוך. ס'איז אים ניט אַנ־געשטאַנען זיך משדך זיין מיט מאיר דעם פעלדשער פון טשערעמעיעוו.

זיינען זיי נעלם געוואָרן ביידע, באַלאַבאַנ'ס געראָטן זינדל מיט קאַטיאַ'ן, דעם פעלדשער'ס טאָכטער.

— דאָראָגאָי בראַט מאָי (טייערער ברודער מיינער) — וויינט מאַניאַ באַלאַבאַן און קאָן זיך ניט טרייסטן.

— נו, ניע פּלאַטש סיעסטריצאַ (נו, וויין ניט, שוועסטער) — קושט דער ברודער די שיינע מאַניע, — רו זיך אוים פון וועג, קום צו־זיך.

זי זאָל זיך אויסרוען פון וועג ? ! אַז אין די פיר צימערלעך, וואָס אויפן פערטן שטאָק, איז דושנע, ענג און טומלדיג. אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט אין הויז. די שוועגערין קאַטיאַ אין אַ פאַרברודיגט קלייד, אַ צע־שויבערטע, אַ נאַכלעסיגע, קאָן זיך גאָר קיין עצה ניט געבן.

צוויי מיידעלעך, אין עלטער פון אַכט און צוועלף, אַזוינע טומל־דיגע, שרייענדיגע, פאַרשמירטע, פאַרברודיגטע, פאַרמאָגט דער ברודער מישאַ.

אַ הינטל איז אויך דאָ אין הויז. מיט בלאָטיגע פיסלעך, מיט אַ פאַרשמירט העזל. די ווייכע פעל זיינע איז איינגעטונקען אין אַש. מסתמא זיך אַרומגעקריגט מיט די קעץ אין די מיסט־קעסטלעך.

האַװקעט דאָס הינטל אויף מאַניע׳ן, איז בײז אויף דער פּרעמדער, שטשירעט די צײנדלעך, און די שװעגערין קאַטיאַ לאַכט, און די קינדערלעך לאַכן פון דעם קלוגן צעזאַר׳ן זײערן.

צעזאַר הײסט דאָס הינטעלע, און ער איז אַ געפּעשטשעטער דאָ אין הויז, אַ בן־יחיד. קריכט אויף דעם טיש, שטופּט די מאָרדע אין די טעלער, שפּרינגט אַרויף אויפן בעט מיט די בלאָטיגע פיסלעך, און די משפּחה קװעלט גאָר אָן פון דעם געראָטענעם צעזאַר׳ן.

דאָס אײנציגע פענצטער אין פאַרשטיקטן שלאָף־צימער גײט אַרויס צו אַ בלינדער װאַנט. איז פינצטער דאָרטן װי בײנאַכט. מאַניע ליגט אויפן בעט. דאָס האָט זי זיך צוגעלײגט אָפּרוען פון װעג. קומט אָבער ניט קײן רו. אַלע אבֿרים זײנען אין אַ גרױסער פּאַניק.

דינסטן זײנען אַרומגעגאַנגען אַרום איר אין טאַטנ׳ס הויז. גע־װאַקסן אין לוקסוס, אין רחבֿות. געצערטלט און געפּעשטשעט פון אַלע אַרומיקע. געלײענט ביכער אין גרױסן גאָרטן. געשיפלט זיך איבערן טײכל אין אַן אײגענער לאָדקע. אַרױסגעפּאָרן שפּאַצירן אין אַן אײגענער בריטשקע. אַ פּרינצעסין געװען אין דער הײם.

װײנט זי מיט הײסע טרערן און קאָן זיך גאָרניט טרײסטן.

— נו, ניע פּלאַטש סעסטריצאַ, ניע פּלאַטש. נו, װײן ניט, שװעס־טערל, װײן ניט — שטײט איבער איר דער ברודער מישאַ און װיל זי באַרואיגן.

דער ברודער מישאַ מיטן פּליכעװאַטן קאָפּ, מיטן היפּשן בײכל. קײן שום סימן איז ניט געבליבן פון זײן אַמאָליגן גלאַנץ און רום. אַ טרויעריג, הילפלאָז מענטשעלע, װאָס מוז גלײך אָנטאָן דעם פּאַרטוך און אװעק אין קענדי־סטאָר צו פאַרבײטן זײן װײבל קאַטיאַ, װאָס איז אַזױ אויסגעשיקט און אויסגעלומפּערט מיט די קונים...

איז דער דאָזיגער זש. זש. זש. שוין אויף אײביג פאַרבליבן אין פּרויקעלע׳ס זכרון . . .

אין דער הײם איז סײ װי סײ קײנער ניטאָ, האָט מען פּרויקעלע׳ן געבראַכט אין רעסטאָראַן. אַ רעסטאָראַן פּאַרמאָגט זײן שװעסטער מלכּה אויף אײנער פון די רוישיגסטע בראָנקסער גאַסן, ניט װײט פון

א סאָבוועי־סטאַנציע. איז אָפּן דער רעסטאָראַן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

זיצט פּרויקע אין רעסטאָראַן נאָך פון בייטאָג אָן. סאַמע ביים לעצטן טישל זיצט ער, קוקט זיך צו און שווייגט.

די שוועסטער מלכּה, וואָס הייסט דאָ אין אַמעריקע מאַלי, איז פאַרנומען אין קיך. דער שוואָגער איז פאַרנומען מיטן באַדינען די געסט. די צוויי שוועסטער־קינדער זיינע, צוויי משונה׳דיגע לאַנגע בחורים, זיינען אויך פאַרנומען. אַלע דריי האַלטן אין איין טראָגן טעלער מיט געקעכצן פון דער קיך אַרויס.

דרייט זיך אין רעסטאָראַן, אונטער דער סטעליע, א פאָכער, וואָס קילט די לופט. ברענען פילע עלעקטרישע ליכט. א סך שפּיגלען אויף די ווענט.

לויפט דער שוואָגער אַלעמאָל אין קיך אַריין מיט די פלאַכע פּיס. לויפן אויך די צוויי שוועסטער־קינדער אין קיך אַריין. און די גאַס אינדרויסן בריאזגעט, קלאַפּט, ברומט. און ער, פּרויקעלע, איז איצט א שטומער מענטש, א געפּענטעטער, א געבונדענער. ער קאָן פון דעם טישל זיך ניט רירן. ער מוז דאָ זיצן. ער קאָן קיין טראָט ניט מאַכן איינער אַליין, ווייל יעדער טראָט איז אים פאַרמד. ער וועט דאָ אַזוי לאַנג זיצן, ביז מען וועט אים הייסן זיך אויפהויבן. אַז ער וועט זיך אויפהויבן, וועלן מענטשן אים פירן ערגעץ אין א שטוב. וועט ער מוזן נאָכגיין. וואוהין מען זאָל אים ניט פירן, וועט ער מוזן נאָכגיין.

שעה׳ן און שעה׳ן אַז ער זיצט שוין דאָ, און ניט די שוועסטער גייט אַרויס פון דער קיך און זאָגט אים: ברודער פּרויקעלע, וואָס־זשע מאַכסטו, ברודער?״ און נישט דער שוואָגער און ניט די שוועס־טער־קינדער רופן זיך צו אים אָן, אָדער גיבן כאָטש א וואונק צו אים. מען איז אַלע גוואַלדיג פאַרנומען מיט דער פּרנסה. מענטשן קומען אַריין, מענטשן גייען אַרויס, און דער שוואָגער קוועטשט די מעטאַלענע קאַסע. שפּרינגט אַרויס א נומער, לויפט אַרויס א שופלאַדל און עס מאַכט אַלעמאָל ציק, ציק.

זשומעט דער עלעקטרישער פאָכער, וואָס דרייט זיך אַזוי שנעל, אַז מען קאָן שוין ניט באַמערקן, צי ער דרייט זיך גאָר אינגאַנצן.

זש, זש, זש, רוישט דער פאָכער. איז דער דאָזיגער זש, זש, פאַר־בליבן טיף אין זיין געהער. שפּעטער מיט יאָרן, ווען ער פלעגט נאָר

דערהערן דעם דאַזיגן זש־זש, איז גלייך אים געוואָרן אומעטיג און טרויעריג. עס האָט אים דערמאָנט אין פאַרלוירנקייט, אין הילפלאָזיג־קייט און אין געפּענטעטקייט...

* * *

פרויקעלע שלאָפט. מיטן קאָפּ אויפן רעסטאָראַן־טישל שלאָפט ער. באַמערקט קיינער ניט, ווי ער שלאָפט. ניט די שוועסטער, ניט דער שוואָגער, ניט די לאַנגע שוועסטער־קינדער. יענע האַלטן אין איין לויפן פון רעסטאָראַן אין קיך אַריין און צוריק.

זש־זש, רוישט אים אין די אויערן. אויף זיינע צוגעשלאָסענע אויגן אַזוי פיל עלנט.

אָבער ווער וואָלט זיך דעמאָלט געריכט, קוקנדיג אויף דעם דאַזיגן עלנטן גרינעם בחור'ל, וואָס שלאָפט זיך אַזוי נעבעכדיג, אַז עס וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן אַ גרויסער גביר, איינער פון די ניו יאָרקער מיליאָנערן?...

דעיוו וועט מאַכן דאָס בעט...

ער האָט דאָך געקאָנט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל. עס האָט אים אָבער געצויגן קיין בראָנזוויל אויף סאַראַטאָגאַ עווענו. זיין היים געווען אין אַמעריקע פאַר אַזוי פיל יאָרן. ציט אים איצטער צו דער דאָזיגער היים.

אפשר האָט די מיסעס סיגל טאַקע ניט פאַרדונגען דעם צימער, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט פאַר זיין אָפּפאָרן קיין טשערעמעיעוו. ער וועט דאָרטן אָפּשטיין מיט ווערא'ן עטלעכע טעג, ביז ער וועט אָפּזוכן אַ שיינעם קליינעם אַפּאַרטמענט.

וויינט די מיסעס סיגל. קושט ווערא'ן און וויינט. ס'איז איר געווען אומעטיג אָן דעם באָרדער. דאָס גאַנצע הויז איז געבליבן פאַר־יתום'ט נאָך זיין אָפּפאָרן. עס האָט מער ניט געסקריפּעט די פּאָדלאָגע אינעם באָרדער'ס צימער אַלע אָוונט, ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט. ס'האָט שוין מער ניט נעגרימפּלט די גיטאַרע פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. שטיל און פאַרלאָזן זיינען געווען אירע אַלע פיר צימערן. קיין אָפּטע שמועסן פלעגט דעיוו מיט איר ניט פירן די גאַנצע

צייט, וואָס ער האָט געוואוינט דאָרטן. אָבער עס איז זיך איר גע־שלאָפן בעסער, ווען נאָך אַ לעבעדיגער מענטש האָט געוואוינט אין הויז.

אַן אַלמנה איז די מיסעס סיגל. לעבט פון דעם, וואָס די קינדער שיקן איר צו. זייַנען די קינדער צעזייט און צעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע. איין טאָכטער וואוינט אין דעטראָיט, אַ צווייטע טאָכטער אין קליוולאַנד און צוויי זין אין לאָס אַנדזשעלעס. אַן עלנטע אַלמנה מיסעס סיגל, איז זי געבליבן צום צווייטן מאָל אַן אַלמנה, ווען איר באָרדער איז אָפּגעפאָרן. געטרויערט נאָך אים פּונקט ווי אַמאָל נאָך איר מאַן, ער זאָל דאָרטן האָבן דעם ליכטיגן גן־עדן.

אַן עלטערע פרוי די מיסעס סיגל, אָבער אַז עס דרייט זיך אַרום אַ מאַן אין הויז, איז אַקוראַט ווי זי האָט עפּעס אַ שייכות צו אים. איז די פינצטערניש ניט אַזוי שרעקנדיג, און די עלנטקייט פאַלט ניט אַזוי שווער.

— אַ בת־מלכה, שיין ווי די זון, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג — איז די מיסעס סיגל נעפּלעפט פון ווערא׳ס שיינקייט.

טריאומפירט דעיוו. ער איז איצט פאַר׳שיכור׳ט. די דאָזיגע מיסעס סיגל, וואָס האָט אים געקענט פופצן קיילעכדיגע יאָר אַן איינ־זאַמען, אַן עלנטן, און זי האָט אפשר געקאָנט טראַכטן וועגן אים, אַז ער איז אַ שלימזל אַ בחור, זעט אים איצט אין זיין גרויסן זיג.

פּונקט ווי דער, וואָס שטייגט צו אַ הויכן שטאַנד אין דער גרויסער שטאָט, האָט נאָך ניט קיין פולע הנאה פון זיין דערהויבנקייט, ביז ער ווערט אָנערקענט פון זייניגע אין זיין אייגן אָרעמען פּאַרוואָרפענעם שטעטעלע, אַזוי האָט דעיוו נאָך ניט געהאַט די פולע הנאה, ביז די מיסעס סיגל האָט ניט אָנערקענט זיין וואונדערבאַרן אויפטו. זי, וואָס האָט אים געזען אין זיין פּיין און אין זיין געפאַלנקייט אַלע יאָרן...

— און אָט דאָס איז מיין צימער — איז דעיוו גליקלעך, וואָס ער האָט אַריינגעפירט איינע פון די שענסטע מיידלעך אין דער וועלט אין דעם דאָזיגן צימער, וואו בלויז אַ בחור האָט זיך אַרומגעדרייט דאָ גאַנצע פופצן יאָר... מיט אומרואיגקייט, מיט בענקשאַפט, מיט פאַרצווייפלונג...

— זעץ זיך, ווערא, זעץ זיך — לאַדט ער זי איין מיט אַן אָפיציעלער שטימע.

זעצט זיך ווערא און וואונדערט זיך, וואָס זיין קול איז פּלוצלונג געוואָרן אָפיציעל.

— און דאָס איז מיין גיטאַרע — צעעפנט ער אַ גרויסן שאַכטל.

— איר קענט שפּילן אויף אַ גיטאַרע? — וואונדערט זיך ווערא.

— מיר קענען אַ ביסעלע שפּילן — זאָגט דעיוו דאָס וואָרט „ביסעלע" מיט איבערגעטריבענער באַשיידנקייט.

שפּילט דעיוו די שענסטע ניגונים'לעך. כאַפּט אַלעמאָל אַ בליק אויף ווערא'ן, ווייל כאַפּן פון דעם אויסדרוק אויף איר פּנים, וואָס זי טראַכט איצט וועגן אים.

טראַכט איצט ווערא אָבער ניט וועגן אים. וועגן משה'ן טראַכט זי. מיט פיל ווייטאָג און בענקשאַפט טראַכט זי וועגן משה'ן. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אפילו אָן אַ זיי־געזונט. ער האָט ניט געסטאַיעט אין דעם גרויסן טומל, אין דער גרויסער צערודערניש...

וואוהין זשע וועט זי אים איצט גיין זוכן, אַז יעדער טריט איז איר פרעמד דאָ אין לאַנד? הערט אויף דעיוו צו שפּילן. ער זעט, אַז זי איז איצט ווייט פון אים און פון זיין שפּילן. ווייט אויף טויזנטער מיילן. טראַכט ער אויך וועגן משה'ן. וואונדערט זיך וועגן די ווייטער־דיגע טעג.

דאָ גייט דערווייל דער טאָג אַראָפּ. עס קומט אריין די נאַכט אין צימער. אָבער אַן אַנדער נאַכט אַזאַ. ניט יענע נאַכט, וואָס פלעגט קומען פאַר אַזוי פיל יאָרן אין דעם צימער, און געטראָפן דעיוו'ן איינעם אַליין איבער אַ בוך, אָדער איבער זיין גיטאַרע.

די נאַכט האָט געטראָפן דעיוו'ן מיט אַ מיידל. לייגט זיך די גאַנצע ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל אויף דעם מיידל'ס פּנים. בליט דאָס מיידל אין דער אַמעריקאַנער ביינאַכטיגער ליכט. ווערט שטילער דער גערויש אויף דער גאַס. פרידן און רו. לייגט זיך פרידן און רו אויפן ווייסן זייבערן בעט.

— איי, ווייראָטשקאַ, ווייראָטשקאַ — רעדט ער צו איר שטיל און גוט — וואויל איז צו די מענטשן, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען. אַזוי פיל יאָרן האָב איך געבענקט נאָך אַ טייערן וואוילן מענטשן. אין דעם דאָזיגן צימער געבענקט.

ווערא איז אָבער מיד, ווערא איז בלאַס. ווערא'ס אויערן הערן ניט, וואָס ער זאָגט.

— אַט וועל איך מאַכן דאָס בעט, וועסטו זיך צוליגן. איך האָב שטענדיג געמאַכט מיין בעט איינער אַליין.

ער גלעט דעם ליילעך. שלאָגט אויס די קישנס. פאַרשאַרט די קלאָדרע. ער ציטערט ממש פון גרויס נחת. אין דעם בעט, וואו ער איז יאָרן געשלאָפן אַליין, וועט ער זיך איצט לייגן מיט אַ ווייב.

ער לעשט אויס די ליכט. איז די פינצטערניש פול מיט ליידנשאַפט. די פינצטערניש איז הייס און זי ברייט.

— וויעראָטשקאַ, וויעראָטשקאַ — לייגט ער זיך אויך אין בעט.

לאָזט זי זיך אַרומנעמען. זי האָט ניט קיין כחות צו ווערן זיך. זי איז שוואַך. אַ שוואַכע פרוי. אין דעם דאָזיגן פרעמדן לאַנד איז ער דער איינציגער נאָענטער מענטש צו איר. מעג ער זי שוין אַרומנעמען. מעג ער זי שוין קושן און גלעטן און באַרירן איר מיידלש לייב.

שלאָפט שוין וועראַ. וואַכט איבער איר דעיוו. די פינצטערניש זינגט צו אים. די גאַנצע נאַכט איז איצט פול מיט ליבע און מיט געזאַנג. ער האָט געזונגט. טאַקע אין דעמזעלביגן צימער און אויף דעמזעלביגן בעט, וואָס האָט געזען אי זיין פיין אי זיין עלנטקייט...

די אויסגעפּאַטשטע . . .

קלאַפּט דאָס האַרץ ביי פּרויקעלע'ן הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, קווינקלט זיך, זאָל ער אָנקלאַפּן? אפשר איז עם ניט דאָ? אויב ניט דאָ, וואָר־זשע דען איז עס? נומער דריי־„בי" איז געשטאַנען אין בריוול. שטייט טאַקע אויף דער טיר אָנגעשריבן דער נומער דריי־„בי".

קלינגט ער אָן. עפּעס רודערט זיך דאָרטן אינעווייניג. און וואָס־זשע טאַקע וועט ער טאָן, אויב ס'איז ניט דאָ? ער וועט זאָגן „עקסקיוז מי". יאָ, ער וועט זאָגן „עקסקיוז מי". וואָס קאָן מען אים טאָן דערפאַר?

עפנט זיך די טיר און ס'באַווייזט זיך דעיוו, מיט אַזוי פיל פריינט־לעכקייט. ווערט פּרויקעלע אַזש געריררט ביז טרערן.

— קום אַריין, פּרויקעלע. וועראַ, ס'איז פּרויקעלע. וואָס פאַר אַ גאַסט! זעץ זיך, פּרויקעלע.

שמייכלט שוין פּרויקעלע מיט זיין חן־גריבעלע און מיט די זיידענע שוואַרצע אייגעלעך. ער האָט טאַקע געטראָפן דאָרטן, וואו מען באַ־

דאָרף. ער האָט טאַקע געבלאַנדזשעט אַהער, צוואַנציג בלאָק אַנגעלייגט, אָבער ער איז געקומען דאָרטן, וואו מען באַדאַרף.

— וואָס־זשע מאַכסטו, פּרויקעלע?

— אָלראַיט — ענטפערט ער, און פרייט זיך, וואָס ער האָט געזאָגט „אָלראַיט".

— ווי דו האָסט זיך פאַרפּוצט ביי אונז אין אַמעריקע! — קוועלט אָן דעיוו.

פּרויקעלע איז אַנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין אַמעריקאַנער מלבושים. אַ פּסח'דיגער זעט ער איצט אויס. ס'געלע קאַפּעליושל, וואָס דער שוואָגער האָט אים געקויפט פאַר 2 דאָלער מיט 75 סענט, זיצט ביי אים אויפן שפּיץ קאָפּ. ס'איז נאָך ניט געוואוינט, דאָס בראָנקסער קאַפּעליושל, צו זיצן אויף אַ טשערעמעיעווער בחור'ס קאָפּ.

נעמט ביי אים אַראָפּ דעיוו זיין קאַפּעליושל. בלייבט זיצן פּרויקע ווי אַ נאַקעטער, אין דער היים קיינמאָל ניט געזעסן אין אַ הויז אָן אַ היטל.

— וואָס פאַר אַ שיינער סוט! — טאַפּט אים דעיוו דאָס געוואַנט.

— אַ שיינער סוט, זאָגסטו? — גלויבט זיך ניט פּרויקעלע. — און מיר דאַכט זיך אויס, אַז איך בין אַנגעטאָן ווי אויף חוזק, ווי אַ קאָמעדיאַנט. ניין, ס'געפעלט מיר ניט, ווי מען נייט דאָ מלבושים אין אַמעריקע. קוק אָן דאָס זשילעטל. אַ זשילעטל איז דאָס? ס'איז קוים אַ זשילעטל, אויסגעשניטן אַרום און אַרום. און מיינע הויזן? קוק ווי שמאָל זיי זיינען, פונקט ווי מאַטקעס, ווי אונטער־הויזן. ביזט כאָטש אַ מבין אויף די אַמעריקאַנער שיך, באַזונדערס די שפּיציקע נעז? ס'איז אויף חוזק. דעיוו, אַ שוך, פאַרשטיי איך, דאַרף זיין אַ שוך. עט — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי זיין טאַטע, רעב סענדער, פלעגט אַ מאַך טאָן, ווען ס'איז אים עפּעס ניט געפעלן.

באַטראַכט דעיוו אָט דעם פּרויקעלע'ן. פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ. ער האָט דאָך קישעלעך אונטער די אויגן. אַ יונגער בחור מיט קישעלעך אונטער די אויגן. ער זעט אויס איינגאַנצן ווי אָן אויסגע־פּאַטשטער, אַקוראַט ווי אַמעריקע וואָלט אים די אַלע צען טעג, וואָס ער געפינט זיך אין לאַנד, געהאַלטן אין איין פּאַטשן אין פּנים אַריין.

דערנאָכדעם, ווען די איבעריגע טשערעמעיעווער זיינען געקומען, האָבן זיי אויך אויסגעקוקט ווי אויסגעפּאַטשטע, צעשלאָגענע, אויפגע־

רודערטע. לאַכן אומנאַטירלעך. ווערן מיט אַמאָל פאַרטאַיעט. שרעקן זיך. קאָנען זיך ניט אָפּלאָזן און בלייבן זיצן אויף די בענקלעך רואיג און געלאַסן, ווי מענטשן זיצן. אָנגעשטרענגט זיצן זיי די גאַנצע צייט. ווייסן ניט פון קיין רו.

— וואָס־זשע איז דיין ארבעט, פּרויקעלע?

— אוי, פרעג שוין ניט, דעיוו — איז פּרויקעלע׳ן גוואַלדיג שווער.

זיין שוועסטער האָט באַשלאָסן, אַז איידער מען וועט אים אָפּזוכן אַ פּאַסיגע ארבעט, זאָל ער דערווייל ארויסהעלפן אין רעסטאָראַן און פאַרדינען אויף זיין ברויט. נעמט ער צו די כלים פון די טישן.

— „דישעס" זאָגט מען דאָ אין אַמעריקע אויף כלים — דערקלערט ער דעיוו׳ן. — „דישעס".

ער, פּרויקעלע רעב סענדער׳ס, וואָס שטאַמט פון אזא גרויסן יחוס, דאַרף דאָ אין אַמעריקע צונעמען די שמוציגע טעלער פון יענעם. ווען זייניגע אין טשערעמעיעוו זאָלן זיך וועגן דעם דערוויסן, וואָלט ביי זיי געווען תשעה באב אין הויז. יאָ, ער טראָגט די „דישעס" אין קיך, ווישט מיט אַ נאַסער שמאַטע די טישלעך, גייט אָנגעטאָן אין אַ פאַרטוך.

שמייכלט דעיוו. ער ווייסט גאַנץ גוט דעם טעם פון די ערשטע טעג אין אַמעריקע.

— ניט געזאָרגט, פּרויקעלע, וועסט זיך אָסאָזשען (צוגעוואוינען), ווי מען זאָגט ביי אונז אין בעסאַראַביע.

— יאָ, איך וועל זיך אָסאָזשען — איז פּרויקעלע טרויעריג. — אַי, דעיוו, דעיוו — טוט ער אַ ביטערן זיפץ.

* * *

מען קלינגט אין דער טיר. ס׳איז וועווקע טאַפּער. אריינגעלאָפן אין הויז מיט אזא פרייד, מיט אזא הישן.

— הי, הי... פּרויקעלע — כאַפּט ער אים ארום און גיט אים אַ קוש אין דער באַק. געוואָלט אַ קוש טאָן דעיוו׳ן אויך, האָט זיך יענער פאַרדרייט. — געמיינט, אַז איך וועל ניט טרעפן אהער, אָבער איך האָב געטראָפן.

— וואָס־זשע מאַכסטו, וועווקע?

— איך הייס שוין ניט וועווקע, הי־הי. איך הייס שוין ווילי. ווי געפעלט אייך אזא נאָמען ווילי שמילי, הי, הי.

ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז וועווקע אָנגעטאָן אין אַזוינע טייערע מלבושים. אַ געשטרייפּטער בלויער אָנצוג, מיט גרויסע גלעזערנע קנעפּ, אויך מיט שפּיציקע נעז. דער עיקר אָבער איז דער שניפּס.

— איך האָב זיך קוים אויסגעלערנט צו מאַכן אַ קנופּ — באַרימט ער זיך מיט זיין שיין־פּאַרבונדענעם שניפּס. — גיב אַ טאַפּ ס'העמד. אַ זיידן העמד, ווי איך בין אַ איד. הי, הי, הי.

— וואָס־זשע איז דיין אַרבעט, ווילי?

— יאָ, רופט מיך טאַקע ווילי, וועל איך מיך צוגעוואוינען צו מיין נייעם נאָמען — איז וועווקע שטאַרק צופרידן, וואָס דעיוו רופט אים „ווילי".

— אָבער וואָס טוסטו אויף אַ לעבן צו מאַכן?

דערציילט ער, ווי אַ גאַנצע וואָך האָט מען אים דאָרטן אין הויז ניט געלאָזט מיט קיין פינגער אין קאַלט וואַסער אַריינטאָן.

— מען האָט מיך דאָרטן געשטאָפּט ווי אַ גאַנז אויף פּסח, הי, הי, הי.

— זעסט טאַקע אויס פּאַפּראַוועט — שפּאַסט פון אים פּרויקעלע.

— אַ משל! מען עסט דאָ אין אַמעריקע אַזוי פיל, פּונקט ווי ביי די נגידים אויף שבת, הי, הי. און וואָס פאַר אַ זאַכענישן איך האָב שוין געזען, וויי, וויי. דער קאָפּ דרייט זיך מיר אַזש.

מלך מיטן ווייב האָבן אים אַרומגעפירט איבער ניו יאָרק און אים געוויזן די אַלע חידושים. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהוליעט. דערנאָך האָבן זיי אים געדונגען אַ פּושקאַרט, אים אַוועקגעפירט אויף בעלמאָנט עוועניו, און ער האָט פאַרקויפט צו די ווייבער פון בראָנזוויל קאַרטאָפּליעס.

— פּאָטעיטאָס, פּאָטעיטאָס! — ווייזט ער פאַר זיינע לאַנדסלייט, ווי ער שרייט אויף בעלמאָנט עוועניו. — פּאָט־עי־טאָס. קאַרטאָפּליעס איז ביי זיי פּאָטעיטאָס, הי, הי.

* * *

— העלאָ, אוואַריו — פאַרנויגט זיך זייער עלעגאַנט דער אַריינקומענדיגער בערל.

שיך מיט קאַמאַשן טראָגט ער, בערל, און הענטשקעס, און אַ פיינעם גרויען מאַנטל, מיט אַ חנ'עוודיגער ברוינער שליאַפּע.

— דו ביזט דאָך אַ גאַנצער ספּאָרט — דערפרייט זיך איבער אים דעיוו.

— איי ספּאָרט איז ראַיט — ענטפערט ער אין ענגליש, מיט אַזאַ נאַטירלעכער מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט אַלע זיינע יאָרן גערעדט די דאָזיגע שפּראַך.

— איז ווי אַזוי זשע מאַכסטו אַ לעבן, בערעלע?

זיין ברודער, וואָס איז אַ פּאָטאָגראַפּשטשיק, שיקט אים איבער די הייזער אָננעמען אַרבעט.

— ס'איז גרינג, אַ מחיה — שמייכלט ער צו זיינע לאַנדסלייט. — קלינגסט אָן אין אַ הויז און פרעגסט: „ווילט איר אפשר פאַרגרעסערן דאָס בילד פון אייער טאַטן, צי פון אייער מאַמען, צי פון זיך אַליין? מיט קאָלירן מאַכן מיר דאָס און מיט גאָלדענע ראַמלעך."

טאָמער טרעפט ער ניט צו קיין אידן אין הויז, קאָן ער דאָס שוין זאָגן אין ענגליש. ער נעמט אויס ביי פרעמדע מענטשן מיט זיינע ממזר'ישע אייגעלעך און מיט די חנ'עוודיגע זיידענע וואָנצעלעך... און מען גיט אים באַשטעלונגען.

— איך האָב שוין אויך געגעסן אין אויטאָמאַט. מען וואַרפט אַריין אַ ניקעלע, און ס'גיסט זיך גלייך אָן קאַפּע.

ער האָט שוין אפילו געטראַכט, ווי אַזוי נאָכצומאַכן די ניקעלעך פון שטיקלעך בליי. אָבער וועגן דעם דערציילט ער ניט.

— איך האָב ליב דאָס לאַנד. עס איז אַ מחיה'דיג לאַנד, טראַ־ראַ־רי־ראַ־ראַ.

* * *

שפּאַנט זיך אַריין יאָסל, בנימין דעם וויינשענקער'ס, אַזאַ אויסגעבלאַסטער, אַזאַ פאַרמאַטערטער.

— וואָס איז דיר, יאָסל? — דערשרעקט זיך ווערא.

— פילסט ניט גוט? — זעצט זיך לעבן אים צו דעיוו.

— איך קאָן ניט שלאָפן אין אַמעריקע — קלאָגט זיך יאָסל פאַר זיינע לאַנדסלייט.

— ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט, וועסט זיך צוגעוואוינען — טרייסט אים דעיוו. — ווען איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אויך ניט געקאָנט איינשלאָפן די ערשטע נעכט.

— עפּעס פּאָיעזדן פאָרן אום א גאַנצע נאַכט און זיי טאַראַראַכקען מיט די רעדער. אינמיטן שטאָט זאָלן פאָרן פּאָיעזדן און ניט לאָזן מענטשן שלאָפן! — גיסט אוים יאָסל זיין ביטער האַרץ.

— וועסט זיך צו דעם צוגעוואוינען — רעדט אים איין דעיוו. — וועסט זיך אַזוי צוגעוואוינען, אַז ווען דו וועסט נאָכדעם וואוינען אויף אַן אַנדער גאַס, וועסטו שוין ניט קאָנען קיין אויג צומאַכן צוליב דעם, וואָס עס פאָרן ניט קיין פּאָיעזדן.

— איך וויל זיך ניט צוגעוואוינען — פּעסטשעט זיך יאָסל. — איך וויל ניט. איך וויל אַנטלויפן, איך וויל פאָרן צוריק...

* * *

— אַך, וויעראָטשקאַ, דאָראָגאַיאַ, מילאַיאַ! (אַך, וויעראָטשקאַ, טייערע, האַרציגע!) — קושט זיך מאַניע מיט ווערא'ן.

זי איז אַריינגעקומען אַ פאַרווירטע, אַ צעטומלטע און אויך אַן אויסגעפּאַטשטע. אַמעריקע האָט מאַניע'ן אויסגעפּאַטשט מערער פון אַלעמען. אַ מערדערלעך לאַנד צו איר. צוגענומען ביי איר די גאַנצע זיכערקייט פון לעבן.

— אַך, מאַניטשקאַ, מאַניטשקאַ — קלאָגט זיך פאַר איר ווערא אין דער שטיל. — פון דער שיף אָן, אַז איך האָב אים אין מיינע אויגן ניט געזען.

כאַפּט זיך גלייך ניט מאַניע, וועמען זי מיינט. זי האָט שוין פאַרגעסן אינגאַנצן אָן דער געשיכטע פון ווערא'ן מיט משה'ן.

ס'דאַכט זיך איר אוים, אַז די דאָזיגע געשיכטע האָט גאָר פּאַסירט מיט יאָרן און יאָרן צוריק. איר אייגענע געשיכטע מיט פּעטיא'ן, דעם גלח'ס זונדל, איז אויך פאַרלאָפן, ווער ווייסט מיט וויפיל יאָרן צוריק. ניט קיין צען טעג איז ערשט מאַניע אין אַמעריקע. שוין צען יאָר, אַז זי איז דאָ, און אפשר נאָך מערער. ווייל אַזאַ ווייטע שטרעקע טיילט אָפּ מאַניע'ן פון איר פריערדיגן לעבן. אַזאַ גרויסער ים, אַזוי פיל לענדער...

* * *

— קוק דאָס אָן, דאָס אַרקעלע, הי, הי — קושט זיך וועווקע מיט אַרקעלע'ן, וואָס איז אָנגעקומען מיט זיין חבר יאַנקעלע.

„קוקט אָן דאָס אַרקעלע". און אַרקעלע זעט גאָר אויס איצט ווי

אַ פּסח׳דיג אָנגעטאָנענער אינגל אין טשערעמעיעוו, וואָס האָט פאַר־שפּילט זיינע אַלע ניס, און דערפאַר איז ער אַזוי טרויעריג און אומעטיג.

ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ארקעלע האָט אָנגעטאָן אַ רעקל מיט אַן אויסגעשניטענעם קאָלנער. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן — אַן אויבערהעמד מיט אַ גאַלסטוק. אַ יום־טוב׳דיג אָנגעטאָנענער ארקע־לע, אָבער עס גייט אים ניט איין דער יום־טוב.

ס׳איז אים ניט ניחא דאָס נייע לאַנד. ער מוז אַרבעטן און ער וויל ניט אַרבעטן. ער, וואָס איז אומגעלאָפן ביז אַהער אַזוי ווילד און פריי און געווען דער מלך פון אַלע שלעגער, מוז גאָר איצט אויפשטיין אַלע פאַרטאָג, אַלע פאַרטאָג אַחוץ זונטאָג, פּונקט צו דער מינוט און לויפן מיט זיין חבר יאַנקעלע צו דער אַרבעט. נאָך וואָס פאַר אַן אַרבעט! — זי שטינקט, די דאָזיגע אַרבעט. ער האָט אפילו אין טשערע־מעיעוו ניט געקאָנט אַריינגיין אין הויז פון יאַנקל דעם קירזשנער צוליב די מיאוס׳ע ריחות פון די שמויסן און פעלן. דאַרף ער איצט אויך האָבן צו טאָן דאָ מיט שמויסן און פעלן...

*   *   *

— און וואו איז משה? — פרעגט וועוקע תם אין דער הויך. און אַלע פאַרשעמען זיך צוליב דעם, וואָס ער האָט געפרעגט אין דער הויך: „וואו איז משה?"

— איך ווייס טאַקע ניט, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען — ענט־פערט דעיוו אויך אין דער הויך, אַז ווערא זאָל הערן. — איך האָב אים פּונקט ווי אַלעמען געשיקט אַ בריוול און אים אויסגעמאָלן, ווי אַזוי מען דאַרף קומען אַהער.

ער האָט טאַקע געזאָגט דעם אמת, דעיוו. ער האָט צו אַלע נייע לאַנדסלייט צעשיקט בריוו און אויסגעמאָלן, ווי אַזוי מען דאַרף קומען צו דער זיבעטער עוועניו, ניט ווייט פון סענטראַל פּאַרק.

אין דער זיבעטער עוועניו, ניט ווייט פון סענטראַל פּאַרק, האָט דעיוו אויסגעקליבן אַ דירה. מיט אַ סך זון אין אַלע פענצטער. זאָל שיינען די זון אין זיין וואוינונג און באַשיינען דאָס נײַ־געקויפטע, ברוין־אָפּגעפּאָליטורטע בעט מיט דעם זויבערן ווייסן בעטגעוואַנט. זאָל שיינען די זון אויף די גרינלעך־אויסגעפאַרבטע ווענט, אויף די גראַציעזע נייע בענקלעך, אויף דעם ווייכן מאַסיוון דיוואַן, אויף די קאָלירטע טעפּיכער וואָס ליגן אויפן דיל. אויף דעם בילד פון זיין

טאטן און מאמען, וואס הענגען אויף דער וואנט אין שלאף־צימער. אויף זיין אייגן בילד און ווערא׳ס בילד, וואס ער האט גלייך דעם צווייטן טאג באשטעלט ביי א פאטאגראפשטשיק. זאל די זון שיינען אויף דער שיינער יונגער ווייבל זיינער מיט די טיפע בלויע אויגן, וואס דערמאנען אים אן טשערעמעיעווער הימל.

דעיוו האט שוין גענוג זיך אנגעבענקט אין דעם לאנד. געבענקט נאך זון, נאך גרינע ביימער, נאך דער ווארעמקייט פון א ווייב. איצטער, אז גאט האט אים געהאלפן, מעג ער זיך פארגינען.

— טרינקט־זשע, מיינע ליבע פריינט. ס׳איז אמת׳ער בעסא־ראביער וויין. פארזוכט, חברה. קעיק, ניס, איינגעמאכטס. אפשר א סענדוויטש. שעמט זיך ניט. פאר אייערטוועגן אלצדינג צוגעגרייט.

— זאל גאט העלפן — פארזוכט פרויקעלע פון בעסאראביער וויין און שטרעקט אויס א האנט צו דעיוו׳ן. — זאל דיר גאט העלפן, זאלסט זיך עלטערן אין רייכקייט און אין גליק מיט דיין ווייבל.

— און זאל אונז גאט אויך העלפן אין דעם נייעם לאנד — מאכט א פרום פנימ׳ל דאס בערעלע גאנאפטי. — מיר דארפן אודאי זיין הילף — גיט ער א זיפץ...

— לחיים, לחיים — ווינטשעווען זיך איינער דעם אנדערן, פונקט ווי זייערע טאטעס אין טשערעמעיעוו אויף א שמחה — לחיים, לחיים...

— אי, וואלט איך געגעסן מאמעליגע! — שרייט אוים וועווקע טאפער א ביסעלע בגלופין פון די פאר גלעזער בעסאראביער וויין.

— וואלסטו, הייסט עס, יא געגעסן א מאמעליגע? — רופט זיך אן פרויקעלע מיט שפאט אין די קלוגע זיידענע אייגעלעך. — מיט ברינזע צי אן בריזנע?

— הי, הי, הי, מיט ברינזע וואלט אודאי געווען בעסער ווי אן ברינזע — באלעקט זיך וועווקע.

— שווער עסט מען דא מאמעליגע אין אמעריקע — רופט זיך אן יאנקעלע.

— שא, יאסל שלאפט, יאסל שלאפט! — וויל בערעלע אריינ־שרייען דעם שלאפנדיגן אין די אויערן אריין.

— זאל ער שלאפן — לאזט ניט ווערא אריינשרייען אים אין די אויערן.

זי הייסט דעיוו'ן ארויפליגן יאָסל'ס פּיס אויפן דיוואַן. זי ברענגט אַ קישן פון שלאָף־צימער.

ווייסט ניט יאָסל, וואָס מען טוט צו אים. ער ווייסט נאָר, אַז ס'איז אים גוט געוואָרן מיט אַמאָל, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוועזן צוריק אין טשערעמעיעוו, און ער האָט זיך געלייגט אויף דער סאָפּקע וואָס ביי זיי אין הויז, און ס'איז איצט אַ מחיה צו שלאָפן. לאָזט ער זיך אריין אין געשמאַקן טיפן שלאָף. וועקט אים שוין ניט אויף דער טומלדיגער געשפּרעך און דערנאָכדעם דאָס שפּילן אויף דער גיטאַרע.

שפּילט דעיוו פאַר די געסט רוסישע לידער, און וואַלאַכישע לידער, און אידישע „שטיקעלעך" אויף זיין גיטאַרע. זינגען מיט די טשערעמעיעווער חברה און האָבן אַ גרויסע הנאה פון זייער אייגענעם זינגען. שאָקלען זיך אַזש פון גרויס באַגייסטערונג, פאַרמאַכן די אויגן פון עקסטאַז.

שמעקן צו זיי די ניגונים'לעך מיט דער טשערעמעיעווער ערד, מיט הויכע בלויע הימלען, מיט פעלדער און וועלדער, מיט דער מאַרק־גאַס און מיט אַלע היימישע ריחות.

דער ליכטיגער האַרבסט־טאָג גייט אַוועק. ס'ווערט טונקל און טונקעלער אין צימער. דערנאָכדעם ווערט נאַכט. זיצט מען אין דער פינצטער. מ'רוקט זיך צונויף. מ'ווערט איינס. ברידער און שוועסטער פון איין לאַנד. מ'האָט גאָר אינגאַנצן איצט פאַרגעסן, אַז מ'איז איצטער אין דער פרעמד. מ'איז פאַרטאָן, מ'איז פאַרצויגן. הערט מען שוין ניט, ווי די שויבן ציטערן. ווי די פרעמדע שטאָט ברומט אריין אין די פענצטער.

— גוט, אַ מחיה, אַי, אַי — האָבן די וואונדערלעכע טענער פון דער גיטאַרע דורכגענומען ביי וועמען אַלע ביינער זיינע.

— דאָס פאַסטוכל — בעט זיך אַרקע — שפּיל, דעיוו, „דאָס פאַסטוכל".

„מאַכט דאָס פאַסטוכל . . . צי האָסטו אפשר ניט געהערט? צי האָסטו אפשר ניט געזען . . . וואו די ביינדעלעך פון מיינע שעפעלעך..."

* * *

און אַז ס'האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטריע, און ס'איז געוואָרן ליכטיג אין הויז, האָט זיך אָפּגעטאָן דער כישוף. איז מען געזעסן און מען האָט געשוויגן. מען האָט געשוויגן און זיך צוגעהערט, ווי די

פרעמדע שטאָט ברומט אריין אין די פענצטער און לאָזט וויסן, וואו זיי געפינען זיך, די טשערעמעיעווער חברה.

באַפאַלט אַ גרויסער צער יעדן איינעם. יאָוועט זיך וויסטע אומ־רואיגקייט: אוי, מען דאַרף זיך איילן אַהיים. מען דאַרף אויפשטיין צו דער אַרבעט אַזוי פרי פאַרטאָג, און מען וואוינט גאָר אַזוי ווייט, און מען איז נאָך אַזוי גרין, און מען וועט דאַרפן פרעגן מענטשן דעם וועג, און מען האָט מורא צו פרעגן דעם וועג, ווייל די מענטשן ענטפערן דיר מיט חוזק און קוקן דיך אָן מיט שפּאָט. זיי דערקאָגען דיך גלייך, אַז דו ביזט אַ גרינער.

— גוד באַי, דעיוו! גוד באַי, ווערא!...

— פאַרגעסט ניט צו קומען נאָך אַמאָל... די טיר פון מיין הויז איז שטענדיג אָפן פאַר אייך...

מ'איילט אַרויס. מ'ווערט גלייך אַרומגעכאַפּט פון דעם יאָגנדיגן אינדרויסן, פון דעם אימפּעטיגן גערויש, פון דער שרעקנדיגער פרעמד־קייט.

מען רייסט זיך אָפּ פון ביסל היימישקייט. מען צעלויפט זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען. עס ווערט שווער און אומעטיג. מען זיצט אין די באַנען און מען הוידעט זיך. מען קוקט מיט פאַרדאַכט אויף די מיטפאָרנדיגע, צי זיי לאַכן אפשר ניט אָפּ. מ'דרייט דעם קאָפּ צו יעדער סטאַנציע, ווען דער באַן שטעלט זיך אָפּ. אפשר דאַרף מען גאָר דאָ אַראָפּשטייגן. אפשר איז מען גאָר פאַרפאָרן אין אַן אַנדער זייט...

זי האָט פאַרלוירן אַזאַ טייערן דימענט

מאַניע האָט ניט געוואָלט אַהיימגיין. זי וועט נאָך אַ ביסל בלייבן מיט ווערא'טשקאַ'ן. רעדט זי טאַקע צו ווערא, אַז זי זאָל בלייבן. און אפשר זאָל מאַניע איינגאַנצן איבערנעכטיגן ביי זיי אין הויז. זיי האָבן אַ דיוואַן, וואָס איז אַזוי גוט ווי אַ בעט, וועט דעיוו זיך לייגן אויפן דיוואַן.

לאָזט זיך מאַניע איבעררעדן. זי וועט טאַקע פאַרבלייבן דאָ איבער נאַכט. זי וואָלט שוין געבליבן דאָ אויף אייביג. וואָס וועט זי אַהיימ־גיין? צו דער אָרעמקייט, צו דער שמוציגקייט?

— וויעראָטשקאַ, מילאַיאַ, דאָראָגאַיאַ — נעמט מאַניע אַרום איר חבר'טע, ווען זיי ליגן זיך ביידע אין בעט — ס'איז מיר אַזוי ניט גוט. איך וויל שטאַרבן.

— גלופּאַיאַ (נאַרישע) — דערשרעקט זיך ווערא.

— איך וויל שטאַרבן — איז יענע איינגע'עקשנ'ט. — איך וועל מיר נעמען דאָס לעבן.

זי, מאַניע, דעם טשערעמעיעווער גביר'ס טעכטערל, דאַרף זיצן ביי אַ מאַשין אין שאַפּ, ווי יעדע איינע פון נידעריגן קלאַס, און שטעפּן אַרבל. אַז זי קאָן דאָס גאָרניט טאָן. אַז אירע פינגער טויגן ניט דערצו. אירע פינגער האָבן געקאָנט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. אירע פינגער האָבן זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין לעדערנע פּערטשאַטקעס (הענטשקעס). אירע פינגער האָבן געקאָנט זייער שיין מישן די בלעטלעך פון די ראָמאַנען. אירע פינגער זיינען געוואוינט געווען געקושט צו ווערן פון הויכגעשעצטע הערן.

זי וויינט, מאַניע, מיט ביטערע טרערן. זעט פאַר זיך דאָס לעבן אין שוואַרצן. זעט איר צוקונפט אין טרויער. זי, וואָס האָט געענדיגט זיבן קלאַסן גימנאַזיע און רעדט אַזוי שיין רוסיש, דאַרף איצט פאַר־געסן אַלץ, וואָס זי האָט געלערנט ביז אַהער. מוז אָנהויבן זיך לערנען די נייע שפּראַך פון אָנפאַנג.

— וויעראָטשקאַ, וויעראָטשקאַ — האַלזט זי איר חבר'טע — גיב אַן עצה, ראַטעווע מיך.

טרייסט זי ווערא מיט פיל גוטסקייט. און ווערא דאַרף גאָר אַליין געטרייסט ווערן. זי האָט פאַרלאָרן אַזאַ טייערן דימענט. און פאַר־וואָס איז ער היינט ניט געקומען? אפשר האָט אים דעיוו ניט געשיקט קיין בריוו, ער זאָל קומען?...

זיי פליסטערן, ביידע חבר'טעס, אין דער פינצטער. טרייסטן איינע די אַנדערע, ווערן אָנגעוואָרעמט. דערמאָנען זיך אין טשערעמעיעוו. רעדן רוסיש גיך, גיך.

שלאָפט דעיוו אויפן דיוואַן. עס איז אים קאַלט. קיינמאָל איז אים נאָך ניט געווען אַזוי קאַלט אין אַמעריקע, ווי היינטיגע נאַכט. שוין צוגעוואוינט צו דער שמעקנדיגער וואַרעמקייט פון יונגן ליב, פילט ער זיך איצט ווי אויסגעהוילט, אָפּגענאַרט, אַ באַראַבעוועטער. הערט זיך צו מיט פאַרשפּיצטע אויערן, ווי זיי קנאַקן דעם רוסיש גיך,

ניך. איז ער פול מיט פארדרוס אויף דער נארישער מאניע, וואס האט צוגערויבט ביי אים אזא טייער שטיק בעט...

אפשר איז גאר וויערא אנטלאפן פון הויז? . . .

גייט זיך דעיוו פארנאכט פון דעם סאבוועי. דאס קומט ער פון שאפ דאון־טאון. שפאנט זיך אהיים און גלויבט זיך ניט, אז ער וועט טרעפן אין הויז זיין יונג ווייבל. אלע פארנאכט, גייענדיג אהיים פון דער ארבעט, וויל ער זיך כלומרשט איינרעדן, אז די גאנצע מעשה מיט זיין חתונה הויבט זיך גארניט אן. ס'איז ביי אים א שפיל אזא. ער שפילט זיך אין בלינדעניש מיט זיך אליין. ער מאלט זיך אויס, ווי ער קומט אהיים און טרעפט קיינעם ניט דארטן אין הויז. א ליידיגע הויז. ער האט גאר קיינמאל ניט חתונה געהאט. די גאנצע מעשה איז געוועזן א חלום. ער איז נאך אלץ א בחור. וועט ער אריינקומען אין הויז און זיכער קיינעם ניט טרעפן דארטן. וועט ער זיך גארניט נעמען צום הארצן, וועט זיך רואיג ארומוואשן, זיך אפגאלן, אנטאן דעם בעסערן אנצוג און לויפן אין רעסטאראן. דערנאכדעם וועט ער צוריק אריינגיין אין הויז, זיך אנידערזעצן אין דעם ווייכן שטול מיט זיין גיטארע און שפילן פארשידענע ניגונים. דערנאכדעם, ווען עס וועט אים נמאס ווערן דאס שפילן, וועט ער גלאט אזוי בלייבן זיצן, מיטן קאפ אנגעלענט אן ווייכן ווענטל פון דעם שטול, און טראכטן און פרייען זיך, וואס ער איז אזא קלוגער אין לעבן און ווייסט, אז הכל הבל. אלץ איז פוסט.

שמייכלט דעיוו צו זיך אליין מיט קלוגע טרויעריגע אויגן. לאכט אפ פון זיך אליין, וואס רק ער טראכט אלע פארנאכט, אהיים גייענדיג פון דער ארבעט, אז ער וועט זי שוין ניט טרעפן אין הויז.

* * *

אט איז שוין דאס הויז. שטעלט ער זיך אפ פונקט ווי אלע פאר־נאכט און קוקט ארויף צו די פענצטער פון דריטן שטאק. דערזעט גארניט, בלויז אפענע פענצטער און פלאטערנדיגע פארהעגנגלעך.

גייט ער אריין אין אריינגאנג. דערזעט צווישן דער רייע בריוו־קעסטלעך אויף זיין בריוו־קעסטל. „דעיוו שאמעס" שטייט אנגעשריבן

מיט פרישע שווארצע אותיות. ווערט דאָס פּנים ביי אים געוואַלדיג ביטרע, ווי ער וואָלט געגאַנגען עמיצן אַפּטאָן אַ שפּיצל. ער שטרעקט אויס אַ פינגער און גיט אַ קוועטש דאָס קנעפל, וואָס אונטן ביים בריוו־קאַסטן.

פּיק, פּיק, דערהערט זיך אַן ענטפער. דערפרייט זיך דעיוו איבער דעם דאָזיגן וואוילן און ליבן פּיק, פּיק, פּיק. דאָס מיינט, אַז זי איז דאָרטן דאָ אויבן, זיין טייערער שאַץ, זיין אוצר.

לאָזט זיך דעיוו אַ פּריילעכער מיט די טרעפּ ארויף. אָט וועט ער באַלד אריינקומען אין הויז, וועט אים גלייך ארומכאַפּן דער דאָזיגער מיידלשער ריח, וואָס האָט זיך שוין איינגעזאַפּט אין אַלע חפצים פון זיין קליינעם אַפּאַרטמענט; זיך שוין איינגעזאַפּט אַפילו אין די ווענט, אין דער סטעליע, אין אַלע קליידער. וועט ער זאָגן „גוד איוונינג" צו איר, וועט זי אים ענטפערן צוויי מאָל „גוד איוונינג, גוד איוונינג". וועט ער הנאה האָבן פון איר שיינער זינגעוודיגער שטימע. וועט ער זי אַ קוש טאָן אין שטערן אריין און וועט זי פרעגן:

— איז דיר כאָטש ניט געווען אומעטיג איינער אַליין, וויעראָטשקאַ?

— ניין, ניט אומעטיג — וועט זי צו אים זיך אָנרופן מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן.

זי קאָן אים נאָך אַלץ ניט קוקן אין די אויגן אריין. זי זאָגט אים נאָך אַלץ „איר". טוט דעיוו'ן הנאה, וואָס זי קאָן אים ניט קוקן אין די אויגן און זאָגט אים נאָך אַלץ „איר".

ווי אַ שעמעוודיג קינד איז זי אין זיינע אויגן. אַ מיידל־קינד.

וועט ער זי אַראָפּנעמען אין רעסטאָראַן. וועט ער איר אויסטאָן איר שיינעם ברוינלעכן מאַנטל, פּאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט פינף און דרייסיג דאָלער. וועט זי בלייבן אין דער געלער קלייד מיט די ברוינע שטרייפן אויף דער ברוסט. ס'פּאַסט אַזוי שטאַרק צו איר העלקייט דער קאָליר געל און ברוין. וועלן עטוואָס אַ צעפּאַל טאָן אירע ליכטיגע האָר, וועט איר האַלז זיך צעשיינען, אַ וואַרעמער און אַ פּאַרשעמטער.

וועט צוקומען דער יונגער וועיטער מיט גרויס פּאָמפּ, וועט אויס־גלעטן דאָס טישטוך, וועט זיך איבערבויגן איבער זיי, וועט זיך פאַר־האַלטן אַ ביסל לענגער לעבן וועראַ'ס פּנים...

איז שוין דעיוו ארויפגעשטיגן אלע דריי שטאָק. שטעלט ער זיך אָפּ ביי דער טיר פון זיין אפּארטמענט. פאַרכאַפּט אים ווידער דער אָטעם, ווען ער גיט אַ קוועטש דאָס קנעפּל. פון דער טיר דערהערן זיך טריט דאָרטן. עפנט זי די טיר. וויל ער זי אַ קוש טאָן אין שטערן, לאָזט זי זיך ניט. קומט ער אריין אינעווייניג — און ער איז דאָ, דער פאַרשוין...

יאָ, ער איז דאָ, משה. שטייט אַ בלאַסער מיט פאַרווירטע אויגן און נרייט זיך שוין צו כאַפּן פּעטש, אָדער געזידלט צו ווערן, אָדער ארויסגעוואָרפן צו ווערן.

— העלאָו, משה! געקומען אונז זען? — שטרעקט דעיוו אויס די האַנט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט.

אָבער פאַרוואָס שטייט ווערא אזא פאַרלוירענע? און פאַרוואָס זיינען אירע אויגן אזוי דערשראָקן? מען וועט דאָס דאַרפן באַטראַכטן און באַקלערן. איצטער אָבער דאַרף מען ווייזן אַ פריינטלעכן פּנים צום גאַסט.

— זע נאָר! משה! וואָס מאַכסטו, משה?

מיין פריינט, דו, גלוסטונג פון מיין האַרץ...

איז פּונקט ווי אין שיר השירים, אזוי איז אויך פאָרגעקומען מיט ווערא'ן, ווען משה האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר: אירע הענט האָבן געציטערט און ניט געקאָנט אזוי גיך טרעפן צום הענטל פון דער טיר, און איר האַרץ האָט זיך געהויבן, און זי האָט זיך געשראָקן, אַז ווען זי וועט שוין ענדלעך עפענען די טיר, וועט איר פריינט האָבן שוין פון לאַנג אַוועקגעגאַנגען.

דער פריינט אירער איז אָבער יאָ געשטאַנען דאָרטן. געשטאַנען דאָרטן אויך אַ ציטערדיגער און אַ פלאַטערנדיגער.

דער פריינט אירער אין אַ בלויען געשטרייפטן אמעריקאַנעם אַנצוג, אין אַ ברוינער שליאַפּע, אין געלע שיך מיט שפּיציגע נעז. דער פריינט אירער מיט אַן אָפּגעצויגן פּנים, מיט ארויסגעשטעקטע באַקן־ביינער.

— מדוע פניך נפלו, חביבי? פאַרוואָס איז דיין פּנים אָפּגעפאַלן, מיין ליבער? — פאַרקלעמט איר ביים האַרצן.

ווייזט ער איר זיינע הענט. פארהארטעוועטע הענט מיט בלאָטערן. קויטיגע הענט מיט צעפּלעטשטע פינגער. א „ווינדאָו קלינער" איז ער. וואָס הייסט א „ווינדאָו קלינער"? וואשן פענצטער מיט א נאסער שמאטע. ווייקן די הענט שטענדיג אין אזא שמוציגער פעטלעכער וואסער. אָבער דאָס איז נאָך גאָרניט. אָפּקראַצן די פארקלעפּטע פענצטער מיט א ראזיר־מעסערל.

אין נייע, ערשט אויפגעבויטע הייזער ארבעט ער מיט זיין פעטער לואי. זיינען די שויבן פארשמירט מיט סימנים פון קיט און פארב. דארף ער דעם קיט און די פארב אָפּקראַצן, און דערפאר זיינען זיינע פינגער אזוי צעפּלעטשט, און דערפאר זיינען זיינע נעגל אזוי שווארץ.

— א מלאכה בזויה (א נידעריגע ארבעט) — קלאָגט ער זיך פאר זיין רעיתו — צעברעכט די ביינער און די מענטשלעכע חשיבות.

— משה, משה — קוקט זי אים אין די אויגן און גלויבט זיך ניט, אז דאָס איז טאַקע משה.

— א שווערע מדינה — זיפצט ער ביטער. — אז איך קאָן ניט טאָן קיין פיזישע ארבעט. אז אין כחי אלא בפי, אז מיין כח איז נאָר מיט מיין מויל.

דאָס זעלבינע האָט ער אויך גע'טענה'ט צו זיין פעטער, ווען יענער האָט אים אנידערגעשטעלט מיט א ראזיר־מעסערל לעבן א פענצטער.

— אז מיינע הענט זיינען ניט געוואוינט צו טאָן אזא ארבעט. איך האָב קיינמאָל קיין פיזישע ארבעט ניט געטאָן אין מיין לעבן. אז מיין כח איז מיין מויל, מיין מארך. אז איך בין לחלוטין ניט געוואוינט צו דעם.

— וועסט געוואוינט ווערן, וועסט געוואוינט ווערן — איז דעמאָלט דער פעטער געשטאנען אויף א פענצטער איבער א שווינדלענדיגער הויך. א דארער פעטער מיט א קויטיגן פנים. און געפירט איבער די שויבן מיט אזא ברעטעלע און דערנאָכדעם איבערגעגאנגען מיט א נאסער שמאטע. — טו דיין ארבעט און קלאָג זיך ניט, וויל מיט קלאָגן זיך וועסטו דאָ אין אמעריקע גאָרניט מאכן.

— אָבער, פעטער ליב, האָב איך צוליב דעם אזוי פיל יאָרן גע־לערנט גמרא, העברייאיש, רוסיש און זיך פארטיפט אין שווערע ספרים?

— האָט משה ממש געוויינט מיט טרערן.

— איך האָב אויך געלערנט גמרא אין טשערעמעיעוו — האָט דער פעטער לואי געלאַכט פון יענער זייט פענצטער. — אמר רב פּפּא — האָט דער פעטער זיך צעזונגען מיט אַ ניגון — אַז איי, וואָס ווערט געלייגט אום שבת, איז די קשיה, צי מעג מען דאָס יוזן?

דער טאַטע זיינער האָט אַ געדיכטע לאַנגע באָרד מיט גראָבע ברעמען. דער פעטער זיינער, לייב, האָט אויך גראָבע ברעמען, אָבער קיין באָרד האָט ער שוין ניט. אָפּגעגאָלט ווי ביי אַ פּריץ. צוויי ברידער געוועזן אין טשערעמעיעוו. זיצט איצט איין ברודער ביי אַ לאַנגן טיש און קנעלט מיט די אינגלעך וועגן דעם איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אום שבת. דער צווייטער ברודער הענגט אין דער לופטן איבער דעם צוואַנציגסטן שטאָק אין גרויסן ניו יאָרק און וואַשט מיט אַ נאַסער שמאַטע די פענצטער.

האָט משה זיך באַוואַשן מיט טרערן. געשאָבן די פענצטער, זיך איינגעשניטן די פינגער ביז בלוט און געטרויערט נאָך זיין פאַרלוירענעם לעבן. מיט צעבראָכענע ביינער געקומען אַהיים, געגעסן די וועטשערע מיט ווייטאָג. זיך געלייגט אויפן בעט מיט קרעכצן און זיפצן. ניט געוואָלט אויפרייסן די אויגן אינדערפרי. מורא געהאַט זיך אויפצוכאַפּן צו דער ווירקלעכקייט.

איצטער קוקט אוים משה, ישעיה דעם גמרא־מלמד'ס, ווי אַ מידער גייער. ווי ער וואָלט די דריי חדשים, וואָס ער איז אין אַמעריקע, גע־האַלטן אין איין גיין צופוס איבער אַ גרויסער ריזיגער שטרעקע. צווישן פראָסט און שניי, אין בייזע ווינטן, האַלט ער אין איין גיין אַן אַן אָפּשטעל, און דערפאַר איז זיין פּנים אַזוי אָפּגעפאַלן, און דערפאַר איז זיין לאַנגע שטאַלצע נאָז אָפּגעצויגן, אויסגעדאַרט געוואָרן. געוואָרן נעבעכדיג און אויסגעמאַטערט. זיין פּנים — אָפּגעצופּט. זיין גע־דיכטער קאָפּ־האָר, ווי אָפּגעפליקט.

— האָט מיך פּלוצלונג אָנגעכאַפּט אַזאַ גרויסע בענקשאַפט דיך צו זען, אמונה רעיתי, ווערא מיין פריינט — פּעטשעט ער זיך פאַר איר. — איך בין אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, ווערא — קוקט ער אַ שולדיגער צו איר — אינמיטן העלן טאָג אַנטלאָפן.

— משה, משה — נעמט זי אים אַרום.

— עבדים היינו לדאָלאַר באַמעריקאַ (קנעכט זיינען מיר געוואָרן צום דאָלער אין אַמעריקע) — קלאָגט זיך משה פאַר זיין רעיתו מיט

גרויס פאַרצווייפלונג. — קנעכט זיינען מיר געוואָרן אין אַמעריקע. מיר קנעכטן ליים, מיר טראָגן ציגל.

וואָס־זשע זאָל אים איצט ווערא זאָגן? אַז זי איז די אומגליק־לעכסטע פרוי אויף דער וועלט. אַז זי איז אויך אַ קנעכט. אַז זי איז אָנגעטאָן אין קייטן. צעוויינט זי זיך פאַר אים. מיט גרויסע טרערן צעוויינט זי זיך פאַר אים.

איז אַז זיין רעיתו וויינט, די ליבע און געגאַרטע רעיתו זיינע, קומען אָן צו משה'ן פּלוצלונג פיל כחות אין זיינע בלוטן. דערפילט ער זיך אַ שמשון הגבור. קומט אָן צו אים אויך אַ גרויסער עקסטאַז, און עס עפענען זיך גלייך ביי אים די קוואַלן פון גוטע גרויסע רייד, און ער מאַכט אין העברייאיש:

— וויש אָפּ די טרערן פון דיינע אויגן, אמונה. איך ווייס שוין וואָס מיר זאָלן טאָן. מיר וועלן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. מיר וועלן אריין אין אַ קבוצה. יאָ, אַזוי וועלן מיר טאָן, רעיתי מחמד לבי, מיין פריינט, דו, גלוסטונג פון מיין הארץ.

קושט ער זי און צערטלט זי, דעם פריינט זיינעם. הערט זי אויף צו וויינען. די בלוטן הויבן אָן רוישן און קוועלן. איר פּנים הויבט אָן בליען. אירע שיינע בלויע אויגן ווערן ליכטיג און גרויס. דער האַלז אירער פאַרגיסט זיך מיט פרייד.

נעמט ער זי אַרום אין גרויסער באַגייסטערונג. דערפילט איר ציטערדיג, גאַרנדיג הייס לייב, און וויל שוין גאָרניט. אַפילו פאָרן קיין ארץ־ישראל וויל ער שוין איצט אויך ניט.

ער טרינקט דעם וויין פון אירע ליפּן און טרינקט נאָך און נאָך. ער גלעט די צאַרטקייט פון אירע מיידלשע רונדקייטן און גלעט נאָך און נאָך.

דער טאָג גייט אויס. די פינצטערניש ווערט הייס. דאָס לעבן האָט אַזאַ גרויסן זינען.

— צי מיך נאָך זיך, וועל איך לויפן — זאָגט זי צו אים מיט פאַר־מאַכטע אויגן...

גיט זיך פּלוצלונג אַ צעקלונג די פינצטערניש מיט אַזאַ גרילציג־קייט, כאַפּן זיך אויף אַלע ווענט פון דעם גרילץ. ווערן פאַרגליווערט אַלע גלוסטעניש.

— ער גייט.

יאָ, ער גייט. ער איז געקומען. ער איז דאָ. דער באַבייכלטער מאַן אירער מיט די טרויעריג־קלוגע אויגן. שמעקט די לופט. שמייכלט מיט אויסגעקרימטע ליפּן.

— זע נאָר! משה! וואָס מאַכסטו, משה?...

גזלן, רוצח, זאָג דעם אמת . . .

— גיי ניט אוועק, משה, אָט וועל איך זיך איבערטאָן, וועלן מיר צוזאַמען גיין אין אַ רעסטאָראַן. שוין דער אמת'ער רעסטאָראַן, איר וועט גאָר אָנקוועלן. גוט, וואָס דו ביזט געקומען, משה — קלאַפּט אים דעיוו אין דער פּלייצע מיט אַן איבערגעטריבענער פריילעכקייט, און גייט אוועק זיך איבערטאָן אין צווייטן צימער.

שרעקט זיך וועראַ פאַר זיין איבערגעטריבענער פריילעכקייט. וואונדערט זיך אויך משה, וואָס יענער איז צו אים אַזוי צוגעלאָזן. קוקן זיי איינער אויפן אַנדערן שרעקעוודיגע און פלאַטערנדיגע.

— און אַלע זיינען ביי מיר געווען, משה. פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען, משה? איך האָב דאָך דיר געשריבן אַ בריוול, משה — קומט ער אַרויס פון צווייטן צימער שוין אַן איבערגעטאָנענער.

ער זעצט זיך לעבן משה'ן, דעיוו. נאָענט צו אים זעצט ער זיך, ווען ווערא גייט אויך אַרויס אין צווייטן צימער זיך איבערצוטאָן. ער בויגט זיך אָן צו אים, אַקוראַט ווי ער וואָלט אים געוואָלט באַשמעקן.

— ביזט שוין לאַנג דאָ, משה? — פרעגט ער אין דער שטיל און כלומרשט גלייכגילטיג.

— ניט לאַנג — ווערט משה גלייך רויט, וואָס ער האָט געזאָגט אַ ליגן.

זעט דעיוו, ווי יענער איז רויט געוואָרן. הויבט דאָס אים אָן צו שטעכן, וואָס יענער איז רויט געוואָרן. קוקט אויף אים מיט מאָנענדיגע, ווייטאָגדיגע אויגן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „גזלן, רוצח, זאָג דעם אמת, וואָס האָסטו געטאָן מיט מיין ווייב? ס'וועט מיר גאָרניט אַרן, אַבי דערציייל מיר דעם אמת.”

איז משה'ן אומהיימלעך פון זיינע פאַרשנדיגע בליקן. ער הויבט זיך אויף פון פּלאַץ. ער וואָלט שוין געוואָלט אַנטלויפן פונדאַנען, און

דאָ פירט ער אים נאָך אין אַ רעסטאָראַן. ס׳וועט שוין זיין די אמת׳ע אַפּקומעניש פאַר אים.

יאַוועט זיך אַרוים ווערא, אין איר שיינער געלער קלייד מיט די ברוינלעכע שטרייפן איבער דער ברוסט, מיט איר הויכן ווארעמען האַלז, מיט די זיידענע בלויע אויגן, מיט די שמעקנדיגע מיידלשע ריחות. ווערן זייביידע פאַרצאַפּלט, סיי דער מאַן און סיי דער געליבטער.

— נו, שפּאַנען מיר? — רופט זיך אָן דעיוו בלומרשט גוואַלדיג פריינטלעך. — מיר וועלן גיין דורכן פּאַרק. וועסט באַלד זען, משה, אַ סענטראַל פּאַרק, אַ פּאַרקעלע גנב.

ער לאָזט זיי גיין ביידע פאָראויס, פּונקט ווי אַ סאָלדאַט לאָזט גיין זיינע געפאַנגענע פאָראויס. פילן זיך ביידע טאַקע ווי צוויי געפאַנגענע. פילן אומבאַקוועם אין זייערע פּלייצעס, ווייסנדיג אַז דעיוו קוקט אויף זיי פון הינטן.

ער בלייבט הינטערשטעליג, דעיוו, און לאָזט זיי אָוועקשפּאַנען ווייט־ווייט. דאָס שפּילט ער אין צו־להכעיס מיט זיך אַליין. ער וויל זיך איינרעדן, אַז ס׳אַרט אים ניט. ער האָט הנאה פון זיין צו־להכעיס.

ווייסן זיי ניט, ביידע, אַז דעיוו איז געבליבן הינטערשטעליג. שפּאַנען פאָראויס, פאָראויס, און ציטערן.

— איאַ, אַ שיינער פּאַרק? — דעריאָגט ער זיי פּלוצלונג. — זעסט דאָס טייכל? אַ מחיה. אַ שיין טייכל. דאַרפסט דאָס זען בייטאָג. אַז דו וועסט קומען, משה, נאָכאַמאָל צו אונז, און איך בין ניטאָ אין דער היים, גייט ביידע אַוועק, דו און ווערא, צום טייכל. איר וועט שטאַרק הנאה האָבן ביים טייכל. שאַ נאָר, משה, האָסט דאָך מיר נאָך ניט דערציילט, ביי וואָס דו אַרבעטסט? אַזוי? אַזוי? אַזוי? אַנטלאָפן גאָר פון דער אַרבעט. דאָס איז ניט גוט. דאָס איז שלעכט. קיין אַנדער „ווינדאָו־קלינער” וועט דיך שוין ניט וועלן אַרויפנעמען. מען באַקומט אַ שלעכטן נאָמען אין טרעיד.

ער רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, דעיוו. איצט לויפט ער שוין פאָראויס. שפּאַנט אַוועק פון זיי גיך, גיך, פאָראויס. בלייבט שטיין, כדי זיי זאָלן אָנקומען.

— אַ מה־יעשה׳ניק — טראַכט משה צו זיך, און האָט אים פיינט בתכלית השנאה.

— שאַ, ס'איז מיר איינגעפאַלן עפּעס. פאַרוואָס ווערסטו ניט קיין העברייאישער לערער? אַ העברייאישער לערער אין אַמעריקע איז גוט אָפּ. מען מאַכט פון פערציג ביז פופציג דאָלער אַ וואָך. שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, כאַפּ זיך אַריבער צו ברוכ'ן. איך האָב געהערט, אַז ער לערנט אין אַ תלמוד תורה און מאַכט שוין אַ שיין לעבן. פאָר זיך דורך צו אים קיין באָראָ־פּאַרק. ער וועט דיר שוין געבן אַן עצה. איך האָב זיין אַדרעס. אַזאַ בחור ווי דו, אַ קענער. ס'איז אַ שאַנדע. ס'איז אַ גרויסער „שעים". און אָט איז אונזער רעסטאָראַן. עס איז שוין דער אמת'ער רעסטאָראַן. נאָר רייכע מענטשן עסן דאָ.

דעיוו קאָן שוין ניט אויפהערן צו רעדן. ער קאָן זיך, ווייזט אויס, שוין ניט אָפּשטעלן. רעדט וועגן רעסטאָראַן, וועגן די וועיטערס, וועגן די אַמעריקאַנער מאכלים.

— עס, משה, ס'איז געשמאַק. ס'איז אַזאַ סאַלאַד. אַ „העלט־סאַלאַד". אַ געזונט־סאַלאַד מיינט דאָס. כאַ, כאַ, כאַ.

קאָן ניט משה קיין ביסן אַרונטערשלינגען. וואַרגט זיך מיטן עסן. איז זיך מחיה, ווען מען גייט שוין אַרויס פון רעסטאָראַן. דערפרייט זיך, ווען ער דערזעט אַ סאָבוועי־סטאַנציע. כאַפּט אָפּ אַ זיי־געזונט און וויל שוין אַנטלויפן. אָבער דעיוו וויל אים אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן.

— איז פאַרגעס־זשע ניט צו בייטן אויף דער 149טער גאַס. איז ווען זשע קומסטו נאָך אַמאָל? קום אָפטער, משה, שעם זיך ניט.

און אַז משה איז שוין אַוועק, איז פּלוצלונג פאַרלוירן געגאַנגען די גאַנצע באַרעדעוודיגקייט. שטיל געוואָרן דעיוו. געשוויגן די גאַנצע צייט אויפן וועג אַהיים. געשוויגן, ווען מען איז אַריין אין הויז. גע־שוויגן, ווען מען האָט זיך געלייגט אין בעט. מיט אַ הנאה האָט דעיוו געשוויגן און זיך צוגעהערט, ווי וועראַ שווייגט אויך...

ווער ווייסט, צי זיין גורל וועט שוין אויך ניט זיין אַזוי

— שלום עליכם, משה! — דערפרייט זיך שטאַרק ברוך ביר.

פילט זיך משה גראָדע ניט אַזוי גוט, וואָס ברוך האָט זיך דער־פרייט מיט אים. ער האָט אים שטענדיג פיינט געהאַט.

— איך בין אַזוי צופרידן, משה, וואָס דו ביזט געקומען. ווער,

ווער, אָבער מירביידע וואָלטן זיך נעדאַרפט האַלטן נעענטער דאָ אין אַמעריקע — מיינט דאָס ברוך זייער אויפריכטיג.

שווייגט משה. באַטראַכט אים פון אַ זייט, אַט דעם ברוכ׳ל: אַ ביסל פעטלעכער געוואָרן. די הויט לויטערער. צוויי קליינע אייגעלעך, און זיי זיינען ווי אָנגעגאָסן מיט שוואַרצן טינט. זיצט זיך אין אַ יאַרמולקע, קוקט ער אויס אין דער יאַרמולקע מיטן גלאַטן פּנים, ווי אַ משורר ביי אַ חזן, וואָס איז אַ נאַשער, אַ פרעסער און אַ נואף.

— מיין פעטער׳ס הויז — גיט ברוך אַ זיפץ. — אַ רייך הויז. ער האַנדלט מיט ריעל־עסטעיט, מיין פעטער. מען שאַצט אים אין אַ האַלבן מיליאָן. אַי, אַי — טוט ברוך נאָכאַמאָל אַ זיפץ — אַ זון־פאַרלאָר, רופט מען אָט דעם גאַנעק. ס׳איז שוין דער אמת׳ער גאַנעק. גראָדע איז די מומע מיט די קינדער אַוועקגעפאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי. דער פעטער איז אין אָפיס. בין איך דאָ איינער אַליין איבערן גאַנצן הויז. סאַראַ, דערלאַנג עפּעס פרוכט צום טיש — שרייט ער מעשה באַלעבאָס.

קומט צוגיין סאַראַ מיט אַ טאַץ פרוכטן און ניס. שמייכלט קלוג און שטיפעריש צו די צוויי בחורים, גיט זיך אַ דריי אַהין און אַהער און פאַרשווינדט.

— שחורה היא ונאוה (זי איז שוואַרץ, אָבער אָנגענעם) — גיט ברוך אַ טרייפענעם וואונק צו משה׳ן, און זיינע דיקלעכע ליפּן ווערן פייכטלעך. — עס אַ פרוכט, משה.

עסט משה אַ פרוכט. אַ ברירה האָט ער? ער וואַרט אויף אַ פּאַסיגער געלעגנהייט אָנהויבן וועגן דעם, צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער. לאָזט אים יענער ניט רעדן. יענער האָט טויזנטער זאַכן אים צו דערציילן. ווי אַזוי ער איז געקומען דעם ערשטן טאָג אין תלמוד תורה, און ווי אַזוי דער משגיח (אַ פּרינציפּאַל הייסט דאָס ביי זיי) האָט געקוקט אויף אים, ברוכ׳ן, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ לערער, ער וועט דען קאָנען זיין אַ לערער?" און ווי אַזוי ברוך האָט געטראַכט ביי זיך: „איך וועל אים שוין ווייזן, וואָס עס הייסט אַ לערער."

— און איך זע מיר, ווי דער פּרינציפּאַל קומט אַלע טאָג אין מיין קלאַס, דרייט זיך אַרום, שמעקט און ניוכעט. אָבער איך טו מיר מיינס. די קינדער זיצן ביי מיר שטיל. אַ פּיפּס זאָל מען הערן. דער סוף איז געווען, אַז סוף וואָך רופט זיך אָן צו מיר דער פּרינציפּאַל: „איך

קאָן גאָרניט גלויבן, אז אַ גרינער זאָל אזוי שנעל כאַפּן דעם אַמעריקאַנער שניט, אין אזאַ קורצער צייט." האָב איך אים געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן אַמעריקאַנער שניט, אָבער איך האָב געטראַכט: זאָל מיינס איבערגיין.

— איך בין זייער צופרידן דאָס צו הערן — דערפרייט זיך משה, וואָס ער קאָן דאָ איצט אָנהויבן וועגן זיין ענין. — דו פאַרשטייסט, ברוך, די מעשה איז אזוי...

— יאָ, משה — שלאָגט אים ברוך איבער זיינע רייד. — ס'וואָלט געווען ניט שלעכט, אָבער עפּעס איז מיר שווער, זייער שווער.

— וואָס דאַרף דיר זיין שווער, ברוך? — פאַרדריסט משה'ן, וואָס יענער האָט אים איבערגעשלאָגן און אים ניט געלאָזט צוטרעטן צום ענין — ס'דאַרף דיר ניט זיין שווער. דו וואוינסט אין אזאַ רייכער הויז. דו האָסט אַ שטעלע. גייסט אָנגעטאָן זייער שיין. קוקסט אויס געזונט און פריש.

ווערט ברוך גערירט, וואָס משה, דער בעל־גאוה'ניק פון מעזריטש־מעיעוו, רעדט צו אים אזוי חבר'יש. עפנט ער זיין הארץ פאַר אים:

— אי, משה, דער חומר, דער חומר (דאָס ריין פּיזישע, דאָס ריין פּיזישע).

פאַרשטייט ניט משה, וואָס יענער קלאָגט זיך אויף זיין חומר. דער חומר ברוכ'ס, זעט ער, איז אָלראיט, ווי מען זאָגט דאָס אין אמעריקע.

— דו פאַרשטייסט, משה, דער חומר טרייבט צו זינד. מען וואָלט אפשר געדאַרפט חתונה האָבן.

צעשמייכלט זיך משה. איצטער פאַרשטייט ער אים שוין. איצטער פאַרשטייט ער שוין אויך, וואָס יענער האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן צעשראָקענע בליקן אהינצו, פון וואַנען די שוואַרצע דינסט איז אַרויס־געקומען פריער מיט דער טאַץ.

— מיר זיינען שוואַכע באַשעפענישן אין די הענט פון יצר הרע — רעדט ער איידל און פאַרזיכטיג צו משה'ן דעם קענער.

— האָסט דאָך געזאָגט פריער שחורה היא ונאוה (זי איז שוואַרץ, אָבער אָנגענעם) — מאַכט משה אויך פאַרזיכטיג און איידל.

— יאָ, אָבער, אָבער... — ברעכט זיך ברוך.

ער ליידט געבעך, ברוך. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געקומען

אין אמעריקע, לײדט ער. צי גײט ער אויף דער גאס, צי פארט ער אין סאבװעי, צי אפילו ער קוקט אויף זײן מומען. די הויכע, שײנע, געזונטע מומע זײנע. אומעטום לײדט ער. די צרה איז, װאס מען קאן פאר קײנעם נאך ניט אויסגיסן דאס הארץ. ס'איז אזא ענין, װאס מען קאן ניט רעדן מיט יעדן אײנעם.

— איך קאן ממש ניט שלאפן, משה. דער יצר הרע האלט אין אײן אײנרעדן, האלט מיך אין אײן שטופן.

— לאזט מען זיך אײנרעדן פון יצר הרע — לאכט משה און פילט ניט, װי ער הויבט אן פלוצלונג צו חנפ'ענען ברוכ'ן. — מעג דײן עבירה אויף מיר פאלן. כא, כא, כא.

— דו ביזט מיר, הײסט עס, מתיר — דערפרײט זיך ברוך, װאס עס האט זיך געפונען עמיצער, װאס װיל נעמען אויף זיך די עבירה.

— בדעת הקהל, ובדעת המקום אנו מתירין... (מיט דער דעה פון קהל, מיט דער דעה פון גאט דערלויבן מיר...) — צעזינגט זיך משה מיטן כל־נדרי ניגון און ער פילט, אז עפעס איז דא ניט ריכטיג; אז זײן באציאונג צו ברוכ'ן איצט איז פונקט װי א קבצן צו א גביר, װאס דארף אים נאך משמח זײן.

ברוך לאכט מיט א טרײף געלעכטערל, עס װערט אים הײס. ער רוקט זיך צו נעענטער צו משה'ן, לײגט ארויף א פעטע האנט אויף זײן קני.

— דעם אמת געזאגט, משה, האב איך דאס שוין געװאלט לאנג טאן, אבער איך האב מורא געהאט מען װעט דערהערן אין שטוב. װײל טאמער מאכט זי גאר א סקאנדאל. טאמער הויבט זי אן צו שרײען. װאס דענקסטו, משה זי קאן נאך אפשר מאכן א סקאנדאל?

— אפשר יא, און אפשר נײן — װערט שוין משה אין כעס, װאס יענער דולט אים א קאפ מיט אזא נארישער זאך, און לאזט אים ניט צוטרעטן צום ענין.

— אויב א סקאנדאל, װעט זײן זײער מיאוס — דערשרעקט זיך גלײך ברוך — ס'װעט זײן זײער ניט שײן פארן פעטער.

— אז מען האט מורא פאר װעלף, גײט מען ניט אין װאלד ארײן — ענטפערט אים שוין משה צו'להעכעים'דיג.

— אוי, משה, משה, װען נישט דער חומר. אז ס'איז א גרויסער נסיון. װעסט זען, משה, לאמיר נאר מאכן א סך געלט, און איך װעל

מאכן אויך. דו קאנסט נאך ניט ברוכ'ן. אין צוויי יאר ארום, אין דריי יאר ארום. איך וועל עס מאכן. קלייב איך מיר אויס דאס שענסטע מיידל. נישקשה, איך בין שוין א גוטער מבין אויף מיידלעך, וואס ארט דיך. איך האב ליב די דארינקע, די פארפירנדיגע. ווי, משה, משה, איך האב אנומעלטן געזען אין סאבוועי א מיידל. איך בין ממש אפגעקאכט געווארן. זי האט א קוק געטאן אויף מיר מיט אזוינע גרויסע שווארצע אויגן, האט דאס מיר ממש דורכגעלעכערט דאס הארץ.

— יא, שיינע מיידלעך אין ניו יארק — פארנעמט זיך משה צו פארדרייען דעם געשפרעך אין אן אנדער ריכטונג, כדי ער זאל שוין קאנען אנהויבן רעדן פון זיין ענין.

— שיינע מיידלעך זאגסטו? גאלד און בריאליאנט! — קושט ברוך די שפיצן פון זיינע פינגער. — אבער איך וועל דיר דערציילן א מעשה, וועסטו לאכן, משה. אויב דו געדענקסט, איז ביי די באלאבאנס געווען א דינסט, סעקלעטא האט זי געהייסן. א יונג שיקסל. א שווארץ־חנ'עוודיגס. איך האב דאך קיינמאל מיט איר ניט אויסגערעדט קיין ווארט אפילו אין דער היים. איז שטעל זיך פאר, ווער קומט צו מיר אין חלום? אודאי זי, סעקלעטא. און נאך עפעס אזא זינדיגער חלום. פון אלע מיידלעך אין משערעמעיעוו זאל סעקלעטא צו מיר קומען צו חלום! איז דאס ניט קיין געלעכטער, משה? וואס איילסטו זיך? דו גייסט שוין?

— יא, איך גיי שוין — האלט זיך משה איין. ער וואלט אים גראדע שטארק געוואלט אפזידלען, אט־דעם בחור, דעם נואף, נאשער און עם־הארץ. — יא, איך גיי שוין. עס איז שוין שפעט. אבער איך האב דיך געוואלט בעטן, אפשר ווייסטו וואו מען דארף האבן א עברייאישן לערער, און אפשר וואלט דיין פעטער געזאגט א גוט ווארט פאר מיר דארטן, וואו מען וועט באדארפן.

— א שווערער ענין — כמורעט זיך אן ברוך. — ס'איז שווער צו קריגן א שטעלע, באזונדערס פאר א גרינעם. מען דארף קאנען די ענגלישע שפראך. ווייסטו וואס? לערן זיך פריער אויס ענגליש, דער־נאכדעם קריג איך דיר א שטעלע איינס און צוויי.

— א דאנק דיר פאר דער עצה, א גרויסן דאנק דיר פאר דער עצה! און דו, ברוכ'ל טייערער, עפעס קאנסטו שוין אזוי דאס ענגליש?

— איך, איך... — ווערט יענער רויט. — דערפאַר אָבער איז ביי מיר דאָ אַ געבוירענע פייאיגקייט צו די קינדער, וואָס פאַרשטעלט שוין דאָס ענגליש.

קוקט משה גלייך יענעם אין די אויגן און חידוש'ט זיך פון דער מענטשלעכער חוצפּה. ברוך איז דאָך געווען אַמאָל משה'ס תלמיד. אַלע אין טשערעמעיעוו האָבן געוואוסט, אַז משה איז אַ גרויסער מסביר, אַ פאַרטייטשער, און ווער שמועסט נאָך מיט קינדער. וואו זשע נעמט זיך טאַקע צום מענטשן אַזוי פיל עזות? ווערט משה געפּלעפט.

— דו פאַרשטייסט, משה, אין אַמעריקע דאַרף מען האָבן גאָר אַן אַנדער קענטעניש.

— איז פון וואַנען זשע איז צו דיר געקומען די קענטעניש? — ענטפערט אים שוין משה זייער גראָב. — אַ גוי האָט דאָס פאַרלאָרן, און דו האָסט דאָס געפונען?

— צוליב וואָס זשע דאַרפסטו מיך באַליידיגן? — ווערט ברוך'ס פּנים שלעכט.

— איך האָב דיך אין דער ערד! — טוט משה אַ טראַסק מיט דער טיר און לויפט אַרויס...

* * *

ער האָט אים אין דער ערד, משה. ער האָט איצט די גאַנצע וועלט אין דער ערד. ער שפּאַנט אַוועק אַ הפקר'דיגער איבער די באָראָ־פּאַרקער גאַסן. ס'איז אים אַלץ איינס, וואוהין ער זאָל ניט גיין איצט. עס אַרט אים שוין אויך ניט, וואָס אַ ווינט הויבט אָן צו בלאָזן, און אַ רעגנדל הויבט אָן צו פאַלן. ער שפּאַנט אַלץ ווייטער אָן אַ ציל און אָן אַ זינען, און ער פאַרקריכט אין זייער טשיקאַווע געסלעך: קליינע הייזקעס, נידעריגע הייזקעס. אָן טראָטואַרן. נאַקעטע, אָרעמע הייזלעך. באַלד פאַרשווינדן אויך די דאָזיגע הייזלעך, און עס הויבט זיך אָן פעלד. אָן אָסיענדיג, אָן אומעטיג פעלד. דערזעט ער פּלוצלונג איבערן אָסיענדיגן אומעטיגן פעלד אַ געשטאַלט. אַן איינזאַמע גע־שטאַלט מיט אַ שאַל אויפן קאָפּ און מיט אַ קאָשעק אין די הענט. בויגט זיך אָן די געשטאַלט אַלעמאָל צו דער ערד און קלייבט עפּעס.

קומט נענטער און נענטער די געשטאַלט — איז דאָס אַן אַלטע אָרעמע פרוי מיט אַ פאַרוויטאַגט פּנים. דער ווינט רייסט דעם שאַל פון איר קאָפּ. אירע גרויע האָר צעפּליען זיך.

וואו זשע האָט ער שוין אַמאָל געזען אַזא אָרעמע פרוי? זאָל ער זיך דערמאָנען. די זעלביגע אָרעמע פרוי, מיט דעם זעלביגן שאַל אויפן קאָפּ, מיט דעם זעלביגן קאָשעק אין די הענט? ער האָט זי געזען אין מאַרק אין טשערעמעיעוו, אויך אין אַן אומעטיגן אָסיענדיגן פאַר־נאַכט. ביי טאָג איז געווען אַ יאַריד. איז דער יאַריד זיך שוין צעפאָרן. איז יענע אָרעמע געגאַנגען איבערן פאַרלאָזטן מאַרק, זיך אָנגעבויגן אַלע מאָל צו דער ערד און צונויפגעקליבן שפּענדלעך אויף איינצוהייצן דעם אויוון. יאָ, אין טשערעמעיעוו האָט ער דאָס געזען. און איצט זעט ער דאָס אין אַמעריקע.

הויבט אין אים אָן צו וויינען זיין האַרץ, וואָס אומעטום, אין יעדן לאַנד, שפּאַנט אַרום די אָרעמקייט אויף אַן אָסיענדיגן אומעטיגן פעלד, מיט אַ שאַל אויפן קאָפּ, מיט אַ פאַרוויינטאָגט פּנים און היימלאָזע אויגן...

אויף מיין געלעגער ביינאַכט וויל איך בענקען נאָך דיר

זיינען טעג און וואָכן און חדשים געגאַנגען אין דעם לאַנד. די לאַנדסלייט האָבן שוין אויפגעהערט זיך צונויפקומען ביי דעיוו'ן אין הויז. דאָס ערשטע יאָר זיינען זיי נאָך זיך צונויפגעפאָרן צו דעיוו'ן אין הויז אין די זונטאָגס, זיך טוליען איינער צו דעם אַנדערן, הנאה האָבן פון אַ ביסל היימישקייט. דערנאָכדעם האָט מען שוין אויפגעהערט צו קומען. מען האָט זיך שוין געפונען פריינט און חברים אין דעם נעגנט, וואו יעדער איינער פון זיי האָט געוואוינט. מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסצומישן מיט די איבעריגע.

וועגן משה'ן האָט קיינער נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. אפילו זיין פעטער לייב האָט ניט געוואוסט. ער האָט זיך אַרויסגעצויגן פון זיין פעטער'ס הויז באַלד נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אויס ווינדאָו־קלינער.

בלויז איין בריוו האָט משה געשריבן צו ווערא'ן. דעיוו, נייענדיג אינדערפרי צו דער אַרבעט, האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון קעסטל. ער האָט עס אָבער ניט געעפנט, זעענדיג אַז עס איז אַדרעסירט צו ווערא'ן. ער האָט עס גלייך אָפּגעגעבן ווערא'ן אין די הענט אַריין.

דעיוו האָט געוואוסט פון װעמען דער בריוו קומט. האָט ער זיך גע־פייניגט וואָכן נאָכדעם, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געפרעגט ווערא׳ן, וואָס איז געשריבן אין דעם בריוו.

„פונקט ווי יפתח׳ס טאָכטער איז געגאַנגען אויף די בערג מיט אירע חבר׳טעס און האָט באַוויינט איר יוגנט, וואָס איר טאַטע האָט מקריב געווען צום אָפּגאָט" — האָט משה צו איר געשריבן אין זיין בריוו — „אַזוי זאָל מאיר באַראַצ׳עס טאָכטער צונויפנעמען אירע חבר׳טעס און אויך באַוויינען איר יוגנט, וואָס איר טאַטע האָט מקריב געווען צום אָפּגאָט פון דאָלאַר. . . .

„איך וואָלט געדאַרפט באַקלאָגן אויך מיין יוגנט, האָב איך ניט ווען. ניט אויסגעשלאָפן, מיט אַ ביטערן טעם אין מויל, מיט שרעק אין האַרצן, טאָמער וועל איך פאַרשפּעטיגן, יאָג איך זיך אין סאָבוועי, אין די פינצטערע פאַרטאָגן, און דאָ דאַרף באַלד אויפגיין אַזאַ שיינע ליכטיגע זון.

„אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אַ הונגעריגער, אַן אויסגעמאַטערטער לויף איך שוין פאַרנאַכט צוריק פון דער געפענגעניש, וואו עס איז פאַרלאָרן געגאַנגען נאָך אַ טאָג פון מיין יוגנט. טראָג איך זיך ווידער אין סאָבוועי מיט טויזנטער יונגע מענטשן, אַזוי ווי איך און דו. און דאָ פאַרגייט שוין דער ליכטיגער טאָג, אַזאַ גאָלדענער טאָג. . . .

„אויף מיין געלעגער ביינאַכט וויל איך בענקען נאָך דיר. קאָן איך ניט בענקען נאָך דיר, ווייל דער שווערער שלאָף פּריטשמעליעט מיך. . . .

„איך בין איצט אַן אָפּערעיטאָר ביי קינדער־קליידלעך. איך בין שוין געווען אַ סעילסמאַן אין אַ דראַי־גודס־געשעפט, האָט מען מיך אָפּגעזאָגט, ווייל איך חלום, זאָגן זיי, צו פיל. איך בין שוין אויך געווען אַ קצב. ס׳הייסט, איך האָב געוואָלט זיין אַ קצב, האָב איך מערער ווי אַ האַלבן טאָג ניט געקאָנט איבערטראָגן, און בין אַנטלאָפן.

„איך וואוין אין אַ בעד־רום און צאָל 12 דאָלער אַ מאָנאַט. שטייט אין מיין אַלקער בלויז אַ בעט, אַ בענקל, אַ קאָמאָדע מיט אַ שפּיגל, און ס׳קוקן אויף מיר הוילע ווענט מיט אַ קויטיגער געלקייט.

„דער באַלעבאָס פון דעם הויז, וואו איך וואוין, הייסט האַימי. ער איז אַ דזשאָנק־פּעדלער. האַנדלט מיט שמאַטעס און אַלטע זאַכן. ער איז אַ הויכער, דער באַלעבאָס, און אַ בלאַסער. ער האָט אַ קאַליע

מויל. אַלע ציין זיינען אים אַרויסגעפאַלן. אָבער איך דענק, אַז דאָס מויל איז ביי אים קאַליע געוואָרן פון רעדן שטענדיג ניבול־פה. מיט מיאוס'ע טרייפענע רייד איז זיין מויל תמיד פול. מיט אַנצוהערענישן אין יעדן געשפּרעך וועגן די נאַקעטקייטן פון דעם פּרויענשן מין.

„זיין וויב הייסט פּעני, און זי איז אַ קורצע און אַ דיקלעכע און לאַכט שטענדיג מיט חמור־אייזלשע אויגעלעך. זאָגט גאָרנישט צו איר מאַן, הלמאי ער רעדט מיאוס'ע רייד. פּאַרקערט, זי קוועלט אָן, כיכיקעט.

„זיי האָבן אויסגעטאָן דאָ אין אַמעריקע פון זיך דאָס ביסל פיינ־קייט און ליטוישקייט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים. דער גדר (דער פּלויט) פון דער איינגעשטעלטער מאָראַל איז צעבראָכן גע־וואָרן דאָ אין לאַנד. קיין נייעם גדר האָט מען נאָך ניט אויפגעשטעלט. צעלאָזן זיך פריי זייערע נידעריגערע אינסטינקטן. רעדט מען שמוציגע רייד, שפּילט מען אין קאָרטן, קריגט מען זיך, דערציט מען קינדער אין אומוויסנקייט.

„ס'איז אומעטיג דאָ אין אַמעריקע, ווערא. דאָס לעבן איז צע־בראָכן. ס'איז מיר שווער זיך צופּאַסן צו דעם דאָזיגן צעבראָכענעם לעבן.

„איך בין אַנומעלטן געזעסן אין קראָטאָנאַ פּאַרק און האָב געזען ווי די זון פאַרגייט. האָט דער גאַנצער הימל געברענט אין פלאַמען. פון דער שטאָט האָבן זיך דערטראָגן מיליאָנען געשרייען. אַזוינע ווייטאָגדיגע געשרייען. האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי די געשרייען וואָלטן געקומען פון מענטשן, וואָס ווערן געפּייניגט. פּונקט ווי מען וואָלט זיי געשמיסן איבערן הויל לייב מיט ברענענדיגע רימער.

„דערנאָכדעם האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי איך הער וועווקע'ס פאַרפּייניגט קול און זלאַטע'ס קול, און בערעלע'ס, און אַלעמענס. זיי האָבן געשריען צו מיר: ראַטעוועט!

„דערנאָכדעם איז געוואָרן פינצטער, און איך האָב שוין געהערט בלויז איין איינציג געשריי. דער דאָזיגער געשריי איז איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין. דאָס איז געווען דיין פאַרפּייניגטער געוויין. . . .

„איך האָב זיך געלאָזט אַהיים. אָבער דיין געוויין איז מיר נאָכ־געגאַנגען טריט ביי טריט. . . .

„איך בין אריין אין צימער, און דיין געוויין איז מיר אויך אהינצו נאָכגעגאַנגען. . . .

„וועלן מיר אַמאָל וויסן אויך פרייד אין אונזער לעבן ? ווער ווייסט ?

„איז זיי זשע מיר געזונט, אמונה שלי (מיין ווערא), אהובת נפשי, מחמד לבי (געליבטע פון מיין זעלע, די גלוסטונג פון מיין הארץ).

דיין משה.״

אין וואָס זשע דערמאָנט איר זישע קלעזמער מיט דער גוליע ?

אין א טעקסי איז דעיוו צוגעפאָרן מיט ווערא׳ן. האָט צוגעאיילט דער פאָרטער מיט די גאָלדענע קנעפ, און האָט מיט גרויס רעספעקט אויפגעעפנט דאָס טירל פון דער טעקסי. איז ארויסגעגאַנגען די שטאָלטנע ווערא אין א גרינעם פּליושענעם מאַנטל, אין א לאַנגער זיידענער ווייסער קלייד, וואָס האָט זיך ארויסגעזען פון הינטערן מאַנטל. איז דעיוו ארויסגעשפּרונגען נאָך איר, אין א טייערן שווארצן ראָק מיט א זיידן ווייס שאַרפעלע אויפן האלז, מיט א הארטן קאַפּעליוש.

דעם 25־יערלעכן באָל האָבן די „אנשי בני משערעמעיעוו״ גע־פייערט אין א שיינעם זאָל דאַון־טאַון, וואו דער ארייַנגאַנג איז געווען באַגאָסן מיט א שפע פון עלעקטרישער ליכט.

— קום, וויעראָטשקא, קום אריין. אָט דאָ איז דאָס.

— העלאָו, דעיוו האוואריו, דעיוו ! — גייט אים אנטקעגן מר. נאָלד, דער פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי, מיט א באַבייכלטן זשילעט, מיט א גראָבן ציגאַר אין מויל, מיט א גאָלדענעם סיגנעט אויפן פינגער.

— איז דהאָט יור וואַיף ? אויף אָלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, כא, כא, כא.

— אָט דאָס איז חיים בעריש׳עס פון טשערעמעיעוו, דער פּרעזי־דענט — זאָגט דעיוו צו ווערא׳ן, און איז שטאָלץ, וואָס דער פּרעזידענט אליין האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צערעדט מיט אים.

— ווי קאָן זי מיך געדענקען ? — ווערט חיים בעריש׳ס טרויעריג — ווען כ׳האָב פארלאָזט די אַלד קאַנטרי, איז זי נאָך אויף דער וועלט

ניט געווען. אָבער איר טאַטן קען איך. אַ שטאַרקער איד געווען, אַ קרעפּקער אַזאַמינער, כאַ, כאַ, כאַ.

אין ברייטן זאַל, אין גלאַנציגן זאַל מיט די באַזילבערטע פּאָר־האַנגען, מיט די באַגילדעטע גרויסע שפּיגלען, מיט די קרישטאָלענע עלעקטרישע לאָמפּן, טאַנצט דאָס יונגוואַרג, די אינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע ביי טשערעמעיעווער טאַטעס און מאַמעס.

רינגלען אַרום די עלטערע לאַנדסלייט דעיוו'ן מיט ווערא'ן. קאָן ווערא קיינעם ניט פון זיי. זיי קוקן גאָר אינגאַנצן ניט אויס ביי איר אין די אויגן ווי טשערעמעיעווער אידן. געגאָלטע פּנים'ער, פּליכעוואַטע קעפּ, פרעמדע אויגן — אויגן, וואָס האָבן געוואַוסט דעם פּיין פון אַ האַרט אום'ברחמנות'דיג לעבן, איידער מען האָט זיך קוים, קוים ווי עס איז צו עפּעס דערשלאָגן; אויגן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזען אַזוי פיל איבעראַשנדיגע נייקייטן און אַנדערשקייטן אין דעם דאָזיגן ריזיגן ניו יאָרק; אויגן, וואָס האָבן שוין געזען מויערן מיט די קעפּ אין די וואָלקנס, מייליגע בריקן, וואָס הענגען אין דער לופטן, באַנען וואָס לויפן אין דער טיפעניש פון דער ערד, טונעלן וואָס זיינען אויסגעגראָבן אונטער די בעטן פון ברייטע טייכן... שוין גאָר אַנדערע אויגן... ניט יענע טשערעמעיעווער אידישע אויגן, וואָס קוקן מיט אַ רואיגער טרויעריגקייט און מיט אַן אומעטיגער באַזאָרגטקייט איבער דעם קליינשטעטלדיגן אַרום.

פרעמדע קולות ביי די דאָזיגע אידן. ניט אָט יענע היימישע בעסאַראַביער זינגעוודיגקייט אין לשון. אַ פרעמדע אויסשפּראַך, אַ קרומער לשון אַזאַ.

די פרויען זיינען דאָ גאָר אָנגעטאָן ווי אויף חוזק. דיקלעכע פרויען מיט קורצע קליידלעך, מיט געשוירענע האָר, אָנגעפּודערטע און אָנ־געפאַרבטע. ווי אינדיקעס זעען זיי אויס ביי ווערא'ן אין די אויגן.

קאָן זיך ווערא גאָרניט פאָרשטעלן, אַז די אַלע זיינען די זעלבינע טשערעמעיעווער אידן און פרויען, נאָר אָן קאַפּאָטעס, אָן בערד, אָן פּאות, אָן שאַלן, אָן קאָפּן־טיכלעך, אָן קליידער מיט אַ שלעפּ. מענער און פרויען, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן היימישן שטייגער, מיט אַלע מנהגים, מיט דער קליידונג, מיט דעם לשון. ווילן

נאָכגעגאַן אַלץ, ווי די מענטשן אין דעם לאַנד טוען. ווילן זיך אויסמישן מיט די אַמעריקאַנער מענטשן...

דער אָנפירער פון דער קאַפעליע קלעזמער איז אויך אַ טשערע־מעיעווער: זישע מיט דער גוליע. זי געדענקט אים נאָך פון דער היים, ווערא, אַט־דעם זישע׳ן מיט דער גוליע. ער זיצט איצטער אויף דער פּלאַטפאָרמע, דיריגירט מיטן סמיטשיק די איבעריגע קלעזמער, שאָקלט מיטן קאָפּ, קלאַפּט צו מיטן פוס. דערנאָכדעם לאָזט ער זיך אַליין מיטן סמיטשיק אויף זיין פידל. פאַרגייט זיך אין די דינסטע טענער. זישע מיט דער גוליע שפּילט איצט אויפן 25־יערלעכן באַל פון זיינע לאַנדס־לייט כמעט אַלע היימישע ניגונים׳לעך, וואָס ער פלעגט שפּילן אין דער היים אויף אַלע חתונות. דערמאָנט דאָס די לאַנדסלייט די קילע זומערדיגע פאַרנאַכטן, אויסגעשטערנטע הימלען, דאָס זשורזשען פון טייך, דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס, די גוטע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דעם סטעפּ און פון די גערטנער.

אָן וואָס־זשע דערמאָנט דאָס ווערא׳ן ? עס דערמאָנט איר אויך אָן אַ זומער פאַרנאַכט לעבן דעם ברוק: זי און משה. אַ זומער פאַר־נאַכט. פורפורדיגע וואָלקנס. אַ בשמים׳דיג ווינטל. שעפּעלעך מעקען ווי מענטשלעכע קינדער. לויפן אין שטויביגע וואָלקנס און מעקען. די זון פאַרגייט אין מערב אין אַ סך ליכטיגקייט. אַ גאָלדענער חלום... דאָס לעבן איז כלו טוב, גאָלע גוט...

וואו זשע איז איצטער משה ? שוין צוויי יאָר, אַז זי האָט ניט געהערט פון אים. וואָלט ער כאָטש אויך געקומען צום באַל איצטער. וואָלט זי אפילו ניט צוגעגאַנגען נאָענט צו אים. זי וואָלט בלויז גע־שטאַנען פונדערווייטנס און געקוקט אויף אים...

ער האָט אים געפירט איבערן גאַנצן זאַל . . .

— וויעראָטשקאַ, מילאַיאַ, דאָראָגאַיאַ (וויעראָטשקאַ, טייערע, האַרציגע) — פאַלט אויף איר אַרויף מאַניאַ באַלאַבאַן.

זיי קושן זיך, ביידע חבר׳טעס. דערנאָכדעם מאַכן זיי אַ פּאָר טריט צוריקצואוועגס, כדי זיך בעסער צו באַטראַכטן, און דערנאָכדעם קושט מען זיך ווידער.

מאניע ווייגט. דערזען א גאָענטן מענטשן, האָבן די אויגן געגעבן א שפּריץ מיט פרײדיגע טרערן.

זיי גייען אַוועק אין א ווינקל, ביידע חבר'טעס. זעצן זיך אנידער אויף דער באַנק, נעמען זיך אָן ביי די הענט און טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער.

— פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען צו מיר? — האָט ווערא א טענה.

— איך האָב געוואָלט קומען צו דיר, טייערע, הארציגע. פיל מאָל זיך געקליבן. אָבער איך בין מיד, מיד צו לעבן, טייערע. איך בין נאָך אַלץ א שאָפ־מיידל, וויעראָטשקא. מיינע פּלייצעס ווערן שוין סוטולע־וואַטע. דו זעסט, ס'איז פון זיצן איבערגעבויגן איבער דער מאשין.

— ס'דאַכט זיך דיר אוים, נארישע, דו ביזט נאָך שענער געוואָרן, מאניטשקע. דיינע פּלייצעס זיינען סטראַיגע. דו ביזט א שיינע, מאניטשקע, זייער א שיינע.

— וואָס קומט ארוים? אז איך בין מיד! אוסטאַלאַ דושאַ י אי טיעלאָם (מיד מיט מיין קערפּער, מיט מיין נשמה).

דאָס לעבן אין אמעריקע איז שלעכט צו מאניע'ן. איר טייערע רוסישע שפּראך ווערט דאָ גאָרניט געשעצט. פון איר גרויסן יחוס ווייסט קיינער ניט. די בחורים אין שאָפּ זיינען וואולגאר און גראָב ביי איר אין די אויגן. בחורים, וואָס שטאמען פון אָרעמע משפּחות, און קיין דערהויבן קולטורעל לעבן האָבן זיי קיינמאָל ניט געוואוסט. אָבער זי שטאמט פון א העכערן קלאַס. האָט געלעבט אזא דערהויבן לעבן. די ענגלישע שפּראך נעמט זיך ניט אָן ביי איר. זי האָט ניט ליב די דאַזיגע שפּראך. א טרוקענע שפּראך.

— ס'איז איצט אזוי מחיה צו רעדן מיט ווערא'ן אין רוסיש. יעדער וואָרט איז קיילעכדיג, זינגעוודיג און גלעטנדיג.

— איך האָב שוין אזוי לאַנג ניט גערעדט קיין רוסיש, וויעראָטשקא. איך וואוין שוין ניט ביי מיין ברודער. איך וואוין אַליין. איינע אַליין, וויעראָטשקא. מיין איינציגע טרייסט איז די פּיאַנאָ. ס'איז דאָרטן דאָ א פּיאַנאָ אין הויז. איך בין שוין אויך געווען צו א פּאָר קאָנצערטן אין קארנעגי האָל. וואונדערבאַר, פּרעכטיג. איך האָב ליב טשאַיקאָווסקי'ן, איך בין משוגע פאר אים. און בעטהאָווען איז אויך וואונדערבאַר. אָבער איך בין מיד, וויעראָטשקא. דאָס לעבן איז גרוי און פלאך, אָן קיין איין שטראַל פון האָפענונג. איך האָב געהערט,

אז ערגעץ איז פאראן א רוסישער קלוב, וואו אינטעליגענטע מענטשן קומען זיך צונויף. איך וואלט אזוי געוואלט אנקומען אין אזא קלוב, אבער איך האב ניט ווער עס זאל מיך אריינפירן. איינע אליין פאסט ניט. איך לייען די רוסישע צייטונגען. דארטן ווערט געמאלדן וועגן פילע רוסישע קאנצערטן און בעלער, אבער איינע אליין גיין, ווי פאסט? ווייסט וואס, וויעראטשקא, לאמיר ביידע אמאל גיין צו אזא באל. וואס זאגסטו? זייער הויכגעשטעלטע פערזאנען קומען אויף די דאזיגע בעלער. אפיצערן, גענעראלן, און אפילו פירשטן. אדעליגע מענטשן. עס וועט זיין זייער אינטערעסאנט, וויעראטשקא. וואס זשע זאגסטו, וויעראטשקא, טייערע, הארציגע?

ווערא קאן שוין גארניט זאגן. ווערא איז געווארן בלאס און דערנאכדעם פייערדיג רויט, און זי קאן שוין ניט אטעמען פון גרויס הארץ־ציטערניש.

— אט האב איך דיר געבראכט משה'ן — לאכט דעיוו מיט טרויעריגע קלוגע אויגן.

ער האט אים געפירט איבערן גאנצן זאל צו דעם ווינקל, וואו ווערא איז געזעסן מיט מאניע'ן. מיט איבערגעטריבענער פריינטלעכ־קייט האט אים דעיוו געפירט. אים אפילו אנגענומען דעליקאט ביים ארעם. אים צוגעפירט, געשטאנען א קליינינקע ווייל און איז פאר־שוואונדן געווארן.

— איז דאס משה? — ציטערט איר קול.

יא, דאס איז משה. אויסגעוואקסן נאך העכער פאר די לעצטע צוויי יאר. די פלייצעס ברייט געווארן. דאס פנים אפגעצערט און ביינערדיג. די מארדע זיינע א פארשפיצטע און א בייזע. די הענט שווערע און שטעביגע, ווי גלאז־פאפיר.

וואס־זשע איז אזוינס דאס אמעריקע?

זיי זיינען זיך צונויפגעפארן, די צען טשערעמעיעווער, פון ברוק־לין, פון בראנקס, פון וויליאמסבורג, פון דאון־טאון, פון בארא־פארק און פון בראנזוויל. מיט פיל נייגעריגקייט, מיט גרויס בענקשאפט, מיט ציטערניש און פלאטערניש.

ס'ווילט זיך זען איינער דעם אנדערן. מ'האט אזוי פיל דורכ־געמאכט פאר די לעצטע צוויי יאר. און אויף דער שיף האבן זיי דאך זיך געהאלטן צוזאמען, ווי אייגענע ברידער. וואס איז געווארן פון יעדן איינעם? ווי אזוי קוקט אוים דער און יענער?

מען וועט אויך זען גאלע היימישע אידן. אזוי פיל היימישע אידן זיינען פאר די לעצטע יארן געפארן קיין אמעריקע פון טשערעמעיעוו.

אייניגע פון די צען לאנדסלייט גערענקען נאך זייער קלאר יענעם אינדערפרי, ווען פיני מוטשניק איז אפגעפארן פון טשערעמעיעוו קיין אמעריקע... יענעם אינדערפרי: דאס גאנצע שטעטל שטייט פאר פיני מוטשניק'ס הויז. די פיניכע האלט אין איין וויינען. די קינדערלעך קוקן מיט דערשראקענע פנים'לעך... פייוויש דער בעל־עגלה האלט קוים איין די פערד. פיני מוטשניק'ס רויטע בארד איז פול מיט יסורים... ער ווארפט דעם לעצטן בליק צו זיין ווייב, צו זיינע קינדערלעך, און נאך אמאל צו זיין ווייב. ער ווארפט דעם לעצטן בליק צו די אידן פון שטעטל. ער פארט קיין אמעריקע, פיני מוטשניק... קיין אמעריקע פארט ער...

וואס־זשע איז אזוינס דאס אמעריקע? האט מען דעמאלט גע־טראכט...

איצטער זיינען שוין אלע אין אמעריקע. אבער ס'איז ניט די אמעריקע, וואס זיי האבן געזען אין זייערע קינדערשע פאנטאזיעס.

יענע אמעריקע איז געווען עפעס א ווייט, וואונדערלעך לאנד. אט פונקט ווי די וואלקנס אין הויכן הימל אין א זומער בייטאג, וואס נעמען אן פארשיידענע געשטאלטן. אלץ, וואס מען ווינטשעוועט זיך, קאן מען דארטן זען. מען קאן זען דעם בית־המקדש, און שלמה המלכ'ס פאלאץ, און א גארטן מיטביימער, און אידן גייען פון מצרים, און א גאנצע שטאט מיט אזוינע טורעמדיגע פאלאצן...

פיני מוטשניק מיט דער רויטער בארד איז אוועקגעפארן מיט יארן און יארן צוריק קיין אמעריקע. שפעטער איז די פיניכע מיט אירע קינדער אויך אוועקגעפארן.

אייניגע געדענקען אויך זייער קלאר, ווען בן־ציון סופר איז אוועק־געפארן. בן־ציון דער סופר, א הויכער איד מיט אזא שיינער בארד, מיט אזא בנעימות'דיג קול. האט ליב געהאט שמחת־תורה צונויפנעמען די קינדערלעך, זיי הייסן זיך אננעמען ביי די הענט און מאכן א ראד

ארום באַלעמער. בן־ציון סופר איז געשטאַנען פון אויבן און געשריען:

— צאָן־קדשים, הייליגע שעפּסעלעך, פרייט זיך מיט גאָט'ס תורה!

וועלן זיי שוין איצט, אויף דעם דאָזיגן טשערעמעיעווער באַל און קאָנצערט, זיך זען מיט דעם פּיני מוטשניק. זיי וועלן זיך אויך זען מיט בן־ציון סופר, וועמען מען האָט קינדווייז אַזוי ליב געהאַט...

האָט יעדער איינער פון דער חברה זיך אַריינגעאיילט אין זאַל אַריין מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש, מיט אַזאַ פּיינלעך־זיסער דער־וואַרטונג...

מען איז אַריין אינעווייניג, אין דעם ליכטיגן, גרויסן, פאַרפּוצטן זאַל, און ס'איז גאָרניט דאָס, וואָס מען האָט זיך פאָרגעשטעלט אין פאָראויס. ס'איז גאָר אַקוראַט, ווי מען איז אַריינגעפאַלן ניט אויפן אמת'ן אדרעס. גאָר פרעמדע אידן אין דעם דאָזיגן פּלאַץ, וואוהין מען האָט מיט אַזוי פיל האַרץ־פּלאַטערניש זיך געאיילט... ניטאָ קיין סימן פון טשערעמעיעוו... ניין, מ'האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אַ טעות... דאָס איז ניט דער טשערעמעיעווער באַל און קאָנצערט...

אָבער דאָרטן זיצט משה, און אָט דאָרטן דרייט זיך ארום דעיוו, און אָט איז אויך מאַניע.

— משה, משה, וואָס מאַכסטו, משה?

— און דו, פרויקע? וואָס מאַכסטו?

— און אָט איז ברוך. פעט געוואָרן, ברוך.

— שאַט, און אָט איז יאַקל. ער איז קראַנק, צי וואָס? קוים וואָס ער גייט.

— און אָט איז וועווקע. כאַ, כאַ, כאַ, וועווקע טאַפּער.

מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס. מען באַטראַכט, מען באַשמעקט זיך. מען נעמט זיך ארום. מען שפּאַסט. מען לאַכט.

מען דערפילט נאָך דעם טעם פון יענער חבר'שאַפט אויף דער שיף. מען דערפילט נאָך דעם טעם פון ים, פון די אַלע רייד, וואָס מען האָט גערעדט אויפן וועג.

— גוט, וואָס מען זעט זיך.

— דעם אמת געזאָגט, שוין געבענקט.

— וועווקע טאַפּער, זע, זע. מיט אַ דימענט־שפּילקע אויפן טאַי, כאַ, כאַ, וואָלט מען זיך געוועין גערעכט אויף אים? סעי, וועווקע, אַ בראַנד אויף דיר!...

דרייט ער זיך אויס פון זיי און גייט אוועק

וועווקע טאַפּער. ס'איז אים היים פון גרויס נחת. ער שוויצט סכנות. ער וויל זיך קושן מיט יעדן איינעם. ווער עס לאָזט זיך, דעם באַפּאַלט ער און מאַכט נאָס אַ באַק.

— הי, הי, הי, משה, משה, נאָך דיר האָב איך געבענקט. משה, משה, זע נאָר, ביזט דאָ.

— דו זעסט אויס ווי אַ קאַצענער בריליאַנט, וועווקע — לאַכט פון אים בערעלע גאָנאַפּטי.

— אַ קאַצענער בריליאַנט איז ראַיט — מאַכט וועווקע און לאַכט מיט אַלעמען.

וואונדערט זיך קיינער ניט, וואָס וועווקע האָט געזאָגט „איז ראַיט". יעדער איינער וואָלט געזאָגט „איז ראַיט". ווי דען אַנדערש ?

— ווי זשע געפעלט דיר אַמעריקע ? — פרעגט דעיוו, ווי אַן אַלטער אַמעריקאַנער.

— אַמעריקע געפעלט מיר שוין אַלראַיט ! — צעשמייכלט זיך וועווקע מיט געזונטע ווייסע ציין.

די אַרבעט איז ביי אים אַ שפּילעכל. ער האָט נאָך ליב די אַרבעט אויך. אין אַ ווייסן פאַרטוך שטייט ער פאַר אַ סטאָיקע פול מיט געד־רויכערטע פליישן, דאַרע קישקע, לעבערלעך און פופּיקלעך, און געד־בראָטענע הינדעלעך, און זויערע אוגערקעס מיט פּאָמידאָרן. ער האָט אַליין ליב די אַלע זאַכן. מאַכט ער די סענדוויטשעס פאַר די קונים מיט פיל טעם און געשמאַק. שמייכלט צו יעדן איינעם. מען האָט אים ליב.

ס'זיינען נאָך דאָ אַ פּאָר מענטשן פאַר דער סטאָיקע אין דעם דעליקאַטעסן־סטאָר, אָבער אַלע ווענדן זיך נאָר צו אים. די קונים האָבן ליב, ווען ער באַדינט זיי. אַזוינע געזונטע ראָזעווע הענט פאַרמאָגט ער. ריינע הענט, אַז מען מיאוס'ט זיך גאָרניט פון זיי. פון זיין פּנים שלאָגט מיט אַזוי פיל כח און פרייד, אַז דער סענדוויטש ווערט באַ־טעמ'ט מיט זיין פערזענלעכן טעם.

ער אַרבעט אַריין לאַנגע שעה'ן, אָרט דאָס אים דען ? ס'איז פריילעך צווישן מענטשן. די ריחות פון די געזייערטע זאַכן גיבן אויך צו פרייד.

אַ סך פֿאַרגעניגנס געניסט ער אין דעם לאַנד. אָבער דאָס בעסטע פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס איז, ווען ער גייט אַריין אין באַרבער־שאָפּ. ס'איז אַ גרויסער נחת אויף אים. פּונקט ווי אין אַ קלוב. ס'אַרט אים ניט, אויב ער דאַרף לאַנג וואַרטן ביז ס'וועט קומען זיין רייע. פֿאַרקערט, זאָל זיין וואָס שפּעטער. עס איז אַ מחיה צו זיצן דאָרטן און זיך צוהערן, וואָס מענטשן רעדן. מען קאָן זיך אַ סך לערנען דאָרטן. מען רעדט דאָרטן וועגן אַלץ אין דער וועלט.

גאַלע מענער זיצן אין באַרבער־שאָפּ. שעמען זיך ניט די מענער איינער פֿאַרן אַנדערן און מען דערציילט דיר אַזוינע זאַכן, אַז וועווקע, אַי ער שעמט זיך, אַי ער האָט גרויס הנאה.

אָבער דער העכסטער פּונקט פֿון וועווקע'ס פֿאַרגעניגן איז, ווען מען צעלייגט אים אויף דער ווייכער שטול. ווי אַ מלך ציט ער זיך דאָרטן אויס. מען קאָן אַפֿילו פֿאַרמאַכן די אויגן און כאַפּן אַ דרעמל. דעם גרויסן נחת, וואָס ער פֿילט, בשעת דער באַרבער פּאַדיעט אַרום אים, קאָן ער גאָרניט מיט ווערטער באַשרייבן...

— ס'איז דער זעלבער טעם — דערקלערט ער איצט דער חברה — ווען ס'בייסט דיך שטאַרק און עמיצער קראַצט דיך. און געביסן האָט מען מיך פּלענטי אין טשערעמעיעוו, הי, הי, הי. אין דער היים וואָלט עמיצער פֿון אונז געלאָזט אַ פֿרעמדן מענטשן וואַשן דיר דעם קאָפּ, אַ? אַ יאָ, ניין? און דאָ וואַשט מיר דער באַרבער דעם קאָפּ, פּונקט ווי אַ מאַמע. אָבער טשיקאַווע זיינען דאָ זייערע טשערס. אַ דריי אַ שרייפֿעלע און ס'הויבט זיך. און איינער זיצט אויף דער טשער, ווי אַ מלך, און יענער קליקעט מיטן שערעלע, ציבעט מיטן מאַשינקעלע, און דערנאָכדעם מילעוועט ער דיר אָן דעם קאָפּ און דערנאָכדעם פֿאַר־בינדט ער דיר דעם נאַסן קאָפּ מיט אַ האַנטוך, פּונקט ווי אַ טערק, הי, הי, הי...

— שאַ, הער אויף צו בעבען! באַגלייך מיר ווייסן דאָס ניט! — באַליידיגט זיך בערעלע. — חברה, מיר דאַכט, אָט יענער־אָ איז בן־ציון סופֿר.

ס'איז ניט בן־ציון און ס'איז יאָ בן־ציון סופֿר. וואָס איז געבליבן פֿון זיין שיינער לאַנגער באָרד? אַ פּיצעלע בערדעלע. קיין פּיאות האָט ער גאָר אינגאַנצן ניט. איינגעבויגן איז שוין בן־ציון סופֿר. אָן אַ קאַפּאָטע בן־ציון סופֿר. אַ פֿאַר'גוי'אישטער בן־ציון סופֿר.

— וואָס־זשע מאַכט איר, בן־ציון סופר? — רינגלען אים אַרום די חברה און גיבן אים אָפּ שלום עליכם.

שמייכלט צו זיי בן־ציון סופר מיט טרויעריגע ליבע אויגן. עס שטייען פאַר אים אַזוינע געזונטע ווערגלעצעס, און ער האָט זיי איבער־געלאָזט קליינע סמאַרקלעך.

— איר זייט אין אַמעריקע אויך אַ סופר? — פרעגט וועווקע אָן שום זייטיגע דריידלעך.

ענטפערט ער זיי מיט זיין בנעימות׳דיג קול, אַז ער איז אין אַמעריקע ניט קיין סופר. אַז ער איז אַ גראָסערימאַן.

— שרייט איר דאָ שמחת תורה מיט די אַמעריקאַנער קינדער אויך צאן קדשים? — איז וועווקע זייער דירעקט מיט זיינע פראַגן.

פאַרשעמט זיך בן־ציון דער סופר. שמייכלט ליבלעך צו זיי. ענטפערט זיי געלאַסן און אָנגענעם, אַז דער שמחת תורה אין אַמעריקע איז ניט קיין שמחת תורה, און אַז די אידישע קינדער דאָ אין אַמעריקע זיינען גאָר אַנדערע קינדער.

זיי ווילן זיך טוליען, די חברה, אַרום דעם אידן, וואָס דערמאָנט זיי אַ שטיק לאַנג־פאַרגעסענע ליבטיגע קינדהייט. אָבער דער דאָזיגער איד האָט זיי איצט גאָרניט וואָס צו זאָגן. ס׳איז בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין פון אַמאָליגן בן־ציון סופר. שטייט ער און קוקט אויף זיי און שווייגט. דערנאָכדעם דרייט ער זיך אויס און גייט אַוועק. קוקן אים נאָך די חברה מיט פאַרקלעמטע הערצער.

— בן־ציון דער סופר, בן־ציון דער סופר...

אפשר איז טאַקע דער ברוך קליגער פון אים?

זיצט זיך ברוך מיט לייטישע הענט אויף די קני, אין אַ שוואַרצער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, קוקט מיט לייטישע אייגעלעך אויף די אידן אַרום אים, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אָפּגעבן כבוד זייערן אַ לאַנדסמאַן, וואָס אפילו דאָ אין אַמעריקע האַלט ער זיך ביי דער אידישקייט.

קיינער פון די לאַנדסלייט, וואָס זיינען שוין דאָ אין אַמעריקע צו צוואַנציג און צו דרייסיג יאָר, קענען ניט ברוכ׳ן, קענען אפילו ניט

זיין טאטן. זיי קענען אָבער דעם מיסטער סאָלאָמאָן, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער גביר אין אַמעריקע.

זאָגן שוין ניט די לאַנדסלייט „העלאָו", ווען זיי גריסן זיך מיט ברוך'ן. אַ אידן אין אַ יאַרמולקע דאַרף מען שוין זאָגן שלום־עליכם.

— שלום־עליכם! — קומען צו נאָך און נאָך לאַנדסלייט, און מען שטרעקט ברוך'ן אויס די האַנט.

— עליכם ועל בניכם — ענטפערט ער פרום.

— שלום־עליכם — שטרעקט אים אויך משה אַ האַנט פול מיט חוזק.

— שלום־עליכם — נעמט צו ברוך משה'ס שפּאָטנדיגן שלום־עליכם מיט אַן ערנסטער מינע.

ער ווייסט, ברוך, אַז משה'ס כונה איז אָפּצולאַכן פון אים. אָבער ער מאַכט זיך ניט וויסנדיג. זאָל ער שטיין דאָ, דער לץ. ווער קוקט זיך דען אום אויף אים?

קוקט זיך טאַקע קיינער פון די לאַנדסלייט ניט אום אויף משה'ן. זיי זיצן אַרום ברוך'ן מיט פיל רעספּעקט, מיט אויסגעצויגענע העלזער און מיט צוגעבויגענע אויערן. מען וויל ניט פאַרלירן קיין איין קלוג וואָרט, וואָס ברוך זאָגט.

דער פעטער סאָלאָמאָן זיצט אויך דערביי. זיצט זיך ברייטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. אויך אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ גראָבן ציגאַר צווישן די פולע פינגער. זויגט זיך דעם ציגאַר, באַלעקט זיך און קעוולט אָן.

— שלום־עליכם — קומט אויך צו צו ברוך'ן דער פּרעזידענט פון דער טשערעמעיעווער סאָסייעטי.

צערוקן זיך די אידן אָפּצוגעבן דעם אויבן־אָן זייער פיל־נעשעצטן פּרעזידענט, וואָס קאָן זיך מיט זיין רייכקייט ניט פאַרשעמען אפילו פאַר מיסטער סאָלאָמאָן.

— און אונזערע ברידער אין בעסאַראַביע? ניט גוט מיט זיי, ניט גוט מיט זיי? — פרעגט דער פּרעזידענט ברוך'ן מיט טרויער אין קול.

— זייער ניט גוט — גיט ברוך אַ ביטערן זיפץ. — דער גלות הרומעניע איז נאָך ערגער פון גלות הרוסלאַנד.

זיפצן די אידן און האָבן צער דערפון, וואָס זייערע ברידער אין בעסאַראַביע ווערן געפּלאָגט אונטער דער רומענישער מאַכט.

— ווי אַזוי האָסטו געזאָגט, ברוכ'ל? — גיט אים דער פעטער סאַלאָמאָן א פּאַטש איבער דער קני. — דער גלות הרומעניא איז נאָך ערגער פון גלות הרוסלאַנד. גוט געזאָגט, כ'לעבן; פיין געזאָגט, כאַ, כאַ, כאַ.

— אָבער קיין פּאָגראָמען מאַכט ער, חס וחלילה ניט, דער רו־מענער? — וויל דער פּרעזידענט אָפּבעטן ביי ברוכ'ן כאָטש די פּאָגראָמען.

— דערווייל איז שטיל — ענטפערט זיך ברוך מיט וועלט־שמערץ אין די אויגן. — דערווייל נעמט מען גלאַט אַזוי צו ביי אידן די פּרנסה. מאָנאָפּאָלן, ציינזן אַלערליי. דאָ שטיי ניט, דאָ גיי ניט, ווי ירמיהו הנביא האָט געזאָגט . . . — דערענדיגט ניט ברוך. און די אידן אַרום ווייסן טאַקע ניט, וואָס ירמיהו הנביא האָט געזאָגט.

— וואָס־זשע אַזוינס האָט געזאָגט ירמיהו הנביא? — נעמט אים משה אויפן נאַניעמבעק. — שעם זיך ניט, ברוך. זאָג, זאָג.

קוקן זיך אום אַלע אידן אויף משה'ן מיט פּאַרדרוס, ווייל זיי דערקענען לצנות אין זיין קול. מען איז בייז אויף משה'ן. דאָ זיצט אַזאַ לייטישער יונגערמאַן, ווי ברוך, אַן אמת אידישער יונגערמאַן, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, און רעדט אַזוי שיין, שטעלט זיך אַנידער אַ לץ און שפּעט אָפּ.

פאַרשעמט זיך משה פון זייערע פאַרדריסלעכע בליקן. מען וויל דאָ ניט האָבן קיין לץ, ווען מען רעדט וועגן אידישע צרות. טראָגט זיך משה אָפּ און ס'בריט אים אין האַלז. בלייבט שטיין פון דער וויטנס, זעט, מיט וואָס פאַר אַ רעספּעקט מ'הערט אים, דעם דאָזיגן ברוכ'ן. בלייבט ער צעטומלט, דערשטוינט: „אפשר איז טאַקע דער ברוך קליגער פון אים, משה'ן? אפשר, ווער ווייסט?...”

פּרויקעלע און זיין אַמאָליגער חבר אַוורעמל

— קוק, אָט גייט פּרויקעלע, אין ברילן גאָר!

יאָ. פּרויקעלע איז אַריינגעקומען. ער איז צעטומלט. ער ווייסט נאָך ניט, וואוהין ער איז אַריינגעפאַלן.

וועוקע לויפט אים אנטקעגן, ווייל זיך מיט אים צוקושן. יענער ראטעוועט זיך קוים. פרויקעלע האט זיך ניט ליב צו קושן.

— קום, פרויקעלע, אט שטייט די חברה.

— דו טראגסט שוין ברילן, פרויקעלע? — פרעגט אים משה מיט מיטגעפיל.

— ערשט א מאנאט — פארענטפערט ער זיך. — ס'האט מיר פלוצלונג אנגעהויבן צו שווינדלען אין קאפ, האב איך געמיינט, אז אודאי פון דער „פעינט". קום איך צום דאקטאר, זאגט ער, אז דער קאפ־שווינדל קומט גאר פון די אויגן.

— אודאי א פעינטער?

עס פאסט זיך אים גארניט צו זיין קיין פעינטער, מחמת פרויקעלע איז א קליינינקער, אן איידעלער, אן אויסגעווייקטער.

איז ער שוין גראדע א גוטער „פעינטער" אויך. מען וואלט גע־דארפט א קוק טאן, ווי ער שטייט אויפן לייטערל, אין ווייסן פאר־שמירטן פעינטערס היטל, אין פארב־באשפריצטע אוועראלס, און פירט מיט דער בארשט גיך, גיך.

— מאכסט עפעס א פיין לעבן, פרויקעלע?

— ניט צו פארזינדיגן — טוט ער א לייטישן זיפץ.

דעם זיפץ טוט ער, ער זאל זיך אליין קיין גוט־אויג ניט געבן. ער פארדינט זייער גוט, אט דער פרויקעלע. ער האט שוין גאנצע טויזנט דאלאר אפגעשפארט אין באנק. ער האט שוין אפילו געמאכט א פאר איינענע דזשאבלעך. דאס הייסט, ער איז אליין געווען דער „באס". א פאר אלטערעישאן־דזשאבלעך געמאכט ערב פסח. ער האט נאך געמוזט דינגען א פאר מענטשן אים ארויסצוהעלפן.

— ווי זשע גייט עס דיר דא אין דעם לאנד? — פרעגט דעיוו.

— מען ארבעט דא זייער שווער — קלאגט זיך פרויקעלע. — ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב. דאס לעבן איז דא איבערגעקערט מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. די איינציגע זאך — מען דארף מאכן געלט. געלט — דאס איז דער עיקר.

— קאנסטו שוין עפעס רעדן ענגליש?

— יעס, אווקאז — גייט ער גלייך איבער צו ענגליש — אי פינישד סקול אלרעדי.

— האָסט שוין געענדיגט דאָ סקול? — פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם ביי וועוקע'ן פון יענעמס גרויסקייט.

יאָ. ער האָט אין צוויי יאָר פאַרענדיגט נאַכט־סקול. זיך גוט געלערנט. ניט פאַרפעלט קיין איין אָוונט.

— קודם כל, דאַרף מען קאָנען די שפּראַך פון לאַנד — לערנט פּרויקעלע די איבעריגע, ווי אַזוי מענטשן דאַרפן זיך פירן. — אַזוי ביזטו אַ טויטער מענטש. האָט איר דאָ אפשר געזען אויפן באַל פיני מוטשניק? — ווערט פּרויקעלע זייער נייגעריג.

— יאָ, אָט דאָרטן שטייט ער.

פרעגט זיך פּרויקעלע ניט אַזוי נאָך פיני מוטשניק, ווי נאָך אוורעמל'ען, פיני מוטשניק'ס זון.

אוורעמל איז געווען פּרויקעלע'ס אַ חבר אין דער היים. געלערנט אין איין חדר און געווען אין איין כתה. ווען אוורעמל איז צוריק מיט אַכט יאָר אַוועק קיין אַמעריקע, האָט פּרויקעלע געוואַלדיג געבענקט נאָכן חבר. זיי האָבן זיך איבערגעשריבן די ערשטע פּאָר יאָר. דער־נאָכדעם האָט אוורעמל אויפגעהערט צו שרייבן.

זייער אַן ענג־פאַרבונדענע חבר'שאַפט איז דאָס געווען צווישן זיי ביידע. אין חדר, אין שול, אויף דער גאַס — רק צוזאַמען. נאָכ־דעם ווי פּרויקעלע איז אויך אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך גלייך נאָכגעפרעגט אויף זיין אַמאָליגן חבר. האָט ער זיך אָבער דער־וואוסט, אַז זיין חבר וואוינט אין נוארק.

וואָלט ער געווען געפאָרן אַזש קיין נוארק, האָט אָבער קיינער ניט געוואוסט זיין אַדרעס.

— אייער אוורעמל איז אויך דאָ? — פרעגט פּרויקעלע מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ ביי פיניע'ן.

— שוין לאַנג ניט געהערט דאָס וואָרט „אוורעמל" — לאַכט פיניע מוטשניק, שוין אָן דער רויטער באָרד און אָן דער פאַרמעלטער קאַפּאָטע, מיט צוויי גאָלדענע ציין פון פאָרנט. — דעטסראַיט, איר זייט דאָך געווען פריינט אין טשערעמעיעוו. אייב! — טוט ער אַ רוף — אייב, קום נאָר אַהער, וועסטו עמיצן זען.

שפּאַנט צו אַ הויכער, ברייט־פּלייציגער בלאָפאַק, מיט אַ רויט־אָנגעגאָסענעם האַלז, מיט אַ רוי פנים, מיט פרעכע גרויע אויגעלעך.

— האָסט מיך גערופן, פּאַ ? — קוקט ער אויף פּרויקעלע'ן מיט פרעמדקייט.

— דו דערקענסט אים ניט ? — לאַכט דער טאַטע. — ס'איז דאָך דיין אַמאָליגער חבר פּרויקעלע.

קוקט יענער אָנגעשטרענגט אויף דעם גרינעם בחור'ל מיט די ברילן. קוקט און קוקט אויף אים, שטרעקט אים אוים אַ געזונטע, שווערע לאַפּע.

— אָ, יעס, אי רעמעמבער נאָו. ווי וואָר טוגעדער אין די סעים היידער.

— ער קאָן דאָך שוין ניט רעדן קיין וואָרט אידיש — באַרימט זיך פּיניע מוטשניק מיט זיין זון.

— וואַי — פּאַרשעמט זיך יענער — איך קאָן נאָך רעדן עי ליטל.

פּיניע מוטשניק איז אַוועק און געלאָזט ביידע חברים אַליין. שטייען זיי, קוקן איינער אויפן אַנדערן, און ס'איז אַ גרויסער צער אויף זיי ביידן. מען האָט זיך גאָרניט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. יענער אוורעמל איז טאַקע בלויז געבליבן אין חלום. דאָ שטייט אַ געזונטער אַמעריקאַנער בלאָפּאָק מיט אַ רוי פּנים, מיט פּרעכע גרויע אויגן, וואָס האָט שוין גאָרניט צו טאָן מיט יענעם אוורעמלען.

דערמאָנט זיך אויך עפּעס אָט־דער אייב וועגן זיין אַמאָליגן חבר פּרויקעלע. ווי אין אַ טומאַן קומען אָן די אַלע דערמאָנונגען. עפּעס איז אַמאָל יאָ געווען אַ שייכות צווישן זיי ביידן. איצטער איז גאָר ניטאָ. אַ יוראָפּעער אינגל, אַ צעטומלטער, שטייט און קוקט אויף אים. וואָס אַ שטייגער קאָן ער צו אים שוין איצט רעדן ? ווי לאַנג ער איז אין לאַנד ? וואו ער וואוינט ? וואָס איז זיין אַרבעט ?

— אַי, אייב ! — קומט צו אַן אַנדער בחור.

— וואָן מאָמענט, בוטש — מאַכט דער אַמאָליגער אוורעמל. — וועל, אי וויל סי יו לעיטער — שטרעקט ער אוים אַ האַנט צ פּרויקע'ן. — קאַם טו וויזיט אָס סאַמטאַימס, וויל יו ?

מען גייט ביידע אַוועק, אייב מיט בוטש'ן...

שפּעטער האָט פּרויקעלע געזען אייב'ן טאַנצן מיט אַ מיידל. אַן אַמעריקאַנער טאַנץ האָבן זיי געטאַנצט ביידע. האָט פּרויקעלע זיך געוואונדערט און זיך גע'חידוש'ט. געטראַכט מיט אומעט וועגן דעם, וואָס ער האָט געבענקט אַזוי פּיל יאָרן נאָך דעם אוורעמלע'ן און

ס'איז שוין גאָר מער ניטאָ קיין אוורעמעלע. אוועק פון דער וועלט יענער אוורעמעל, פונקט ווי עס זיינען אוועק יענע וואוילע ליכטיגע קינדער־יאָרן...

אַזוי, מיט אַ שוועסטערל? אַי, אַי...

זלאַטע, הירש־בער דעם בלינדנ'ס, אין אַ לאַנגער ווייסער קלייד, מיט געקרייזלטע האָר. זי לאָזט זיך גיין איבערן זאַל אַ פאַרשעמטע. עס דאַכט זיך איר אויס, אַז אַלע לאַנדסלייט קוקן אויף איר און מאַכן חוזק. זלאַטע, וואָס האָט קיינמאָל אין איר לעבן קיין נייע קלייד ניט געטראָגן, האָט זיך היינט פאַרפוצט, ווי אַ גביריש קינד.

— זלאַטע, זלאַטע — שרייט וועווקע איבערן גאַנצן זאַל און פרייט זיך. — קום אַהער, קום אַהער, זלאַטע. זע נאָר, זלאַטע, וואָס פאַר אַ שיין קלייד דו טראָגסט. עס פאַסט דיר זייער גוט, זלאַטע.

שעמט זי זיך צו זאָגן, אַז זי הייסט שוין מערער ניט זלאַטע, נאָר זי הייסט זינאַ. זי האָט בעסער ליב, אַז מען רופט זי טאַקע זינאַ.

— זע נאָר, זי איז גאָר אַ שיינע, די זלאַטע — רופט זיך אָן ברוך צו פּרויקעלע'ן, און די אייגעלעך ביי אים ווערן חמור־אייזליש.

— עט, פון די קנאַפּע קראַסאַוויצעס! — גיט פּרויקעלע אַ מאַך מיטן הענטל, פונקט ווי זיין טאַטע פלעגט מאַכן.

— פונדעסטוועגן וואָלסטו זיך ניט געוואָרגן מיט איר, כאַ, כאַ, כאַ.

טוט פּרויקעלע אַ בייזן קוק אויף ברוכ'ן דורך זיינע ברילן און האָט אים פיינט. ער האָט אים שטענדיג פיינט געהאַט און איצטער נאָך מערער. באַזונדערס קאָן פּרויקעלע ניט פאַרטראָגן אָט די יאַר־מולקע. אַ יונגער בחור זאָל גאָר זיצן אין אַ יאַרמולקע. ס'איז עפּעס סאָמעדיאַנטסקע שטיק. קיין געוואַלדיגער פרומער איז דאָך יענער ניט געוועזן אין משערעמעיעוו.

— ווען דו ווילסט רעדן וועגן מיידלעך, טו בעסער אויס די יאַר־מולקע — שפּאַט אָפּ פון אים פּרויקעלע.

— זאָל דיר מיין יאַרמולקע ניט זיין שווער אויף דיין קאָפּ — ענטפערט אים ברוך אויך בלומרשט מיט אַ וויץ און גייט אוועק פון אים.

— איז וואָס זשע מאַכסטו, זלאַטע? — שטרעקט איר אויס דעיוו אַ פריינטלעכע האַנט.

— אָלראַיט — ענטפֿערט זי און רויטלט זיך.

— ביזט אַזוי שיין פֿאַרפּוצט היינט, זלאַטע.

שעמט זי זיך ווידער, ווייל זי ווייסט דאָך דעם אמת, אַז די דאָזיקע רייכע קלייד איז ניט אירע, און די געקרייזלטע האָר זיינען אויך ניט קיין אמת׳ע. די קלייד האָט זי געדונגען אויף פּראָקאַט, און אירע האָר זיינען געקרייזלט געוואָרן אין אַ ביוטי־שאַפּ. דאָס האָט זי די שוועסטער יעטאַ אַזוי אויסגעפּוצט. אַליין איז די שוועסטער געבליבן אין דער היים, ווייל עס טוט איר ווי דער קאָפּ. אַ שוואַכע איז איר שוועסטער יעטאַ. אַן אויסגעהאָרעוועטע, און זי לײַדט פֿון אָפֿטע קאָפּ־ווייטאָגן. אָבער איר שוועסטערל זינאַ זאָל יאָ גיין צום באָל. זי קוקט דאָך איצט אויס אין דער שיינער ווייסער קלייד מיט די געקרייזלטע האָר ווי אַן אמת׳ע פּרינצעסין, איר שוועסטער זינאַ. זאָל זי גיין אויפֿן באָל. זאָל זי זיך באַגעגענען מיט יונגעלייט, אפשר וועט זי געפֿינען חן אין די אויגן פֿון איינעם אַ לייטישן און וואוילן בחור.

זיינען אויף דעם דאָזיגן באָל טאַקע פֿאַראַן פֿילע יונגעלייט. קוקט זיך אָבער קיינער פֿון זיי ניט אום אויף איר. אפשר דערפֿאַר, ווייל זי וואַרפֿט זיך ניט אין די אויגן. און אפשר דערפֿאַר, ווייל זיי ווייסן וועגן איר נידעריגן יחוס.

זיצט זי אין אַ ווינקל איינע אַליין און קוקט, ווי מען טאַנצט, ווי מען פֿרייט זיך. זעט אויך, ווי משה זיצט מיט ווערא׳ן, און ביידע ווייסן אפֿילו ניט וואו זיי געפֿינען זיך. פֿאַרטאָן איינער אין אַנדערן. ט־אַכט זי, אַז זי וואָלט אפשר ניט געדאַרפֿט קומען אַהער. זי וואָלט געדאַרפֿט איבעררייסן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו טשערעמעיעוו. אין ווילי־אַמסבורגער קלוב איז איר פֿרייַלעכער. מען קען דאָרטן ניט איר טאָטן, מען קען ניט דאָרטן קיינעם פֿון איר משפּחה. מען ווייסט ניט, אַז זי הייסט זלאַטע. זלאַטע, הירש־בער דעם בלינדנ׳ס. זי איז דאָ־טן פֿאַר זיי אַלעמען „חבר׳טע זינאַ" — אַ גלייכע צווישן גלייכע.

ניין, זי האָט ניט געטאָן גוט, וואָס זי איז געקומען אַהער. געוועןן געדאַרפֿט גיין אין קלוב. עס קומט היינט פֿאַר דאָרטן אַ לעקציע, און זי האָט ליב זיך איינהערן צו לעקציעס. מען רעדט אויף די לעקציעס גרויסע רייד, פּונקט אַזעלכע רייד, ווי משה האָט צו איר גערעדט אויף דער שיף.

אָבער איצטער איז משה אַפילו ניט צוגעגאַנגען צו איר. אפשר האָט ער זי גאָר ניט באַמערקט?

— איר זיצט גאָר איינע אַליין, זלאַטע? — גייט צו ברוך מיט דער יאַרמולקע.

— יאָ, אַליין — פאַרשעמט זי זיך פאַר אָט־דעם דאָזיגן בחור, מיט וועמען זי האָט אַפילו אויף דער שיף קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט.

— מעג מען זיך לעבן אייך צוזעצן? — מאַכט ער אַזוי ליטוויש.

— פאַרוואָס ניט?

זעצט ער זיך אַנידער. רוקט זיך צו נאָענט. קוקט אויף איר מיט צופיל פריינטשאַפט אין זיינע בלישטשענדיגע, טינט־שוואַרצע אויגן.

— ווי, זלאַטע, זלאַטע — גיט ער אַ זיפץ.

ווייסט זי ניט, צוליב וואָס ער זיפצט, האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט. זי קאָן אים ניט ליידן לעבן זיך.

— ווי, זלאַטע, זלאַטע — לייגט ער אַרויף אַ הייסע האַנט אויף איר קני.

שעמט זי זיך צו זאָגן, אַז ער זאָל צונעמען זיין האַנט. זי איז איר שווער, זיין האַנט. זי איז פאַרשעמט און באַליידיגט.

— וואו וואוינט איר, זלאַטע?

— אין וויליאַמסבורג.

— אַליין וואוינט איר, צי מיט עמיצן?

— מיט אַ שוועסטער.

— אַזוי, מיט אַ שוועסטער? אי, אי...

ס׳ווילט זיך אים אַ זאָג טאָן . . .

ווען ער זאָל כאָטש איין ליבן קוק טאָן אויף איר. ווען ער זאָל כאָטש איין וואַרעם וואָרט צו איר אַ זאָג טאָן. זיצט ער אָבער לעבן איר אַ פרעמדער, אַ ווייטער.

„זאָל ווערן, מאיר באַראַצ׳עס טאָכטער, באַוויינען איר יוגנט, פונקט ווי יפתח׳ס טאָכטער האָט באַוויינט איר יוגנט...” זי געדענקט נאָך גוט די דאָזיגע בריענדיגע ווערטער.

ער רעדט דאָך איצט אַפילו ניט אין העברייאיש צו איר. איצטער

איז, ווייזט אויס, שוין ניטאָ אין זיין האַרץ קיין ליבע צו איר, דערפאַר רעדט ער שוין מערער ניט צו איר אין דער דאָזיגער שפּראַך.

„רעיתי, יונתי, אהובת נפשי, מחמד לבי" (מיין פריינט, מיין טויב, מיין פרומע, ליבשאַפט פון מיין האַרץ, גלוסטונג פון מיין זעלע). גלוסט טאַקע איר זעלע מיט אַזאַ שטאַרקער גלוסטונג, ער זאָל נאָך אַמאָל צו איר רעדן אין דער דאָזיגער שפּראַך, מיט זיין ווארעמקייט און וואוילקייט. ער זאָל נאָכאַמאָל אָנצינדן איר בלוט. ער זאָל מאַכן ציטערן יעדע סטרונע דאָרט. ווייל פאַרפרוירן איז איר יונג בלוט. קאַלט איז איר לייב. דער טאָג מיט דער נאַכט איין גרויסער שטיק אומעט.

— פאַרוואָס מיידסטו אויס צו קוקן אויף מיר, משה?

— איך מייד ניט אויס, איך קוק.

— וואו ביזטו געוועזן די גאַנצע צייט?

— געוועזן אויף מלחמה.

— וואָס פאַר אַ מלחמה? — פאַרשטייט זי יאָ, און פאַרשטייט ניט.

— מלחמה געהאַלטן מיט אַלצדינג, וואָס איז אין מיר פאַרבליבן פון אַמאָל. געהאַלטן מלחמה מיט משה בוכבינדער, דעם העברייאישן לערער, וואָס איז ניט פייאיג אין אַמעריקע אַ קאָץ דעם עק צו פאַרבינדן. וואָס האָט שוין געמיינט, אַז ער איז שוין פיינער און בעסער פון אַנדערע, מחמת ער קאָן אַזוי גוט לערנען. איך וויל ניט קאָנען גוט לערנען. איך וויל קאָנען האָבן געדולד שטיין אויף איין אָרט און זיך אויסלערנען אַ מלאכה. קאָן איך ניט שטיין. איך לויף. געוועזן שוין אַ קאַרפּענטער אויך, און אַ פּעינטער, און אַ שיפּינג קלוירק, און אַ שיק-איינגל. איצט אַרבעט איך אין אַ לאָנדרי. אין אַ נאַסער וועלט. נאַס די סטעליע. נאַס די פּאָדלאָגע. נאַס די ווענט. נאַס די לופט. נאַס זיינען מיינע קליידער. איבלדיג און נאַס. הלואי וואָלט איך געווען אַ וועווקע, גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָלט מיר געווען גרינגער.

— דו האָסט אַזוי פיל געליטן, משה, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט.

— וואָס וואָלט געווען אַרויסגעקומען, ווען דו וואָלסט שוין געוואוסט?

— דו ביזט בייז אויף מיר?

— איך בין ניט בייז.

— מאָ רעד אַ ביסל צו מיר אין העברייאיש. שוין צוויי יאָר, אז איך האָב ניט גערעדט קיין העברייאיש. אפשר האָב איך שוין איננאַנצן פאַרגעסן דאָס, וואָס דו האָסט מיך געלערנט, משה?

— וואָלט דאָס געווען אַ קנאַפּער אומגליק.

ניט ווערא׳ן אַ שלאַג אין הארצן פון זיין ענטפער. קוקט אויף אים פון דער זייט און וואונדערט זיך. זי ווייסט שוין ניט, ווי אזוי זאָל זי רעדן צו אים.

— און פאַרוואָס ביזטו כאָטש איינמאָל ניט געקומען מיך זען פאַר דער גאַנצער צייט?

— צוליב וואָס?

איז אַקוראַט, ווי ער וואָלט איר איצט דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים אַריין. טוט איר ווי, און זי שווייגט. זי האָט אים שוין גאָרניט וואָס צו זאָגן. האָט ער איר אויך גאָרניט וואָס צו זאָגן. אפשר איז שוין גלייכער, אז זי זאָל זיך אויפהויבן און זאָגן „אַנטשולדיגט", און צוגיין צו עמיצן אַנדערש.

— דיין פּנים איז אזוי האַרט, משה, און דיינע אויגן אַזוינע בייזע.

— בעסער אזוי.

עס ווילט זיך גראָדע איצט משה׳ן אַ פּלייץ טאָן מיט אָט יענע דערהויבענע ווערטער צו איר. עס ווילט זיך יאָ איצט איר אַ זאָג טאָן אָט יענע ווערטער, וואָס טראָגן אַוועק גאָר הויך. ליגט אָבער ערגעץ אַן עקשן אין אים און לאָזט אים ניט. ער טאָר זיך איצט ניט נאָכגעבן, ווייל אין איין מינוט קאָן צעשטערט ווערן דער דאָזיגער פּלויט, וואָס ער האָט אויפגעבויט מיט אזוי פיל קאַמף פאַר די לעצטע צוויי יאָר. ניין, ער וועט ניט נאָכגעבן. ער וועט רעדן צו איר גאָר פון אַנדערע זאַכן. אָט, אַ שטייגער, פאַרדריסט אים זייער שטאַרק, וואָס די אַמעריקאַנער קינדער טאַנצן אַזוינע פאַרשייטע טענץ.

— ס׳איז דאָך ווי אין סדום, ווערא, קוק, קוק.

זעט ווערא און שעמט זיך, וואָס די מיידלעך מאַכן מיט זייערע קערפּערס, וואַרפן מיט די אברים אזוי אומפאַרשעמט. קאָן זי אויך ניט קוקן, ווי די אינגלעך גייען אויף די מיידלעך אַזוי אָפן, פאַר אַלעמענס אויגן, מאַכן אויך מיט זייערע אברים אזוי אומאַנשטענדיג,

אקוראט ווי זיי ווילן דערציילן יעדן איינעם, וואָס זיי וועלן טאָן מיט די מיידלעך... זיי וועלן טאָן אזוי און אזוי און אויך אזוי...

— אויסגעלאַסן איז דער אַמעריקאַנער דור — קלאָגט משה. — קוק, קוק, ווי זייערע עלטערן שטייען נאָך ביי די זייטן און פרייען זיך, וואָס זייערע קינדער טאַנצן אַזוי אויסגעלאַסן.

זיי פרייען זיך, די טאַטעס און מאַמעס, וואָס זייערע קינדער טאַנצן אַזוי שיין. געראָטענע טעכטער זיינען געבוירן געוואָרן ביי זיי אין דעם לאַנד. אזוינע באַוועגלעכע טעכטער מיט בויגעוודיגע גלידער. אויסגעטאָקט איז ביי זיי יעדער אבר. ווי פריצעס קוקן אויס די טעכטער. פריצעס מיט אַזוינע איידל־געשניצטע אברים. ס׳איז אַ מחיה צו קוקן, ווי זיי טאַנצן, זייערע טעכטער, אַזוי געשיקט די אַמעריקאַנער טענץ...

און די זין? די הויכע שלאַנקע זין, ווי יונגע שטאַרקע ביימער אין וואַלד. מיט געדיכטע קוטשמעס האָר, מיט געזונטע שטערנס, מיט היפּשע הענט, ווי זיי טרעטן אַזוי לייכט, ווי זיי פירן זייערע מיידלעך מיט גרויס זיכערקייט און דערפאַרונג.

קוקן זיך איבער די טאַטעס מיט די מאַמעס און קוועלן אָן, און פרייען זיך, און ציטערן.

— מיר זאָל זיין פאַר זיין קאָפּ! וואָס זאָגסטו אויף אונזער שמחה׳לען?

— אַ שמחה׳לע איז דאָס? אַ מזיק איז דאָס!

— נו, טאַטע, קוק אומישנע אויף דיין גאָלדעלע׳ן. אַ, אפשר אַ שפּעטנע גאָלדע דיר געהאַט?

— שוין די אמת׳ע מויד, וואָס אַרט דיך!

— מעשי סדום (די טועכצן פון סדום) — קאָן אָבער משה ניט פאַרליידן, וואָס מען טאַנצט אַזוינע אויסגעלאַסענע טענץ. — קוק, קוק! — ווערט ער שוין אויסער זיך.

קוקט ווערא און ווערט אויך אויסער זיך: אַ מיטל־יאָריגע פרוי מיט קורץ־געשווירענע האָר, מיט גראָבע פּיס, אַ פּולע, אַ דיקע, לאָזט זיך ארוים טאַנצן מיט איר מאַן דעמזעלביגן טאַנץ.

— און דאָס איז נאָך אַ איד פון טשעערמעיעוו! — איז משה ביטער. — און זי, זיין ווייב, מסתמא אויך פון טשערעמעיעוו. שטעל זיך פאָר, ווערא, ווען זיי טוען דאָס אין דער היים. מען וואָלט זיי־

דאָך פאַרשטיינערט. היינט דאָס אָנטאָן זייערס. אַ פרוי זאָל זיך שערן די האָר און זיך אָנטאָן אַזאַ קורץ קליידל. וואָלט זי נאָך געהאַט שיינע פיס, וואָלט מיך נים געאַרט. שטעל זיך פאָר, ווערא, דיין מאַמע, אָדער מיין מאַמע זאָל אַזוי טאַנצן. אַ, ווערא?

— אָן איבערגעקערט לאַנד, משה — פילט זי אים מיט און נעמט אים אָן ביי דער האַנט. לאָזט זיך משה אָננעמען ביי דער האַנט. ער גיט זיך נאָך. ס׳ווערט אים ווארעם דאָס הארץ צו איר. ס׳ווילט זיך אים איצט שוין אָנהויבן רעדן העברייאיש צו איר, און זאָגן:

— יונתי, תמתי, אהובת נפשי, מחמד לבי (מיין טויב, מיין פרומע, געליבטע פון מיין זעלע, גלוסטונג פון מיין האַרץ).

*　*　*

זעט דעיוו פונדערוווייטנס, ווי משה מיט זיין ווייבל זיצן האַנט אין האַנט, שמייכלט ער צו אַלע מענטשן, גריסט זיך געוואַלדיג פריינט־לעך מיט יעדן איינעם, שמייעט ארום איבערן זאַל, שטעלט אָפּ דעם און יענעם. לאַכט הויך אויף אַ קול, קלאַפּט מענטשן איבער די פּלייצעס, רעש׳ט זיך און טומלט זיך...

און וואָס איז מכח עולם הזה?...

זלאַטע האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט „אַנטשולדיגט" און איז אַוועקגעגאַנגען. האָט איר ברוך נאָכגעקוקט ווי זי איז אַוועקגעגאַנגען. האָט ער געזען די באַוועגונגען פון אירע מיידלשע גלידער, און ס׳איז אים געוואָרן זייער טרויעריג פון דעם.

„וואָס איז אַזוינס אַ מיידל?" שטעלט ער זיך אַליין אַ הארבע פראַגע. „פאַרוואָס זיינען זיי אַנדערש, ווי די אינגלעך? פאַרוואָס איז זייער לייב אַזאַ אויסגעקיילעכדיגטס, אַזאַ גלאַטס, אַז עס ווילט זיך רק צולייגן אַ האַנט? און פאַרוואָס האָבן די אַמעריקאַנער־געבוירענע מיידלעך אַזוינע לאַנגע און שלאַנקע פיס? און וואָס מיינען מיידלשע פיס?" אַי, אַי, פּוסטע און נאַרישע געדאַנקען.

בערעלע גאַנאַפּטי האָט זיך צוגעזעצט לעבן ברוכ׳ן. אַ שטילינקער און אַ פּייניקער, קוקט ער צו זיין לאַנדסמאַן, וואָס טראָגט אַ יאַרמולקע.

— וואָס־זשע מאַכט איר, ברוך ?

— וואָס זאָל מען מאַכן, בערעלע ? — געפּעלט ברוכ'ן, וואָס מען אירצט אים.

— מען מאַכט עפּעס אַ לעבן ? — פרעגט בערעלע מיט מיטגעפיל.

— גאָט צו פאַרדאַנקען, גאָט צו פאַרדאַנקען — ענטפערט ברוך לייטיש און ווירדיג. — און דו, בערעלע ?

— אָ, אָלראַיט — וויל בערעלע ניט אַריינגיין אין איינצלהייטן.

— וואָס איז דיין מלאכה ? — פרעגט ברוך.

— אַ קאַטער ביי דרעסעס — ענטפערט יענער גלייך און גיט אַפילו ניט קיין פינטל מיט אַן אויג.

— אַזוי, אַ קאַטער ? דאַרפסטו דאָך מאַכן אַ שיין לעבן ! — איז ברוך כלומרשט צופרידן, וואָס זיין לאַנדסמאַן דאַרף מאַכן אַ שיין לעבן.

— מאַכט מען טאַקע ! — ענטפערט ער ברוכ'ן מיט אַ טענה.

וואָס אין דער אמת'ן זיין מלאכה איז, וועט ער שוין קיינעם ניט זאָגן. יעדערן זאָגט ער, אַז ער איז אַ קאַטער, ווייל ער ווייסט, בערעלע, אַז ביי דער וועלט איז אַ קאַטער זייער אַ פיינע פּראָפעסיע. אָבער ווען ער האָט פריער אויך פּרויקעלע'ן געזאָגט, אַז ער איז אַ „קאַטער", און יענער האָט אים גלייך געענטפערט : „אַ קאַטער ביי וואָס ? ביי קעשענעס ?", האָט אים בערעלע גלייך געענטפערט מיט זיין גיך צינגעלע : „און פונדעסטוועגן, פּרויקעלע, דאַרפסטו ניט זיין אַזוי סמאַט. איך האָב שוין געקאָנט סמאַטערע פון דיר."

ברוך אָבער גלויבט אים, אַז ער איז אַ קאַטער. פאַרוואָס זאָל ער ניט זיין קיין קאַטער ? ברוך קוקט אויף בערעלע'ן, און דאָס בחור'ל הויבט אים אָן צו געפעלן : אַזאַ אויסגעפּוצטער, אַן אויסגעוואַשענער, אַ ריינער, אַ פאַרקעמטער.

— און וואָס איז מכח עולם הזה ? — פרעגט אים ברוך כלומרשט פאַרשטעלט.

— אָ, עולם הזה ? — פאַרשטייט עס גלייך בערעלע, וואָס יענער מיינט. — עולם הזה ? — ענטפערט ער שוין מיט אַ וואונק פון אויגל און מיט אַ שטורכע יענעם אין אַ ריפּ.

— ביזטו דאָך אַלראַיט, הייסט עס, אויב אזוי ? כא, כא, כא.

— פאַר א פינפערל קאָנט איר אויך זיין אַלראַיט — פארשטייט גלייך בערעלע, אז דער לאַנדסמאַן זיינער איז אין א גרויסער נויט.

— זיי נעמען גאָר פינפערלעך, נעמען זיי ? — לאַכט ברוך חמור־אייזלדיג.

— זיי דאַרפן דאָך אויך מאכן א לעבן, סעי — האָט בערעלע א טענה צום לאַנדסמאַן.

— איז ווי אזוי זשע גייט דאָס צו ? — רוקט זיך שוין ברוך נעענטער צו צו בערעלע׳ן און לייגט אַרויף א האַנט אויף דער קני.

טאָלט אים אוים בערעלע מיט אַלע איינצלהייטן וועגן א הויז אזא אין בראָנזוויל. וועגן דעם ווי מען קומט אריין אינעווייניג, און אז די פרוי פרעגט: „וואָס דאַרפט איר ?”, דאַרף מען ענטפערן: „אַן אינ־שורענס אגענט.”

— אַן אינשורענס אגענט, כא, כא, כא — געפעלט דאָס זייער שטאַרק ברוכ׳ן. — אַן אינשורענס אגענט. צוליב וואָס גאָר דאַרף מען זאָגן, אַז מען איז אַן אינשורענס אגענט ?

— א סימן אזא — ענטפערט יענער, ווי א גרויסער קענער. — אז ניט וועט מען מיינען, אז דו ביזט א דעטעקטיוו.

— אזוי, מען דאַרף נאָך אָנגעבן א סימן אויך, או־ווא. איך זאָג דיר — וויצלט זיך כלומרשט ברוך, און נעמט אַרויס זיין נאָטיצן־ביכעלע.

פאַרשרייבט ברוך געגוי דעם אדרעס מיט אַלע סימנים. גיט אים איבער בערעלע זייער גערן אַלע איינצלהייטן. נאָך מערער, ער נעמט זיך גאָר אונטער צופירן ברוכ׳ן אהין. פונקט ווי אַן אנדער בחור האָט אים, בערעלע׳ן, געפירט אהין, און דערנאָכדעם וועט אפשר ברוך אויך פירן איינעם פון זיינע באקאַנטע. מען וועט זיך אַרויסהעלפן איין בחור דעם אַנדערן. ניט פאַר געצאָלטס, חס וחלילה, נאָר פון מצוה וועגן.

— אי, אי... — טוט ברוך א זיפץ, נאָכדעם ווי ער האָט פאַר־שריבן דעם אדרעס, נאָכדעם וואָס ער האָט אויסגעהערט אַלע איינצל־הייטן. — אי, אי...

צי זי וועט ווען עס איז אַמאָל חתונה האָבן?...

— וואָס זיינט איר אַזוי אומעטיג, יאָסל? — קוקט אויף אים זלאַטע מיט גוטע אויגן.

— אומעטיג גאָר? — ווייסט גאָרניט יאָסל, אַז ער איז אומעטיג.

— ביי וואָס אַרבעט איר, יאָסל?

ער אַרבעט ביי שטרויענע קאַפּעליושן. אַכצן דאָלאַר א וואָך מאַכט ער. ס'איז א מלאכה אַזא, וואָס מען דאַרף שטיין א גאַנצן טאָג איבער אַן אָנגעצונדענעם גאַז־אויוועלע און האַלטן אין איין דרייען די שטרויענע קאַפּעליושן איבערן פייער, אַז די ראַנדן זאָלן אויסלויפן און ס'זאָל אויסקוקן, ווי אָנגעבלאָזן.

— מיינע פינגער קאָנען שוין ניט דערפילן קיין פייער — באַרימט זיך יאָסל. — אָט וועל איך אומישנע אָנצינדן א מעטש און צולייגן צו א פינגער, וועט איר אומישנע זען — זוכט יאָסל א שוועבעלע.

— מען דאַרף ניט — דערשרעקט זיך זלאַטע. — איך גלויב אייך אַזוי אויך.

ער איז אָבער פאַרטשאַדעט, יאָסל. א סך מאָל בלייבט ער זיצן און ווייסט גאָרניט וואו ער געפינט זיך. אָט איצטער, אין דער מינוט, האָט ער גאָר פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך. די מוזיק און דער גערויש פון די טאַנצנדיגע קומען צו זיינע אויערן פון וויט, וויט.

— איר זייט אַזוי שטאַרק אָפּגעצערט, יאָסל. — נייט אויס איר האַרץ פאַר אָט דעם בחור, וואָס קוקט אויס ווי א ניט־דערבאַקן אינגל.

— עסט איר כאָטש צו זאַט?

— איך עס צו זאַט — זאָגט יאָסל א ליגן.

ער וויל איר ניט דערציילן, אַז ער עסט בלויז טרוקענע מאָלצייטן, ווייל א געקאָכטער מאָלצייט קאָסט צו טייער און ער דאַרף זאַמלען געלט. אָנזאַמלען אַזוי א עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וועט אים שוין זיין גוט.

— אָ, יאָסל, יאָסל — פאַרמאַכט אַזש זלאַטע אירע אויגן פון ווייטאָג — לאָזט זיך ניט אָפּ, האַלט זיך ווי א מענטש.

ווייסט ניט יאָסל, אַז ער האָט זיך אָפּגעלאָזט און אַז ער האַלט זיך ניט ווי קיין מענטש. קוקט מיט פאַרטשאַדעטע אויגן אויף דער דאָזיגער מיידל און וואונדערט זיך, וואָס ער ווייסט אַפילו ניט ווי זי הייסט.

ער ווייסט, אַז זי איז אַ טשערעמעיעווער, און אַז זיי זיינען געפאָרן צוזאַמען אויף דער שיף, אָבער ער געדענקט ניט איר נאָמען...

* * *

— ווּעמען זע איך ? זלאַטע'ן ! יאָ, טאַקע זלאַטע'ן ! — צעשיינען זיך משה'ס אויגן מיט פיל פריינטשאַפט. — זלאַטע, זלאַטע — קומט ער צו און דריקט איר שיינע פילבאַרע האַנט — שוין לאַנג דאָ ? זע נאָר, איך האָב אייך גאָרניט געזען, און איך האָב שוין געבענקט נאָך אייך.

קאָן שוין זלאַטע ניט פאַרטראָגן אַזוי פיל גוטסקייט. ווערט זי באַגאָסן מיט שעמעוודיגקייט און מיט פיל חנ'עוודיגקייט, צעשפּרייט זיך אַ וואַרעמקייט איבער אַלע אירע אברים. קאַרטשעט זי איין איר האַלז מיט פיל געהאָרכזאַמקייט, ווי אַ יונגע תלמידה, וואָס איז פאַרליבט אין איר עלטערן לערער.

— איז וואָס זשע מאַכט איר, משה ? — גייען אַרויס אירע ווערטער מיט אַזאַ וואַרעמער זינגעוודיגקייט.

משה קוקט מיט גרויסע אויגן אויף דער דאָזיגער זלאַטע, דער אָרעמסטער און דער דערנידעריגטסטער פון אַלע מיידלעך אין טשערעמעיעוו. קוקט און וואונדערט זיך. אים דאַכט זיך אויס, אַז זי איז גאָר די שענסטע פון אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט ווען עס איז באַגעגנט ניט די געוויינלעכע שיינקייט, נאָר די שיינקייט, וואָס קומט ביי איר ערגעץ פון אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל.

— ווי אַזוי זשע גייט דאָס אייך, זלאַטע ? — איז זיך משה מחיה, וואָס ער האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר און קאָן רעדן צו איר פּראָסט און היימיש.

ווי אַזוי ס'גייט איר ? ס'גייט איר גוט. אפשר טאַקע זייער גוט, ווייל די ערשטע וואָך האָט זי שוין געמאַכט 15 דאָלאַר. איצט פאַרדינט זי שוין דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך. געווען אַ נייטאָרין אין דער היים, אין איר לייכט די אַרבעט דאָ. זי שיקט אַהיים אַלע חודש היפשע סומען.

— האָט איר זיך שוין באַקאַנט מיט נייע מענטשן, זלאַטע ? — זעט שוין משה קיינעם ניט פון די אַרומיגע, ווערט פאַרצויגן פון דער זינגעוודיגקייט פון איר שטימע, פון דער פיינקייט וואָס רעדט אַראָפּ פון איר יעדן קער און דריי.

— יאָ, משה, מיט אַ סך נייע מענטשן זיך באַקאַנט. פיינע מענטשן. אין אַ קלוב אַזאַ אין וויליאַמסבורג. איך וואוין אין וויליאַמס־בורג, נים ווייט פון איסט ריווער. ווען ס׳איז אַ טומאַן אין דרויסן, אָדער ס׳איז רעגנדיג, האַלטן אין איין טרובען די שיפן, פונקט ווי אויפן ים. איר געדענקט, משה?

זי וואָלט אים געוואָלט דערציילן וועגן נאָך עפּעס, אָבער זי שעמט זיך. זי וואָלט אים געוואָלט דערציילן וועגן דעם וואונדערלעכן חלום, וואָס זי האָט איינמאָל געזען אין איר שלאָף. זי האָט געזען אין יענעם חלום, ווי זי איז נאָך אַלץ אויף דער שיף, וואָס האָט זי געבראַכט קיין אַמעריקע; און ווי דער ים האָט געשטורעמט, און די כוואַליעס האָבן געברויזט, און זי האָט געהערט אַזוי דייטלעך משה׳ס קול, ווי ער זאָגט צו איר: „אין שטורעם ווערן אויפסניי באַשאַפן מיר אידישע קינדער פון בעסאַראַביע." האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַזאַ האַרץ־קלאַפּעניש, און אַפילו ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אויב די מעשה מיטן ים און מיט דער שיף איז געווען אַ חלום, איז אָבער משה׳ס קול טאַקע געווען ווירקלעך. זי האָט אַפילו אויפ־געעפנט דאָס פענצטער און אַ קוק געטאָן אַראָפּ צו דער גאַס, צו זען, אויב ער שטייט טאַקע דאָרטן, משה אַליין.

— איז טוט אייך ניט באַנג, זלאַטע, וואָס איר זייט געקומען קיין אַמעריקע?

ניין, ס׳טוט איר ניט באַנג. נאָר וואָס־זשע דען? ווען זי קאָן די גאַנצע פאַמיליע אַהער ברענגען: דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך. באַזונדערס בענקט זיך איר נאָך איר קליין ברודערל לייבעלע. זי פּלענט שלאָפן מיט אים אינדערהיים אויף איין געלעגער, גייט איר אוים דאָס האַרץ נאָך אים.

— אָבער פאַרוואָס זשע פּלוצלונג זייט איר אַזוי אומעטיג געוואָרן, זלאַטע? — טוט משה׳ן באַנג, וואָס זי איז אומעטיג געוואָרן. ווייל אַז זי ווערט אומעטיג, טוט זיך אָפּ איר שיינקייט. זי ווערט געבעכדיג און נעפּאַלן, און קוקט אוים ווי אַן אָרעמאַנסקע נישטיג מיידל.

פאַרוואָס זלאַטע איז פּלוצלונג אַזוי אומעטיג געוואָרן? זי קאָן משה׳ן ניט דערציילן. זי האָט זיך גראַדע איצט דערמאָנט אָן איר שוועסטער יעטאַ, וואָס איז פאַרבליבן אין דער היים. די אויסגע־מאַטערטע שוועסטער יעטאַ, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן דאָ אין

אמעריקע. אן עלטערע מיידל. די פרייליכקייט אין איר איז שוין פארדארבן געווארן. צי זי וועט ווען עס איז אמאל חתונה האבן — ווער ווייסט ?...

ווען וועלן מיר זיך שוין אמאל זען ? . . .

שפילן אויף די קלעזמער א בולגאר. ווייזט זישע קלעזמער מיט דער גוליע פאר זיינע בעסאראביער לאנדסלייט, וואס א בולגאר מיינט. האט ער איינגעשטודירט דעם בולגאר מיט זיין קאפעליע, פונקט אין דעם זעלבן נוסח, ווי מען האט דאס געשפילט אין טשערעמעיעוו. מיט די אלע דריידעלעך און ציקעלעך.

איז דער בולגאר דער אפשלום פון באל. פונקט ווי א נאציאנאלער הימן אזא ביי די בעסאראביער. נאכדעם, וואס מען שפילט אפ דעם בולגאר, צעגייט מען זיך שוין אהיים.

זישע גייט אראפ פון דער פלאטפארמע, שטעלט זיך מיט זיין פידעלע אינמיטן זאל. אונטערצושטרייכן מיט דעם, אז ער איז אויך א טשערעמעיעווער, און וואלט מסתמא אויך געטאנצט דעם בולגאר מיט אלע לאנדסלייט, ווען ער זאל איצט נישט דארפן שפילן אויף זיין פידעלע.

בילדן זיך אוים עטלעכע גרויסע רעדלעך. יעדע משפחה מיט די זין און טעכטער, מיט נאענטע פריינט און באקאנטע, מאכט זיך פאר זיך א באזונדערע ראד. האנט אויף אקסל, און מען הויבט פים. דער גאנצער קונץ איז דער אופן ווי מען הויבט דעם פום.

שלעפט צונויף וועווקע טאפער אלע שיפס-ברידער און שיפס-שוועסטער. ער וויל, אז בלויז זיי, די צען חברה, וואס זיינען געקומען צוזאמען אויף איין שיף קיין אמעריקע, זאלן מאכן א באזונדערע ראד און טאנצן דעם בולגאר.

— אבער ארקעלע בורמילע פעלט אוים — ערגערט זיך וועווקע.

— נים געקומען גאר צום באל, אט דער ארקעלע.

— מיר וועלן סיי ווי סיי זיין צען — טרייסט אים דעיוו. — מיט מיר וועט זיין צען.

— לאמיר זשע טאנצן אלע צען — געפעלט דאס אויך פרויקעלע'ן.

— היידא, חברה ! — קאמאנדעוועט בערעלע

ליגט אַרויף וועוקע זיין האַנט אויף משה׳ס אַקסל, משה אויף ווערא׳ס אַקסל, ווערא אויף מאַניע׳ס, מאַניע אויף דעיוו׳ס, דעיוו אויף פּרויקעלע׳ס, פּרויקעלע אויף ברוכ׳ס, ברוך אויף בערעלע׳ס, בערעלע אויף יאָסל׳ס, יאָסל אויף זלאַטע׳ס, זלאַטע אויף וועווקע׳ס.

אַ ראָד פון צען טשערעמעיעווער יונגעלייט, וואָס זיינען ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק געקומען אַהער קיין אַמעריקע. זיינען זיי נאָך אַלץ צעטרייסלט, צעטומלט. זיי זיינען נאָך ניט קיין איבערגעמאַכטע, קיין איבערגעפּלאַנצטע. מען פילט נאָך אַלץ ניט דעם ריכטיגן טעם פון דער היגער ערד. מען חלומ׳ט נאָך אַלץ פיל מאָל ביינאַכט, אַז מען איז נאָך אין טשערעמעיעוו. בלויז ווען מען כאַפּט זיך אויף פאַרטאָג, דערוויסט מען זיך, אַז מען איז גאָר אין אַמעריקע.

— שטאַרקער, לעבעדיגער! — טרייבט זיי אונטער וועווקע, און הויבט פיס העכער פון אַלעמען. — חי געלעבט, ברידער, טאַם, טאַם, טאַם...

* * *

דער עולם צעפאָרט זיך. עס צעפאָרן זיך אויך די צען לאַנדסלייט. מיט ליבע און מיט בענקשאַפט צעזעגנט מען זיך.

— ווען וועלן מיר זיך שוין זען?

יאָ, מ׳וועט זיך שוין אַזוי גיך ניט זען. יעדער וועט גיין זיין וועג מיט אַלע שוועריגקייטן און שטרויכלונגען.

צעפאָרן זיי זיך. דער קיין בראָנקס. דער קיין באָראָ־פּאַרק. דער קיין בראָנזוויל...

— ווען וועלן מיר זיך שוין זען?

— קום אַמאָל אַריבער צו מיר.

— איך וואוין דאָ און דאָרטן.

— און איך וואוין דאָ און דאָ...

אייביג, אייביג גייען די וואָלקנס אין הויכן הימל . . .

דערהערט ווערא אַ קלונג. אַ היימישן קלונג אַזאַ, ווי אַ ליבער אָנזאָג, ווי אַ גוטע בשורה.

זאָגט איר שוין דאָס האַרץ, אַז עס דערוואַרטעט זי אַ גרויסע פרייד. נייט זי צו דער טיר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם...

איז ער דאָרטן געשטאַנען, פון יענער זייט טיר, מיטן הויכן שטערן, מיט די פעך־שוואַרצע אויפגעלאָפענע האָר, מיטן קינדערשן חן־גריבעלע אין דער גאָמבע, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַ שעמעוודיגער, אַ פלאַטערנדיגער, ווי אַ פאַרשולדיגטער זון פאַר דער מאַמען.

די מאַמע איז זי, די יונגע מיידל, ווערא, מיט די ליכטיגע צע־פלויגענע לאָקן, מיט בענקענדיגע בלויע אויגן, מיט ליבע אויף די הייסע און מאַנענדיגע ליפּן.

ער האָט געוואָרפן די אַרבעט, משה. אוועק אינמיטן העלן טאָג פון די רויכערנדיגע קעסלען, פון דער שטיקנדיגער היץ, פון די פאַר־שוויצטע פּנים׳ער, פון די אַלע אויסגעפּייניגטע, אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס שטייען 12 און 14 שטונדן אויף די גלויענדיגע פיס און אָטעמען איין פאַרע און זייף און בייסנדיגע כעמישע ריחות.

— וואוהין איז? — איז דער פאָרמאַן אַזש געבליבן צעטומלט.

— העל ווית איט, העל, אי קוויט!

האָבן אַלע פייכטע פּנים׳ער, אַלע שווייסיגע שטערנס געקוקט אויף אים מיט פיל חידוש. אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. אַ מענטש זאָל וואַרפן די אַרבעט אָן אַ פאַרוואָס. נאָך אינמיטן העלן טאָג.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון דאָרטן, משה. אַרויס אין ווינטערדיגן ליכטיגן אינדרויסן, ליכטיג מיט שניי און מיט זון און מיט פריילעכע קינדערשע געשרייען.

ער איז אוועק אַהיים. אָפּגעבאָדן זיין לייב אין וואַרעמע וואַסער, אַרויפגעצויגן ריינע אונטערוועש, אָנגעטאָן די שבת׳דיגע קליידער...

און אָט שטייט ער איצט פאַר איר, ווי אַ פאַרשולדיגטער זון פאַר זיין מאַמען.

— און איך האָב געוואוסט ,אַז דו וועסט היינט קומען — לויכטן איצט אירע בלויע אויגן, ווי אַמאָל אין טשערעמעיעוו, ווען זי און משה זיינען געשטאַנען אויף דעם ברוק און געקוקט אַריבער צום טייכל, צו דעם ווייסן פּריצ׳ישן הויז, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַרג.

— פונוואַנען האָסטו געוואוסט?

— יאָ, איך האָב געוואוסט, נאָך פון אינדערפרי אָן געוואוסט. זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ. איך האָב געמיינט, אַז דו קלינגסט שוין אין דער טיר. אַלע מינוט האָב איך געמיינט, אַז דו קלינגסט שוין אין דער טיר.

ער זעצט זיך אנידער אויף דעם דיוואן. זעצט זי זיך אויך צו לעבן אים. האלט ער די הענט אויף זיינע קני. זיצט און קוקט ניט אויף איר. קוקט צום פענצטער, וואס גייט ארויס צו א פארשנייטן דאך. פארטראכט זיך, פארטראגט זיך.

ער האט נאך אין דער לאנדרי, ווען ער האט פלוצלונג באשלאסן ווארפן די ארבעט, שוין געוואוסט, וואס ער וועט איר זאגן, ווי באלד נאר ער וועט אריינקומען צו איר אין הויז. היום נחיה, ומחר נמות, וועט ער איר זאגן (היינט ווילן מיר לעבן און מארגן זאלן מיר אפילו שטארבן). ס׳איז ניטא קיין מארגן. ס׳איז דא בלויז א היינט. ער וועט איר אויך זאגן: „כי אהבה עזה ממות" (ליבע איז שטארקער ווי דער טויט).

ער האט זיך גע׳חזר׳ט, משה, דעם גאנצן וועג צו איר הויז, וואס ער וועט איר זאגן, ווי אזוי ער וועט זי ארומנעמען, ווי אזוי ער וועט זי קושן, ווי ער וועט גיין ביז אין דער לעצטער גרענעץ. ער וועט איר אויך זאגן „ווי צו די טעג, וואס זיינען פארלוירן געגאנגען פאר אונז אין גרויסן אומעט און אין שטארקער בענקשאפט."

איצטער זאגט ער אבער גארניט. איצטער, אז ער זיצט שוין אזוי נאענט לעבן איר, האט ער מורא אפילו זיך א ריר צו טאן. האט מורא אפילו א קוק צו טאן אויף איר. קוקט צום פענצטער און צום פאר־שנייטן דאך. דערזעט אויפן דאך א אינגל שטיין. א אינגל מיט אן אנגערוקטן היטל, און פון זיין מויל גייט א פארע. וואונדערט ער זיך, וואס ער זעט אויפן דאך א אינגל מיט אן אנגערוקטן היטל, און פון זיין מויל גייט א פארע.

ווערא ציטערט. איר קאפ אנגעשפארט צו דער וואנט. אירע שמעקנדיגע האר רירן אן זיין פנים. צעפלאמט זיך ביי אים א באק פון דעם דאזיגן אנריר. „איך האב אזוי שטארק געבענקט נאך דיר", רעדט זי צו אים אריין אין אויער. צעפלאמט זיך אויך זיין אויער, און ס׳ווערט אים היים דארטן אינעווייניג.

דאס אינגל מיטן אנגערוקטן היטל אויפן פארשנייטן דאך האט ניט געסטאיעט, ווי אויסגערונען אין דער לופט. פארוואס האט משה גארניט באמערקט, ווי יענער האט ניט געסטאיעט?

און וואס פלוצלונג האט ער גאר גראדע איצט זיך דערמאנט אן דעם קעסטעלע, וואו ס׳פלעגט ליגן דער אתרוג? ער האט זייער ליב

געהאַט דעם ריח פון דעם דאָזיגן קעסטעלע, וואו דער אתרוג פלעגט ליגן...

און אַז ס'קומט שוין אַרויף דער ריח פון אתרוג, קומט שוין אויך אַרויף דער ריח פון דער ליבער היים, פון דעם אַלקער, וואו ער, דער לערער, און ווערא, זיין תלמידה, פלעגן זיצן איינס אַנטקעגן ס'אַנדערע און געשעמט זיך און געגרויטלט זיך, און באַגערט איינער דעם אַנדערן.

ער דרייט אויס זיין פּנים צו איר. דערזעט די פריינטשאַפט, וואָס ציט פון אירע אויגן נאָר צו אים. דערזעט די ליבע אויף אירע ליפּן, וואָס מיינט נאָר אים. קומט אויף אים אָן די נבואה, עפענען זיך אַלע קוואַלן פון רייד. האָט ער שוין ניט מורא פאַר קיינעם. ער איז אַ גבור אַ בחור.

— אמונה שלי, מיין ווערא, איך בין געקומען דיך אוועקנעמען פון דאַנען. לאָמיר אַוועק פון דאַנען אין אַן אַנדער שטאָט. אַמעריקע איז גרויס.

שווייגט ווערא און לאַכט אין זיך. ער איז טאַקע נאָך אַלץ געבליבן אַ קליין אינגל, דער גרויסער קלוגער לערער אירער. וואוהין וועלן זיי אַנטלויפן, אַז ער איז אַזוי אָרעם? מיט וואָס וועט ער אַנטלויפן? אָבער זאָל ער רעדן, ווייל ער קוקט אויס זייער שיין, ווען ער רעדט באַגייסטערטע רייד. שטאַלץ ווערט זיין הויכער שטערן. אויפגעהויבן ווערן זיינע אַקסלֿ. ער צענעמט די הענט, ווי פליגל. אָט פליט ער באַלד אַוועק.

— שוין זאָלן מיר אַוועק — איז ער באמת גרייט אין דער מינוט צו טאָן די געוואַגטסטע זאַכן. — דאַרפסט גאָרניט מיטנעמען מיט זיך. לאָז אַלצדינג איבער דאָ. ס'איז ניט דיינס. מיר וועלן דינגען אַ שטיבל ערגעץ לעבן ברעג פון ים.

„לעבן ברעג פון ים וועט ער דינגען אַ הויז, דער גרויסער גביר.“ זי גיט אים אַ קוש דערפאַר, וואָס ער וועט דינגען אַ שטיבל לעבן ברעג פון ים.

נעמט אַוועק דער קוש אירער ביי אים זיין גאַנצע גבורה. דאָס האַרץ הויבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן. ס'ווערט טויב דער גאַנצער אַרום. הערט שוין ניט משה. און זעט שוין ניט משה. ווייסט ער ניט, צי ס'איז טאָג, צי ס'איז נאַכט. צי ס'איז אין אַמעריקע, צי ס'איז גאָר אין משערעמעיעווער וואַלד אויפן ווייכן גראָז אונטער אַ בוים.

ער קושט אויס פון אירע ליפּן אַזאַ געטראַנק, וואָס איז דאָרטן געלעגן פאַרבאַהאַלטן בלויז פון זײַנעט וועגן, נאָך פון ששת ימי בראשית. פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט מען פאַר־באַהאַלטן דעם געטראַנק בלויז פאַר אים, פאַר משה בוכבינדער.

דערנאָכדעם קומט די אייביגקייט אַליין, וואָס מען ווייסט ניט, ווי אַזוי זי איז געקומען. אייביג, אייביג, אַז מען ליגט אַזוי צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן מיט פאַרמאַכטע אויגן. אייביג, אייביג ברענט מען און מען פלאַמט.

אייביג, אייביג גייען די וואָלקנס אין הויכן הימל. יאָגן זיך שטיקער כמאַרעס. דעקן זיך אויף שטיקער בלויקייטן. אַנטפּלעקן זיך ליכטיגע ווײַטקייטן. אַזאַ זיס־פּײַנלעכער כח ציט זיך פון אַלע גלידער. ס׳עקט זיך דאָס חיות. מען וועט שטאַרבן. מען וועט אויסגיין.

דערנאָכדעם ליגט מען שטיל און מען וואונדערט זיך. מען ליגט און מען האָט מורא זיך אַ ריר צו טאָן.

פאַרטראַגן זיך ווידער משה׳ס אויגן צום שנייאיגן דאַך דורכן פענצטער. לייגט זיך שוין דאָרטן די נאַכט אויפן שנייאיגן דאַך. קרײַזלט זיך אַ רויך צום פאַרנאַכטיגן הימל...

דער טאָג איז שוין אַוועק...

און די גאַנצע וועלט זעט שוין זייער נאַקעטקייט

האָט זיך צעדרומדזשעט איבער אַלע צימערן דער ז...ז...ז... פון אונטערשטן גלעקל.

דערנאָכדעם האָבן זיך דערהערט טריט, דערנאָכדעם איז אַרײַנ־געקומען דער באַלעבאָס פון הויז. דעיוו שאַמעס איז אַרײַנגעקומען, מיט קלוגע אײַנגעשמעלערטע אויגן, מיט לאַכנדיגע קנייטשן אַרום מויל.

— אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט! זע נאָר, משה איז גאָר אויך דאָ?

קושט ער ווערא׳ן אין שטערן. גיט משה׳ן די האַנט. בלײַבט דער־נאָכדעם שטיין אינמיטן צימער, און זײַן פרעגנדיג פּנים האַלט אין איין טרויערן און שמייכלען.

דערנאָכדעם גייט ער אין וואַש־צימער, הערט מען ווי ער פּאַליוס־קעט זיך דאָרטן. ער וואַשט זיך איצט אַרום נאָך דער אַרבעט. ער גאָלט זיך אַרום. ער פּוצט זיך אויס.

און זיי זיצן דאָרטן אין דער פינצטער, אָדם און חוה, מיט קלאַפּנ־דיגע הערצער, מיט בושה אין די בלוטן.

— פאַרוואָס זשע זיצט איר אין דער פינצטער? — רופט ער דורך דער צעעפנטער טיר פון וואַש־צימער. — כע, כע, מען זיצט אין דער פינצטער גאָר, ווי צוויי גנבים? !

„ווי צוויי גנבים", האָט ער געזאָגט, דעיוו. האָט ער עפּעס געמיינט דערמיט, צי ס'איז בלויז גלאַט אַזוי, אַ פאַרגלייך אַזאַ?

ווערט ליכטיג. שניידט די ליכטיגקייט אין די אויגן, טוט ווי די ליכטיגקייט. שעמט מען זיך פאַר דער ליכטיגקייט. אַקוראַט, ווי ס'האָט זיי אויסגעטאָן נאַקעט, די דאָזיגע ליכטיגקייט, און די גאַנצע וועלט זעט שוין זייער נאַקעטקייט.

— נו, און וואָס זשע מאַכסטו, משה? — גייט שוין דעיוו אַרויס פון וואַש־צימער אַן אָפּגעגאָלטער, אַ דערפרישטער. — ווי אַרבעט זיך? וואָס? געוואָרפן דעם דזשאָב? זייער שלעכט. ניט גוט. ס'רוקט זיך דער קריזיס אין לאַנד. ס'וועט ניט זיין גוט. מען הויבט שוין אָן אָפּצולייגן אַרבעטער. מיך וועט מען ניט אָפּלייגן. אַלע יאָרן אַרבעט איך כמעט ביי דעמזעלביגן באָס. אַ ראַיעלער שאַפּ. אַרבעט פאַר אַ רייכן דעפּאַרטמענט סטאָר. מען קאָן זאָגן, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין קריזיס דאָ אין אַמעריקע. דו פאַרלאָזסט אונז שוין? וואַרט אויס, וועלן מיר דיך צופירן צום סאַבוועי.

פאַלט פּלוצלונג דעיוו'ן איין אַ געוואַגטער געדאַנק, גייענדיג אין דער ריכטונג פון סאַבוועי אויף צו באַגלייטן משה'ן. ס'הויבט אים אַזש אָן צו קלאַפּן דאָס האַרץ גיך, גיך פון דעם דאָזיגן געוואַגטן געדאַנק. וועגן משה'ן טראַכט ער דאָס.

ער טראַכט, דעיוו, זייער שטאַרק איצט. כאַפּט אַ קוק פון צייט צו צייט אויף משה'ן און ווערא'ן, וואָס שפּאַנען ווי פאַראורטיילטע צום טויט. לאַכט ער אין זיך מיט ביטערקייט און מיט גאַל. דערזעט פּלוצלונג אין זיין געדאַנק, ווי ער שטעלט זיך אָפּ אַזוי אינמיטן גאַס, גיט פּלוצלונג משה'ן אַ פאַרפאָר אין די ציין אַריין, גיט אים אַ בריקע מיטן פוס אין בויך אַריין. . . .

— יאָ, משה — שטעלט זיך טאַקע פּלוצלונג דעיוו אָפּ אינמיטן גאַס — און אפשר וואָלט איך דיך אַרויפגענומען צו מיר אין שאַפּ, וועל איך דיך אויסלערנען פּרעסן.

— פּרעסן ?!

— יאָ, פּרעסן קליידלעך — לאַכט דעיוו מיט אַלע קנייטשן אויפן פּנים. — ס׳איז אַ גרינגע מלאכה, און מען פאַרדינט ניט שלעכט. אַמאָל האָט מען גאָר שיין פאַרדינט — גיט ער אַ ביטערן זיפץ. — קום אַרויף מאָרגן אינדערפרי צו מיר אין שאַפּ אַריין. אָלראַיט ?

— אָלראַיט — ענטפערט משה מיט אַ טרוקן קול.

— איז געדענק־זשע, מאָרגן אַכט אַזייגער פּינקטלעך, און פאַר־שרייב דעם אַדרעס פון שאַפּ...

— אָלראַיט — פאַרשרייבט משה דעם אַדרעס. — גוד באַי.

— גוד באַי, גוד באַי — כאַפּט אַריין דעיוו משה׳ס האַנט און דריקט זי אים אַזש ביז ווייטאָג.

— גוד באַי, משה — גיט אים אויך ווערא די האַנט, און עס ציטערט איר האַנט, און עס פּלאָטערט איר האַנט. זי וויל עפּעס רעדן, איר האַנט, צו אים. וויל עפּעס זאָגן זייער וויכטיגס.

— גוד באַי, גוד באַי.

פאַרשווינדט משה אין דער נידער. דרייט זיך אויס דעיוו צו ווערא׳ן, נעמט זי געאָרעמט און זאָגט:

— יאָ, איך וועל אים אַרויפנעמען צו מיר אין שאַפּ, אים אויס־לערנען זיין אַ פּרעסער. אַ יאָ, ס׳איז אַ געדאַנק, וויעראָטשקאַ ?...

וואָס טאַקע איז דעיוו געווען אויסן מיט דעם ?

שטייט משה מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, אָן דעם רעקל, מיט אַ צע־כראַסטעטע העמד, מיט צעשויבערטע האָר, און פירט מיטן גליענדיגן פּרעסל איבער צעקנייטשטע מיידלשע קליידער.

שטייט דעיוו לעבן אים אויך מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, אָן דעם רעקל, מיט אַ צעכראַסטעטע העמד און מיט אַ צעשויבערטן איין־און־איינציגן זשמוט האָר, וואָס איז פאַרבליבן אַ זכר פון דער אַמאָליגער געדעטעניש, און פירט אויך מיטן פּרעסל איבער מיידלשע קליידער. אָבער ער איז אַ בישוף־מאַכער אַ פּרעסער, אָט דער דעיוו, דער בעסטער פּרעסער אין טרעיד. ער דאַרף בלויז לייגט אַ ריר טאָן מיטן פּרעסל

דאָ און דאָרטן, און עס זינגט שוין דאָס שטיקל אַרבעט, און עס ווערט שוין יום־טוב׳דיג די מיידלשע קלייד.

משה׳ן גייט דאָס צו זייער שווער. זיין רעכטע האַנט איז ווי אָפּ־געגנומען, דער רעכטער אַקסל איז אויך ווי אָפּגענומען. עס ברענט אין רוקן. ער קוקט אַלעמאָל אויפן זייגער. האַלט זיך אים אין איין אויסדאַכטן, אַז דער זייגער שטייט גאָר, אַז די ווייזערס ווילן זיך ניט רירן פון אָרט. אין שאַפּ־פענצטער קוקן אַריין שטראַלנדיגע דעכער. אַ פרייע וועלט אינדרויסן, און משה האַלט אין איין פּרעסן די קליידלעך פון פרי ביז נאַכט. וואָס זשע איז דער זינען פון לעבן?

— נאַר געדולד, משה. געדולד ברעכט אייזן — גיט דעיוו זיך אַ וויש אָפּ דעם שוויים פון שטערן, גיט אַ לאַך צו אים מיט אַ ביטער קנייטשעלע אַרום מויל.

געפעלט ניט משה׳ן יענעמס ביטער קנייטשעלע אַרום מויל. דאָס ביטער קנייטשעלע איז שנאה, האַס. צוליב וואָס זשע האָט אים יענער נאָך געדאַרפט אַרויפנעמען צו זיך אין שאַפּ? ער וויל דאָס פאַרשטיין. וואָס טאַקע איז דעיוו געווען אויסן מיט דעם?

— וואָס זשע אַזוינס טראַכסטו, משה? — גיט אים פּלוצלונג דעיוו אַ פרעג און הויבט אפילו ניט אויף די אויגן פון זיין אַרבעט.

— פאַרשיידנס — פאַרשעמט זיך משה.

— אַזוי, פאַרשיידנס? — איז דאָ ערגעץ ווידער חוזק אין זיין קול. — טראַכט, טראַכט, ביי דער אַרבעט קאָן מען איבערטראַכטן אַ ים מיט געדאַנקען.

טראַכט ער טאַקע, משה, אַ ים מיט געדאַנקען. ער טראַכט פון יענעם פאַרנאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן צוזאַמען מיט ווערא׳ן אַוועקגעלאָזט זיך ביז אין די לעצטע גרענעצן. דערגרייכט מיט איר צו אַזאַ פּונקט, ווען מען הויבט אָן צו פליען אין דער אייביג־קייט, ווען אָט לאָזט זיך אויס דאָס לעבן. אָבער די וואונדערלעכסטע זאַך איז, וואָס עס קערט זיך צוריק אום דאָס לעבן נאָך אַזוינע וואַנדערונגען אין די לעצטע גרענעצן פון ליבע. עס קערט זיך צוריק אום דאָס לעבן, מיט גרויסער רו אין די ביינער, מיט געזאַנג אין די בלוטן, און מען האָט שוין ליב די גאַנצע וועלט.

איז וואָס זשע פאַר אַ זינען איז טאַקע דאָ אין דעם, וואָס ער שטייט אויף די פיס אַ גאַנצן טאָג און פּרעסט קליידלעך? אפשר זאָל

ער גאָר וואַרפן די אַרבעט? אפשר זאָל ער צוריק אַוועק אַהין? ער וועט אָנקלינגען, און זי וועט אים עפענען די טיר, און עס וועט ווידער זיין מורא'דיג און זיס, און פיינלעך, און וואונדערלעך...

— וואָס זשע טראַכטסטו איצט, משה?

שווייגט משה. ענטפערט אים גאָרניט. ער איז צערייצט, משה. שטענדיג אַזוי. אין מיטן דערינען קאָן ער אַ פרעג טאָן, ניט מיר, ניט דיר, „וואָס טראַכסטו, משה?" טאָג נאָך טאָג אַזוי, שוין דריי חדשים וואַכט דעיוו איבער זיינע געדאַנקען. צוליב דעם אַליין וועט ער וואַרפן די אַרבעט. אויך צוליב זיין לאַכנדיג קנייטשעלע אַרום מויל. עפּעס ווי עס רייצט זיך מיט אים שטענדיג דאָס לאַכנדיגע קנייטשעלע.

אפשר מאַכט יענער פון אים חוזק? ער קאָן ניט פאַרשטיין אָט דעם מענטשן. עפּעס פאַרבאַהאַלט ער.

— קוק, ווי דו פרעסט, משה. דו וועסט נאָך פאַרברענען — מאַכט דעיוו צו אים מיט פאַטערלעכן פאַרוואורף. — מען טאָר ניט גיין מיטן פרעסל עטלעכע מאָל איבערן זעלבן אָרט. אויב דו האָסט דאָס פון ערשטן מאָל ניט געכאַפּט, וועט זיך דאָס שוין ניט כאַפּן. די גאַנצע חכמה איז צו שפּאָרן ענערגיע און צו שפּאָרן צייט. קוק, ווי מ'האַלט אַ פרעסל: די האַנט דאַרף ניט זיין אָנגעשטרענגט. גרינג האַלט מען דאָס פרעסל, גרינג און זיכער. אין דער זעלבער צייט זאָל די צווייטע האַנט דערווייל אָפּציען דעם „סים". דו זעסט? צוגערירט און פאַרטיג, און מען גייט ווייטער.

קערט אָפּ דעיוו די אויגן פון משה'ן, ווען ער זעט, אַז יענער מאַכט דאָס שוין נישקשה'דיג. פאַרטיפט זיך אין זיך, טראַכט און טראַכט. עס קומען אָן געדאַנקען טרויעריגע, מעלאַנכאָלישע, זעלבסט-דערנידעריגנדיגע. עס קומען אָן געדאַנקען פריילעכע, דערהויבענע. אַזוינע געדאַנקען, וואָס מאַכן אים פילן, אַז ער איז אַ שענערער און בעסערער מענטש. ער טוט קיינעם ניט קיין שלעכטס, אָבער אים טוט מען אַ סך שלעכטס. אַלע טוען אים שלעכטס, אָבער ער ענטפערט זיי אָפּ מיט גוטסקייט...

עס קומען אָבער אויך אָן געדאַנקען פון אַ מערדער, פון בלוטיגן האַס, פון ניפטיגער נקמה. אָט אַזוי דערלאַנגען מיטן אייזן איבערן קאָפּ אָט דעם צעפּעטשעטען בחור'ל, וועמעס איינציגער פאַרדינסט איז, וואָס ער קאָן דאַרטן העבּרייאיש. מיטן גאַנצן ראַזמאַך פון דער האַנט אַזוי

א הויב טאָן דאָס שווערע פּרעסל, און דערנאָכדעם זאָל זיין וואָס עס וויל זיך...

הויבט ניט דעיוו קיין פּרעסל. ער שטייט זיך אָנגעבויגן, טוט זיין ארבעט און טראַכט און קלערט, ביז ער דערפילט פּלוצלונג, אַז עס סמאַליעט זיך עפּעס: „א, א, דער בחור האָט שוין ווידער איבערגעפּירט א גאַרמענט."

אויף משה'ס פּנים פּאַרצווייפלונג און פּאַניק. ער קוקט זיך אום, צי קיינער האָט כאָטש ניט באַמערקט? צי דער באָס לויפט ניט מיט קיין גוואַלדן?

— אָלראַיט, אָלראַיט — מאַכט צו אים דעיוו מיט פיל געדולד. — ס'איז גאָרניט. עס טרעפט זיך אַמאָל אויך ביי א גוטן באַלמעלאָכע. נאָר פונדעסטוועגן, קוועטש ניט אַזוי פיל, א צענטל סעקונדע לענגער און ס'כאַפּט זיך שוין צו. אַזאַ דינע וואָרע האָט שטאַרק ליב היץ. אָבער ס'איז גאָרניט. האָק וויטער. אָט אַזוי, אָט אַזוי. דאָס לעבן, משה, קומט אַזוי גרינג ניט אָן, ווי דו מיינסט. דאָ אין שאַפּ איז אָן פּאַנטאַזיעס, אָן שיינע ריידעלעך. יעדעס פּיצעלע לעבן דאַרף מען פאַרדינען מיטן ביטערן שוויים. מיט ערגערניש, מיט יסורים. מען מוז עפּעס אריינלייגן, אַז מען וויל עפּעס געניסן. דאָ גייט ניט אין כאַפּערלעך. אָבער ס'איז גאָרניט. וועסטו אריבערקומען צו אונז, משה, נאָך סאַפּער?... א, וואָס זאָגסטו, משה?...

אַי, דעיוו, דעיוו, ביזט אַ נידעריגער מענטש . . .

איז שוין א שעה פאַרגאַנגען, און יענער איז נאָך אַלץ ניטאָ. אפשר האָט ער פאַרשפּעטיגט?! אפשר וועט ער באַלד אָנקומען?! כל־זמן משה שטייט ניט אים ביים לעבן ביים ביגל־באָארד, קאָן דעיוו ניט זיין רואיג.

גייט אַוועק נאָך א שעה פון ארבעט. וואו־זשע א שטייגער קאָן ער זיין איצט? וויל דעיוו גאָר ניט טראַכטן, וואו משה קאָן זיין איצט. ס'איז א סכנה צו טראַכטן וועגן דעם, וואו קאָן א שטייגער משה זיין איצט...

אפשר איז גאָר משה קראַנק? ער האָט טאַקע נעכטן צו־אָפּט געהוסט, און דעיוו האָט אים געפרעגט, וואָס ער הוסט, האָט יענער

געגענטפערט: „גאָרניט, ס'איז פון פרעסל." משה האָט, ווייזט אויס, אַליין ניט געוואוסט, אַז ער ווערט קראַנק.

ער קאָן נאָך קראַנק ווערן אויף ניומאָניע, אָט דער משה; און פון ניומאָניע קאָן מען שטאַרבן. אפשר איז ער שוין טאַקע געשטאָרבן. וועט זיין ווערא אַזוי שטאַרק וויינען... איר לערער געווען, וועט זי אים באַוויינען...

„אַי, דעיוו, דעיוו, דו מיאוס'ער דעיוו, דו חיה" — שטראָפט ער זיך אַליין. — „דו בעטסט אויף אַ מענטשן דעם טויט, ווייל דו ביזט אייפערזיכטיג. אַי, דעיוו, דעיוו! דו, וואָס האָסט זיך געלערנט אַלע יאָרן זיך דערהויבן איבער אַלע קליינינקייטן; דו, וואָס האָסט געוואָלט דערגרייכן די מדרגה פון דעם פאַרנונפטיגן מענטשן..."

ער וועט אָפּטרייבן די דאָזיגע געדאַנקען. משה וועט נאָך זיכער אַנלויפן. משה וועט ניט קראַנק ווערן. ער איז אַ געזונטער בחור, משה...

און אפשר טאַקע איז משה קראַנק? אפשר טאַקע אויף ניומאָניע?

„אוי, איז געקומען אַ חזנ'דל אין אַ קליין שטעטעלע אַריין" — צעזינגט זיך פּלוצלונג דעיוו, און עס ווערט אים מיטאַמאָל פרייליך אויפן האַרצן — „האָבן אים באַגעגנט דריי באַלעבאַטימלעך..."

ניין, ס'איז ניט גוט אַזוי, וואָס ער איז פריילעך. צוליב וואָס פּלוצלונג איז ער דאָ פריילעך געוואָרן? „אַי, דעיוו, דעיוו, ביזט אַ נידעריגער מענטש! אַי, דעיוו, דעיוו..."

— גאָר היינט ניט געקומען דיין שיינער פריינט? — טוט דעיוו'ן פּלוצלונג אַ פרעג די איטאַליענישע פינישערין.

פאַרדריסט דאָס דעיוו'ן, וואָס מען רופט משה'ן „זיין שיינער פריינט". אַלע מיידלעך דאָ אין שאָפּ זיינען פאַרליבט אין זיין שיינעם פריינט. ניין, ער איז ניטאָ, זיין שיינער פריינט. וואו זשע איז ער טאַקע? ער טראַכט שוין ניט, דעיוו, אַז יענער קען זיין קראַנק. ער טראַכט שוין גאָר אַנדערע געדאַנקען. שלעכטע געדאַנקען, וואָס לאָזן אים ניט רוען. אפשר וואָלט ער גאָר איצט אַהיים געגאַנגען, זען וואָס זיין ווערא טוט? אין מיטן העלן טאָג אַהיים גיין גאָר?

עס דאַרף איר זיין נעבעך זייער אומעטיג, זיין וויעראָטשקע'ן — וויל ער פאַר זיך אַליין פאַרענטפערן זיין פּלוצלונגדיגן פאַרלאַנג אַהיים צו גיין. — אַ צאַרטע בלום אַזאַ, זיין ווערא, איבערגעפלאַנצט אויף

פֿרעמדער ערד. אויף שטיינער איבערגעפֿלאַנצט. זי קאָן נאָך פֿאַר־וועלקט ווערן. אָך, ווען ער האָט איצט אַזוי פֿיל געלט, וויפֿיל ער האָט געהאַט איידער ער איז געפֿאָרן אויף אַ באַזוך צו דער אַלטער היים, וואָלט ער שוין ניט געדאַרפֿט אַרבעטן פֿאַר אַ פּאָר יאָר, און וואָלט שטענדיג געקאָנט זיין מיט איר. מען וואָלט אַפילו ניט געדאַרפֿט שטיין אין ניו יאָרק. מען וואָלט אַרומגעפֿאָרן איבער אַמעריקע. בלויז ער מיט איר, ער מיט איר.

איז וואו זשע טאַקע קען איצט זיין משה? עס קומען אָן אַזוינע שווידערלעכע זעאונגען... ער וועט זאָגן דעם באָס, אַז ער פֿילט ניט גוט. יאָ, ער פֿילט טאַקע איצט ניט גוט. קאָן סיי ווי סיי ניט אַרבעטן איצט...

לויפֿט דעיוו אַרויס פֿון שאַפּ, כאַפּט אַ טעקסי, זיצט מיט אָנגע־בויגענע פּלייצעס. ווי מיט זיין זיצן אַזוי אויף פֿאָראויס וועט ער העלפֿן די טעקסי שנעלער יאָגן.

אַ רעוואָלווער קויפֿן? אפשר איז אויך גוט אַ שווערער שטיק אייזן? וואָס זשע וועט ער טאָן מיטן רעוואָלווער? אַ? וואָס עפּעס אַ רעוואָלווער קויפֿן? אַ?

אָט איז שוין די הויז... אָט איז שוין די הויז. און וואָס זשע וועט ער זאָגן, אַז ער וועט אַריינקומען אין הויז אַריין? ער וועט שוין זען...

זאָל ער אפשר אָנקלינגען פֿריער? הערסט אַ חכמה! דער גאַנצער קונץ איז וואָס ס'זאָל זיין פּלוצלונג. ניין, ער וועט ניט אָנקלינגען.

ער האָט אָבער יאָ אָנגעקלונגען. האָט קיינער ניט געענטפֿערט אויף זיין קלונג... דערשראָקענע טריט פֿון יענער זייט פֿאַרמאַכטער טיר... אַ דערשראָקן שעפּטשערײַ פֿון יענער זייט טיר... נאָכדעם אַ שטילקייט... אַ שטילקייט פֿול מיט פּחד...

קלינגט ער נאָכאַמאָל. איז נאָך אַלץ שטיל. נעמט ער אַרויס דעם שליסל פֿון דער קעשענע צו עפֿענען די טיר פֿון זיין אייגן הויז. אָבער ער עפֿנט ניט מיט דעם שליסל די טיר פֿון זיין אייגן הויז. ער לייגט צוריק אַריין דעם שליסל אין קעשענע. גנב'עט זיך אויף צוריק־צו־וועגס, ווי אַ פֿאַרשעמטער אָרעמאַן, פֿאַר וועמען מען פֿאַרהאַקט די טיר. נידערט אַראָפּ די טרעפּ מיט ווייכע טריט. גייט אַריבער צום פּאַרק אַנטקעגן. זעצט זיך אויף אַ באַנק. קוקט פֿון דאָרטן צום פֿענצטער פֿון זיין הויז, וואָס איז פֿאַרהאַנגען ביז אַרונטער... נאָכדעם פֿאַרמאַכט

ער די אויגן, רעדט צו זיך אַליין. רעדט צו דעם אָפּגעגאַרטן, פאַר־שעמטן דעיוו'ן מיט פיל ביטערקייט און גאַל. שינדט פאַסן הויט. רייסט שטיקער פלייש פון דעם אַלטן בחור, וואָס האָט זיך אַמאָל גע־לעבט אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו אין בראָנזוויל אַזאַ רואיגער, אַ פאַר־באַהאַלטענער. שמייסט מיט פייערדיגע בייטשן אויף דעם איצטיגן דעיוו'ן, וואָס האָט ניט דעם מוט עפּענען די טיר פון זיין אייגן הויז. און ווען ער וואָלט שוין יאָ געעפנט, וואָס וואָלט ער דען געטאָן? ער וואָלט זיך צעשמייכלט מיט פיל טרויער און ביטערקייט, און וואָלט געזאָגט: „זע נאַר, משה, און איך האָב זיך שוין געערגערט, וואָס דו ביזט היינט ניט געקומען צו דער אַרבעט...״

מיט פיין און מיט פרייד קומען זיי זיך צונויף . . .

— אַ, אַ, וויעראַטשקאַ, ס'שמעקט...

די זון קוקט איר אין פּנים אַריין. דאָס ווינטל לויפט איבער אירע האָר. דאָס גרינלעכע קלייד אירס פלאַטערט ביי די ברעגן. די הויכע פיס שטעלן זינגעוודיגע טריט איבערן צעשטראַלטן אַספאַלט.

— אַ, אַ, ס'איז אַ מחיה, וויעראַטשקאַ.

קוקט די זון אויך דעיוו'ן אין פּנים אַריין. לויפט אויך דער ווינט איבער זיינע פאַר געציילטע האָר. שפּאַנט ער זיך אַ מיטל־יאָריגער לעבן זיין ווייבל, וואָס איז אַזוי יונג און זינגעוודיג.

מען קומט אָן אַהער אין סענטראַל פּאַרק פון אַלע אַרומיגע גאַסן. ס'איז זונטאָג. אַזאַ ליכטיגער, הייסער, שמעקנדיגער זונטאָג. גאַנצע משפּחות'ווייז קומט מען אַהער. די בענק זיינען שוין פאַרכאַפּט פון טאַטעס און מאַמעס. נעגערשע טאַטעס און מאַמעס, פּאָרטאָריקעשע טאַטעס און מאַמעס, און שפּאַנישע, און אידישע, און איטאַליענישע, און פון נאָך און נאָך פעלקער. אויף די לאָנקעס קאַטשען זיך קינדער־לעך. איבער די אַספאַלטענע סטעזשקעס יאָגן אַרום אינגלעך און מיידלעך. איבערן טייכל, מיט די הונדערטער זונען אין די וואַסערן, גליטשן זיך שיפלעך מיט יונגע געלעכטערס.

— וואָס זשע טראַכטסטו איצט, וויעראַטשקאַ?

ווערט ווערא רויט. ער האָט זי געכאַפּט סאַמע ביי די ריכטיגע

געדאַנקען. זי האָט טאַקע געטראַכט אין דעם מאָמענט פון משה׳ן. אַ קלוגער מענטש איר מאַן. אַ שאַרף אויג.

זי האָט שוין איצט מורא צו טראַכטן וועגן משה׳ן, ווען דעיוו איז דאָ לעבן איר. אַז ער לייענט גאָר אַרויס אירע געדאַנקען. משה, איר אומגליקלעכער משה, וואָס קאָן זיך שוין צו גאָרנישט צושלאָגן, פון זינט ער האָט געוואָרפן די אַרבעט אין דעיוו׳ס שאַפּ, קאָן ער שוין קיין אַנדער אַרבעט ניט געפינען. וואָס וועט זיין פון אים? און וואָס וועט ווערן פון זיי ביידן? ווי צוויי גנבים פירן זיי זיך אויף... אַ גרויסע שאַנדע, אַ גרויסע שאַנדע...

— לאָמיר שוין וועגן גאָרנישט ניט טראַכטן איצט, וויעראָטשקאַ. ס׳איז אַן עבירה צו זיין טרויעריג אין אַזאַ שיינעם טאָג — רופט זיך אָן דעיוו מיט אַזוי פיל גוטסקייט און טרויעריגקייט אין זיין קול. — אפשר וואָלטן מיר גענומען אַ שיפל? אַ, וואָס זאָגסטו, וויעראָטשקאַ?

קאָן ער, דעיוו, גראַדע זייער גוט רודערן. ער פאַרמאָגט צוויי שטאַרקע פרעסערישע הענט. ביינערדיגע הענט, מיט האָריגע אָדערדיגע אָרעמס. טוט ער זיך אויס דאָס רעקל, פאַרקאַשערט די אַרבל און צעפאָרט זיך מיט די צוויי לאַנגע רודערס.

— דו זעסט, וויעראָטשקאַ?

דאָס שיפל לאָזט זיך צום מיטן פון טייכל. דער ברעג מיט אַלע מענטשן דרייען זיך אַוועק. די הויכע ביימער אויפן גרינעם בערגל דרייען זיך אויך אַוועק. אַזאַ העלע ליכטיגקייט איבערן וואַסער. מען קאָן אַזש ניט האַלטן אָפן די אויגן. די זון כאַפּט זיך צו צום פּנים, קושט און צופּט די הויט מיט זיסקייט און פיין. פאַרמאַכט זי אירע אויגן, ווערט. שמייכלט זי בלינדערהייט, וואָס ס׳איז איר איצטער אַזוי גוט.

קוקט דעיוו אויף איר צעשטראַלט פּנים מיט די פאַרמאַכטע אויגן, אויף אירע לאַנגע פיס, וואָס ליגן אויסגעשטרעקט צו אים, אויף דעם שטיק ראָזעווקייט פון אונטער־קליידל, וואָס זעט זיך אַרויס פון אונטער איר שיינער גרינלעכער קלייד, און לאַכט אין זיך.

רודערט דעיוו דאָס שיפל אַזוי פאַרזיכטיג און פּריוט זיך, וואָס זי האַלט נאָך אַלץ פאַרמאַכט די אויגן, און איר פּנים שיינט.

וואָס ווייסן מענטשן די פרייד פון האָבן אַ ווייב? בלויז ער, דעיוו, ווייס. ס׳איז די פרייד פון קומען אַהיים פון דער אַרבעט און

טרעפן אין הויז א פלאטערנדיגע און ציטערנדיגע יונגע פרוי... ס'איז די פרייד פון עסן צוזאמען ביי איין טיש, גיין אין א מואווי און זיצן זייט ביי זייט, שפאצירן איבער די גאסן געארעמט און קוקן אויף מענטשן גלאט אזוי, אדער זיצן אין הויז אין דער ווייכער שטול אין גרויס רו און זען, ווי עס שפאנט זיך ארום איבער די צימערן די דאזיגע וואונדערלעכע באשעפעניש, וואס הייסט פרוי... א פרויענשער וועזן, וואס טראגט שיינע קליידער און לאנגע זיידענע זאקן, וואס האט אזוינע ווייכע און קיילעכדיגע גלידער און שמעקט מיט די געווירציגע ריחות פון די טשערעמעיעווער פעלדער... די באשעפעניש, וואס טוט זיך אויס אירע קליידלעך אין דער פינצטער, וואס לייגט זיך לעבן דיר אין בעט...

די זון ברענט איר צופיל אין פנים. ער וועט אוועקפירן דאס שיפל צום שאטנדיגן ברעג הינטער די הויכעביימער.

זי איז אפשר איינגעשלאפן, זיין ווערא. זאל זי שלאפן. עס איז קיל און אזוי שמעקעוודיג. עס שמעקן די ביימער, די גראזן, די רויע ערד, די קילע וואסערן. ער בויגט זיך אן צו איר. שמעקט זי אויך מיטן ריח פון די ביימער, פון גראזן, פון רויער ערד און מיט ריח פון איר אייגענעם וואונדערלעכן יונג־פרויענשן לייב...

זי שלאפט טאקע, ווערא, און ווייסט שוין ניט, וואו זי געפינט זיך. אבער איין זאך ווייסט זי יא, אז משה זיצט לעבן איר, אז ער שמייכלט צו איר, ער בויגט אן זיינע ליפן צו איר, אז ער קושט זי, אז ער נעמט זי ארום, אז ער באריהרט איר לייב... ציט זי זיך מיט איר לייב צו אים מיט גרויס פרייד... זיי קומען זיך צונויף און ווערן איינס... מיט פיין און מיט פרייד קומען זיי זיך צונויף...

ווּעמען דאַרף דעיוו טרעפן אין סענטראַל פּאַרק?

— דער בחור איז מיר אזוי באקאנט. ווער קאן דאס זיין, ווערא?

— קום, ס'איז ניט שיין צו קוקן.

— אבער איך קאן שווערן...

ס'איז פינצטער צווישן די ביימער. א פארוואָרפענע אַלייע. איין־און־איינציגע באנק שטייט אין דער דאזיגער אַלייע. זיצט אויף דער באנק דער בחור, וואס קוקט אויס דעיוו'ן אזוי באקאנט. יענער זיצט

און קושט א מיידל אין האלז אריין. אין די ליפּן לאָזט זיך יענע ניט קושן. קושט דער בחור וואוהין ער טרעפט. אין האלז איז אויך א מטבעה. קושט מיט א שמאַצקע, און די מיידל לאַכט הויך אויף א קול: כא, כא, כא.

— קום, דעיוו, ס'איז ניט שיין צו קוקן.

— וואַרט א ווײַלע. אָ, יאָ, ס'איז דאָך וועווקע.

— ס'קאָן ניט זיין.

— יאָ, ס'איז וועווקע. דו זעסט ניט? כא, כא, כא — לאַכט דעיוו אין דער שטיל און קלייבט נחת, וואָס זיין לאַנדסמאַן וועווקע לאָזט זיך אזוי וואויל גיין אין סענטראַל פּאַרק. — וואָלסט זיך גע־רעכט, ווערא, אויף דעם דאָזיגן וועווקע טאַפּער? דאַכט זיך א שוטה, און קוק ווי ער צעאַרבעט.

דעיוו איז שטאָלץ מיט זיין לאַנדסמאַן. ער האָט דאָך אים אַריבער־געבראַכט פון טשערעמעיעוו א רויען און נארישעוואַטן בחור'ל. און וואו זשע דאַרף אים דעיוו טרעפן? אין סענטראַל פּאַרק. צווישן אַלע בחורים, וואָס זיצן איצט אין די פּאַרוואָרפענע אַלייען מיט זייערע מיידלעך, איז א טשערעמעיעווער בחור אויך פאַרטראָטן.

— א טשיקאַווע וועלט, ווערא. גיי ווייס, גיי ווייס...

— מען קוקט אויף אונז — האָט די מיידל אויף דער באַנק אַריינ־געשעפּטשעט וועווקע'ן אין אויער אריין.

— אוי, ווײַ, דעיוו גאָר?! און ווערא אויך! — איז וועווקע גלייך אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק מיט גרויס צעיאָצטקייט.

— ווי אזוי קומסטו אהער, וועווקע?

— א משל. איך... באַקאַנט זיך. דאָס איז פלאָרא. יאָ, פלאָרא. זי וואוינט אין האַרלעם. זיינען מיר געגאַנגען א ביסל שפּאַצירן אין פּאַרק אריין.

איז דאָס א הויכע פלאָרא. כמעט אזוי פול און ברייט, ווי וועווקע אליין. ער האָט זי באַגעגנט אויף א פּאַרטי אין בראָנזוויל. איז זי געוועזן אזא צוגעלאָזטע. געשמייכלט צו אים אזוי פריינטלעך. גערעדט צו אים אזוי שיין. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אז א מיידל האָט אזוי פריינטלעך געשמייכלט צו אים און גערעדט צו אים אזוי שיין. ער האָט אפילו ניט געקענט צו פרעגן זי, אויב ער קאָן נאָך אמאָל זיך זען מיט איר. אָבער ס'איז שוין אן אמת'ע קלוגע פלאָרע. זי האָט

שוין אזוי געדרייט, ביז זי האָט אים ארויפגעפירט, אז ער זאָל זיך אָנבאָטן נאָך אמאָל זי צו באַגעגענען. „גייען זיי איצט אויס". שוין א פּאָר חדשים, אז זיי „גייען אויס". אַלע שבת און זונטאָג פאָרט וועווקע קיין האַרלעם און נעמט זי אויס...

— פלאָרא איז דאָך אויך א בעסאראביערין — איז וועווקע איבערגליקלעך. — זי איז א טעלעגעשטעטער. ניט אמת, פלאָרא? הי, הי, הי. קומט, לאָמיר זיך אַלע צוזעצן. דאָס איז דעיוו, פלאָרא. איך האָב דיר דערציילט וועגן אים, ווי ער איז געקומען צו אונז קיין טשערעמעיעוו און מיר געבראכט א שיפסקארטע, הי, הי, הי. דו ווייסט, דעיוו? אינגיכן עפן איך א דעליקאטעסן סטאָר און ווער מיר א באַלעבאָס פאר זיך אליין...

אז וועווקע האָט א זאָג געטאָן „דעליקאטעסן סטאָר", האָט שוין ווערא פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט גלייך דערפילט, ווען זי האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק, דעם ריח פון קנאָבל און זויערע אוגערקעס: וועווקע איז שוין דורכגעזאַפּט דורך און דורך מיט אָט דעם ריח. פלאָרא קאָן אויך ניט פאַרליידן דעם ריח, אָבער זי האָט אַנדערע חשבונות.

— זעסט אמאָל עמיצן פון דער חברה, וועווקע?

— יאָ, וועגן דעם האָב איך דיר טאַקע געוואָלט דערציילן. מעגסט דאָס אויך הערן, ווערא. איך גיי אַנומעלטן מיט פלאָרא'ן איבערן באָרדוואָק אין קוני איילאַנד, דערזעען מיר פּלוצלונג אַן אַראַבער שטיין אויף א בענקל. איר ווייסט דאָך אין קוני איילאַנד די אַראַבער, וואָס טרעפן דיר דיין „פאָרטשון", הי, הי, הי. שטייט זיך אזוי דער אַראַבער מיט פאַרלייגטע הענט. אויפן קאָפּ א צענויפגעדרייטער האַנטוך, איר ווייסט. אין א גרינער קאַפּאָטע, מיט רויטע שטעק־שיך, ווי די אַראַבער אין קוני איילאַנד, יו נאָו. מען באַצאָלט א דאַים, נעמט ער א צונויפגעוויקלט ליידיג פאַפּירל, לייגט דאָס אריין אין א גלעזערנעם רערל, בלאָזט אויף דעם, פאַרמאַכט די אויגן, שלעפּט ארויס דאָס פאַפּירל, און ס'איז שוין אָנגעשריבן דיין גאַנצע „פאָרטשון", יו נאָו. איז יאָ, הי, הי, הי, קוק איך אזוי צום אַראַבער, גיט צו מיר פּלוצלונג דער אַראַבער א וואונק מיטן אויגל. מיין איך, אז ער מאַכט חוזק פון מיר. גיט ער צו מיר א צווייטן וואונק. צעלאַך איך זיך שוין, ווייל איך האָב אים גלייך דערקענט. טרעפט, ווער ס'איז געווען?

— ווער?

— בערעלע גאַנאַפּטי, הי, הי, הי. יאָ, בערעלע גאַנאַפּטי. ער איז געוואָרן אַן אַראַבער אין קוני איילאַנד. ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן. דאָס הייסט, איך זאָל שווייגן און קיינעם ניט אויסזאָגן, אַז ס'איז בערעלע גאַנאַפּטי. בין איך געשטאַנען און זיך געדישעט פון געלעכטער, ווי ער בלאָזט אַזוי אויפן גלעזערנעם רערל, ווי ער פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ כּישוף־מאַכער. בערעלע גאַנאַפּטי! הי, הי, הי.

לאַבן אויך דעיוו און ווערא פון בערעלע גאַנאַפּטי, וואָס איז געוואָרן אַן אַראַבער אין קוני איילאַנד.

— יאָ, איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן — ווערט וועוועקע פלוצלונג טרויעריג.

ער האָט פאַרגעסן צו דערציילן וועגן יאָסל'ען דעם וויינשענקער'ס. שוין אַ וואָך, אַז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און מען ווייסט ניט וואוהין ער איז אהינגעקומען. גאַנץ פרי אוועק פון זיין מומע'ס הויז צו דער אַרבעט און זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט. מען האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט ביי אַלע לאַנדסלייט. מען האָט געמאָלדן אין פּאָליציי. מען האָט אים געזוכט אפילו אין מאָרג.

— וואו זשע קאָן ער זיין? — פאַרקלעמט שטאַרק ווערא'ן ביים האַרצן.

— אי, ווען מען ווייסט וואו ער קאָן זיין? — האָט וועוועקע אַ טענה. — אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס מען ווייסט ניט וואו ער איז.

— שטענדיג געווען אַזאַ בלאַסער — וויל ווערא אַזש וויינען פון גרויס רחמנות — אַזאַ ציטערדיגער.

— יאָסל, יאָסל — טוט אויך דעיוו'ן ווי דאָס האַרץ. — ניט געווען געדאַרפט אים אַרויספירן פון טשערעמעיעוו. אַזאַ בחור האָט נאָר געקאָנט לעבן אויף דער ערד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. אַ שאָד, אַ שאָד. ווער ווייסט, וואו זיינע ביינער רוען איצט? מען דאַרף עפּעס טאָן. מען דאַרף אויסגעפינען. איך וועל שוין זען עפּעס טאָן. קום, וויעראָטשקאַ, לאָמיר שוין גיין. ס'איז שוין שפּעט.

געזעגנען זיי זיך וואַרעם. גייען אוועק. לאָזן איבער וועוועקע'ן מיט פלאָרא'ן אויף דער באַנק.

— פלאָרא, פלאָרא, הי, הי, הי — וויל וועוועקע אַרומכאַפּן קושן זיין פלאָרא'ן, נאָכדעם ווי זיינע לאַנדסלייט זיינען אוועק.

לאָזט זיך ניט פלאָרא. זי לאָזט זיך איצט אפילו אין האלז אַריין אויך ניט קושן. זי גיט אים אָנצוהערעניש, אַז זיי זיינען נאָך ניט קיין חתן־כלה, און אַז ס'איז ניט שיין זיך צו קושן, ווען מען איז נאָך ניט חתן און כלה. זי זאָגט אים אויך מוסר, אַז ער האָט ניט קיין מאַניערן, און ער האָט זי ניט געדאַרפט פאַרשטעלן „דאָס איז פלאָרא", אַז ער האָט זי געדאַרפט פאַרשטעלן ווי „מיס בלומגאַרט". אַזוי קאָנען נאָך לייטן מיינען, וועד ווייסט ווי נאָענט זיי זיינען איינער צום אַנדערן. אַ חוץ דעם געפעלט איר אויך ניט, וואָס ער קאָכט זיך אַזוי, ווען ער רעדט צו מענטשן. מען דאַרף זיין געלאַסענער און ניט לאָכן אַלעמאָל, ניט מיר, ניט דיר.

שטענדיג זאָגט זי אים מוסר, אָט די פלאָרא. אָבער וועווקע האָט זי ליב. ער גייט אויס נאָך איר.

— אָלראַיט, פלאָרא. דו זאָג מיר, ווי אַזוי איך זאָל זיך פירן, וועל איך זיך פירן. איך וועל דיך פאָלגן אַלץ, וואָס דו זאָגסט מיר — וויל ער זי ווידער אַרומנעמען.

לאָזט זיך ניט פלאָרא. לאַכט און לאָזט זיך ניט. ווערט וועווקע טרויעריג. זיצט אַזאַ געפאַלענער ביי זיך און מיינט שוין, אַז ס'איז עק וועלט...

צעלאַכט זיך ווידער פלאָרא, וואָס ער זיצט אַזאַ טרויעריגער. ס'ווערט איר ווארעם איר האַרץ צו דעם דאָזיגן היפּשן בחור, וואָס איז אַ גוטער פאַרדינער און אַ פּשוט'ער אַזאַ. הויבט זי אים אָן צו גלעטן איבער זיין צעהיצטן שטערן. דערפרייט זיך וועווקע. ס'באַווייזן זיך אים אַזש טרערן אין די אויגן פון פרייד. ווערט אים גוט, אַז זי גלעט אים.

— הי, הי, פלאָריטשקע — נעמט ער זי אַרום מיט פיל ליבשאַפט — און איך האָב שוין געמיינט, אַז דו ביזט אויף מיר ברוגז, הי, הי...

ווי אַזוי וועל איך קאָנען קוקן מיין שוועסטער גלייך אין די אויגן אַריין?

דער גרויסער געשריי פון אַ בלאָק אויף צוועלפטער סטריט, לעבן עוועניו „עי"... מען שרייט פון די דעכער, מען שרייט פון די שטיינער פון דער גאַס, מען שרייט פון די אָפענע פענצטער איבער אַלע עטאַזשן,

פון די פייער־עסקעיפּס, פון די סטופּס, פון די פּושקאַרטס און פון די שטעלעכלעך מיט סחורה.

דער גרויסער געשריי אינמיטן אַ מוטנע־רויטלעכער נאַכט, צווישן פאַרמילכטע אָנגעצונדענע גאַסן־לעמפּלעך, צווישן אַ צעפּליקטער און אַ צעפּיצלטער פינצטערניש, וואָס איז צעוואָרפן, ווי שמאַטעס, אויף אַלע ווענט און אויף אַלע דעכער...

— זאָקן, זאָקן, אַהער, אַהער — שרייט די אידישע קרעמערקע.

— פּאָטעיטאָס, טאָמעיטאָס ענד אָניאָנס, אָ, אָ, פּאָטע־י־טאָס — שרייט דער איטאַליענישער פּעדלער.

— באַל, באַל, פּלעי באַל — שרייען די צעפּלאָטטע, די צעווילדע־וועטע קינדערלעך פון אינמיטן דער גאַס.

— בז, בז, בז — הודזשען די האָרנס פון די דורכלויפנדיגע אויטאָמאָבילן.

— האַוו, האַוו — בילט זייער בייז אַ הינטעלע אויפן פייער־עסקעיפּ.

— פּס, פּס... — אַנטלויפט די קאַץ פון הינטעלע׳ס צאָרן גלייך אין מיסט־קאַסטן.

— וואַ־אַו, וואַ־אַו — וויינט אַ זויג־קינד מיט נאַקעטע פיסלעך פון אַ וויגעלע אַרויס, וואָס שטייט לעבן אַ סטופּ.

— דזשאַ־אַ־אַ־ני — רופט אַ מאַמע איר אינגל פון אַ פענצטער פון דעם פערטן שטאָק.

— דזש־אַ־ני — ענדיגט זיך יעדעס מאָל איר קוויטשענדיגער רוף מיט אַ קאָלאָראַטור, מיט אַ שלשלת...

דער סאַמע גרויסער געשריי קומט ערשט צו לויפן פון אַ ווייטער גאַס. מיטן אָנפאָרן פון עלעוועיטעד קומט צו לויפן דער סאַמע גרויסער געשריי און דעקט צו אַלע אַנדערע געשרייען מיט אַ גרילצנדיגן געברום, מיט אַ געבריאַזגעריי, מיט אַ געראָדעריי און מיט גראָבע קייקלענדיגע דונערן.

אינעווייניג אין הויז איז טונקל און שאָטנדיג. דער גאַז־רער באַלויכט בלויז דעם טיש און אַ שטיק וואַנט. דער איבעריגער טייל פון צימער איז אין אַ שאָטנדיגער פינצטערניש.

— אָט דאָ האָט יאָסל געוואוינט — מאַכט דעיוו אין דער שטיל צו וועראַ׳ן.

— אַט דאָ? — קאָן ווערא קוים כאַפּן דעם אָטעם.

די טאַנטע וויינט. איר טייערער פּלימעניק, איר האַרציגער פּלי־מעניק, וואו איז ער? וואו איז ער? אפשר האָט מיט אים געטראָפן אַן עקסידענט, און ער ליגט אין אַ שפּיטאָל איינער אַליין, אָן זיין געטרייער מומען?

די געטרייע מומע האָט זיך די גאַנצע צייט גאָר ניט אומגעקוקט אויף איר ליבן פּלימעניק. ניט מחמת שלעכטסקייט, נאָר מחמת מען איז פאַרהאָרעוועט בייטאָג און ביינאַכט. מחמת מען זיצט 16 שטונדן אין גראָסערי, און מענטשן זיינען דערקוטשליווע. זי קאָן שוין ניט קוקן אויף אַ מענטשן. יעדער מענטש איז אַ באַדער, יעדער מענטש מאַנט, פאָדערט און האָט טענות. דאָס גראָסערי־לעידי־שמייכעלע אויף איר פּנים איז שוין פון לאַנג פאַרגליווערט געוואָרן אויף אירע ליפּן. ס׳איז שוין ביי איר דאָ אָט־דאָס שמייכעלע בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינטער, און אפילו אין שלאָף.

זי האָט געלאָזט איר פּלימעניק יאָסל׳ען אַליין פאַר זיך. זיין צימער ניט געראַמט און ניט געקערט. דעם דיל ניט געוואַשן. די פאַר־זשאַווערטקייט און שפּינוועבס פון די ווענט ניט אַראָפּגעווישט. דעם שטויב פון די שויבן ניט אויסגעריבן...

— וואָס זאָל איך טאָן, און וואָס זאָל איך טאָן? — וויינט די מומע פאַר דעיוו׳ן און ווערא׳ן, און ברעכט די הענט. — און ווי אַזוי וועל איך קאָנען קוקן מיין שוועסטער גיטל׳ען גלייך אין פּנים אריין?

די שוועסטער גיטל איז יאָסל׳ס מאַמע און געפינט זיך איצט אין טשערעמעיעוו, און עס וועט איר אפשר שוין קיינמאָל ניט אויסקומען צו קוקן איר שוועסטער גיטל׳ען אין פּנים אריין, אָבער די מומע וויינט און קלאָגט:

— און ווי אַזוי וועל איך קאָנען קוקן מיין שוועסטער גיטל׳ען גלייך אין פּנים אריין? און וואָס וועל איך זאָגן צו מיין שוואָגער בנימין דעם ווייגשענקער? שוין אַ צען טעג, אַז ער איז ניטאָ. איך האָב זיך שוין אויסגעפרעגט ביי אַלעמען. געווען אין שאָפּ, וואו ער האָט געאַרבעט. ווי איז צו מיר — ניטאָ. געמאָלדן דער פּאָליס, אומגליק גרויסער — ניטאָ...

זי האָט אפילו קיין צייט נישט איצט צו רעדן מיט די געסט. זי דאַרף לויפן. טאַקע גלייך לויפן. איר טאָכטער פּרענצים שטייט שוין

פֿון פֿאַרנאַכט אָן אין גראָסערי. זי איז אַ יונג קינד. איז זי שוין מסתמא גוט פֿאַרמאַטערט. לויפֿט זי איר פֿאַרבייטן. זאָלן זיי, די געסט, ניט פֿאַראיבל האָבן, וואָס זי לאָזט זיי אַליין בלויז אויף איין ווייליקנע. אָט שיקט זי גלייך אַרויף איר טעכטערל פּרעזענץ. ווערט שוין איר טעכטערל פּרעזענץ זיי אַלץ דערציילן וועגן יאָסל׳ען.

בלייבן דעיוו און ווערא אין הויז. קוקט דעיוו אויף ווערא׳ן און דערקאָנט זי ניט. איר פּנים איז אַשיג און מוטנע אַזוי. אירע אויגן שמאָל געוואָרן און זיי זיינען גאָרניט בלוי. אָן אַ קאָליר אינגאַנצן. אירע העלע האָר זיינען אויך געוואָרן פֿינצטער. כאַפּט ער זיך גלייך, דעיוו, אַז דאָס קומט אפשר צוליב דער טונקעלער שיין פֿון גאַז־לעמפּל, צוליב דער אומעטיגקייט פֿון הויז, צוליב דער טונקלעקייט פֿון די שאָטנדיגע ווענט.

— אָט דאָ האָט יאָסל געוואוינט ? — גלויבט זיך ניט ווערא׳ן. — קום. וועלן מיר אַ קוק טאָן אויף די איבעריגע צימערן.

צינדט דעיוו אָן דעם גאַז־רער אין צווייטן צימער. שטייען דאָרטן צוויי בעטן. צעשויבערט און צעדרייט. די קאָלדרעס צונויפֿגעקנוילט, די קישנס איינגעפֿאַלן. שמאַטעס וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

— דאָס איז, ווייזט אויס, דער צימער, וואו די מומע מיט איר מיידל שלאָפֿן — שטויסט זיך ווערא אָן.

צינדט אָן דעיוו דעם גאַז־רער אין דריטן צימער, וואָס לעבן דער קיך. שטייט איין בעט. אַ שמאָל צונויפֿשטעל־בעטל. די קאָלדרע איז דאָרטן אויך צונויפֿגעקנוילט. דאָס קישן ליגט אויף דער ערד. יאָסל׳ס שבת׳דיגע שיך שטייען אונטערן בעט. פֿאַרשטויבטע און אויסגעקילטע שטייען זיי שוין אַזוי פֿיל טעג. אויף אַ טשוועקל, איינגעשלאָגן אין דער וואַנט, הענגט יאָסל׳ס שבת׳דיגער גאַרניטער. אויף אָן אַנדער טשוועקל הענגט זיין שבת׳דיגע הוט.

און אַזוי ווי זיי שטייען אין דעם דאָזיגן צימער, וואו דאָס פֿענצטער גייט אַרויס אין עוועניו „עי״, גיבן זיך מיטאַמאָל אַ צעציטערט די ווענט, גיט זיך אַ קייקל אַריין דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אַ קנאַלנדיגער צעצויגענער דונער, וואָס קאַטשעט זיך אַרונטער אונטערן בעט און דאָרטן ווערט ער פֿאַרלאָרן...

אייער זון, יאָסל ווײַנטרויב . . .

— מיין אומגליקלעכער קאָזין — וויינט פרענצים מיט ביטערע טרערן — וואו קאָן ער זיין ? וואו קאָן ער זיין ? ער האָט גאָר שטענדיג געשוויגן. געלעגן ביי זיך אין צימער אַלע אויפדערנאַכט און געשוויגן. זאָג איך צו אים: „גיי ארויס אין גאַס אויף דער פרישער לופט.” ענטפערט ער מיר, אַז ער דאַרף ניט קיין פרישע לופט. זיך ניט געֹחבר׳ט מיט קיינעם און, דער עיקר, ניט געוואָלט עסן. יאָ, עפּעס דאַרטן געגעסן, אָבער טרוקענע שפּייז. וויפיל מאָל האָב איך זיך ביי אים געבעטן: „גיי אריין ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן און עס אָפּ עפּעס אַ וואַרעמען געקעכץ.”

פרענצים אַליין עסט אויך אין אַ רעסטאָראַן. ניטאָ קיין צייט צו קאָכן. מען איז שטענדיג אין גראָסערי, אָדער מען ליגט אין בעט און מען רוט זיך אויס.

— מיין אומגליקלעכער קאָזין יאָסל. און וואוהין האָט ער געקאָנט אוועק, אַז ער קאָן גאָר ניט רעדן קיין ענגליש ? איבערגעלאָזט אַלע זיינע קליידער, אַלע זיינע זאַכן. גלייך פון אָנפאַנג, ווען ער איז נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פון יוראָפּ, האָט ער „געעקסטעד פּאַני”. שטענדיג געערדט פון שלאָף אין דער הויך. טאַקע אין דער לעצטער נאַכט, איידער ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער געוויינט פון שלאָף. האָב איך אויפגעוועקט דער מאַמען, און מיר זיינען אריין צו אים אין צימער און געפרעגט אים, וואָס ער וויינט. האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט... איר מוזט העלפן אים אָפּזוכן.... אי עם סאָ סאָרי פאָר הים, סאָ סאָרי...

וואָס קאָן שוין דעיוו טאָן ? סיידן געבן אַ מעלדונג אין אַ אידישער ציימונג און אריינשטעלן זיין בילד. צי האָט פרענצים אַ בילד פון יאָסל׳ען ? יאָ, זי האָט אַ בילד פון אים... זי האָט געזוכט אין די קעשענעס פון זיין שבת׳דיגן בגד, האָט זי געפונען אַ קאָנווערט מיט אַן אָנגעשריבענעם בריוו און מיט זיינס אַ בילד.

„ליבע געטרייע עלטערן, איר זאָלט לעבן און געזונט זיין. איך שיק אייך מיין פאָטאָגראַפיע, וועט איר זען, ווי איך קוק אויס אין אַמעריקע. מיינע ליבע עלטערן, איך בין געזונט און שטאַרק און פריילעך, און ס׳פעלט מיר גאָרנישט, און איך מאַך אַ סך געלט, און

איך קויף מיר זאכן און קלייב זיך צו קומען אהיים. בלויז אויף א וויזיט וויל איך קומען און דערנאָכדעם פאָרן צוריק. לאָמיך נאָר ווערן א סיטיזען, וועט מיך דער רומענער שוין ניט קאָנען נעמען אין סאָל־דאַטן. וועל איך קומען אהיים מיט א סך מתנות פאַר אַלעמען. איך שיק אייך מיין פיקטשור, און איר שיקט מיר אייער פיקטשור. זייט מיר געזונט, און איך ווינטש אייך פילע גליקלעכע יאָרן. אייער זון,
יאָסל ווײַנטרויב.

„די מומע חיה גריסט אייך גאָר הארציג, און אייער פלימעניצע פרענצים גריסט אייך אויך הארציג."

א שיינע האַנטשריפט פאַרמאָגט אָט דער יאָסל. ווי ער האָט דאָס אויסגעציקלט און אויסגעקיילעכדיגט יעדעס וואָרט, און ווי ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיטן וואָרט „טשערעמעיעוו". מיט קאָמשקעלעך און מיט פאַרבויגענע עקעלעך האָט ער אויסגעציקלט יעדן בוכשטאַב...

* * *

דעיוו מיט ווערא'ן זיינען געגאַנגען אהיים מיט צעבראָכענע הערצער. דעיוו איז געוואָרן געפאַלן ביי זיך. א מורא אויך פאַר זיין אייגענעם גורל איז צו אים געקומען. אַלע שוועריגקייטן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט און מאַכט איצט אויך דורך, האָבן זיך אָנגעהורבעוועט אויף אים און אים דערדריקט.

ווערא איז געווען בלאַס און אויסגעמאַטערט. ס'האָט זיך פאַר איר געדרייט גאַנץ אַמעריקע מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. פונקט ווי אין א טייך, וואָס שפיגלט אָפּ אַלצדינג פאַרקערט — אזוי האָבן אויסגעקוקט צו איר די מענטשן אויף דער גאַס, די קראָמען, די הייזער...

איר אייגענער קערפּער איז אויך געווען פאַרקערט. דאָס בעט מיט די קישנס מיט א מאַן, וואָס מיינט גאָרנישט צו איר.

דאָס גלייכע לעבן איז געבליבן אין טשערעמעיעוו. דאָרטן שפּאַנען מענטשן אויף ווייכער ערד. איבער די קעפּ א ליכטיגער הימל. דאָרטן האָט געזונגען דאָס האַרץ, און געפרייט האָט זיך יעדער אבר. און אפילו אויב מען האָט געוויינט, איז אויך געווען בעסער צו וויינען דאָרטן, אין טשערעמעיעוו, צווישן היימישע מענטשן.

— נו, ווײַן ניט, ווײַן ניט, ווײַן ניט, נאַרעלע. ער וועט זיך געפינען, יאָסל, וועסט זען...

אײדער וואָס, אײדער ווען, און ער האָט ניט געסטאַיעט . . .

שבת פאַרנאַכט האָט זיך אַרײַנגעיאָוועט פּרויקעלע מיט אַ שטרויענער שליאָפּע, מיט ווײַסע געקעסטלטע הויזן, מיט אַ דימענטן שפּילקעלע אויפן געלן שניפּס, מיט ווײַסע זומער־שיך, מיטן לאַכנדיקן חן־גריבעלע, מיט שטראַלנדיגע אויגן־גלעזער.

— העלאָו, דעיוו, העלאָו, וועראַ! האַוואַריו? טעריבל האָט טור־דעי, אי עם טעלינג יו...

איז דאָס דער פּרויקעלע פון טשערעמעיעוו? דאָס אויסגעווייקטע בחור'ל מיט די צאַפּלדיגע פּיאות?

יאָ, דאָס איז פּרויקע, און זײַן פּנים הויבט אָן צו פאַרלירן די חנ'עוודיגקייט פון דעם בעסאַראַביער אידישן בחור. די הויט פון פּנים, ווי רויטלעכער קופּער. זײַנע קלײנע גמרא־הענטלעך, זײַנע בלאַסע אויסגעווייקטע הענטלעך, פון דורות און דורות שוחטים, רבנים, חזנים און גלאַט אַזוי כשר'ע אידן, זײַנען געוואָרן ברייט און פאַרהאַרטעוועט. זײַנע פּלײצעס זײַנען אויך געוואָרן ברייטער. דער האַלז זײַנער פולער און קרעפטיגער. זײַן גאַנג אַ זיכערער, זײַנע באַוועגונגען געוואַגטערע.

— איז וואָס זשע מאַכסטו, פּרויקעלע?

— אַי עם אָלראַיט. ענד יו, פאָלקס?

בלויז ענגליש רעדט ער. ער וויל שוין ניט רעדן קיין אידיש. ניט צוליב דעם, וואָס ער שעמט זיך חס וחלילה מיט דער אידישער שפּראַך, נאָר צוליב דעם, ער זאָל בעסער קענען די שפּראַך פון לאַנד, ווײַל ער איז איצט אַ מענטש פון גרויסע אויפטואונגען. באַגעגנט זיך איצט בלויז מיט אַזוינע מענטשן, וואָס רעדן ענגליש.

— ביי וואָס זשע אַרבעטסטו איצט, פּרויקעלע?

— איך אַרבעט ניט. אַנדערע אַרבעטן פאַר מיר.

— וואָס זשע, ביזט געוואָרן אַ באָס?

— אַ באָס־פּעינטער.

אין די פּאָר יאָר האָט פּרויקעלע רעב סענדער'ס אריינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע חכמה פון נייעם לעבן. זיין גוט גמרא־קעפּל האָט באַלד געכאַפּט אַלע דריידלעך און אַלע זייטיגע ווענעלעך.

אין זיין שוועסטער'ס רעסטאָראַן האָט זיך פּרויקע באַקענט מיט פאַרשיידענע מענטשן, מיט אַרבעטער און באָסעס. האָבן מענטשן ליב צו רעדן ביים עסן. האָבן מענטשן ליב צו שפּאַרן זיך. איז פּרויקעלע געזעסן און אויסגעהערט.

פלעגט אויך אריינקומען זייער אָפט אין דעם שוועסטער'ס רעסטאָ־ראַן דער מיסטער זינגער, אַ רייכער באָס־פּעינטער. האָט פּרויקעלע גלייך אויסגענומען ביי דעם מיסטער זינגער. עס איז אים געפעלן גע־וואָרן אָט דער שטילער בחור'ל מיטן חן־גריבעלע, מיט די לייטישע סאַמעטענע אייגעלעך.

— מיסטער זינגער — האָט זיך פּרויקעלע גאַרנישט ניט געשעמט און זיך אַליין אָנגעבאָטן — איך בין אַ גרינער. איך וויל ווערן אַ פּעינטער. איך בין אַ באַלעבאַטיש קינד, און קיין טראָבל וועט איר מיט מיר ניט האָבן.

האָט זיך דער מיסטער זינגער הארציג צעלאַכט פון יענעמס רייד. ס'איז אים געפעלן, וואָס דער גרינער האָט שוין פאַרשטאַנען וועגן דעם טראָבל, וואָס מען קאָן האָבן פון אַרבעטער.

מיסטער זינגער האָט אים אָנגעשטעלט. מיט דער צייט זיינען זיי געוואָרן גרויסע גוטע פריינט. שטענדיג פאַרבראַכט צוזאַמען ביי איין טישל אין רעסטאָראַן. געפאָרן צוזאַמען פון דער אַרבעט. אָפן גערעדט פאַר אָט־דעם פיינעם בחור'ל, גאָרניט פאַרבאַהאַלטן. זיך געקלאָגט פאַר אים און זיך באַרימט פאַר אים. אים דערציילט וועגן זיינע „דילס" מיט דער יוניאָן, וועגן זיינע קאָנטאַקטן מיט די בילדערס.

אַ געבענטשטער בחור'ל, אָט דאָס פּרויקעלע. געפינט חן ביי מענטשן אין די אויגן. און פאַרוואָס זאָלן אים מענטשן פיינט האָבן, אַז ער גייט זיך שטיל זיין וועג? באַרעדט קיינעם ניט. שפּאָט פון קיינעם ניט אָפּ. שמייכלט פריינטלעך צו יעדן איינעם. הערט אויס מיט פיל קלוגשאַפט און מיט אויפמערקזאַמקייט, וואָס מענטשן רעדן צו אים. לאַכט, ווען יענער זאָגט אַ חכמה. שטעלט אָן אַ פּאָר טרויעריגע אויגן, ווען יענער גיסט אויס פאַר אים אַ ביטער האַרץ.

און וועגן דעם וואָס מען זאָגט מתנות. אַ מענטש האָט זייער ליב,

ווען מען דערלאַנגט אים אַ מתנה. מעג די מתנה דאָרטן קאָסטן אַ שבוש, אָבער דער מענטש פרייט זיך, וואָס מען האָט אים אין זינען.

וואָס קאָסט דאָרטן אינגאַנצן אַ פלעשל קאָניאַק? מיט איין פלעשל קאָניאַק האָט ער אוועקגעקויפט דעם סטוארד'ס הארץ אויף אייביג. מישא האָט געהייסן יענער סטוארד. אַן אַדעסער חברה־מאַן. אַלע אַר־בעטער האָבן פאַר אים מורא געהאַט. אָבער פּרויקעלע האָט שוין ניט קיין מורא געהאַט פאַר אים. פאַרקערט, יענער האָט אים שטענדיג געקלאַפּט איבער די פּלייצעס, געלאַכט צו אים און אים ליב געהאַט דאָס לעבן.

און וויפיל קאָסט דאָרטן אַ שטיינער אַ זיידן העמד? ווייסיך־וואָס, אַ פּאָר דאָלאַר דאָרטן.

— איר פאַרשטייט, סעם, ס'איז אַן אויסדרוק פון פריינטשאַפט צו אייך — האָט זיך פּרויקעלע געבעטן ביים ביזנעס־אַגענט. — איך בין אַ גרינגער דאָ אין לאַנד. איר זייט גוט צו מיר. איר זייט מיך מקרב, טאָ נעמט זשע צו ביי מיר מיין קליינע מתנה.

האָט אים יעדערער ליב געהאַט. סיי אין דער יוניאָן, סיי די באָסעס, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט, סיי די אַרבעטער. ער האָט זיך פּאַוואָלינקע דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַר זיך, און איצטער איז ער שוין אַ ביסעלע אויף אַ דרך.

— אַזוי, ביזט שוין געוואָרן אַ באָס, פּרויקעלע? — קוועלט אַן דעיוו פון זיין לאַנדסמאַן.

— און אַז אַ באָס איז וואָס? מ'שטיינס געזאָגט, די גרויסע גליקן דאָרטן! — איז פּרויקעלע באַשיידן. — און איך האָב גאָר פאַרגעסן. איך בין געקומען אַהער וועגן יאָסל'ען.

— וואָס, דו ווייסט עפּעס פון יאָסל'ען?

— יאָ, איך האָב אים נעכטן געזען. נעכטן פאַרנאַכט. איך האָב דאָרט אַ דזשאָבל ניט ווייט פון פּאַרק. פון פּראָספּעקט פּאַרק. שטענדיג נעם איך דעם סאָבוועי, אָבער דאָס מאָל פאַרגלוסט זיך מיר כאַפּן אַ שפּאַציר. איז ווי איך גיי, פּלוצלונג אויף אַ באַנק — יאָסל. איך האָב אים גלייך דערקאָנט. ווי אַ באָס, אַן אַ היטל, ניט קיין געשעיווטער, מיט אַ צעבראָסטעט רעקל, אין אַ קויטיגער העמד. אָבער איך האָב אים דאָך תיכף דערקאָנט. בין איך גלייך צו צו אים, אָבער ער האָט זיך, ווייזט אויס, ניט דערפרייט מיט מיר. אפילו ניט קיין שמייכל

געטאָן, אפילו ניט קיין ריר געטאָן מיט די ליפּן. זאָג איך צו אים: „יאָסל, יאָסל, וואָס טוסטו דאָ? און מיר זוכן דיך דאָך ארום. און וואָס ביזטו אזוי אַפּגעלאָזן? און וואו וואוינסטו? און וואו שטייסטו?" — קוקט ער זיך ניט אום אויף מיר. ענטפערט מיר קיין וואָרט נים. ווי אַ שטומער. „פּאַרוואָס־זשע שווייגסטו, יאָסל?" — רוף איך זיך ווידער אָן צו אים. ווי פּלוצלונג גיט ער זיך אַ ריס פון דער באַנק, גיט זיך אַ צעלויף און סטאַיעט ניט צווישן די ביימער.

— וואָס זשע, ער איז משוגע געוואָרן? — הויבט דעיוו נים אָן צו פאַרשטיין. — און פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן פון זיין מומע'ס הויז? און וואָס פּלוצלונג אַזש אין פּראָספּעקט פּארק?

— איך האָב דאָס אויך געוואָלט וויסן. אָבער גיי, אַז איידער וואָס, איידער ווען, און ער האָט ניט געסטאַיעט...

ער קאָן ניט עסן

אַ ריזיגער פּארק מיט אזוי פיל וועגן און ווינקעלעך. ווי אזוי וועלן זיי שוין אים דאָ קאָנען געפינען? און אפשר איז ער שוין גאָר ניטאָ אין דעם פּארק.

— אָט דאָס איז פּראָספּעקט פּארק, ווערא. אָט אַהער קומען צענדליגער טויזנטער מענטשן צו כאַפּן אַ ביסעלע לופט. מערסטנס, ערשט אַריבערגעקומענע, ווערא. מען בענקט נאָך אַ ביסעלע גרינס, נאָך אַ בוים, נאָך אַ טייכל... אָט זעסטו בחורים שפּאַצירן גאַנצע חברות'ווייז. יונגע בחורים'לעך נאָך, קוים 16 יאָר אַלט, אָרעמע בחורים'לעך פון דעם געגנט ארום. אַמעריקאַנער געבוירענע. זיי פירן זיך דאָ, ווי ביי זיך אין דער היים. דו זעסט, ווי צעווילדעוועט זיי זיינען. יונגע בחורים'לעך, זאָלן זיי הוליען. היינט, קוק, וויפיל פּאָרלעך. מען שפּאַצירט זיך אזוי פרום און לייטיש. מען האַלט זיך ביי די הענט. זאָלן זיי זיך האַלטן ביי די הענט. זאָלן זיי זיך ליב האָבן. ס'איז זייער גוט, ווערא, ווען מען האָט זיך ליב. איינזאַמע מענטשן שפּאַצירן אויך אין פּארק. מערסטנס זיינען זיי אַלטע בחורים, אָדער אַלמנס. איינזאַמע מענטשן האָבן ליב צו זיין דאָרטן, וואו גרויסע מאַסן גייען. אפילו יעדער איינער איז פרעמד צו זיי, אָבער מען איז דאָך דאָרטן פאַרט צווישן מענטשן.

דעיוו קאָן זייער אַ סך דערציילן וועגן אַט־די איינזאַמע בחורים, וואָס שפּאַנען זיך איינינקע אַליין, וואָס פאַרקריכן אומעטום, אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון פּאַרק. ער האָט אויך פיל מאָל גע־שפּאַצירט טאַקע איבער דעם זעלבן פּאַרק איינער אַליין פאַר זיך. אין די שענסטע קליידער פלעגט ער זיך פאַרפּוצן. דעם טייערסטן שניפּס אויסגעבונדן, אויסגעבערשטלט זיך די שיך ביז גאָר און זיך אַוועק איינער אַליין אין פּאַרק אריין. נעגאַנגען און געזען. פאַרקראָכן אין די פאַרוואָרפנסטע אַלייען און געזען. געזען, ווי פּאָרלעך האַלזן זיך, ווי פּאָרלעך קושן זיך. געהערט, ווי אַלעביימער שושקען זיך און סוד׳ען זיך.

קיינער האָט דעיוו׳ן ניט געדאַרפט אין די אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון פּאַרק. ער האָט בלויז זיי איבערגעשראָקן. איבער־געשראָקן די פייגל, די וועווריקלעך און די פאַרליבטע פּאָרלעך צווישן די קוסטעס.

אַ סך מאָל פלעגט ער בלייבן שטיל ערגעץ לעבן אַ בוים אין דער פינצטער. געשטאַנען און זיך ניט גערירט פון אָרט און צוגעזען די אַלע פאַרבאָרגענע מעשים פון אָנהויב ביזן סוף. געווען אַן עדות צו אַלע זיפצן און קרעכצן, באַשווערונגען און פאַרשפּרעכונגען...

— יאָ, ווערא, דאָס איז פּראָספּעקט פּאַרק. אַזאַ גרויסער, ריזיגער פּאַרק, און גיי, זוך יאָסלען.

:: :: ::

— שאַ נאָר, איז דאָס ניט יאָסל?

ער זיצט אַ פאַרוואָקסענער, אַ צעשויבערטער, אין ברודיגע צע־כראַסטעטע קליידער. קוקט, ווי די זון זעצט זיך, און גאַפט, און נאַפט.

— יאָסל, יאָסל.

— וואָס איז? וואָס ווילט איר? — זיינען זיינע אויגן ווילד און בייז.

— דו דעקאָנסט מיך ניט? ס׳איז דאָך איך, דעיוו.

— איך וויים, אַז ס׳איז דעיוו. אָבער וואָס ווילט איר? — שטייט ער אויף פון דער באַנק און וואַרפט אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן.

— מיר זוכן דיך דאָ אַרום. מיר האָבן שוין גאָרניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן.

— וואָס דאַרפסט איר מיך האָבן ? — דרייט ער זיך אויס צו זיי מיטן רוקן.

— קום, יאָסל, מיט אונז.

— וואוהין גיין ? איך וויל ניט גיין — לאָזט ער זיך אוועקשפּאַנען.

— וואַרט אויס, יאָסל — כאַפּט אים דעיוו אָן ביי דער האַנט און זעצט אים אַנידער צוריק אויף דער באַנק.

ווערא גלעט אים איבערן שטערן, און עס שמעקט איר האַנט צו אים נאָך בעסער ווי אַלע בלומען און גראָזן דאָ אין פּאַרק. זיינע אויגן, וואָס האָבן ביז אַהער געקוקט בייז און פינצטער אויף זיינע לאַנדסלייט, ווערן מילדער, ווערן פייכט. ער צעוויינט זיך, יאָסל, פאַר זיינע לאַנדסלייט.

— אָ, דעיוו, נאָך וואָס האָסטו מיך געבראַכט קיין אַמעריקע ? און נאָך וואָס האָסטו אונז ניט געזאָגט אין טשערעמעיעוו, אַז אין אַמעריקע קאָן מען ניט שלאָפן, אַז עמיצער קלאַפּט אַ גאַנצע נאַכט אין פענצטער און שרייט אַלעמאָל : שטיי אויף, יאָסל, שטיי אויף !

— ווער קלאַפּט אין פענצטער ? ווער שרייט ? — קוקן זיך איבער ווערא און דעיוו מיט פאַרדאַכט אין די אויגן.

— איך ווייס, ווער ? — פּעשטשעט זיך יאָסל פאַר זיינע לאַנדסלייט. — איך ווייס ניט, ווער. נאָר אַ גאַנצע נאַכט לאָזט מען מיר קיין אויג ניט צומאַכן. אָ, דעיוו, פיר מיך צוריק קיין טשערעמעיעוו. איך וויל דאָ ניט זיין. איך בעט דיך. איך וועל דיר די טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— אָלראַיט — זעט שוין איין דעיוו, אַז מען דאַרף אים איצט אַלצדינג נאָכגעבן — איך וועל דיך אָפּפירן צוריק קיין טשערעמעיעוו.

— מיינסט דאָס ? אמת ? שווער זיך.

— איך שווער דיר, יאָסל, איך פיר דיך צוריק קיין טשערעמעיעוו.

— שוין ?

— שוין.

— אָבער פריער לאָמיר אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס אָפּעסן — בעט זיך ביי אים ווערא, זעענדיג ווי אויסגעצערט און אויסגעמאָגערט ער איז.

— איך וויל ניט עסן — ווערן יאָסל׳ס אויגן צוריק בייז און

פינצטער. — איך ווייל ניט עסן. לאָזט מיך אָפּ מיטן עסן. אז איך ווייל ניט עסן. עסן, עסן — ווערן זיינע אויגן משוגע — עסן, עסן — פאַרקרימט ער דאָס מויל, ווי צו ברעכן.

— אז דו וועסט ניט עסן, וועסטו ניט קאָנען פאָרן קיין טשערע־מעיעוו — רעדט צו אים ווערא, ווי מען רעדט צו א קינד.

— איך וועל שוין אין טשערעמעיעוו עסן — דינגט ער זיך מיט זיי.

— ניין, דו מוזט מיט אונז אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן — שטייט צו אים דעיוו צו.

— און דערנאָכדעם פירסטו מיך קיין טשערעמעיעוו?

— יאָ, און דערנאָכדעם פיר איך דיך קיין טשערעמעיעוו.

מען ברענגט אים אַריין אין אַ רעסטאָראַן ניט ווייט פון פּאַרק. מען זעצט זיך אַנידער ביים טיש. יאָסל קוקט זיך אַרום מיט גרויס פּחד. די בייזקייט און פינצטערקייט קומט צוריק אין זיינע אויגן. עפּעס זאָל מען אים דאָ ניט אָפּטאָן, חס וחלילה.

ווערא באַשמירט אים אַ רעפטל ברויט מיט פּוטער. יאָסל, קוים וואָס ער צעגעמט די אויסגעמאָגערטע ליפּן, קוים וואָס זיינע ציין קייען. ס'קומט אים אָן שווער דאָס אַראָפּצושלינגען, אַקוראַט ווי ער וואָלט געדאַרפט איינגעמען אַ ביטערע זאַך. ער פאַרמאַכט אַזש די אויגן, כדי וואָס גיכער איבערצוקומען. דעם זופּ קאָן ער בשום אופן ניט עסן. ער שפּייט אויס צוריק. עס עקלט אים פון זופּ. ער רייסט זיך פון אָרט.

— נו, שאַ, נו, שאַ — גלעט אים ווערא איבער די צעשויבערטע האָר — פּאַוואָליע, פּאַוואָליע.

— איך קאָן ניט עסן — צעוויינט ער זיך פאַר ווערען — ווי איך בין אַ איד, איך קאָן ניט. איך קאָן אַפילו ניט פאַרליידן דעם ריח. טוט מיר אַ טובה, פירט מיך אַרויס פון דאַנען, איך בעט אייך.

זעט ווערא, ווי דעיוו גיט צו איר אַ וואונק. פאַרשטייט זי, וואָס דער וואונק באַטייט. זעט ווערא, ווי דעיוו לאָזט זיך צו אַ טעלעפאָן־בודקעלע. פאַרשטייט זי אויך, וועמען ער גייט רופן.

— איך קאָן ניט, ווערא, עסן. ווי איך בין אַ איד, איך קאָן ניט... אין טשערעמעיעוו וועל איך קאָנען. ווען איך דערשמעק נאָר די טשע־רעמעיעווער לופט, וואָלט איך אַלצדינג געקאָנט. אין אַמעריקע קאָן

איך ניט. ס'שטינקט דאָך דאָ דאָס עסן. מען קאָכט דאָ דאָס פליייש פון נבילות און פון גע'פגר'טע הינט.

איילט אריין אין רעסטאָראַן אַ מאַן אין אַ ווייסן כאַלאַט. גיט דעיוו צו אים אַ וואונק. גייט צו דער מאַן אין ווייסן צו יאָסלען און וויל אַ נעם טאָן זיין האַנט.

— אוי, ווער איז דאָס?

— שרעק זיך ניט, יאָסל — גלעט אים ווערא. — ס'איז אַ דאָקטאָר. ביזט קראַנק. דאַרפסט פריער געזונט ווערן, וועלן מיר דערנאָכדעם דיך נעמען קיין טשערעמעיעוו.

— איך בין ניט קראַנק, ס'איז מיר גאָרניט — גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט און וויל זיך לאָזן לויפן צו דער טיר. דער דאָקטאָר פאַרכאַפּט אים. יאָסל פאַרמאַכט די אויגן. יאָסל גיט אַ פאַרוואָרף מיטן קאָפּ. די קני שניידן זיך אים אונטער. עס ציט אים צו דער ערד...

די מאַלפּעס מאַכן חוזק פון אים

יאָסל האָט שוין ניט געקאָנט אָטעמען אין יענעם טאָג. ער האָט שוין געמיינט, אַז עס קומט דער סוף פון זיין לעבן.

דורך די אָפענע פענצטער אין שאַפּ איז אריינגעקומען די הייסע לופט פון דעם שטיקנדיקן טאָג. דורך די אָפענע פענצטער איז אריינגעגאַנגען אין שאַפּ דער גרויסער געשריי פון דער ריזיגער, ריזיגער שטאָט. דורך די אָפענע פענצטער האָבן זיך געשטרעקט הענט צו יאָסלען און אים געוואָלט אָנכאַפּן ביים האַלז. ער האָט שוין געזען די וועלט ארום זיך מיט אַ צעפלאַמטן מאָרך.

פופצן גאַז־אויוועלעך האָבן געברענט אין שאַפּ, און פופצן אַרבעטער, יאָסל אויך צווישן זיי, זיינען געשטאַנען און געדרייט שטרויענע שליאַפּעס איבער די הייסע אויוועלעך, כדי די ראַנדן זאָלן אויפלויפן און אויסקוקן געדיכט און פול. דאָס איז געווען איינגאַנצן זייער אַרבעט: האַלטן אין איין דרייען די שליאַפּעס אַנטקעגן פייער; דרייען און דרייען אַ גאַנצן טאָג. יאָסל האָט שוין יענעם טאָג גאָרניט געהערט און גאָרניט געזען. אויב ער האָט יאָ געהערט, האָט ער געהערט פון וויט, וויט. פון צוריק מיט יאָרן האָט ער געהערט. אויב ער האָט יאָ

געזען, האָט ער געזען פאַרקרימטע, צעצויגענע, פאַרגרעסערטע זאַכן, פונקט ווי מ'קוקט אין אַ קאַליע שפּיגל.

פּוּפּצן גאַז־אויוועלעך האָבן געטשאַדעט אין שאַפּ אין יענעם הייסן טאָג און אינגאַנצן פאַרטשאַדעט אַט דעם טשערעמעיעווער בחורל, וואָס איז געקומען קיין ניו יאָרק פון אַ שמעקנדיג לאַנד, פון אַ לאַנד מיט גראָזן,ביימער און קרייטעכצער און רויטע פערעשקעס, און געלע באַרן.

ער האָט שוין אָבער ניט געדענקט, יאָסל, אין יענעם טאָג, צי ער איז אַמאָל גאָר געווען אין אַזאַ טייער לאַנד. ער האָט שוין אפילו פאַרגעסן, צי ער האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען. צי האָט ער אַמאָל געגעסן ווייצן געשמאַק ברויט מיט האָניק און פּוטער. צי ער האָט זיך אַמאָל געבאָדן אין קילן קלאָרן טייכל. צי ער איז אַמאָל געזעסן פאַרנאַכט אויף דער פּריזבע, און פון אויבן איז געווען דער קילער אויסגעשטערנטער הימל, און פון אונטן די ווייכע בעסאַראַביער ערד, און אַרום און אַרום פעלדער און גערטנער, און בלומען, און פרוכטן, און גרינסן, און אַזאַ קילקייט, און אַזאַ רואיגקייט.

דער גאַנצפרי איז אין יענעם טאָג געקומען ווי אַ בייזוואונדער. אַ מילכיגער הייסער גאַנצפרי מיט אַ צעקלויצעטער ליכטיגקייט. דער וועקזייגער האָט זיך אין יענעם אינדערפרי צעשריען מיט אַזאַ גרילצנ־דיגער רשעות. איז ער אויפגעשפּרונגען פון בעט אַ צעטומלטער, אַריין אין די הויזן, אַרויפגעצויגן דאָס העמד. פאַרגעסן אפילו צו פאַר־שנירעווען די שיך. אַ פּאַליוסקע זיך געטאָן אונטערן קראַן, אַ קיי געטאָן אַ שטיקל בייגל, פאַרטרונקען מיט מילך, און זיך געלאָזט לויפן אין שאַפּ אַריין.

אין יענעם טאָג האָט ער שוין ניט געוואוסט, וואָס ער טוט. געיאָגט זיך אין שאַפּ, ווייל ער האָט אַלע אינערפרי זיך אַזוי געיאָגט. זיך געשטעלט ביי זיין גאַז־אויוועלע, ווייל ער האָט אַלע אינדערפרי זיך אַזוי געשטעלט פאַר זיין גאַז־אויוועלע.

פאַרנאַכט־צו האָט ער שוין אפילו פאַרגעסן, ווי ער הייסט. ער האָט שוין פאַרגעסן, וואו זיין מומע'ס הויז געפינט זיך. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט שוין פון אינדערפרי אָן אין זיין מויל גאָרנישט ניט געהאַט.

ער האָט זיך געלאָזט שפּאַנען איבער די הייסע פאַרנאַכטיגע גאַסן.

געזען, ווי טאטעס און מאמעס זיצן אויף די סטופס צעבראסטעטע, האלב־אויסגעטאָנענע. געזען אויף די טרעפ שלאָבעריגע קינדערלעך, האלב־נאקעטע; געזען פושקארטס, און וועגעלעך, און אָפענע ליכטיגע קראָמען.

געגאנגען איבער א ריזיגן ברוק, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף. געגאנגען איבער נאָך גאסן און געסלעך, און ברייטע עוועניוס, ביז ער האָט דערזען א סך ביימער. האָט ער זיך גע׳חידוש׳ט, וואָס ער האָט דערזען אַזוי פיל ביימער. געמיינט ביז אהער, אז גאנץ אמעריקע איז א לאנד פון שטיינער, און פון ציגל, און פון שטאָל, און פון אויטאָמאָבילן, און פון קראָמען, און פון שעפער, און פון סאָבוועיס און עלעוועיטערס.

יאָ, ביימער. הויכע ביימער. שמעקנדיגע ביימער. געדיכטע גראָזן. ווייכע גראָזן. אַ, אַ! ער איז זיך גאָר מחיה. ער טוט אויס די שיך און שפּאַנט איבער די ווייכע גראָזן מיט די באָרוועסע פיס.

און א טייכל אויך. א קילער ווינט ציט פון טייכל. ער וואָלט זיך געוואָלט אויסטאָן די קליידער און זיך אָפּבאָדן אין דעם טייכל. שטייען ביים ברעג אַזוי פיל מענטשן. אָבער וואַשן דאָס פּנים מיט דער קאַלטער וואַסער פון טייכל מעג ער דאָך. ער וואַשט זיך דעם שטערן, דעם האלז, דעם קאָפּ, און מענטשן לאַכן פון אים. זאָלן זיי לאַכן. עס אַרט אים ניט...

דערנאָכדעם האָט ער זיך געזעצט אויף א באַנק אַנטקעגן טייכל. אויסגעצויגן די פיס. פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דער פאַרענטשע. פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָפּגעטאָן פון דער שווערער וועלט...

ס׳איז געקומען צו אים זיין מאַמע און אים געקושט אין די אויגן. ס׳איז געקומען צו אים זיין טאַטע און אים גענומען אויף די פּלייצעס.

— וואוהין נעמסטו מיך, טאַטע?

— איך נעם דיך צו א וויַס, קיל בעט, צו א ווייך בעט, וואָס דיין מאַמע האָט אויסגעבעט פאַר דיר, וואָס זי האָט אויסגעשלאָגן יעדע פּיצעלע בעטגעוואַנט מיט אירע בריה׳שע הענט.

פאַלט יאַנקל אין דער ווייכקייט פון בעט. זינקט נידעריגער און נידעריגער, און ס׳איז אי א גרויסע פרייד אויף אים, אי עפּעס אזא זיסע שרעק...

אָבער עמיצער שלאָגט אים גאָר גלייך אין הארצן אריין. עס טוט אים ווײ, וואָס מען שלאָגט אים אין הארצן.

— ניטע, לאָז אָפּ, לאָז מיך צורו.

איז שוין גאָר טאָג, און אַ פּאַליסמאַן שטייט איבער אים מיט בייזע אויגן און מיט אַ ברייט אָפן מויל, און זידלט אים און טאָרעט אים און שטורכעט אים... פאַלט אָן אויף יאָסלען אַן אומבאַשרייבלעכע מורא פאַר דעם עוג מלך הבשן, און ער לאָזט זיך לויפן... לויפט ער צווישן די ביימער, איבער די גראָזן... לויפט און לויפט, און מענטשן קוקן אויף אים, ווי ער לויפט...

דערזעט ער פּלוצלונג לייבן און בערן און מאַלפּעס מיט צעעפנטע גרויסע מיילער, און זיי ווילן אים איינשלינגען. די מאַלפּעס מאַכן חוזק פון אים, קרימען פּנים׳ער צו אים. שטעקן אַרויס צינגער און לאַכן.

דערנאָכדעם דערזעט ער פערד מיט האָרבעס, וואָס הירזשען אויף אים, און פייגל מיט טשיפּיקעס קוויטשען אויף אים, און אייזלען, אין טליתים אָנגעטאָן, לויפן גלייך אויף אים; און הויכע קי אויך מיט האָרבעס אויף די פּלייצעס רעווען אויף אים; און משונה׳דיגע גענז מיט קאָלירטע ווײדלען פליען צו אים, און קליינע באַשעפענישן מיט שפּעטנדיגע אייגעלעך, שטעלן זיך פאַר אים אויף די הינטערשטע פיסלעך.

אוי־ווײ צו אים, אַ משוגענע וועלט. וואוהין איז ער אריינגע־קראָכן? און ווי קומט ער גאָר אהער?

לויפט ער און לויפט, ביז ער קומט אָן אין אַ וואַלד. איז אַזוי שטיל אין וואַלד און אַזוי גוט איז אין וואַלד. פאַרקריכט ער אין דער געדיכטקייט. פאַלט אַוועק אויף ווייך גראָז. אָטעמט אָפּ. פאַרמאַכט די אויגן...

קומט ווידער די מאַמע צו אים און קושט אים אין די אויגן. קומט ווידער דער טאַטע, נעמט אים אויף די פּלייצעס און טראָגט אים, און טראָגט אים...

:: :: ::

איז ער אָפּגעשלאָפן, יאָסל, אין דער געדיכטקייט צווישן די ביימער אַ פּאָר צענדליג שעה. זיך אויף קיין איין מינוט ניט אויפגעכאַפּט. געשלאָפן מיט פיל עקשנות. ניט געפילט, ווי מערעזשקעס קריכן איבער

אים. אויך ניט געפילט דאָס לייכטע רעגנדל, וואָס האָט בלויז אויף א פּאָר מינוט אַ פאַל געטאָן.

נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין ניט געוואוסט וואוהין מען דאַרף גיין. ער האָט שוין ניט געוואָלט טראַכטן, אַז מען דאַרף ערגעץ גיין.

געוואָרן הונגעריג, האָט ער געקויפט פּינאַטס ביי אַ פּעדלער. מיט עטלעכע פּינאַטס האָט ער גלייך געשטילט דעם הונגער. ער האָט זיך שוין סיי־ווי־סיי אָפּגעוואוינט פון עסן. דער עיקר, וואָס ער האָט געקאָנט ליגן אויפן גראָז, אין אַ באַהאַלטן ווינקעלע, שעה'ן און שעה'ן. אָדער גאָר גיין צום טייכל און זיך וואַשן דאָס פּנים...

וואָס זאָל איך דאָ זאָגן . . .

מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז מען וועט זיך אַלע דאָ טרעפן. דערווייל איז אָבער אַ חוץ דעיווו'ן, משה'ן און ווערא'ן קיינער ניטאָ. מען לאָזט נאָך סיי־ווי־סיי ניט אַריין. שפּאַצירן זיי דערווייל אַלע דריי איבער די זון־באַגאָסענע ווייסע שטעגן, צווישן דער רחבות'דיגער גרינער לאָנקע.

— די זעסט כאָטש, משה — רעדט דעיוו אַזוי איידל און פאַרזיכטיג — ווי מען בויט משוגעים־הייזער דאָ אין אַמעריקע? ! אַ רעגולער פּאַלאַץ! ווען מיר ווייסן ניט, אַז ס'איז אַ משוגעים־הויז, וואָלטן מיר געמיינט, אַז ס'איז אַ קאַלעדזש אַזאַ.

אַ הויכע, ברייטע, וויים־געקאַלירטע געביידע מיט הונדערטער פענצטער. אין דער הויך — אָפענע וועראַנדעס. זיצן דאָרטן אויף די ווערענדעס שטילע מענטשן אַזוינע, אין האָספּיטאַל־כאַלאַטן. מעלאַנכאָלישע מענטשן זיצן און שווייגן. קוקן שטאַר אויף דער ברייטער אָפענער וועלט אַרום און אַרום...

ס'איז אַ זוניגער האַרבסטיגער טאָג. די ברייטע לאָנקע שטראַלט מיט ליכטיגקייט. די בייטן בלומען גליען מיט רויטקייט. די בלעטער אויף די ביימער זיינען ווי מיט בלוט באַשמירט. דער הויכער הימל דאָ איז טרויעריג. די פעלדער אַרום טוליען זיך צו דער זון. ערגעץ איז שוין קאַלט. זאָל די זון נאָר אַראָפּ, וועט שוין אומעטום ווערן קאַלט.

— שאַ, אַט קומט אַ נייער באַס, וועט ער מסתמא ברענגען עמיצן פון דער חברה.

יאָ, דער באַס האָט געבראַכט וועווקע'ן. ער קומט אָן אַ הויכער, אַ פּולער, אַ צעשראָקענער און אַ שמייכלענדיגער. הויבט אָן צו לויפן, ווען ער דערזעט די דריי טשערעמעיעווער.

— ווערא און דעיוו, און משה אויך? הי, הי. געמיינט, אַז איך האָב שוין פאַרשפּעטיגט... אַט דאָ איז ער? אַ שיין פּלאַץ, ווי איך בין אַ איד.

וועווקע איז היינט פאַרפּוצט ווי אַ חתן־בחור. אַ זיידן בלוי העמד טראָגט ער מיט דעם אמת'ן שיינעם קאָלירטן שניפּס. אַלע קאָלירן פון דער וועלט געפינען זיך אין דעם דאָזיגן שניפּס.

— אַ יאָ, אַ שיינער שניפּס, ווערא?

— זייער אַ שיינער.

— און קוקט אָבער, חברה, וואָס איך האָב דאָ — מאַכט וועווקע פלוצלונג אַ פּנים פול מיט סוד, און נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין שאַכטל באַדעקט מיט שוואַרצן זייד. — און טרעפט וואָס דאָרטן געפינט זיך — איילט ער זיך ניט עפענען דאָס שאַכטל, כדי די אַרומיגע נאָך מערער אָנציען.

— אַ דימענט — טרעפט גלייך דעיוו.

— זע נאַר, פון וואַנען האָסטו געטראָפן?... — איז וועווקע איבערגליקלעך. — יאָ, טאַקע אַ דימענט — צעעפנט ער דאָס שאַכטל און עס גיט אַ בליץ אַרויס פון צווישן גרינעם פּליוש אַ שטראַלנדיג שטיינדל. — דריי הונדערט דאָלאַר קאָסט דאָס. גענומען אויף אויס־צאָלן...

— דו ווערסט אַ חתן, וועווקע?

— יאָ — גיסט זיך אָפּ זיין פּנים מיט פיל שעמעוודיגקייט און ער טוט אַ זיפץ — אַ חתן. טאַקע פאַר יענער מיידל, פאַר פלאָראַ'ן.

— וואָס זשע זיפצסטו, וועווקע? אַז מען ווערט אַ חתן דאַרף מען זיך פרייען.

— איך וויל מיך טאַקע פרייען, אָבער איך ווייס ניט, עס זיפצט זיך מיר. ס'איז מיר עפּעס שווער.

— דאגה ניט, וועווקע. יעדער איינער, וואָס ווערט אַ חתן, איז אים פריער שווער.

— איך ווייס. אפשר דארף מען ניט.

— מען דארף ניט וואָס ?

— איך ווייס אליין ניט וואָס — צעלאַכט זיך וועווקע. — שאַ נאַר, זאָל דאָס זיין פּרויקעלע, דער וואָס איז צוגעפאָרן מיט דער מאַשין ?

יאָ, ס'איז פּרויקעלע. ער קריכט אַרויס פון דער מאַשין, נעמט אַרויס דאָס שליסעלע פון וועסטל־קעשענע, פאַרשליסט די טיר, לייגט אַריין צוריק דאָס שליסעלע אין וועסטל־קעשענע, ווישט זיך אויס די ברילן און לאָזט זיך צו דער חברה.

— האָסט שוין אַ מאַשין, פּרויקעלע ? — פרייט זיך וועווקע, וואָס זיינער אַ לאַנדסמאַן האָט שוין אַ מאַשין.

— שוין פון לאַנג — איז פּרויקעלע כלומרשט גלייכגילטיק.

— זע נאַר, קאָנסט טרייבן אַ מאַשין ?

— אַ גרויסע תורה ? !

— ווען דו פאָרסט אַריין מיט דעם דאָזיגן אויטאָמאָביל קיין טשערעמעיעוו ! אַ, פּרויקעלע ?

— וואָס־זשע וואָלט געווען ?

— דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט זיך דאָך צונויפגעלאָפן, הי, הי, הי. און דאָ אין אַמעריקע, גאָרניט.

— איך וועל נאָך אַמאָל אַריינפאָרן אין טשערעמעיעוו מיט אַן אַמעריקאַנעם אויטאָמאָביל — צעברענען זיך ביי פּרויקעלען די סאַמעטענע אייגעלעך דורך די ברילן — נאָך אַ שענערן אויטאָמאָביל פון דעם. דאָס איז אַ קעדילאַק, אָבער אַהינצו וועל איך אַריינפאָרן מיט אַ לימאָזין. איר וועט זען.

— מיט אַן אויטאָמאָביל קאָן מען דען פאָרן איבערן ים ? — איז וועווקע'ן דאָ קשה.

צעלאַכט זיך פּרויקע, וואָס יענער איז אַזוי נאַאיוו און ווייסט ניט, אַז מען קאָן דעם אויטאָמאָביל אַריבערפירן מיט דער שיף. ער צעלאַכט זיך, אָבער דער געלעכטער בלייבט שטעקן אין מיטן האַלז. ער האָט זיך דערשראָקן, פּרויקעלע, דערזעענדיג פלוצלונג די משוגעים אין די האָספּיטאַל־כאַלאַטן, וואָס זיצן אַזוינע שטילע און מעלאַנכאָלישע אויף דער וועראַנדע.

— און אַט דאָ געפינט זיך יאָסל ? — פרעגט פּרויקע מיט מורא.

— ווײ, ווײ, זײן מאַמע גיטל זאָל זיך כאַטש פון דעם ניט דערוויסן. איך האָב געלערנט מיט יאָסלען אין איין חדר, פלעגט אים זײן מאַמע גיטל ברענגען יאַיבעלעך אין חדר און זיסע זאַכן. מיר, די קינדער, פלעגן אַלע חוזק מאַכן פון אים, וואָס זײן מאַמע שטאָפּט אים אַזוי. אי, חברה, חברה — טוט פרויקעלע אַ ביטערן זיפץ — וואָס זאָל איך שוין דאָ זאָגן? ! וואָס זאָל איך שוין דאָ טענה'ן ?!...

קוקט אויף אירע אײגענע פיס און וואונדערט זיך

מען האָט גאָרניט געוואוסט, פון וואַנען זלאַטע האָט זיך געיאָוועט. מען האָט זיך פאַרקוקט אויף דער הויכער ווײסער געבײדע, האָט קײנער פון זײ ניט געזען, ווי דער באָס איז אָנגעקומען, און ווי זי איז אַרויס־געשטיגן. זי איז געשטאַנען לעבן זײ אַ פּאָר מינוט, און מען האָט זי אַפילו ניט באַמערקט. מען איז געווען פאַרטאָן אין שווערע גדאַנקען, קוקנדיג און באַטראַכטנדיג דאָס דאָזיגע מורא'דיגע הויז.

— ווי אַזוי האָסטו זיך געיאָוועט, זלאַטע? הי, הי, הי.

שעמט זיך זלאַטע פאַר אירע לאַנדסלײט. שעמט זיך מיט דעם, וואָס אירע האָר זײנען קורץ געשוירן, וואָס זי טראָגט אַזאַ שמאָל קלײדל, וואָס אַרום האַלז איז אַרומגעוויקלט אַ קאָלירטע שאַרפע, וואָס אירע ליפּן זײנען אָנגעפאַרבט אַ ביסל, וואָס אירע ברעמען זײנען אונטערגעצופּט. און דאָ שטײט נאָך משה, קוקט צו איר מיט לאַכנדיגע גוטע אויגן.

— דיך גאָרניט צו דערקאָנען — קוועלט אָן דעיוו פון איר.

— דו ביזט דאָך אַ שײנע, זלאַטע! — איז וועווקע גלעקלעך, וואָס זײנס אַ לאַנדסמײדל איז אַ שײנע.

פרויקעלע טראַכט אויך, אַז די דאָזיגע זלאַטע איז גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש אין אַמעריקע. זי קוקט דאָך אויס ווי אַ פּריצקעלע: אַזוינע שײנע שטאַלטנע פיס. אַזאַ מין פײנקײט אין די ביר־קאָליר אויגן. אַזאַ מין אָנגענעמקײט אין איר קוש. פרויקעלע איז צום ערשטן מאָל וואָך געוואָרן צו זײן לאַנדס־מײדל, וועמען ער האָט אַפילו פריער ניט באַמערקט. דאָס לאַנדס־מײדל, וואָס שטאַמט פון דער היים פון דער נידעריגסטער משפחה, איז איבערגעשאַפן געוואָרן דאָ אין אַמע־ריקע, זיך צעבליט, אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט.

— שלום־עליכם, מענטשן — קומט אָן ברוך ביר, אין אַ לאַנגן ברוינעם ראָק, אַ הויכער, אַ וואַזשנער, אַ דיקלעכער, מיט שטאָלצע אַקסלען. — איר זייט שוין דאָ. און איך האָב געמיינט...

זלאַטע טיילט זיך אָפּ פון דער גרופּע. זי שפּאַנט אַוועק איבער דעם ווייסן אַספאַלט צווישן דער גרינקייט און ליכטיגקייט פון דער רחבות׳דיגער לאָנקע. זי שמייכלט, זלאַטע, צו זיך. עס קוועלט אין איר דאָס האַרץ. נעכטן אויפדערנאַכט איז זי דערהויבן געוואָרן. ס׳האָט איר געטראָפן אַ גרויס גליק. די שוועסטער האָט דערנאָכדעם געוויינט פון פרייד. זי וועט וועגן דעם ניט דערציילן אירע לאַנדס־לייט. משה׳ן וואָלט זי אַלעם דערציילט. איז אָבער משה אַזאַ פאַר־קלערטער, אַן אָפּגעשיידטער. ווי שלעכט ער קוקט אויס, דער משה בוכבינדער. אַן אויסגעצערטער משה, און זיינע קליידער זייגען אָפּ־געטראָגן. ס׳גייט אים, ווייזט אויס, שלעכט אין אַמעריקע, אָט דעם משה׳ן.

ווי שיין ס׳איז דאָ דער אַרום און אַרום. זי האָט זיך גאָר געריכט, אַז זי וועט אָנקומען צו אַן אַלט ברודיג הויז מיט פאַרשמירטע פענצטער, און דורך די פענצטער וועלן אַרויסקוקן מענטשן מיט קרומע פּנים׳ער, זיי וועלן שטעקן די צינגער, זיי וועלן לאַכן און לאַכן, וועלן שרייען, וועלן זיך וועלן וואַרפן שלאָגן. און דאָ פּלוצלונג טרעפט זי גאָר אַזאַ רואיגקייט, אַזאַ זוניגקייט...

און נעכטן אויפדערנאַכט האָט די פּיאַנאָ געשפּילט. אין זאַל איז געווען פינצטער. ערגעץ אין דער פינצטער, האָט זי געוואוסט, געפינט זיך איר שוועסטער יעטאַ, וואָס קוקט צו איר מיט אַזוי פיל באַ־וואונדערונג. אַלע מענטשן, האָט זי געוואוסט, קוקן פון דער פינטצער אויף איר מיט פיל באַוואונדערונג. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געריכט. נו, און זי אַליין דען, האָט זיך געריכט? פון אַלע מיידלעך דאַרף די לערערין אויסדערוויילן נאָר זלאַטע׳ן.

האָט די פּיאַנאָ געשפּילט. עס איז געווען פינצטער אין זאַל. די לערערין איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און האָט גערעדט צו איר מיט די ברעמען, מיט די אויגן, מיטן האַלז, מיט די הענט. ווען די לערערין וואָלט אפשר ניט געשטאַנען הינטער די קוליסן, וואָלט זלאַטע גאָר קיינמאָל ניט געוואַגט צו טאָן אַזאַ זאַך.

אַרום אירע היפטן איז בלויז געווען אַ גאַרטל. אַ לייכטער צודעק

אויף אירע בריסטן, און אירע הענט און פיס און איר גאַנצער איבעריגער טייל פון קערפּער איז געווען נאַקעט. נאַקעט פאַר די אַלע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אין דער פינצטער. נאַקעט אינמיטן דער העלער ליכטיגקייט אויף דער בינע...

די פּיאַנאָ האָט גערעדט צו איר, און זי האָט געטאָן דעם ווילן פון דער פּיאַנאָ און דעם ווילן פון דער לערערין, וואָס איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און געוואונקען צו איר מיט אַלע אירע אברים.

דאָס איז פאָרגעקומען טאַקע אין וויליאַמסבורגער ארבעטער קלוב. אַלע בחורים האָבן זיך נאָכדעם געלאָזט צו איר מיט באַגריסונגען, אַלע מיידלעך האָבן איר מקנא געווען. איר שוועסטער יעטאַ האָט זי געקושט און געוויינט...

מ'האָט זי געלויבט און גערימט. מען האָט אויך געלויבט און גערימט איר לערערין, וואָס האָט זלאַטע'ן אַזוי גוט אויסגעמושטירט.

— אַלבעטשע, ווען זי לערנט זיך פון קליינערהייט אָן, וואָלט זי שוין געווען אַזאַ באַרימטע טענצערין ווי איזאַדאָראַ דאָנקאַן — האָט איינער אַ בחור זיך צעלאָזט פון התפּעלות.

— וואָס לאַכט איר ? — האָט זיך אויך די לערערין אָנגערופן — ווי איזאַדאָראַ דאָנקאַן איז אַ ביסל צו ווייט, אָבער זי וואָלט געווען זייער אַ גוטע טענצערין. זי פאַרמאָגט אַלע עלעמענטן פון אַ טענצערין.

— גיי ווייס, ביי הערש דעם בלינדן, דעם קבצנ'יוק, דארף אוסי־וואַקסן אַ מיידל, וואָס האָט טאַלאַנט צום טאַנצן — האָט די שוועסטער יעטאַ בלומרשט חוזק געמאַכט פון איר, ווען זיי ביידע זיינען שוין געווען אין דער היים. — און פון וואָס האָט זיך מאַקע דאָס צו דיר גענומען ? — קוקט יעטאַ אויף דער שוועסטער'ס נאַקעטן קערפּער, ווען יענע איז געשטאַנען לעבן בעט גרייט אַרויפצוציען אירע פּאַדזשאַמעס— פון די ציבעלעס מיטן פאַרדאַרטן ברויט ? צי פון די זויערע אוגערקעס מיט די קאַרטאָפליעס ? צי פונעם ווידעלע הערינג, וואָס דו האָסט געגעסן מיט די סעבערעס ?

לאַכט זי איצט, זלאַטע, צו זיך אַליין. קוועלט פון פיל פרייד. קוקט אויף אירע אייגענע שלאַנקע שטאַלטנע פיס, וואָס שפּאַנען איבערן ווייסן אַספאַלט צווישן דער רחבות'דיגער לאָנקע. קוקט אויף אירע אייגענע פיס און וואונדערט זיך...

איז אָבער וועווקען היינט אַזוי שווער אויפן האַרצן

— זעט, זעט, און ביי וועווקע׳ן שניידט זיך שוין א ליסינקעלע, כאַ, כאַ, כאַ — דערפרייט זיך ברוך.

— יאָ, עס קריכן מיר שוין עפּעס אויס די האָר — גיט זיך וועווקע א טאַפּ ביים קאָפּ.

— עפּעס א טרויעריגער אַזאַ היינט, אונזער וועווקע — באַמערקט פּלוצלונג פּרויקע, אַז ס׳איז ניט דער זעלביגער וועווקע ווי תמיד.

גיט וועווקע א וואונק צו דעיווין, משה׳ן און ווערא׳ן, און בעט זיך ביי זיי מיטן וואונק, זיי זאָלן ניט אויסזאָגן וועגן רינגעלע. וועווקע וויל זיי ניט דערציילן, אַז ער גייט היינט ווערן א חתן. ער איז טאַקע טרויעריג צוליב דעם. וואָס דאַרף ער גאָר זיין טרויעריג? ווייסט ער אליין נישט. פאַרקערט, ער האָט דאָך זי אַזוי ליב, זיין פּלאַרעטשקאַ׳ן. ס׳גייט דאָך אים אויס דאָס חיות נאָך איר. קוים גאָר גע׳פּועל׳ט ביי איר, אַז זי זאָל ווערן זיין כלה. זי האָט זיך געקווענקלט. אים אַזוי גיך ניט געוואָלט געבן קיין ענטפער. אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג... איצטער, אַז אַלצדינג גייט שוין אויף א דרך, דאַרף ער גאָר זיין טרויעריג...

— הי, הי, הי — נעמט ער אַרום ברוך ביר, נעמט אַרום פּרויקעלע׳ן און דעיווין, גלעט ווערא׳ן איבער די פּלייצעס, דריקט משה׳ן די האַנט. וויל עפּעס טאָן אַזוינס, ס׳זאָל אים ווערן גוט. ער וואָלט געוואָלט, זיי זאָלן אים עפּעס צואווינטשעווען, זיינע לאַנדסלייט. היינט נויטיגט ער זיך זייער אין ווינטשעוואַניעס. ער ווייסט, אַז אין טשערעמעיעוו ווינטשעוועט מען אָן א חתן פיל גוטס און גליק.

— און בערל גאָנאַפּטי׳ן זוכט מען דאָך אַרום אין די פּעיפּערס, כאַ, כאַ, כאַ — איז ברוך ביר מלא גדולה.

— וואָס מיינסטו, אין די פּעיפּערס?

— נאָט, זעט — נעמט ברוך אַרויס פון זיין בוזעם־קעשענע א צייטונגס־אויסשניט. — זיין בילד האָט מען אויך אַריינגעשטעלט.

יאָ, בערעלע גאָנאַפּטי קוקט אַראָפּ פונעם אויסשניט אַזוי אומשולדיג און ממזריש, מיט די פיינע אייגעלעך, מיט די ליבינקע וואָנצעלעך, מיט די געקרייזלטע הערעלעך. אונטער דעם בילד זיינען אויסגערעכנט אַלע זיינע סימנים. ער קומט פון טשערעמעיעוו, בעסאַראַביע, אַלט אַזוי פיל און אַזוי פיל, וועגט אַזוי פיל און אַזוי פיל. די מאָס זיינע איז

אזאמינע און אזאמינע. ווער עס וועט אים דערקאָנען, זאָל גלייך לאָזן וויסן אין דער דעזווירשאָן ביורא, ווייל ער האָט פאַרלאָזט זיין ווייב אָן א זיי־געזונט.

— און איך בין דאָך געווען אויף זיין חתונה — איז וועווקע אזש צעטומלט פון איבערראַשונג. — איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אז ס'איז ניט קיין גלייכער שידוך. אז די כלה איז גאָר געווען עלטער פון אים מיט גאַנצע צען יאָר. נאָר זי האָט געהאַט א סך געלט, האָט זי געהאַט.

— האָט ער, ווייזט אויס, דאָס געלט זייער פיין צוגענומען און דאָס ווייבל איבערגעלאָזט — וויצלט זיך דעיוו.

— א גאָנאָפּטילע בלייבט דיר א גאָנאָפּטילע, הי, הי — קוועלט וועווקע אָן פון זיין לאַנדסמאַן.

— בנים גדלתי ורוממתי — פאַרגלאָצט ברוך ביר פרום זיינע אויגן צום בלויען האַרבסטיגן הימל.

— פריטשאָס טוט „בנים גדלתי ורוממתי" — צינדט זיך אָן משה אויף דעם דאָזיגן גראָבן יונג, וועלכער פּאַרט אריין מיט א העברייאישן פסוק, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט צו דעם ענין.

— וואָס האָב איך דאָ ניט געזאָגט גוט? — באַליידיגט זיך די אונטערשטע ליפּ ביי ברוכ'ן.

— ס'קער זיך אָן ווי א פּאַטש צו א גוט שבת, דיין „בנים גדלתי ורוממתי" דאָרט.

— שאַ, און פאַרוואָס זעט מען ניט ארקעלען? — כאַפּט זיך פלוצלונג וועווקע, אז ער האָט שוין ניט געזען דעם ארקעלע בורמילע ווער ווייסט וויפיל יאָרן.

— טאַקע, טאַקע — כאַפּט זיך אויך דעיוו, אז ארקעלע איז גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם ניו יאָרק און באַווייזט זיך אין ערגעץ ניט.

— ארקעלע און זיין חבר יאַנקעלע זיינען אין פריזאָן — ענטפערט זלאַטע, וואָס איז שוין צוריקגעקומען פון איר שפּאַציר און געשטאַנען אומבאַמערקט לעבן אירע לאַנדסלייט.

— וואָדען, איך האָב נישט געוואוסט? — מאַכט ברוך מיט א מינע פון א קלוגעטשקן.

— פאַרוואָס? פאַר ווען? — דערשרעקט זיך וועווקע.

— ס'איז א גאַנצע מעשה — ווייל זיך זלאַטע אַרויסדרייען פון דערציילן זיי אַלצדינג, ווי אַזוי ס'האָט פּאַסירט.

— אָבער פאַרט פאַרוואָס? פאַר ווען? — לאָזט דאָס פּרויקעלען ניט רוען.

— אונטערגעשטאָכן אַ מענטשן.

— וואָס דען, ער וועט דיר ניט אונטערשטעכן קיין מענטשן? — איז דאָס פאַר ברוכ'ן זייער קלאָר.

וואָלט שוין איצטער זלאַטע געוואָלט גראַדע דערציילן די גאַנצע מעשה, ווייל זי וויל ניט, אַז עס זאָל ביי זיי בלייבן דער איינדרוק, אַז ער האָט אונטערגעשטאָכן אַ מענטשן גלאַט אַזוי. זי שעמט זיך צו רעדן פאַר אירע לאַנדסלייט. אין וויליאַמסבורגער קלוב מיט די חברים, איז זלאַטע זייער באַריידעוודיג. מיט אירע לאַנדסלייט אָבער, פאַר־האַלטן זיך ביי איר די רייד. דער גרויסער אָפּגרונט, וואָס איז געלעגן צווישן איר און זיי אין טשערעמעיעוו, איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן אפילו דאָ אין אַמעריקע. משה'ן וואָלט זי יאָ דערציילט די מעשה וועגן אַרקעלע'ן. אָבער משה איז גאָר ניט אויפמערקזאַם היינט צו איר ווי געוויינלעך ווען זיי באַגעגענען זיך. ער איז בלאַס, משה, פאַרטראַכט און פאַרקלערט.

— לאַנדסלייט איינס און איינס — רעדט פּרויקעלע מיט פאַר־דראָס. — איינער אַ שווינדלער, דער צווייטער אַ רוצח, דער דריטער אינגאַנצן אַ משוגענער.

— ווען וועט מען שוין אַריינלאָזן דאָרטן? — ווערט שוין ברוך אומגעדולדיג.

— אָט באַלד, אָט באַלד — פאַרענטפערט זיך דעיוו, אַקוראַט ווי ער, פּערזענלעך, וואָלט געווען שולדיג, וואָס מען לאָזט נאָך ניט אַריין.

קוקן אַלע לאַנדסלייט צו דער הויכער געביידע, פאַררייסן די קעפּ צו די ווערענדעס. די מעלאַנכאָלישע מענטשן זיצן נאָך אַלץ אויף די ווערענדעס, זיצן און שווייגן.

דאָרטן, וואו די זון האָט זיך אָפּגעטאָן, איז שוין קאַלט. מענטשן גייען איבער צו דער זייט, וואו די זון שיינט נאָך. אַ סך מענטשן זיינען אָנגעקומען. אין באַסעס זיינען זיי אָנגעקומען. אין אייגענע מאַשינען. מען שטייט גרופּקעסווייז און מען שמועסט. מען שמועסט מיט טרויעריגקייט אין קול. מען האָט מורא זיך דאָ צו ווערטלען און צו

לאכן אויף אַ קול. טאָמער צעלאַכט זיך יאָ עמיצער דאָ, דרייען אַלע אוים די קעפּ מיט גרויס חידוש. אַרום דעם פּלאַץ לאַכט מען ניט.

אַ הויכע ווייסע געביידע מיט הונדערטער פענצטער איבער דער גאַנצער לענג. אַ הויכע, ברייטע, גלעזערנע טיר ביים אַריינגאַנג. ביימען בלומען דאָ און דאָרט איבער דער גרינער, גלייך־אַרומגעשוירענער רחבות'דיגער לאָנקע. אַרום און אַרום — פעלדער. איינציגע פעלדער ליגן שוין אין שאָטן. איינציגע פעלדער שטראַלן נאָך אין דער זון. פון גאָר ווייט צייכענען זיך טונקל־בלויע שטיקער־מאַסן. דאָרטן איז ניו יאָרק. די פינף־באָראָ'דיגע, טויזנט־גאַסיגע, זיבן־מיליאָניגע שטאָט ניו יאָרק...

פירט מיך צוריק קיין טשערעמעיעוו...

איז דאָס יאָסל? אָט דער אינגל אין די אונטערוועש, וואָס ליגט מיטן פּנים אַרויף צו דער סטעליע, איז יאָסל?

שטייען די טשערעמעיעווער לאַנדסלייט אַרום זיין בעטל. יאָסל באַמערקט זיי ניט. קוקט צו דער סטעליע און זעט עפּעס דאָרטן אויף דער סטעליע.

— מיסטער ווינטרויב — מאַכט צו אים אַן אָנגעשטעלטער אין ווייסן — געסט זיינען געקומען צו אייך.

— אַ, געסט? — דערשרעקט ער זיך, קוקט זיך אום און זאָגט גאָרניט.

— דערקענסט אונז ניט, יאָסל? — רופט זיך אָן דעיוו.

— איך ווייס ניט.

— אָט דאָס זיינען מיר, דיינע לאַנדסלייט פון טשערעמעיעוו.

— טשערעמעיעוו — גיט אַ בליץ אויף אַ ביסל שכל אין זיינע אויגן.

— ס'איז דאָך איך, דעיוו!

— אָ, ס'איז דו, דעיוו? וואָס־זשע מאַכסטו, דעיוו? — ווערט זיין קול לעבעדיגער. — זעץ זיך, דעיוו, אויף מיין בעט זעץ זיך.

— און מיך דערקענסטו?— מאַכט ברוך ביר אין דער יאַרמולקע.

— פאַרוואָס זאָל איך דיך ניט דערקענען? — באַליידיגט זיך

יאָסל, שטרעקט אויס אַ דין פאַרגעלט הענטל און דערלאַנגט ברוכ'ן שלום־עליכם.

— ווײ, ווײ — וויל וועווקע זיך אַזש צעוויינען — ווי ער קוקט אויס, ווי ער קוקט אויס. איך האָב דאָך געמיינט, אַז אַ קליין קינד ליגט אין בעטל, ניט יאָסל — מאַכט ער אין דער שטיל צו זלאַטען.

— ווי אָפּגעצערט ער איז, הויט און ביינער — פאַרקלעמט זלאַטען ביים האַרצן.

דאָס קומען פון דער חברה האָט יאָסלען אויפגעוועקט. ער איז שוין וואַכן און וואָכן געלעגן אין אַ פינצטערער, אומקלאָרער וועלט.

— אוי, חברה, חברה — קוקן זיינע אויגן צו זיי מיט אַ קלאָרן מענטשלעכן טרויער — איך בעט אייך, נעמט מיך אַהיים. מען מוטשעט מיך דאָ.

— ווער מוטשעט דיך, יאָסל? — בויגט זיך צו אים אָן ווערא, גלעט אים איבערן שטערן. — ווער מוטשעט דיך? דערציי'.

— אַלע מוטשען מיך דאָ. וואָס ווילן זיי פון מיר?

— מיר וועלן ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל דיך מוטשען — גלעט אים ווערא, רעדט צו אים ווי אַ מאַמע צו איר קינד. — מיר וועלן נישט לאָזן, וועסט זען.

— אוי, חברה, חברה, וואָס קאָן איך אייך זאָגן, און וואָס קאָן איך אייך דערציילן — פּעשטשעט ער זיך פאַר זיינע לאַנדסלייט, אַ דערוואַרעמטער פון ווערא'ס גלעטנדיגער האַנט. — ס'איז אַ הויז דאָ פול מיט משוגעים. פון וואַנען האָבן זיי צונויפגענומען אַזוי פיל משוגעים? אָט יענער־אָ — ציינט ער אין דער ריכטונג פון צווייטן בעט — איר זעט, ווי ער זיצט אויף אַלע פיר? שטענדיג נאָר ער זיצט אויף אַלע פיר. ער וויל זיך בשום אופן ניט לייגן. נו, און אָט יענער — ציינט ער אויף אַ דריט בעטל — איר זעט, ווי ער ליגט איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע? שטענדיג ליגט ער אַזוי איבערגעדעקט, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. און דו, וועווקע, ווערסט מיר, דאַכט זיך, פליכעוואַטע.

— הי, הי, פליכעוואַטע איז ראַיט. ווי ער האָט דיר דאָס באַמערקט! — פּרייט זיך וועווקע. — פונקט ווי אַ קלאָרער מענטש.

— אוי, חברה, חברה, אייך איז גוט. איר קאָנט זיך אַרויסגיין פריי פון דאַנען, ווען איר ווילט. מיך לאָזט מען ניט אַרויס. איינמאָל

ביינאַכט בין איך אַרויס דורכן פענצטער, שוין אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, האָט מיך אַ סווירטש־לאַיט געפּאַקט.

— אַ וואָס? — דערשרעקט זיך וועווקע.

— אַ סווירטש־לאַיט. אַ גרויסער סווירטש־לאַיט, ווי אַ שטוב די גרויס — הויבן זיך שוין אָן זיינע אויגן אָנצוגיסן מיט אַ מוטנעקייט.

— ווי באַלד דו ווילסט אַנטלויפן, אַזוי צינדט זיך אָן גלייך דער סווירטש־לאַיט, און דער סווירטש־לאַיט לויפט דיך נאָך, ביז ער פּאַקט דיך אין די הענט אַריין, דער סווירטש־לאַיט, און טראָגט דיך אַוועק צוריק, אָט דער סווירטש־לאַיט.

קוקן זיך די לאַנדסלייט איבער מיט פאַרזאָרגטע פּנים׳ער: ער רעדט שוין ניט צו דער זאַך... זיינע ליפּן הויבן אָן ציטערן.

— וואָס ציטערסטו, יאָסל? — בויגט זיך דעיוו אָן איבער אים.

— איך ווייס, וואָס איך ציטער? — ענטפערט ער מיט אַ וויינענדיק קול.

ער בלייבט שטיל, רעדט שוין ניט אויס קיין וואָרט, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער סטעליע, און האָט שוין פאַרגעסן אינגאַנצן, אַז עמיצער שטייט לעבן אים. שווייגן די לאַנדסלייט. וועווקע וויינט. עס גייט אים אויס דאָס האַרץ נאָך זיין אומגליקלעכן לאַנדסמאַן, יאָסל דעם וויינשענקער׳ס. ווען ער קאָן נאָר אויספירן, נעמט ער אים אויף די הענט און טראָגט אים אַוועק קיין טשערעמעיעוו.

— ווען גייט אָפּ די שיף? — פרעגט פּלוצלונג יאָסל מיט אַ ווייך קול.

— די שיף גייט אָפּ מאָרגן — ענטפערט אים דעיוו, און ווינקט מיט די אויגן צו די איבעריגע, זיי זאָלן פאַרשטיין, פאַרוואָס ער ענטפערט אים, אַז די שיף גייט אָפּ מאָרגן.

— און וויפיל טעג וועט זי גיין איבערן ים?

— זעקס טעג וועט זי גיין איבערן ים.

הערט שוין ניט יאָסל דעם ענטפער. ער איז שוין פאַרטאָן אין דער אומקלאָרער וועלט. זיינע ליפּן שעפּטשען זיך גיך. ער רעדט עפּעס צו זיך. בויגט זיך אָן דעיוו איבער אים צו הערן, וואָס ער שעפּטשעט. קאָן ער שוין ניט כאַפּן. „זיידענע טיכעלעך", „זיידענע טיכעלעך", מאַכן זיינע ליפּן זייער שנעל. „ווימאַראַז", גייט ער איבער אויף

אַן אַנדער וואָרט מיט דער זעלביגער שנעלקייט. זעצט זיך פּלוצלונג אויף אויפן בעט, טוט אַ קוק אויף די לאַנדסלייט מיט גלעזערנע אויגן.

— אַוועקעט, אַוועקעט, פּאַסקודניאַקעס! — שפּרינגט ער פּלוצלונג אַראָפּ פון בעט מיט זיינע דאַרע אויסגעפּייניגטע פיסלעך.

לויפט צו דער מאַן אין ווייסן, גיט אים אַ כאַפּ אין די הענט און לייגט אים אַנידער אין בעט. בעט אַנטשולדיגונג ביי דער חברה, וואָס ער הייסט זיי גלייך פאַרלאָזן דעם וואָרד.

גייען זיי אַרויס, די טשערעמעיעווער לאַנדסלייט, קוקנדיג אויף צוריק צו יאָסלען, וואָס ציטערט אונטער דער קאָלדרע, טרייסלט זיך מיט אַלע אברים.

גייען זיי אַרויס אינדרויסן, איז שוין באַלד פאַרנאַכט... די זון האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון אַלע פעלדער אַרום. ליגן זיי אין טונקלקייט. קאַלטע פעלדער... בלייבן זיי שטיין אינדרויסן און שווייגן, בלאַסע, פאַר׳ יסורים׳טע.

— נו? נו? — שטרעקן זיי אויס פרעגנדיגע אויגן צו דעיוו׳ן, וואָס איז ערשט אַרויסגעקומען פון דאָקטאָר׳ס אָפיס.

— ער זאָגט, אַז ס׳איז דאָ האָפענונג מען זאָל אים אויסהיילן. עס דאַרף נעמען צייט. ווען מען זאָל אים נאָר צוגעוואוינען צו שפּייז. ער וויל בשום אופן ניט עסן. מ׳שפּייזט אים מיט געוואַלד.

:: :: ::

אין פרויקעלע׳ס מאַשין פאָרן די לאַנדסלייט צוריק אין ניו יאָרק. זלאַטען האָט מען בפירוש אויך איינגעלאַדן זיך זעצן אין דער מאַשין, אָבער יענע האָט ניט געוואָלט. זי וועט בעסער פאָרן מיטן באָס. זי וויל וואָס גיכער אַוועק פון די לאַנדסלייט, פון משה׳ן אויך. יענער האָט סיי־ווי־סיי קיין וואָרט צו איר ניט אויסגערעדט. האָט זי זיך טאַקע געזעצט אין באָס. און ווי באַלד די לאַנדסלייט האָבן זיך אָפּגעטאָן פון אירע אויגן, איז איר ווידער געוואָרן ניחא.

זיצן די לאַנדסלייט אין פרויקעלע׳ס מאַשין, רעדן מיט פיל ווייטאָג וועגן יאָסלען. דערציילן זיך מעשיות וועגן זיין טאַטן, בנימין דעב ווייגשענקער, וועגן זיין מאַמען, גיטל דער ווייגשענקערקע, וועגן זייער הויז, וועגן זייער לאַנגן קעלער. דערמאָנט זיך ווערא, ווי איר מאַמע האָט איר אַמאָל דערציילט וועגן יאָסל׳ס אַ פעטער, וואָס איז אויך משוגע געוואָרן, און מען האָט אים געמוזט פירן אין אָדעס.

— ווייזט אויס, אז עס ליגט שוין אין דער משפחה, דאָס משוגעת — באַמערקט ברוך ביר.

— אָבער ווען ער זאָל נאָר וועלן עסן — איז דעיוו צעבראָכן — וואָלט געווען אַ האָפענונג. אז זיין מאָרך האָט נאָר פאַרסטרייקט געגן שפייז, האָט מיר דער דאָקטאָר דערקלערט.

— אַך, ווען מען קאָן אים אָפּפירן צוריק קיין טשערעמעיעוו. איך וואָלט אַפילו געגעבן צוטשייער הונדערט דאָלאַר — איז וועווקע פאַרוויטאָגט.

משה שווייגט. קוקט ווערא אויף אים, ווי ער שווייגט, און ס'ווילט זיך איר אַזוי שטאַרק אַריינלייגן איר האַנט אין זיינער. אַזאַ פּילבאָרער פּריינט, לעבט איבער שווערער פון אַלעמען יאָסל'ס אומגליק.

ס'גייט איר פּריינט משה'ן אויך ניט גוט אין דעם לאַנד. ער איז אָרעם און נאַקעט און האָט קוים אַ טאָג איבערצולעבן.

— אוי, ס'איז שוין באַלד ביינאַכט — מאַכט וועווקע מיט אַ היימיש וויינענדיג-דערשראָקן קול, פּונקט ווי אַ אינגל אין אַ טשערע־מעיעווער שטוב זאָל זיך פּלוצלונג אָנרופן צו זיין מאַמען: אוי, ס'איז שוין באַלד נאַכט, מאַמע, מען דאַרף שוין אָנצינדן דעם לאָמפּ און פאַרמאַכן די לאָדן.

— יאָ, ס'איז שוין באַלד ביינאַכט — ענטפערט פּרויקעלע אַזוי רואיג און זיכער, און צינדט אָן ביידע פּראָזשעקטאָרן פון אויטאָמאָביל.

בלויז צוויי מאָנאַטן ערשט, אז פרויקעלע האָט זיך אויסגעלערנט טרייבן דעם אויטאָמאָביל, אָבער ער איז שוין זייער געניט אין טרייבן דעם אויטאָמאָביל. מיט אַן אָנגעבויגענעם האַלז הויערט ער איבער דער ראָד. די ברילן זיינע קוקן ווייט פּאָראויס און אין די זייטן, און אין שפּיגעלע אויבן איבער אים. ער איז איינגאַנצן אָנגעדראָלט און וואַכזאַם און פאַרגעסט ניט דעם מינדסטן „טרעפּיק"-געזעץ.

טראַכט איצט משה וועגן אָט-דעם פּרויקעלע'ן, וואָס טרייבט אַזוי געניט זיין אויטאָמאָביל, און קאָן אים בשום אופן ניט פאַרגלייכן מיט דעם קליינשטעטלדיגן פרויקעלע'ן, וואָס איז איינמאָל אין אַן אָסיענדיגן פאַרנאַכט פאַרסטראַנעט געוואָרן אין דער טיפער טשערעמעיעווער בלאָטע און האָט פאַרלוירן דאָרטן אַ קאַלאָש. מיטן שטעקן האָט ער געזוכט דעם קאַלאָש, וואָס איז איינגעזונקען געוואָרן אין דער בלאָטע, און געקוקט צו די פאַרבייגייער אַזוי נעבעכדיג און פאַרווירט...

— אַט דאָ קענט איר נעמען דעם עלעוועיטער — שטעלט אַפּ פּרויקעלע זיין אויטאָמאָביל לעבן אַ סטאַנציע מיט אַ סך טרעפּ, וואָס פירן צו אַ הויכער פּלאַטפאָרמע.

געזעגענען זיך די זעקס לאַנדסלייט. מען צעפאָרט זיך אין פאַר־שיידענע ריכטונגען. מען רייסט איבער דעם פאַדעם פון היימישקייט. מען לאָזט זיך צוריק אין באַזונדערע וועלטן, וואָס זיינען שוין פאַר דער צייט אויך געוואָרן היימיש און אייגן פאַר יעדן איינעם פון זיי.

— העי, חברה — שטייט וועווקע אויף דער אַנדערער זייט פון דער פּלאַטפאָרמע אַנטקעגן און שרייט אַריבער צו די איבעריגע לאַנדס־לייט — איר פאָרט אַרויף און איך פאָר אַראָפּ. גוד באַי! — לויפט מאַקע אָן זיין באַן. — גוד־באַי!...

— גוד־באַי, גוד־באַי — בלייבן איבער ווערא, דעיוו און משה (ברוך איז געפאָרן ווייטער אין פּרויקעלע'ס מאַשין). בלייבן איבער אַלע דריי. משה שטייט ביים סאַמע ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע, קוקט אַראָפּ צו די רעלסן, וואָס גלאַנצן מיט אַ רויטן אָפּשיין.

— ניטע, משה, שטייט ניט דאָרטן — בעט זיך ביי אים ווערא.

משה הערט ניט, ווי זי וואָרנט אים. ער איז נאָך אַלץ פאַרטאָן אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין משוגעים־הויז, קוקנדיג אויף יאָסלען.

דעיוו קוקט אויך אַראָפּ צו די רעלסן. קוקט אויף ווערא'ן. קוקט אויף משה'ן. קוקט צו דער ווייט, פון וואַנען עס קומט צולויפן אַ באַן מיט איין אויג אַ רויטס און דאָס צווייטע אַ גרינס. קוקט אַרום און אַרום, און אַ גרויסע שרעק נעמט אים דורך אַלע ביינער.

די גרויסע שרעק קומט פון דעם מורא'דיגן געדאַנק, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעזעצט אויף אים. דער געדאַנק זאָגט צו אים: אַזוי ווי דער באַן וועט אָנלויפן, דאַרפסטו בלויז אויסשטרעקן די האַנט און אים אַ לייכטן שטויס טאָן. יאָ, טו דאָס, טו דאָס, וועסטו אויף אייביג פּטור ווערן פון דעם דאָזיגן בחור, וואָס הייסט משה. טו דאָס, טו דאָס, טו דאָס, אַט איז שוין דער באַן. אַט גרייכט ער. טו דאָס. נו, שנעלער, גיכער...

ער יאָגט, דער באַן. ער יאָגט מיט דונערן און בליצן. ער שרייט געוואַלד, דער אָנלויפנדיגער באַן... גע־וואַ־א־לד!

אַרקעלע בורמילע גייט זען מאַניאַ׳ן

ניט מיר און ניט דיר, אינמיטן פּלוצלונג, פאַרגלוסט זיך אַרקעלע׳ן גיין אָנקוקן מאַניאַ׳ן.

וואָס אַזוינס קאָן ער איר שוין זאָגן, אַז ער וועט זי באַגעגענען? וואָס פּלוצלונג, וועט זי אים פרעגן, איז ער געקומען צו איר? ווייסט ער טאַקע ניט, וואָס ער וועט איר זאָגן. אָבער ער מוז זי גיין אָנקוקן. ער מוז גיין זען, וואָס מאַכט עפּעס אין אַמעריקע מאַניאַ באַלאַבאַן, דעם טשערעמעיעווער גביר׳ס טעכטערל.

פאַרוואָס זשע איז אים גראָדע היינט אַריינגעפאַלן אַזאַ ווילדער געדאַנק? הייבט ער ניט אָן צו וויסן. נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט אינדערפרי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ: מאַניאַ.

אפשר האָט זיך אים מאַניאַ גע׳חלום׳ט ביינאַכט? געדענקט ער ניט. אפשר איז אים גלייך אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק מאַניאַ, ווייל ס׳איז געווען אַ זונטאָג אינדערפרי, דאָס פענצטער איז געווען אָפן, די זון האָט אַריינגעשיינט, עפּעס אַ גוט ווינטל האָט אַריינגעבלאָזן און ס׳האָט דערמאָנט אין אַ שבת אינדערפרי אין טשערעמעיעוו?

אָבער עס וועט שוין גאָרניט העלפן. ער מוז, אַרקעלע, גיין אָנקוקן מאַניאַ׳ן. אים, אַז ס׳פאַרגלוסט זיך, מעג שוין דונערן און בליצן.

— קאַרג קורוועלעך זיינען פאַראַן אין בראָנזוויל, דאַרפסטו נאָך קריכן דאַון־טאַון? — וויל אים אָפּרעדן דער קלוגער חבר זיינער, יאַנקעלע.

זעט טאַקע איין אַרקעלע, אַז דער חבר זיינער איז גערעכט. פונדעסטוועגן גייט ער.

לאַכט יאַנקעלע און מאַכט חוזק פון זיין חבר דעם גאַנצן וועג פון בראָנזוויל דאַון־טאַון.

— וואָס גיגלסטו, דו באָסיאַק, דו? — גיט אים אַרקעלע אַ זעץ איבערן קאָפּ.

הייבט אָן יאַנקעלען שמאַרצן פון אַזאַ זעץ, אָבער דערפאַר צעלאַכט ער זיך שוין נאָך העכער, און אַלע אין וואַגאָן הייבן אָן צו קוקן אויף דעמדאָזיגן בחור און קאָנען ניט פאַרשטיין, וואָס האָט יענעם אַזוי צענומען.

— וואַרט אויס, לאָמיר נאָר אַרויסגיין אויף דילענסי סטריט,

וועסטו שוין קריגן ביי מיר די ניכפע — סטראשעט אים ארקעלע אין דער שטיל.

אויף דילענסי סטריט האָט אָבער ארקעלע גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיין חבר דאַרף ביי אים קריגן די ניכפע. אויף דילענסי סטריט איז אַרקעלע'ן פּלוצלונג געוואָרן קאַלט אין בויך און דערנאָכדעם הייס, און ער האָט זיך שוין בעסער געוואָלט צוריק אומקערן קיין בראַנזוויל. ער האָט פּלוצלונג אַליין דערפילט, ווי אומגעלומפּערט און ווילד איז דער גאַנצער ענין.

גייט ער שוין צו זיבעטער גאַס ניט מיט זיין אייגענעם כח. א פרעמדער אומבאַקאַנטער כח שטופּט אים אין די פּיס, טרייבט אים ווייטער און ווייטער.

— וועסט טאַקע אַריינגיין גלייך צו איר אין שטוב אַריין? — שרעקט זיך יאַנקעלע אויך פון דער דאָזיגער ווילדער אַוואַנטורע.

— וואָס־זשע, איך האָב עפּעס מורא? — מאַכט זיך כלומרשט ארקעלע האַרץ.

— אָבער פונדעסטוועגן?

— שאַ נאַר, איר ברודער מישאַ האָט דאָך אַ קענדי־סטאָר אויף דעם זעלבינגן בלאָק — דערפרייט זיך ארקעלע.

ווערט שוין אויך יאַנקעלע'ן בעסער, וואָס איר ברודער מישאַ האָט אַ קענדי־סטאָר אויף דעמזעלבינגן בלאָק. גייען זיי אַריין, ביידע חברים, אויף דער זיבעטער גאַס און דערזעען טאַקע, אַז ס'איז דאָ אויף דעם בלאָק בלויז איין קענדי־סטאָר. פאַרשטייען זיי שוין, אַז דאָס איז די ריכטיגע קענדי־סטאָר. גייען זיי אַריין אינעווייניג, בלייבן שטיין אומגעלומפּערט.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן? — פרעגט זיי דער ברודער מישאַ מיט פאַרדאַכט, ווייל איינער שמייכלט עפּעס מאָדנע, דער צווייטער איז צעטומלט און נערוועז, און בכלל קוקן זיי אויס, ווי זיי וואָלטן אַריינגעקומען מיט שלעכטע כוונות.

— צוויי פּאָרציעס אייז־קרים — פּאַלט גלייך ארקעלע אויף אַ קלוגן געדאַנק.

— אַז איך וויל ניט קיין אייז־קרים — לאַכט יאַנקעלע מיט פּיל חוזק צום חבר.

— עס, באָסיאַק, זאָג איך דיר — גיט אים אַרקעלע אַ שטורכע אין אַ זייט.

עסט יאַנקעלע דעם אייז־קרים און לאַכט, און ל־אַ־כט.

— לאַך ניט, דו יאַנקעלע באָסיאַק! — ווארגט זיך אַרקעלע מיטן אייז־קרים.

— אַז איך קאָן זיך ניט העלפן — בעט זיך נעבעך יאַנקעלע.

— און מיר זיינען טשערעמעיעווער — גיט אַרקעלע אַ זאָג ניט מיר און ניט דיר און ווערט רויט ביזן האַלז.

— אַזוי, טשערעמעיעווער — דערפרייט זיך שוין מישאַ. — וועמענס זענט איר פון טשערעמעיעוו? איר קאָנט מיין טאַטן? אַזוי גאָר, איר זייט געקומען מיט מיין שוועסטערל אויף איין שיף? אַט רוף איך זי גלייך אַראָפּ. — העי, פּעט — מאַכט ער צו אַ אינגל — רוף אַראָפּ מיין שוועסטער, איך וועל דיר דערפאַר עפּעס געבן. זאָג איר, אַז צוויי אינגלעך פון איר שטאָט זיינען זי געקומען זען. אַי, וועט זי זיך דערפרייען! — קוועלט שוין אָן דער ברודער מישאַ, וואָס זיין שוועסטער וועט זיך אַזוי שטאַרק דערפרייען.

זעט אַרקעלע דורך דער אָפענער טיר, ווי מאַניאַ קומט אָן. ווייסט ער זיך ניט וואו אַהינצוטאָן. גיט אַ קוק אויף זיין חבר יאַנקעלע׳ן, ווי ער וואָלט געזוכט אָנהאַלט אָן אים. לאַכט אָבער דער חבר יאַנקעלע. איז אַרקעלע׳ן זייער היים, און ער פּלאָטערט און ער ציטערט, דער דאָזיגער הפקר־בחור אַרקעלע בורמילע.

— זיי זאָגן, אַז זיי קומען פון טשערעמעיעוו — דערקאָנט גלייך דער ברודער מישאַ אין זיין שוועסטער׳ס שטייפן פּנים, אַז זי איז גראָדע ניט אַזוי צופרידן מיט די דאָזיגע צוויי פאַרשוינען.

— אָ, יע — גיט קוים מאַניאַ אַ קוק אויף זיי — איז וואָס־זשע האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, מישאַ? — מאַכט זי צום ברודער אין רוסיש. — אָ, יאָ, איך האָב באַגעגנט . . .

און זי דערציילט דעם ברודער אַ גאַנצע מעשה, ווי זי האָט באַגעגנט דעם און דעם, און קוקט זיך שוין די גאַנצע צייט ניט אום אויף די צוויי בחורים... זי האָט ניט אַרויסגערעדט צו זיי קיין וואָרט, די שיינע מאַניאַ. גערעדט בלויז צו איר ברודער. אַרקעלע און יאַנ־קעלע זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט, ווי אָפּגעפּאַטשטע...

נאָכדעם איז זיך מאַניאַ אַרויסגעגאַנגען, אַ קאַלטן פאַרגויג זיך

שטאָן פאַר אירע צוויי לאַנדסלייט און זיך אַרויסגעשפּאַנט פון קענדיטאָר אַזוי מאַיעסטעטיש, מיט דעם זעלביקן שטעל ווי אין טשערעמעיעוו, ווען זי פלעגט פאַרבייגיין די גאַס מיט אַ רויט זאַנטיקל, אין ווייסע זיידענע הענטשקעס, אין לאַקירטע שיכעלעך, אין אַ טייערער קאָלירטער באַטיסטענער קלייד...

ווי אַזוי אַרקעלע האָט זיך באַקאַנט מיטן באַרימטן ניומע בעלצער

אַרקעלע און יאַנקעלע — צוויי פּאָריער יונגען. גיבן זיי אַ גיי אַרויס מיטאָג־צייט איבערן מאַרקעט, איז אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אין טשערעמעיעוו אין פּאָליש פון דער הויכער שול אַ שבת אָדער אַ יום־טוב ביים אויסנעמען.

— העלאָו דער, העלאָו יענער, העלאָו יורסעלף, העלאָו דער מאַמען דיינער.

יאַנקעלע דאַרף נאָך באַקענען זיין חבר אַרקעלע'ן מיט ניומע בעלצער.

— שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן — מאָלט ער אים אויס פאַר אַרקעלע'ן מיט פיל באַגייסטערונג — אַ בלאַטער יונג, און אַ קאָפּ האָט דאָס אויף זיך, און אַ צינגעלע־גנב, און ליב האָבן מיר אים, אַלע פּאָריער. אין פייער און אין וואַסער וועלן מיר פאַר אים שפּרינגען.

— איך האָב אים אין דער ערד — וויל אַרקעלע ניט וויסן פון קיין שום ניומע בעלצער.

— וועסט אים שוין ניט האָבן אין דער ערד, וואַרט נאָר אויס. שאַ נאָר, אָט איז ער טאַקע.

יונגען, פּאָריערס, איינס אין איינס, חברה מיט פּלייצעלעך, מיט ידים'לעך, מיט פייערדיגע קודלעס האָר, מיט ברענענדיגע אויגן, שטייען אַרום אַ חברה־מאַן אַזאַמינעם, און מען שלינגט יענעמס יעדן וואָרט און מען לאַכט און מען ווערטלט זיך.

— אָט דער, וואָס שטייט אינמיטן, איז ניומע בעלצער — מאַכט אַרקעלע מיט רעספּעקט.

באַטראַכט אים אַרקעלע. מעסט יענעם אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. דראָדלט זיך אָן. שפּיצט אָן די אויערן, שטעלט אַרויס די ברוסט,

פונקט ווי ער וואלט באגעגנט א שונא, און מען דארף וואך זיין מיט אלע אברים.

ניומע בעלצער רעדט איצט מיט די יונגען־פאריערס וועגן מיטינג, וואס דארף פארקומען אין אוונט. ס'וועט שוין היינט זיין דער אמת'ער הייסער מיטינג. אלע זאלן קומען. מען שמועסט, אז מען וועט היינט אויפנעמען די פראגע וועגן סטרייק. פילע פון דער אדמיניסטראציע זיינען געגן דעם סטרייק, וועט מען זיי שוין צווינגען פארדופן א סטרייק.

— העלאו, יאנקעלע — גיט ניומעלע א מאך מיט דער האנט.

— העלאו, העלאו, ניומע בעלצער — ווערט דער בחור רויט פון גרויס פארגעניגן, וואס ניומע בעלצער האט אים גלייך דערקאנט.

— און ווער איז דער לץ? — באמערקט גלייך ניומע בעלצער מיט זיינע פייערדיגע פלינקע ביר־אוינן דעם אנגעדראדלטן ארקעלע'ן.

— און וואס האסטו ארויסגעטאלאפטשעט אויף מיר א פאר עיגים?

— לאכט ניומע בעלצער מיט חן־קנייטשעלעך ארום מויל.

— מיין חבר — פארענטפערט אים יאנקעלע — מען רופט אים ארקעלע.

— העלאו, ארקעלע — שטרעקט אויס ניומע בעלצער זיין גע־זונטע, ווארעמע לאפע צו ארקעלע'ן.

— העי, פעטער, קוועטש ניט אזוי — באליידיגט זיך גלייך ארקעלע, וואס יענער האט אים א צו שטארקן דרוק געטאן די האנט — ווייל אז איך וועל דיר א קוועטש טאן, וועסטו גלייך דערזען דיין באבען אויף יענער וועלט.

— אט דאס, פארשטיי איך, איז א לשון — צעשמייכלט זיך ניומע בעלצער מיט צוויי רייען געזונטע שארפע ציינדלעך. — אלראיט, קוועטש, לאמיך טאקע זען מיין באבען אויף יענער וועלט. שוין לאנג, אז איך האב זי שוין ניט געזען.

לייגט זיך אן ארקעלע מיט זיין גאנצער גבורה, כאפט ארייז ניומע בעלצער'ס לאפע און פארקלעמט זי ווי אין א צוואנג.

— ניט שלעכט — לאכט ניומע בעלצער מיט די פייערדיגע אייגעלעך. — מ'דערקענט גלייך פון דעם קוועטש, אז ער איז פון אונזעריגע. אבער איצט, ארקעלע, לאמיך דיר א קוועטש טאן בלויז פון פריינטשאפט וועגן, פא דרוזשעסקי.

גיט זיך ארקעלע א צאפּל, אקוראט ווי מען וואָלט אים אָפּגעבריט. טוט אזש א פאַרבויג א קני, פון ווייטאָג.

לאָבן אַלע חברה, לאַכט אויך יאַנקעלע. ארקעלע איז אָנגעכמורעט. אויף אַזאַ כח האָט ער זיך שוין גאָרניט גערירכט. ער כמורעט זיך און כמורעט זיך, און פילט אַליין ניט, ווי ס'וואַקסט דער רעספּעקט צו דעם דאָזיגן חברה־מאַן מיט דער העלבלעכער קודלע האָר, מיט דעם פעסטן גרויסן שטערן, מיט די אייגעלעך וואָס שיסן פייער, מיט דעם געזונטן אויסגעקנאָטענעם פּנים, מיט די חן־קנייטשעלעך ארום מויל, מיט די בלענדנדיגע שאַרפע ציינדלעך...

און איצט, ברידער פּאַריער . . .

אויפן מיטינג איז מורא'דיג שטיל. עפּעס ווי אַזאַ אומיסטן צו־געגרייטע שטילקייט. דער זאַל איז איבערגעפּאַקט. מען זיצט ענג צונויפגעטוליעט. איין גאַנצע שטיק מאַסע. אקוראט ווי מען וואָלט זיך געהאַלטן ביי די הענט, איינער דעם אַנדערן. מערסטנס יונגוואַרג. ס'רוב בעסאַראַביער: פון ליפּקאַן, פון טעלענעשט, פון אַלעקסאַנדרען, פון רישקאַן, פון בעליץ, פון אָריעוו, פון קעשעניעוו און פון קאַלאַראַש.

עס רעדט דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן. ער רעדט לאַנג און נודנע. ער וויל באַווייזן, אַז איצטער איז ניט די צייט צו רופן א סטרייק. זאָל מען שוין ווי עס איז אָפּאַרבעטן דעם סעזאָן. אפשר נעקסטן סעזאָן, אַז גאָט וועט העלפן.

עס דרייען זיך אַרום אַזוינע חברה־לייט, וואָס ארקעלע דערקאָנט גלייך פון זייערע בלוטיגע פּנים'ער, אַז דאָס זיינען שוין די ריכטיגע גאָרגל־שניידער. קרומע מיילער אַזוינע, מיט מוטנע אויגן, און מיט רויטע אָנגעגאָסענע העלזער. פון זייער האַלטן די גאַנצע צייט די הענט אין די קעשענעס, שטויסט זיך שוין ארקעלע אָן, אַז אין די קעשענעס ליגן מסתמא נישט קיין סידורים'לעך, און אויך ניט קיין תהילים'לעך. עס ווערט אים זייער היים, ארקעלע'ן. ס'קיצלט אים אין די לאַפּעס. ער זוכט מיט די אויגן גיומע בעלצער. יענער זיצט זיך סאַמע אין דער ערשטער ריי. זיצט א מעכטיגער, מיט אויפגעהויבענע פּלייצעס, מיט דעם סטראַינעם, פולן, קרעפטיגן האַלז, מיט דעם העלן קודלעוואַטן קאָפּ.

ער נודיעט, דער ברודער פּרעזידענט פון די פּאַריער, רעדט און

רעדט. באַווייזט מיט אותות און מופתים, פאַרוואָס מען זאָל ניט דער־קלערן איצט קיין סטרייק. די מערהייט אָבער בלייבט קאַלט צו זיינע רייד... נאָכדעם נעמט דער פּרעזידענט רעדן וועגן נייעם טעקס, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט באַשלאָסן אַרויפצולייגן אויף יעדן יוניאָן־מאַן. באַווייזט ווידער מיט אותות ומופתים, פאַרוואָס יעדער איינער ערלעכער יוניאָן־מאַן דאַרף שטימען פאַר דעם נייעם טעקס. קלאַפּן אים בראַוואָ זייער ווינציק מענטשן, ווען ער פאַרענדיגט זיינע רייד. נאָכדעם ווערט שטיל. אַ באַדייטונגספולע שטילקייט... אַלעמענ׳ס בליקן זיינען געווענדט צו ניומעלע בעלצער. מען וואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. מען וואַרט, אַז ער זאָל זיך אויפהויבן און נעמען דאָס וואָרט, אָבער יענער בלייבט זיצן כלומרשט קאַלטבלוטיג. ער האָט צייט. זאָלן דערווייל אַנדערע רעדן.

— דאָס וואָרט האָט ניומע בעלצער — מעלדעט ענדלעך דער פאַרזיצער און וואַרפט באַדייטנדיקע בליקן צו די חברה־לייט מיט די הענט אין די קעשענעס.

הויבט גלייך אָן דונערן. טויזנט פּאָר געזונטע פאַריערשע לאַפּעס אַפּלאָדירן... און אַז ניומע באַווייזט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע, אַ שמייכלענדיגער, אַ היימישער, אַ הייסער און אַ קרעפטיגער, שטעלן זיך פילע אויף און מען שרייט און מען קלאַפּט: „ניומקעלע, ניומע בעלצער!״

— פונדעסטוועגן דאַרפט איר ניט אַזוי פיל קלאַפּן — שמייכלען די חן־קנייטשעלעך אַרום ניומעלע׳ס מויל. — באַהאַלט דערווייל אייערע לאַפּעס, ווייל איר וועט זיי דאַרפן האָבן פאַר עפּעס אַנדערש.

— אַ, אַ — כאַפּן אַלע גלייך דעם מיין פון זיין זאָג. — אַ, אַ — ווערט אַ גרויסער געלעכטער.

נאָכדעם ווערט שטיל. אַ הייסע שטילקייט. ניומע בעלצער ווערט ערנסט, גיט אַ שאַר אַוועק דעם ווידערשפּעניגן קאַשטאַנאָוון לאָקן, וואָס וויל רק קריכן אויף זיין שטערן און אים פאַרשטעלן אַן אויג. הויבט אָן מיט זיין זאַפטיגן בעסאַראַבישן וואַרעמען לשון, ווערט אַ נחת אַלע־מען אין די ביינער. צעשמייכלען זיך, צעקוועלן זיך פּנימ׳ער. אַרקעלע צעשמייכלט זיך אויך... עס געפעלט אים געוואַלדיג אָט דער דאָזיגער ניומע בעלצער.

די חברה־לייט מיט די הענט אין די קעשענעס קוקן מיט אָנגע־

שטרענגטע העלזער צו דער פּלאַטפאָרמע. זיי ווייסן נאָך ניט, וואָס מען דאַרף טאָן, אָבער זיי זיינען גרייט. דער עולם ווערט אויך אומרואיג. אַ שטילע אומרואיגקייט. די ווערטער ניומע׳ס פּלאַמען אויף. קיין שום וואָרט גייט ניט פאַרלוירן. יעדער וואָרט איז ביי זיי ריכטיג ווי גאָלד. אָבער ערגעץ לויערט די גרויסע סכנה.

ניומעלע קומט שוין צום סאַמע עיקר. ער קומט שוין צו יענעם וואָרט, אויף וועלכן אַלע האָבן געוואַרט און געריכט זיך.

— און דערפאַר — כאַפּט אַרום זיין שטימע ביז דעם ווייטסטן פּלאַץ, ביז דעם אָרט, וואו עס זיינען שוין ניטאָ קיין בענקלעך, און מען שטייט אויף די פיס, קאָפּ אויף קאָפּ — און דערפאַר, ברידער פאָריער, דאַרף מען ניט אָפּלייגן דעם סטרייק אין דער לאַנגער באַנק אריין. איצטער איז די ריכטיגע צייט.

— נאָו סטרייק! סיט דאַון, סיט דאַון! — שטעלט זיך אויף פון עולם איין חברה־מאַן, און נאָך אים, דאָ און דאָרטן, נאָך חברה־לייט.

— סטרייקן, סטרייקן! — פאַרשרייען הונדערטער פאָריערשע העלזער די עטלעכע חברה־לייט, וואָס ווילן ניט קיין סטרייק.

אין דער מינוט ווערט אַ קאָכנדיגע קאַשע פון גאַנצן עולם. אַרקעלע כאַפּט זיך ניט גלייך, וואָס עס איז פּלוצלונג געשען. ס׳איז געוואָרן אַ מישמאַש, און ער האָט זיך אין ערשטן אויגנבליק אויך פאַרלוירן אין דעם מישמאַש. דערנאָכדעם האָט ער פּלוצלונג דערזען, ווי די גאָרגל־שניידער הויבן אָן צו שפּרינגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי ניומעלע גיט זיך אַ דריי אוים ווי אַ בליץ, ווי זיינע פּלייצעלעך הויבן אָן צו אַרבעטן, ווי ער וואַרפט הענט אין אַלע זייטן.

דערהערט זיך אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. ווערט אַ געוואַלד, אַ געלויף. מען ברעכט שטולן, מען האַקט טירן, מען שפּרינגט דורך די פענצטער.

שפּרינגט אַרקעלע אויך, אָבער ניט דורכן פענצטער, נאָר איבער אַלעמענ׳ס קעפּ, און זיין חבר יאַנקעלע אויך נאָך אים. שפּרינגט אַרויף סאַמע דעמאָלט, ווען עס האַלט זיך אין אַראָפּלאָזן אַ שטיק אייזן איבער ניומעלע׳ס קאָפּ — פאַלט שוין ניט אַראָפּ דאָס שטיק אייזן איבער ניומעלע׳ס קאָפּ. אַרקעלע האָט שוין געזען, אַז עס זאָל ניט אַראָפּפאַלן. דאָס שטיק אייזן איז שוין ביי אים אין די הענט.

זיין חבר יאַנקעלע האָלט אויך אַ שטיק אייזן אין די הענט. וואו האָט זיין חבר יאַנקעלע אויך דערטאַפּט אַ שטיק אייזן? גייט אַרקעלע'ן איצט, אין דעם מאָמענט, ניט אָן.

לאָזן שוין די גאַרילעס אָפּ ניומע'ן אויף אַ ווייל און מען גיט אַ רינגל אַרום די צוויי חברים'לעך. שטעלן זיך ביידע חברים'לעך פּלייצע צו פּלייצע, ווי אַמאָל אין דער היים, ווען מען איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה שקצים. עס גייט איצט ניט ביידע חברים אין לעבן זיך שלאָגן איינציגווייז און זען ווער עס איז געזונטער. מען דערלאַנגט וואוהין עס טרעפט, און וואוהין עס טרעפט קומט צו ריוח. מען זעצט איבערן קאָפּ. מען כמאַליעט גלייך אין פּנים. מען פאַרפאָרט אין די אויגן. מען דערלאַנגט מיט די פיס אין די בייכער.

שפּרינגען גלייך אַרויף נאָך חברה־פּאַריער אויף דער פּלאַטפאָרמע און מען דערלאַנגט די גאַרילעס מיט באַנייטע כחות... דאָרטן אין זאַל איז אויך ווי אַ ווירבל־ווינט. מען דערלאַנגט דאָרטן אויך... אַ סך הענט הויבן זיך... מען שלאָגט אָן רחמנות... בלוט גיסט זיך...

— גייט ניט אַוועק — שרייט ניומעלע — צעלויפט זיך ניט. לאָמיר בלייבן אויף די ערטער.

אַ היפּשער עולם בלייבט אויף די ערטער. חברה גלייכן אויס די בענקלעך, מען זעצט זיך אויס... געלעכטער, פרייליכע אויסרופן...

— און איצט — רופט זיך אָן ניומעלע אַזוי רואיג און קרעפטיג, פאַרגלעט זיך די האָר, מאַכט זיך צורעכט דעם שניפּס — און איצט, ברידער פּאַריער, וועלן מיר ווייטער אָנגיין מיטן מיטינג...

און טריקן אויס, וואָס שנעלער . . .

— און פונדעסטוועגן „בי קערפול" — וואָרנט יאַנקעלע זיין חבר איינמאָל אַ מיטאָג־צייט, שפּאַצירנדיג איבערן מאַרקעט.

— ווער וועט מיך סטאָפּן?— צינדט זיך אָן גלייך דער שלעגער ביי אַרקעלע'ן אין די אויגן.

— ס'וועט נאָך זיין טראָבל. מען דאַרף ניט.

— טראָבל מאַי אַי! — רוקט זיך אָן אַרקעלע ס'קאַפּעליושל.

— איך זאָג דיר, מען דאַרף ניט. ס'איז דיר ניט אין טשערע־מעיעוו, מיט די שיקסעס דאָרטן.

— העלאָו קיד אַרקעלע. האַוואַריו, קיד אַרקעלע. סאָ לאָנג, קיד אַרקעלע — גריסן זיך מיט אים די פּאַריער־יונגען, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון די שעפּער כאַפּן אַ ביים, טאָן אַ שמועס מיט דעם און יענעם.

— קיד אַרקעלע — קווענקלט אָן יאַנקעלע, וואָס מען רופט דאָס חבר׳ל זיינס „קיד אַרקעלע״. — און זע, ווי אַלע אין מאַרקעט קוקן אויף דיר. אַ פּאַלנער קיסר. אָבער ווער, ווער, איך ווייס דאָך, אַז דו ביזט ניט מער, ווי אַ בורמילע.

— שאַראַפּ, באָסיאַק — גיט אים אַרקעלע אַ שמיר איבערן פּנים גלאַט אַזוי, פון פריינטשאַפט וועגן.

— און פונדעסטוועגן מעג דיר אָפּדאַרן דאָס הענטעלע דאָרטן — איז יאַנקעלע בייזלעך. — און פונדעסטוועגן — מאַכט ער אַ ווייל שפּעטער — ביזטו נאָך אַלץ ביי מיר אַ בורמילע גנב.

— העלאָו, קיד אַרקעלע — גריסט זיך אויך דער הויכער פּאָליס־מאַן מיט אַ ברייטן נאַרישן שמייכל.

— דו זעסט כאָטש — ווערט יאַנקעלע אינגאַנצן צעשמאָלצן פון נחת — דער שמש קאָן דיך שוין אויך.

אַרקעלע׳ן איז גוט ווי די וועלט. ער נעמט זיך איבער. שפּאַנט זיך איבערן מאַרקעט, ווי אַ שטאָט־באַלעבאָס. וויגט מיט די געזונטע פּלייצעלעך. טרעט קיינעם ניט אָפּ דעם וועג. גייט גלייך אויף מענטשן. קוקט יע־ן אין פּנים אַריין פרעך און חוצפּה׳דיג...

— פונדעסטוועגן, בי קערפול — וואָרנט אים יאַנקעלע נאָכאַמאָל, זעענדיג ווי דער חבר וויל זיך אויסדרייען צוריק אין שאַפּ אַריין.

— דאָנט באָדער מי, וויל יו! — צעשרייט זיך שוין אַרקעלע מיט אַ רציחה׳דיגן פּנים.

— געדענק, אַרקעלע בורמילע, זי וועט נאָך לויפן אין דער יוניאָן און צושטעלן דיר אַזאַ קנייטל, אַז דו וועסט זיך האַלטן און האַלטן.

— איך פייף אויף דער יוניאָן!

וואָס זשע קאָן שוין מאַכן יאַנקעלע מיט זיין חבר׳ל, אַז ער פייפט אויף יעדערן ? ! דאָס האָט יאַנקעלע געוואָלט אים אָפּרעדן, ער זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט דער איטאַליענישער מיידל, וואָס אַרבעט מיט זיי אין זעלביגן שאַפּ. אַרקעלע האָט זיך געטשעפּעט צו איר, און די איטאַ־ליענישע מיידל איז גאָר ניט געווען אַזוי גליקלעך, וואָס אַרקעלע האָט

זיך געטשעפּעט צו איר. זי האָט אים געשאָלטן מיט טויטע קללות אין איטאַליעניש.

וואָלט זיך אָבער דער דאָזיגער אַרקעלע בלויז באַנוגנט מיט טשעפּען! ווייסט אָבער יאַנקעלע, אַז דער חבר זיינער וועט וועלן גיין נאָך ווייטער. ער קען אים שוין גוט, דעם דאָזיגן בורמילע.

— גיי ניט אַרויף, בעט איך דיך — זאָגט ער, ווי דעם חבר׳ס אויגן זיינען מלא חמור־אייזל — די אַרבעטער וועלן באַלד אַרויפקומען. און וואָס פּלוצלונג איז דיר איצטער אָנגעקומען, ווי אַ גוי אונטערן באַרג? ערגעץ אַנדערש איז אַלראַיט. איך וואָלט זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט. אָבער אין שאַפּ גאָר? בורמילע איינער!

נעמען זיך ניט אָן ביי אַרקעלע׳ן דעם חבר׳ס רייד. ער האָט שוין לאַנג געטשאַטשעוועט אויף דעם מאָמענט. ער האָט געזען, ווי זי איז געבליבן אַליין אין שאַפּ. אַלע אַרבעטער זיינען אַראָפּגעגאַנגען כאַפּן אַ ביים. יענע האָט זיך, ווייזט אויס, מיטגענומען עסן פון דער היים, איז זי געבליבן אין שאַפּ. ער וויל גאָרניט טראַכטן, וואָס עס וועט זיין דערנאָכדעם.

— און טריקן אויס, וואָס שנעלער! דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, יאַנקעלע באַסיאַק?

— אַז טרוקן זאָל דיר שוין ווערן אין האַלז און אין די קישקעס, און אין אַלע דיינע ביינער! — גייט פונדעסטוועגן יאַנקעלע אָפּ.

גייט יאַנקעלע אָפּ און שטעלט זיך קעגנאיבער אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר, פּאַרייסט די אויגן אַרויף. אָבער וואָס קאָן ער שוין זען, אַז דער שאַפּ איז גאָר אויפן צוועלפטן שטאָק?!...

וואָס איז דיין עסק?

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך ניומע בעלצער פּלוצים געיאַוועט אין שאַפּ. סאַמע צו מיטאָג־צייט איז ער געקומען (ניומע האָט געאַרבעט מיט אַ דריי בלאָק ווייטער).

האָבן די אַרבעטער שוין פאַרשטאַנען, צוליב וואָס ניומעלע איז געקומען. יאַנקעלע האָט אויך גלייך פאַרשטאַנען, אַז ניומעלע וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט אַרקעלע׳ן פאַר נעכטן... זי האָט דאָך אַלע אַרבעטער דערציילט, וואָס ער האָט איר געוואָלט טאָן.. זי האָט אים

געהאלטן אין איין זידלען אויף א קול איבערן גאנצן שאפ... דער חבר זיינער, נעבעך, האט מורא געהאט אויפצוהויבן דעם קאפ. דאס גאנצע פנים איז ביי אים איצט צעדראפעט... פארנאכט איז די איטאליענערקע געלאפן צו דער יוניאן... היינט אינדערפרי איז געקומען דער ביזנעס־אגענט און געמאכט א ספראווקע... ס'טוט זיך אויף טישן און אויף בענק.. דער גאנצער מארקעט גייט כאדאראם...

— גייט אייך, גייט אייך — טרייבט ניומעלע אלעמען ארויס פון שאפ. — איך וויל דא בלייבן מיט ארקעלע'ן אליין. איך דארף זיך מיט אים א ביסעלע דורכשמועסן.

ווייסן שוין אלע, וואס עס הייסט ביי ניומעלע'ן „זיך דורכ־שמועסן". וויל מען טאקע איבערבלייבן און זען, ווי ניומעלע „שמועסט" זיך דורך מיט ארקעלע'ן. אבער אז ניומעלע האט געהייסן גיין, מוז מען גיין.

— און שטייט מיר דארטן נית הינטער דער טיר אונטערצוהערן זיך, ווייל אז איך וועל עמיצן כאפן דארטן הינטער דער טיר, וועט יענער מער שוין נית באדארפן.

:: :: ::

איז שטיל אין שאפ. קוקט ניומעלע מיט צארנדיגע פייערדיגע אויגן אויף ארקעלע'ן. לאזט יענער אראפ דעם קאפ.

— קוק מיר גלייך אין די אויגן אריין! — מאכט ניומע באַ־פעלעריש. — קוק מיר אין די אויגן, דו זשלאב איינער.

און איידער וואס וועז — טראך אין פנים אריין. ווערט ארקעלע געוואלדיג בייז פון דעם טראך. קאכן אויף אלע זיינע טריפה'נע בלוטן. גיט ער א שפרונג צום טיש און כאפט א שער.

— לייג אוועק די שער — דערשרעקט זיך ניומע אויף קיין האר נית, בלייבט שטיין מעכטיג, סטראשענדיג און באפעלעריש. — לייג אוועק די שער.

קאן זיך ארקעלע קיין רעכענונג נית אפגעבן, פארוואס ער פאלגט אוים, און לייגט צוריק אוועק די שער. ווי א כישוף וואלט אים יענער אפגעטאן.

און ערשט איצטער האט ניומעלע זיך גענומען צו אים. נעפליאס־קעט אין די באקן, אים געקאדויטשעט איבערן קאפ, און יענער, ווי ער וואלט גארנית געווען ארקעלע בורמילע, דער קיסר איבער דער

טשערעמעיעווער באָסאָטאַ. מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים, הוידעט ער זיך אין אַלע זייטן, אַ צעטומלטער, אַ צעשראָקענער, אָן אָפּגעשוואַכטער, און קאָן זיך גאָרניט ווערן.

— נעם אַוועק די לאַפּעס פון דיין קאַצענער צורה, איך וועל דיך שוין מערער ניט טשעפּען — איז ניומעלע געוואָרן מילדער, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן זיינס. — נעם אַוועק די לאַפּעס. לאָמיך דיך אָנקוקן. אַזוי, אַ שיין פּנים האָסטו ביי מיר, דו בורמילע איינער. ווייסטו כאָטש, פאַרוואָס איך האָב דיך אָנגעבאַגראָבן? יאָ, דו ווייסט. איז איצטער זעץ זיך אַנידער, און מיר וועלן זיך דורכשמועסן, ווי צוויי חברים, און דאַרפסט זיך גאָרניט ערגערן. איך האָב שוין גרעסערע העלדן ווי דו דערלאַנגט. פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? פאַרוואָס?

— וואָס איז דיין עסק?... — האָט אַרקעלע גלייך חרטה, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט.

— וואָס איז מיין עסק? — איז שוין ניומע מער ניט בייז — ס'איז מיין עסק, ווייל דו ביזט פון אונזעריגע. און אַן אונזעריגער דאַרף זיך אויפפירן ליטיש אומעטום: אין דער יוניאָן, אין שאַפּ, אפילו אין הויז. איין פאַרשיווע שעפּעלע קאָן פאַרפּאַסקודיען אַ גאַנצע טשערעדע. מ'האָלט דאָך שוין אין איין רעדן אין מאַרקעט צוליב דער נעכטיגער געשיכטע: „די לינקע זיינען אַזוינע, די לינקע זיינען אַזעלכע." ביזט אַ אונזעריגער, טאָרסטו ניט פאַרפלעקן אונזער נאָמען. וואָלסטו ניט געווען פון אונזער חברה, וואָלט איך דיך געהאַט טיף־טייער אין דער אדמה, וואָלט מיך ניט געאַרט אַפּילו, ווען דו הענגסט זיך אויף.

זיצט אַרקעלע אַנטקעגן ניומע'ן, ווי אַ פאַר'משפּט'ער צום טויט. ער פילט זיך גוואַלדיג שולדיג און זינדיג, און דער עיקר, ער וויל ניט, אַז ניומע זאָל זיין בייז אויף אים.

— איך שווער ביי גאָט...

— וואָס שווערסטו ביי גאָט? — צעשמייכלען זיך שוין די חן־קנייטשעלעך אַרום ניומע'ס מויל. — וואָס פאַר אַ מחותן איז אַזאַ בורמילע ווי דו מיט גאָט? אָבער סיי ווי סיי, גיב אַ האַנט, דו זשלאָב איינער.

גלייבט זיך ניט אַרקעלע, צי מיינט יענער דאָס באמת. יאָ, ער

מיינט דאָס באמת. זיינע פּייערדיגע ברוינע אויגן זיינען פול מיט ווארימקייט. זיינע שארפע ווייסע ציין לאַכן מיט פריינטשאַפט.

— ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיגן, ניומעלע בעלצער — קלאַפּט זיך ארקעלע אין הארצן אריין מיט פיל חרטה. — איך וועל שוין מער ניט. ווען זען, אז איך וועל שוין מערער ניט. זאָל מיך כאַפּן אַ כאַליעריע, זאָל אין מיר אריין אַ דונער.

— קיין כאַליערע וועט דיך שוין ניט כאַפּן — קלאַפּט אים ניומע גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע — און קיין דונער וועט שוין דיך אויך ניט נעמען. לייענען און שרייבן קענסטו עפּעס, דו זשלאָב איינער?

— ניין.

— אודאי, ווי קומט צו דיר קענען? אַט שרייב איך דיר אָן אַ צעטעלע. אויף פּערצנטער גאַס איז דאָס. אַ פּלאַץ אַזאַ, וואו מען לערנט אוים אַזעלכע זשלאָבעס ווי דו צו זיין מענטשן. גיב דאָס דעם סעקרעטאַר, און יענער וועט פאר דיר שוין קריגן אַ לערער, וואָס וועט דיך שוין אויסלערנען איבער'צלמ'ען זיך. נו, זיי געזונט, דו בורמילע דו, און געדענק...

ווען מיין באָבע וועט לייגן אייער . . .

איז ארקעלע געזעסן אויפן בענקל. דאָס פּנים רויט ווי ביי אַ ראַק. אין מאַנטל איז ער געזעסן. אין אַ ליידיגן צימער פון ארבעטער־אוניווערזיטעט איז ער געזעסן מיט אַ הויכן, דארן בחור.

— טוט אויס דעם מאַנטל, וועט אייך זיין לייכטער — מאַכט צו אים דער דארער הויכער לערער.

וויל ניט ארקעלע אויסטאָן זיין מאַנטל. ער וועט זיצן אין מאַנטל. אויף צו־להכעיס... אויף צו־להכעיס ועמען? ווייסט ער ניט. אָבער ארקעלע איז בייז. ער וועט, דאכט זיך, באַלד אנטלויפן. אַ שפּיי טאָן אויף דעם גאַנצן ענין און אנטלויפן.

ער איז בייז, ארקעלע. ער שוויצט. ער קאָן ניט אָטעמען. אויס־טאָן דעם מאַנטל מיינט טאָקע אויפן רעכטן אמת. ניין, ער וועט זיצן אין מאַנטל, נישקשה.

— איר דאַרפט ניט זיצן אַזוי שווער — שמייכלט דער דארער לערער מיט דינע ליפּעלעך.

פאַרשטייט ניט ארקעלע, וואָס מיינט זיצן שווער. ער האָט נאָך

קיינמאָל ניט געהערט, אַז מען זאָל זאָגן, אַז אַ מענטש זיצט שווער. מען זיצט און פאַרטיג.

— מען האַלט דעם בלייפעדער אָט אַזוי — פאַרקוועטשט דער הויכער דאַרער בחור דעם בלייפעדער צווישן גראָבן און ציינ־פינגער.

זאָגט זיך אָפּ ארקעלע'ס גראָבער פינגער מיטן שוואַרצן נאָגל צו פאַרקוועטשן דאָס בלייפעדערל. ער רעוואָלטירט, דער גראָבער פינגער. שטייט אָפּ. האָט זיך מורא צורירן. ער וויל ניט, דער גראָבער פינגער, האַלטן דאָס דינע שטעקעלע. ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געהאַלטן אַזאַ זאַך.

די גאַנצע שווערע לאַפּע זיינע מיט די בלאָנדע הערעלעך אויף די פינגער זאָגט זיך לחלוטין אָפּ פון אַזאַ זאַך. די דאַזיגע געזונטע, שווערע האַנט זיינע האָט געקאָנט דערלאַנגען אַ טראַסק, אַז ס'איז יענעם פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די דאַזיגע יד זיינע איז געווען גאַנץ היימיש מיט אַ שווער שטיק אייזן, מיט אַ נאַשפּיצניק, מיט אַנדערע נויטיגע כלי־זיין. מיט דעם דאַזיגן דינעם בלייפעדער אָבער קאָן זי ניט ווערן היימיש. אַן אָנשיקעניש עפּעס, אַ כאָליערע.

— וועלן מיר צום אַלעם ערשטן שרייבן: „מאַמע" — איז דער דאָזיגער דאַרער לערער גוואַלדיג געדולדיג מיט דעם בורמילע. — אָט אַזוי, איר זעט. זייער גרינג. פריער מאַכט מען דאָס, דערנאָכדעם מאַכט מען דאָס, און ווידעראַמאָל דאָס ערשטע און צו לעצט דאָס, און פאַרטיג, ס'מאַכט שוין „מאַמע". זייער פּשוט.

זייער פּשוט, אַז דער שפּיץ פון בלייפעדער גיט גלייך אַ פּאָר אוועק אין פּאַצן זייט.

— אַ כאָליערע! — שוויצט ארקעלע אַ סכנות און וויל באַהערשן דעם דינעם שפּיץ פון בלייפעדער, ער זאָל גראָדע גיין וואו מען באַדאַרף — אַ כאָליערע, און — טראַך, ניטאָ מער קיין שפּיץ.

— אַז איך בין אַ זשלאָב. אַז איר וועט שוין גאָרניט מאַכן מיט מיר — ווילט זיך זייער ארקעלע'ן גלייך אויפגעבן דעם גאַנצן עסק.

— ס'איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט — פאַרשניצט דער לערער אַ נייעם שפּיץ און פאַרקרימט זיך גאָרניט. — איצט פּרובירט נאָכאַמאָל, קוועטשט ניט. לייכט. עלעהיי, איר האַלט גאָרניט אין דער האַנט.

ברעכן זיך די שפּיצן. שמאַרצט די האַנט. דרייט זיך דער קאָפּ. ציען די פיס. ער האַלט זיי שטייף, די פיס. שטייף איז יעדער אבר,

אַקוראַט ווי מען דאַרף באַלד מאַכן אַן אָפּעראַציע, און די אבֿרים ווילן זיך ניט לאָזן.

— מאַמע, מאַמע — זאָגט ער זיך אַליין אונטער דער נאָז — מ—אַ—מ—ע. אַכטי... — מאַכט ער אַ רוסישע „ברכה" אין דער שטיל.

— אויסגעצייכנט, וואונדערבאַר! — דערפרייט זיך יענער מיט זיין „מאַמע". — גוט, פיין, שרייבט נאָך אַ מאָל.

שרייבט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און ס'גלויבט זיך אים גאָר־ניט, אַז די דאָזיגע פיר פּלעקן זאָלן מאַכן „מאַמע". אַ מאַמע, ווייסט ער, איז אַ פּאַר'דאגה'טע אידענע, אין אַ קאָפּן־טיכל, מיט אַ סך קליידלעך, שמעקט מיט פיש און מיט זויער־טייג. אַ מאַמע שעלט זיך, דערגייט די יאָרן, מוסר'ט און קנייפּט.

— ס'איז גוט, פיין. אָט אַזוי, בראַוואָ, בראַוואָ! און איצטער וועלן מיר שרייבן: „מאַשע".

— מאַשע?! — דערשרעקט זיך אַרקעלע.

פונוואַנעט קאָן דען דער לערער מאַשע'ן? אַרקעלע קאָן זייער גוט מאַשע'ן. זי איז געווען אַ דינסטמיידל ביי איציק רידער'ן אין הויז. זי האָט אים ניט איין מאָל אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער, אָט־די סמערוווע. „מאַשע", „מאַשע", שרייבט ער איצטער איר נאָמען, און ער זעט זי אַ לעבעדיגע, מיט די באָרוועסע פיס, מיט די לאַנגע צעפּ, מיט די נאַקעטע רויטע הענט.

אָבער ער האָט זיך דאָ ארייגגע'גנב'עט, דער דאָזיגער יאַנקעלע, אהער. וויפיל אַרקעלע האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט סמייען אַריינ־צוקומען. שטייט ער דאָ איצט, דאָס באַסיאַקל, מיט אַ פּנים פול מיט געלעכטער און חוזק. ס'איז אים טשיקאַווע צו זען, ווי מען לערנט שרייבן דעם חבֿר זיינעם, דעם בורמילע.

— איך האָב דיר געזאָגט . . . — שפּרינגט אויף אַרקעלע, און פאַרן לערער אין די אויגן טוט ער אַ טשמעל דעם חבֿר זיינעם איבערן קאָפּ.

— כאַ, כאַ, כאַ — נעמט יענער צו דעם טשמעל און לויפט גלייך אַרויס... אַ וויילע אַרום עפנט ער ווידער די טיר און שרייט אַריין:
— ווען מיין באָבע וועט ליגן אייער... כאַ, כאַ, כאַ.

— איר זעט כאָטש? — קלאָגט זיך אַרקעלע פאַרן לערער.

יאָ, ער זעט, וואָס פאַר אַ פיין הענטעלע זיין תלמיד האָט צום שלאָגן.

— ניט געזאָרגט, חבר — איז דער לערער פול מיט נעדולד. — איר וועט זיך דערנאָכדעם רייצן מיט אים. שרייבט, אָט אַזוי. פיין. וואונדערבאַר. אויסגעצ־יי־כ־נט...

דאָס גרויסע שטיק גוטס אין זיין לעבן . . .

עפנט מען אַ טיר, גיבן זיך אַלע פּנים'ער אַ קער צו דער טיר. כאַפּן אויף צענדליגער אויגן אָט דעם אַרקעלע'ן פון טשערעמעיעוו, אָט דעם בורמילע פון בעסאַראַביער שטעטל, וואָס שטייט ווי אַ פאַר־משפּט'ער צום טויט, אָט וועט מען אים באַלד פירן הענגען.

געדענקט שוין ניט אַרקעלע, ווי ער האָט זיך אַנידערגעזעצט דאָרטן. געדענקט ער שוין אויך ניט, וואָס דער נייער לערער האָט צו אים געזאָגט, וואָס ער האָט געזאָגט צום נייעם לערער. ס'איז שוין אַזוי לאַנג, דאַכט זיך אים אויס, אַז ער זיצט דאָ איינגעליינט אויפן בענקל אין דער פאָדערשטער ריי. האָט זיך מורא אומצוקוקן צו די הינטער־שטע רייען. האָט מורא צו קוקן פאַראויס פאַר זיך. קוקט אַראָפּ צו דער פּאָדלאָגע, און ס'טיאַכקעט אים דאָס האַרץ, און ס'שווינדלט אים פאַר די אויגן, און ס'שטיקט אים אין קאָלנער.

ער האָט נעבעך ניט געוואָלט, אַרקעלע. ער האָט זיך געווערט נעגן אָט־דעם נייעם אומגליק מיט אַלע זיינע כחות. דער סעקרעטאַר פון אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט האָט שוין אָבער געמאַכט דעם ריכ־טיגן דזשאַב אויף אים. דער דאָזיגער שוואַרץ־חנ'עוודיגער יונגער־מאַנטשיק מיט די ממזר'שע, קלוגע, קורציזכטיגע אויגן האָט אים שוין אמת'דיג פאַרנאַרט.

— האָט איר דען ניט געוואוסט — האָט יענער נאָך געהאַט אַ טענה צו אים, צו אַרקעלע'ן — אַז דאָס וואָס איר האָט געלערנט ביז אַהער פּריוואַט איז בלויז געווען אַ צוגרייטונג צום רעגעלן קלאַס? וואָס מיינט איר זיך, איר ווילט ניט?!...

דאָס לערנען זיך מיטן אַלטן לערער אין ליידיגן צימער איז שוין געווען טויזנט מאָל בעסער. ס'איז געווען, ווי אַ פאַרבאַהאַלטענע זאַך, ווי אַ סוד פאַר אַלעמען, אַן אַנגענעמער סוד. דאָ אָבער, צווישן אַזוי פיל מענטשן, איז אַקוראַט ווי מען נעמט דיך אויף דער העצקע.

וואָלט שוין אַזוי אויך געווען צו דערליידן. עפנט זיך פּלוצלונג די טיר, און ס'קומט אריין ניט קיין אַנדערער, ווי ניומע בעלצער אַליין. ער קומט אַריין און שמייכלט צו אַלעמען. שמייכלען אַלע פריינטלעך צו אים. מען קען אים שוין, אַט דעם ניומעלע'ן, גאַנץ ניו יאָרק קען אים שוין.

— איך בין געקומען — מאַכט ער גאַנץ היימיש און פריי — צו זען ווי מען לערנט דאָ אין אידישן אַרבעטער־אוניווערזיטעט.

— מהיכא תיתא, מהיכא תיתא — גיט אים אָפּ דער לערער אַ סך כבוד, אַט דעם ניומעלע בעלצער'ן.

איז אָבער שוין טאַקע זייער שלעכט איצט אַט־דעם אַרקעלע'ן. אַ, ווען ער קען אויסרינען פון דאַנען! עס וואָלט געווען אַ מחיה. דער לערער זאָל אים כאָטש ניט אויסרופן איצט, פונקט דעמאָלט, ווען ניומע בעלצער זיצט און קוקט מיט זיינע פייערדיגע אויגן.

— אַרקעלע מעכלים — ווייסט גאַרניט דער לערער, ווי שווער ס'וועט זיין אַרקעלע'ן זיך אויפהויבן אונטער אַלעמענס קוקערס און צוגיין צו דעם טאָוול, און באַזונדערס נאָך אונטער אַט־דעם ניומעלע'ס ממזר'ישע קוקערס. — אַרקעלע מעכלים, קומט צו דער ברעט.

„צו דער ברעט, צו דער ברעט" — איז אַרקעלע פאַרביטערט.

— נעמט די קרייד אין די הענט.

האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געשריבן מיט קיין קרייד, אַרקעלע. ער האָט מורא פאַר דעם שטיקל קרייד. אפילו מיט אַ בלייפעדער וואָלט ער אויך איצט גאָרניט געקאָנט מאַכן אונטער אַזוי פיל אויגן.

— איז ווי איך האָב פריער געזאָגט — מאַכט דער לערער מיט אַ גרינגען געמיט — אַז דאָס בעסטע איז זיך אויסצודריקן אין קורצע זאַצן. אַ קורצער זאַץ איז אַ סך ווירקנדיגער ווי ניין מאָס רייד. איז, אהרן מעכלים, לאָמיר זען. אָט, צום ביישפּיל, עמיצער דיסקוטירט מיט אייך און רעדט, און רעדט, און לאָזט אייך בשום אופן ניט זיך אַנצורופן מיט עפּעס אַ וואָרט, און איר ווילט אים זאָגן, אַז ער זאָל אייך אויך לאָזן קומען צום וואָרט, איז ווי אַזוי, אַ שטייגער, וואָלט איר דאָס געטאָן, באַנוצנדיג זיך בלויז מיט אַ קורצן זאַץ?

פאַרשטייט ניט אהרן מעכלים וואָס יענער וויל פון זיין לעבן האָבן. ער וויל זיך אַזש צעוויינען, וואָס ער פאַרשטייט ניט. קוקט ווי אַ טויבער אויפן לערער.

איז דער דאָזיגער נייער לערער פונקט אַזוי געדולדיג ווי יענער לערער. דערקלערט ער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. קומט שוין אַ קלאָרקייט צו אַרקעלע׳ן. עפּעס פאַרשטייט ער שוין דאָ. נעמט זיך שרייבן. און דאָ ווערט אַזוי שטיל אין קלאַס, אַזאַ מין מורא׳דיגע שטילקייט. ער פירט מיטן קרייד איבערן האַלץ. ס׳קריצט דאָס האָלץ. מאַכט ער ביי זיך אין האַרץ אַ גרויסע זעקס־גאַרנדיגע איפּע דעם פאַרהאַסטן שטיקל קרייד, וואָס האָט זיך אַזוי צעסקריפּעט פונקט ווי אויף צו־להכעיס. מיט פּיין און מיט לייד, מיט שוויים און מיט גרויס האַרעוואַניע קריצט ער אויס דעם קורצן זאַץ און עס קומט ביי אים אויס אַזוי:

„פאַרמאַך דיין פּיסק און לאָז מיך שוין אויך אַמאָל דבר׳ן."

— כאַ, כאַ, כאַ — שיסט אויס דער גאַנצער קלאַס אין אַ גרויסן געלעכטער.

לאַכט אויך דער לערער, אָבער ער קוקט מיט גוטע אויגן אויף אַרקעלע׳ן.

— ס׳איז זייער גוט — מאַכט דער לערער אין דער הויך — אויס־געצייכנט. אויף אַזאַ גוטן קורצן זאַץ האָב איך זיך גאָרניט גערעכט.

„אויסגעצייכנט", האָט געזאָגט דער לערער. ניומע בעלצער, זעט אַרקעלע פון אַ זייט, שמייכלט אויך מיט גוטע אויגן. נאָכן קלאַס האָט אים ניומע בעלצער אויסגעשטרעקט אַ פריינטלעכע וואַרימע האַנט. געזאָגט, אַז ער איז צופרידן מיט אים, מיט אַרקעלע׳ן.

האָבן געזונגען אַלע גאַסן, ווען ער האָט זיך נאָכדעם געלאָזט אַהיים. אַ גרויס שטיק נחת אין האַרצן. ער האָט היינט געזיגט. ער איז אַ העלדישער אַרקעלע. ניט נאָר איז ער איינער פון די שטאַרקסטע צווישן אַלע חברה, נאָר ער וועט שוין אויך זיין דער בעסטער קענער. ער זעט שוין. כאַ, כאַ, כאַ — לאַכט ער צו זיך הויך אויף אַ קול — אַרקעלע בורמילע אין אַן אַרבעטער־אוניווערזיטעט, כאַ, כאַ, כאַ...

:: :: ::

די דאָזיגע עפּאָכע זיינע אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט איז פאַר אים געבליבן ווי אַ גרויס שטיק גוטס אין זיין לעבן. שפּעטער מיט יאָרן, ווען אַרקעלע׳ן איז אויסגעקומען איינשטעלן זיין לעבן, און ער איז געווען אין אַ גרויסער געפאַר, האָט אויפגעבליצט אין זיין גע־דעכעניש דאָס גרויסע שטיק גוטס, און ס׳האָט אים געוואַרעמט, און ס׳האָט אים געמוטיגט, און ס׳האָט געגעבן האָפענונג און גלויבן...

שאַ, זאָל זי אים שפּילן יענע מעלאָדיע . . .

„מיין ליבע און טייערע מאַמע.

„איך, דיין זון אַרקעלע, שרייב דיר אַ בריוועלע מיט מיינע אייגענע הענט. ניט יאַנקעלע באָסיאַק שרייבט פאַר מיר אָט דאָס בריוועלע, נאָר איך טאַקע, אַרקעלע מאַכלעס, אַליין. איך בין שוין ניט קיין בורמילע. איך קאָן שוין שרייבן, און לייענען אויך. איך לייען שוין אין די פּעיפּערס, אין די גאַזעטן מיין איך. איז, ליבע מאַמע, ווי אַזוי־זשע לעבט זיך דיר? האָסטו זיך געקויפט קאַלאָשן, ווי איך האָב דיר געהייסן? שפּאָר ניט דאָס, מאַמע, ווי דיין טבע איז צו שפּאָרן, ווייל איך פאַרדין דאָ גענוג געלט. און וועגן מיר, מאַמע, זאָלסטו זיך גאָרניט זאָרגן. דער רוח וועט מיך ניט נעמען. איך בין געזונט און שטאַרק און ווינטש דאָס זעלבע פון דיר צו הערן. דיין געטרייער זון אַרקעלע.”

אַ מענטש זאָל דיר קאָנען רעדן פון דריי טויזנט מייל ווייט צו אַ מאַמען! ער קאָן זיך דאָס ניט גלויבן. זיין מאַמע, אַי, אַי, זיין מאַמע! זיך שוין גענוג אָנגעליטן פון אים, דעם בורמילע! ווי אַזוי זשע וועט דאָס זיין? דער בריוו־טרעגער וועט אַריינטראָגן דאָס בריוועלע, די מאַמע וועט גלייך ווערן צעטומלט, כאַפּן אַ שאַל אויף די פּלייצעס און לויפן צו ישעיה דעם מלמד, ער זאָל איבערלייענען דאָס בריוועלע. וועט ישעיה דער מלמד אָנטאָן די ברילן, זיך נעמען לייענען די ערשטע ווערטער און וועט זיך גאָרניט גלויבן. זיין מאַמע וועט זיך צעוויינען פון נחת. דערנאָכדעם וועט מען זיך אין גאַנץ טשערעמעיעוו דערוויסן, וועט דאָס גיין פון מויל צו מויל: „איר האָט געהערט, אָט דער דאָזיגער בורמילע, אָט דער דאָזיגער גויעץ?”

ס'איז אַרקעלע'ן געוואָרן אַזוי טרויעריג. ס'האָט אים פּלוצלונג אָנגענומען אַ גרויסער רחמנות צו זיך אַליין, צו זיין מאַמען און צו אַלע זיינע נאָענטע, וואָס זיינען געבליבן אין טשערעמעיעוו. אַ גרויסע וואַרעמקייט און ליבשאַפט דערפילט ער אויך צו זיין חבר יאַנקעלע באָסיאַק, וואָס ליגט איצט אין בעט און שלאָפט זייער געשמאַק. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, יאַנקעלע, ביז דער חבר וועט אָנ־שרייבן דאָס בריוועלע, ווייל ער האָט דאָס געוואָלט דערנאָכדעם איבער־קוקן, צו זען, אויב ס'איז טאַקע פּראַווילנאַ.

— יאַנקעלע, יאַנקעלע — טאָרעט אים דער חבר.

— א, וואס איז? — כאפט זיך יענער אויף דערשראקן.
— נא, לייען.

לייענט יאנקעלע אין דער הויך. לייענט יעדעס ווארט מיט גרויס כונה. נאך יעדן איבערגעלייענטן ווארט כאפט ער א קוק צום חבר, צו זען אויב ס'איז טאקע ממשות'דיג, אדער ס'איז בלויז א חלום. זיצט ארקעלע פארשעמט, ווי א חתן־בחור, וואס זיצט דאס ערשטע מאל לעבן דער כלה. ס'ציטערט און עס פלאטערט אים דאס הארץ. ס'ווילט זיך אים אזש וויינען פון פרייד, זעענדיג ווי דער חבר לייענט אזוי דייטלעך און קלאר יעדעס ווארט.

— בורמילע גנב! — גיט אים יאנקעלע פון גרויס פרייד א פאר־פאר אין א זייט.

לאזט זיך ארקעלע. ער ענטפערט ניט צוריק. געוויינלעך אין אזוינע פאלן דערלאנגט ער צוריק, אויך פון פריינטשאפט וועגן. איצטער אבער לאזט ער זיך.

— בורמילע גנב! ווער וואלט זיך געריכט אויף אזא זשלאב!

ארקעלע טוט זיך אויס, לעשט אויס די ליכט, לייגט זיך לעבן זיין חבר יאנקעלע. ער פילט זיך איצט ווי א פרומער איד, וואס האט ערשט אפגעלערנט זייער געשמאק א בלאט גמרא, און איצט לייגט ער זיך שלאפן מיט א קלארן געוויסן און ריינעם געדאנק.

דער חבר ווערט גלייך צוריק אנטשלאפן. ארקעלע אבער קאן ניט איינשלאפן. ס'איז אים אי טרויעריג אי פריילעך. ס'קומט פלוצלונג אים ארויף אויפן געדאנק מאניא באלאבאן. ער דערמאנט זיך אן די שמעקנדיגע זומער־נעכט, ווען ער פלעגט שטיין הינטער די פענצטער פון איר הויז און זיך צוהערן, ווי זי שפילט אויף דער פיאנא. עס פאלט אים פלוצלונג איין, אז איצטער, ווען ער קומט צו מאניא'ן, וואלט זי שוין זיך ניט אזוי געגרויסט איבער אים. ווייל פריער איז ער טאקע געווען א בורמילע, אבער איצט איז ער שוין גאר אן אנדער ארקעלע. אז ער קאן מיט זיינע אייגענע הענט אנשרייבן א בריוועלע צו דער מאמען, אז ער קאן שוין איבערלייענען א פעיפער פון אנהויב ביזן סוף, קומט אים שוין, אז מאניא זאל רעדן צו אים ווי צו א גלייכן.

וואס וואלט געווען, ווען ער קומט זיך טאקע ארויף צו איר אין הויז — ניט אין קענדי־סטאר, נאר טאקע גלייך צו איר אין הויז? ער וועט איר גלייך זאגן, אז: זיי וויסן, מאניא, אז איך בין שוין ניט יענער ארקעלע, און האסט זיך שוין ניט מיט מיר וואס צו שעמען.

וועט מאניא זיך צערײדן מיט אים. וועט זי טאקע גלײך דערזען, אז ער איז שוין עס, עס, באלד כמעט אזוי געלערנט ווי זי. וועט זי ווערן פרײנטלעכער צו אים. וועט זי אים אפשר ליב באקומען אויך. וועט ער מיט איר אויסגײן אין טעאטער. וועט ער מיט איר שפאצירן איבערן פארק אזוי לײטיש און אײדל. דערנאכדעם וועט מען חתונה האבן. וועט ער איר קויפן א פיאנא. וועט זי שפילן פאר אים אויף דער פיאנא. וועט ער שוין ניט דארפן שטײן הינטערן פענצטער, ווי אמאל אין טשערעמעיעוו. אינעווײניג אין הויז וועט ער זײן. שא, זי וועט אים שפילן אט יענע מעלאדיע. ווי אזוי גײט דאס דארטן? אט יענע מעלאדיע, וואס ער האט שטענדיג אזוי ליב געהאט צו הערן. עס הויבט זיך אן אזוי: טא־רא־רא. רי־רא־רא.

יא, אודאי וועט זי פאר איר ליבן מאן שפילן אט יענע מעלאדיע. גלײך אויפן ארט טוט זי דאס. אבער וואס שטײט ער גאר אינדרויסן הינטערן פענצטער? אז ער קאן גאר ארײנגײן אינעווײניג. אז ס'איז זײן הײם. מאניא איז דאך זײן ווײב. וואס וועט ער ארײנגײן אינעווײניג, אז ס'איז אזא קילע שמעקנדיגע זומער־נאכט? אז דער הימל איז באזעצט מיט מיליאנען שטערן? אז אזוי פיל טשערעמעיעווער אידן שטײען איצט ארום אים? ער האט ליב צו הערן ווי די טשערעמעיעווער אידן רעדן אײנער צום אנדערן, ווי זײ קרעכצן און זיפצן פון פיל תענוג: פלאי פלאים, וואונדער איבער וואונדער! ניט אנדערש, אז עס ליגט א כישוף אין דער דאזיגער זאך. ווי רופט מען דאס? פארטעפיאנע! א, וואונדער איבער וואונדער!

און ער האט זי שוין אַרומגעזוכט אומעטום

— עמיצער קלינגט, דאכט זיך, דעיוו.

— קײנער קלינגט ניט, וועראטשקא, בארואיג זיך.

גלויבט זיך ניט ווערא'ן. זי מוז גײן עפענען און א קוק טאן. קוקט איר נאך דעיוו מיט פארדאכט אין די אויגן. איר שטענדיג זיך אויס־דאכטן, אז עמיצער קלינגט אין דער טיר, געפעלט אים ניט. אן אײנרעדעניש אזא בײ איר. שטענדיג לויפט זי עפענען די טיר. שטענדיג קערט זי זיך אום מיט אן אומעטיג פנים.

— דו זעסט כאטש, וועראטשקא? איך האב דיר געזאגט — מוסר'ט ער זי מיט גוטן.

— אָבער איך האָב געקאָנט שווערן, אַז עמיצער האָט געקלונגען — ברענט ערגעץ אַן אומהיימלעך פייערל אין אירע אויגן.

טראַכט דעיוו, אַז אפשר וואָלט ער מיט איר געדאַרפט זיך דורכגיין צו אַ דאָקטאָר פון פּסיכאָלאָגיע. ניט וואָס, חס וחלילה, עפּעס זאָל געווען געשען מיט איר שכל הישר. זי איז אַ קלוגע, זיין ווערעטשקאַ. אַ גרויסער קאָפּ־מענטש. זאָגט אַמאָל אַרויס אַזוינע געדאַנקען, וואָס זיי איבערראַשן אים מיט זייער טיפקייט. יאָ, אַ חכמת, זיין ווערעטשקאַ. אָבער איר שטענדיג זיך אויסדאַכטן, אַז עמיצער קלינגט אין דער טיר, שרעקט אים עפּעס. ער איז זי חושד, אַז אינמיטן דער נאַכט, ווען ער שלאָפט, לויפט זי אויך צו דער טיר...

— זאָל איך פאַר דיר שפּילן אויף דער גיטאַרע, ווערעטשקאַ?

אינדרויסן איז איצט אַזאַ קרירה. מען קאָן סיי ווי סיי ניט גיין אין ערגעץ. אַ, וואָס זאָגסטו, ווערעטשקאַ?

וויל זי ניט, ער זאָל שפּילן אויף דער גיטאַרע. זי קאָן שוין ניט פאַרטראָגן, וואָס ער שפּילט אויף דער גיטאַרע.

— זאָל איך דיר אפשר לייענען אַ מעשה׳לע פון מאָפּאַסאַנ׳ס אַ בוך?

וויל זי ניט, ער זאָל לייענען פון מאָפּאַסאַנ׳ס אַ בוך. זי קען שוין אַלע מעשה׳לעך מאָפּאַסאַנ׳ס אויסנווייניג. און ניט נאָר מאָפּאַסאַנ׳ס, נאָר טשעכאָוו׳ס אויך. און מעשיות פון אידישע שרייבער קאָן זי שוין אויך אַלע אויף אויסנווייניג.

— אפשר וואָלטן מיר געגאַנגען אין אַ מואווי, ווערעטשקאַ? אויף בראָדוועי שפּילט מען איצט זייער אַ גוטע מואווי: „אַנקל טאָמ׳ס קעבין". האָסט דאָך שוין געלייענט די מעשה וועגן אַנקל טאָמ׳ס קעבין.

דזז, דזז, גיט זיך אַ צעדרימזשעט די לופט אין אַלע צימערן. גיט אַ לויף אַוועק דאָס גאַנצע בלוט פון ווערא׳ס פּנים. שפּרינגט גלייך אויף און לאָזט זיך צו דער טיר. דאָס מאָל דאַכט זיך איר שוין ניט אויס. אַן אמת׳ער קלונג.

— אַ גאַסט, כ׳לעבן, אַרקעלע! — שטייט שוין אויך דעיוו לעבן דער צעעפנטער טיר. — קום אַריין, טו אויס דעם מאַנטל. זע נאָר, אַרקעלע! זייער גוט האָסטו געטאָן, אַרקעלע. שוין אַזוי פיל יאָרן, אַזוי פיל יאָרן. קום אַהער, לאָמיך דיך אָנקוקן.

לאָזט זיך אַרקעלע אָנקוקן און האָט הנאה, וואָס מען קוקט אים אָן. זיינע לאַנדסלייט קאָנען נאָך אודאי מיינען, אַז ער איז יענער

אַרקעלע, און זיי ווייסן גאָרניט, אַז ער קאָן שוין לייענען און שרייבן, און אַז ער פאַרשטייט שוין עפּעס וועגן דער וועלט און וועגן לעבן.

— זיץ, אַרקעלע, זיץ. כ'לעבן, דו האָסט אונז מחיה געווען. איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל געטראַכט וועגן דיר. איך האָב געהערט, אַז דו ביזט געזעסן אין טורמע צוליב אַ סטרייק.

— יאָ, אַ גאַנצן חודש אָפּגעקרעפּקעט דאָרטן. יאַנקעלע אויך.

— איך ווייס, איך ווייס. אַ באַקאַנטער פאָריער האָט מיר אַלץ דערציילט. באַמערקסטו ניט, ווערעָטשקאַ, אַז אונזער אַרקעלע קוקט איצט אויס אַ סך שענער ווי אַמאָל?

יאָ, ווערעָ האָט אויך באַמערקט. ניט וואָס ער קוקט אויס שענער, נאָר עפּעס איידעלער, פאַרשטענדלעכער. ניטאָ שוין יענע ווילדקייט און רויקייט.

— אָ, ביכער! — דערפרייט זיך אַרקעלע, דערזעענדיג אַ פולע שאַפע מיט ביכער.

ווערן ביידע דערשטוינט, וואָס אַרקעלע האָט זיך פּלוצלונג דערפרייט מיט די ביכער. קוקן זיך איבער איינער צום אַנדערן מיט פיל חידוש. ווייסט אַרקעלע, אַז יענע דאַרפן זיך מסתמא איבערקוקן מיט פיל חידוש. אָבער ער מאַכט זיך ניט ווייסנדיג. נעמט ער אַרויס אַ בוך, הויבט אים אָן צו בלעטערן, ווי אַ דערפאַרענער בוך־מענטש. לייענט אויך אין דער הויך דעם נאָמען פון בוך. כאַפּט אַ גנב'ישן קוק צו זען, ווי אַזוי קוקן זיי דערויף.

— האָט איר אפשר שוין געלייענט ראַבאַי'ס „ניין ברידער"? — ניט זיך אַרקעלע אַ פרעג אַזוי גלייכגילטיג און זייטיג.

— און דו האָסט געלייענט? — קאָן דעיוו ניט איינהאַלטן דעם גרויסן שמייכל, וואָס וויל זיך צעשפּרייטן איבערן גאַנצן פנים.

— יאָ, אין „האַמער" געלייענט. אַלע חודש דרוקט מען דאָרטן אַ פאָרזעצונג. איך האָב געלייענט עטלעכע פאָרזעצונגען מיט אַמאָל, ווען איך בין געזעסן אין פריזאָן.

לאַכט שוין דעיוו אויף אַ קול. ניט מיט חוזק לאַכט ער. ס'טוט אים גוואַלדיג הנאה. ווערעָ'ן טוט אויך הנאה, און זי שמייכלט צו אַרקעלע'ן.

אָבער אַרקעלע איז זיך ניט געקומען באַרימען פאַר זיינע לאַנדסלייט מיט זיין געלערנטקייט. ער איז געקומען וועגן אַן אַנדער זאַך. ער איז געקומען זיך דערפרעגן וועגן מאַניאַ'ן. מאַניאַ איז פאַרלוירן

גענאַנגען. איר ברודער מיטן קענדי־סטאָר איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען. נאָכדעם ווי אַרקעלע איז אַרויס פון פּריזאָן, איז ער אַוועק אויפזוכן מאַניאַ'ן. ער איז געווען זיכער, אַז נאָכדעם וואָס ער איז שוין געוואָרן אַ מענטש, וועט זי אים שוין ניט פאַרשטויסן, וועט זי זיך שוין באַנעמען צו אים ווי צו אַ גלייכן. שטייט שוין גאָר אַ פרעמדער איד אין דער קענדי־סטאָר, וואָס הויבט ניט אָן צו וויסן וועגן מישאַ'ן און וועגן זיין שוועסטער. ווייסט שוין קיינער ניט אין דעם בלאָק, וואוהין זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן. אפשר ווייסט ווערא?

ווייסט גראָדע ווערא זייער אַ סך וועגן מאַניאַ'ן. אָבער זי וועט נישט דערציילן אַרקעלע'ן. זי וועט קיינעם שוין ניט דערציילן. זי האָט אפילו דעיוו'ן אויך ניט דערציילט. די חבר'טע האָט זיך אויך אַראָפּגעיאָוועט איינמאָל אַזוי פּלוצלונג צו איר. זיך געטוליעט צו איר, געהאַלזט זיך, און געקושט זיך, און געוויינט. איר אַלצדינג פאַרטרויט וועגן זיך. באַשוואוירן ווערא'ן, אַז זי זאָל קיינעם ניט דערציילן, און איז אַוועק.

מ'ווייסט ניט. קיינער ווייסט ניט. און אַרקעלע האָט זי אַרומגעזוכט אומעטום, ביי אַלע לאַנדסלייט זיך שוין אויסגעפרעגט. איצטערט־אַ, אַז ער איז שוין געוואָרן אַ לייט, און זי איז גאָר ניטאָ. אָבער ער מוז זי געפינען, ער מוז זי אויפזוכן, אָט די מיידל, וואָס האָט אים פאַרכישוף'ט נאָך אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ בורמילע. אָט די מיידל מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט די ווייסע ציידענע הענטשקעלעך, מיטן רויטן זאָנטיקל, מיט די לאַקירטע שיכלעך, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּריצטעלע...

יאָ, מאָרגן, אומבאַדינגט מאָרגן . . .

אַן אויסערגעוויינלעכער הויכער רוסישער קאָזאַק, אַ סטראַשנער אַזאַ, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. אַ קאָזאַק אין אַ ווייסער הויכער פּאַפּאַכע, אין שאַוואָרנענע שטיוועלעך, אין אַ טשערקעסקער בורקע, מיט פּאַטראָן־טיילן, אָנשטאָט אויבערשטע קעשענקעס. געדרייט אַ וואָנצע און פאַרנויגט זיך העפלעך פאַר מאַניאַ'ן מיט איר ברודער מישאַ'ן.

אינעווייניג, סאַמע לעבן די טרעפּ, איז געזעסן אין אַ בודקעלע

א רוסישע שיינע מיידל מיט שווארצע צעפּ. א רוסישע ברונעטין מיט גרויסע גאָלדענע אוירינגלעך, און צוגענומען די גארדעראָבע.

דערנאָכדעם האָט מען זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אראָפּ, און ס'האָט זיך גלייך דערהערט דאָס גרימפּלען פון רוסישע באַלאַלאַיקעס. האָט מאַניאַ אַזש געוואָלט וויינען פון פרייד, וואָס זי האָט דערהערט דאָס שפּילן פון באַלאַלאַיקעס.

די סטעליע אינעווייניג, א באַפּארבטע מיט כל'ערליי משונה'דיגע קאָלירן און באַמאָלן מיט שדים און מיט רוחות פון רוסישע פאָלקס־מעשה'לעך, מיט צארישע קרוינען און מיט פּארצייטיגע סלאַווישע ריטער; א נידעריגע סטעליע מיט אראָפּהענגענדיגע בלויע און רויט־לעכע פאָנאַרן. א בלוי־רויטלעכע ליכטיגקייט אויף אַלעמענס קעפּ. א מיסטעריעזע ליכטיגקייט.

רוסישע באַלאַלאַיקעס. אַך, מאַניאַ האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געהערט קיין רוסישע באַלאַלאַיקע. ס'איז אַפילו דאָ א ליד אַזאַ וועגן א רוסישער באַלאַלאַיקע; דאָס ליד זינגט אוים די שיינקייט און אומעטיגקייט פון דעם דאָזיגן וואונדערבארן אינסטרומענט.

בחורים אין שווארצע סאַטינענע רוסישע העמדלעך, מיט אוים־גענייטע קאָלירטע הויכע קאָלנערס, גרימפּלען אויף די דאָזיגע באַלאַ־לאַיקעס.

— רוסקיע באַיצי — מאַכט דער ברודער אין רוסיש, און ס'טוט אים שטאַרק הנאה.

מיינט מאַניאַ, אַז דער ברודער האָט געמיינט צו זאָגן „רוסישע קרינגער". אָבער דער ברודער האָט ניט געמיינט צו זאָגן „רוסישע קרינגער". ער האָט טאַקע געמיינט „רוסקיע באַיצי", רוסישע באַיעס. ער פאַרגעסט זיך שוין און מישט צונויף רוסישע ווערטער צוזאַמען מיט ענגלישע ווערטער.

— זדיעס טשארדזשוויוט אַטשיען דאַראַגאַ זאַ אוזשין (דאָ רעכנט מען זייער טייער פאַר א וועטשערע) — באַרימט זיך מישאַ פאַר זיין שוועסטער.

— ווי שוידערלעך דו רעדסט רוסיש! — פאַרקרימט זיך מאַניאַ.

— וואָס איז דער מער מיט מיין רוסיש? — באַליידיגט זיך מישאַ.

— „טשארדזשוויוט, טשארדזשוויוט" — קרימט זי זיך אים נאָך.

אויף סעקאַנד עוועניו געפינט זיך דער דאָזיגער רעסטאָראַן פון

לויטער רוסישן גייסט. לויטער רוסישע מאכלים, רוסישע זינגער, רוסישע שפּילער און טענצער.

שלום הייסט דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיגן באַרימטן רעסטאָראַן פון לויטער רוסישן גייסט, „שלום אַדעסער". אַזוי רופט מען אים טאַקע צווישן די אידישע קרייזן. אַ קליינגעוואַקסיגער שלומ'ל. אַן אַסטמאַטיק נעבעך, אַ שוואַכינקער, אין גרויסע ברילן. זיצט שטענדיג ביי דער קאַסע און מישט זיך ניט אין דער פירונג פון דעם רעסטאָראַן.

מישן מישט זיך זיין ווייב, טאַמאַרא אַלעקסאַנדראָוונאַ. זיין הויכע ווייב, וואָס קוקט אויס ווי אַן עכט־רוסישע פרוי, מיטן שיינעם געטאָקטן האַלז, מיט די ברענענדיגע צעפּ פאַרפלאָכטן אַרום קאָפּ, מיט די גרויסע בלוילעך־רויטלעכע אוירינגלעך, מיט רויטע באַגילדעטע שיכלעך. שפּאַנט זי מאַיעסטעטיש צווישן די געסט. זאָגט דאָס גוטע וואָרט, וועמען מען באַדאַרף. גיט אָפּ כבוד, וועמען מען באַדאַרף.

— אַהערצו קומען זייער באַרימטע מענטשן — רימט מישאַ דעם דאָזיגן פּלאַץ — אַפּיצערן און גענעראַלן און אַפילו פּרינצן.

— וואו־זשע זיינען זיי? — זוכט מאַניאַ מיט צעלאָפענע אויגן די אַלע אָפּיצערן, גענעראַלן און פּרינצן.

אָבער זי זעט זיי ניט. איר דאַכט זיך, אַז די מערסטע זיינען אידן.

— אידן אויך דאָ — מוז נעבעך מישאַ צוגעבן. אָבער דערפאַר זיינען די וועיטערקעס גאַלע רוסישע. יעדע וועיטערקע איז אין דער היים געווען פון גאָר הויכן יחוס. אָט יענע, די הויכע, די דינע, זאָגט מען, איז אַ גראַפינ'ע, אַן אמת'ע רוסישע גראַפינ'ע.

אָבער שאַ, שאַ. מען אַנאָנסירט עפּעס. די הויכע שטאַלטנע באַלעבאָסטע שטרעקט אויס די האַנט צו אַלע געסט און בעט אויפמערקזאַמקייט. זי מעלדעט, אַז מיט גרויסע שוועריגקייטן איז איר ענדלעך געלונגען צו קריגן דעם פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאַלאָרוקאָוו, וואָס פאַרווילט זיך איצט אין ניו יאָרק און וואָס איז אויך אַ באַרימטער זינגער, און אַז אויב דער עולם וועט נאָר ווילן, וועט ער זינגען שיינע רוסישע לידער.

— זשעלאַיעם, זשעלאַיעם (מיר ווילן, מיר ווילן)! — קלאַפּט דער עולם.

קוקט מאַניאַ מיט אַזוי פיל נייגעריגקייט צו דעם ווענטל, פון הינטער וועלכן עס דאַרף דערשיינען דער דאָזיגער פירשט. דערשיינט ער טאַקע באַלד. אַ הויכער, אַ בויגעוודיגער, אין אַ גרויער קוטשמע,

אין גרויסע לאקירטע שטיוועלעך, מיט א צאריש קרוינדל אויסגעניים אויף זיין בלויען העמד מיטן זילבער־אויסגענייטן קאלנער.

— בראוואָ, בראוואָ ! — קלאפּט אים דער עולם, איידער נאָך ער באווייזט וואָס ער קאָן. מען קלאפּט אים בראוואָ פאַר זיין העלדישער פיגור, פאַר דעם וואָס ער איז אַ פּירשט.

— בראוואָ, בראוואָ ! — קלאפּט אים אויך מאַניאַ מיט גרויס באַגייסטערונג. אָן אמת׳ער רוס איז דערשינען.

זינגט דער פירשט וועגן בענקשאפט נאָכן פאָטערלאנד און וועגן געליבטן וואָס יאָגט זיך מיט דער רוסישער טראַיקע אין טיפן שניי, אין אַ גרויסער זאווערוכע, צו זיין טייערער, צו זיין איינציגער...

— בראוואָ, בראוואָ ! — קלאפּט מען אים שוין אויך פאַר זיין שיינעם געזאַנג.

שפּאַנט ער זיך ארום נאָכן זינגען צווישן די טישלעך, פאַרנויגט זיך העפלעך צו יעדן איינעם. שלינגען אים פרויען מיט פייערדיגע אויגן, שמייכלען צו אים בלוטיגע רויטע ליפּן.

מאַניאַ האָט צו אים אויך געשמייכלט. מיט טיפער באַגייסטערונג און פאַרכטלעכקייט האָט זי צו אים געשמייכלט. מיט איר הייסן, הויכן, שיין־געטאָקטן האלז, מיט אירע גרויסע וואַרעמע שוואַרצע אויגן האָט זי געשמייכלט פאַרשעמט און באַגייסטערט צו דעם דאַזיגן שיינעם רוסישן בחור, וואָס איז ווי אַראָפּגעגאַנגען צו איר, ווי דער העלד פון טורגעניעוו׳ס אַ בוך.

זי האָט זיך גאַרניט געריכט, אז ער וועט איר נאָך אָנטאָן דעם גרויסן כבוד, זיך אָפּשטעלן לעבן איר טיש, זיך פאַרנויגן און פרעגן דערלויבעניש, צי קאָן ער זיך צוזעצן לעבן איר.

— אַך, ס׳באַלשים אודאוואָלסטוויעם (אַך, מיטן גרעסטן פאַר־געניגן) !

— אַך, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע שיינע אויגן איר פאַרמאָגט, פריילין ! — האָט ער זיך גלייך אויפן אָרט פאַרליבט אין מאַניאַ׳ס שוואַרצע אויגן.

איז מאַניאַ׳ן געוואָרן קיל, דערנאָכדעם הייס, דערנאָכדעם ווידער קיל, און אַזאַ שוואַכקייט איז אריין אין אירע ביינער. און דערנאָכדעם איז ווידער געוואָרן הייס, זייער הייס. הוילער פייער. עס האָבן גע־פלאַקערט אירע פּעך־שוואַרצע האָר. עס האָט געפלאַמט איר שטאַלטנער,

שיין־געטאָקטער האַלז. עס האָבן געפינקלט אירע אויגן מיט טויזנטער ליכטיגקייטן.

אָך, וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע שיינע אויגן זי פאַרמאָגט, אָט־די פּריילין! — און ער שווערט זיך גלייך אויפן אָרט, אַז דאָס מיינט ער ניט חס וחלילה צוליב אַ לייכטזיניגן קאָמפּלימענט. ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע מיט די דאָזיגע שיינע שוואַרצע אויגן. ס'אַ געשיכטע מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען אַן אָפיצער אין דעניקינ'ס אַרמיי, און ער איז דורכגעפאָרן מיט זיין פּאָלק דורך אַ אידיש שטעטל אין דער אוקראַינע, און ווי ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט טרינקען, ער איז געווען שטאַרק דורשטיג, און ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ אידיש הויז זיך אָנטרינקען, האָט ער דאָרטן אין דער אידישער הויז דערזען די וואונדערבאַרע שיינע שוואַרצע אויגן ביי דער מיידל, וואָס האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער; ווי ער האָט איר געזאָגט: „אַ דאַנק”, ווי זי האָט אים געענטפערט: „ס'איז ניטאָ פאַרוואָס”; ווי ער איז דערנאָכדעם אַרויסגעגאַנגען און זיך געזעצט אויף זיין פערד; ווי ער האָט ניט געקאָנט אָוועקדרייען דעם קאָפּ פונעם פענצטער, פונ־וואַנעט זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט אירע גרויסע שיינע וואונדער־באַרע שוואַרצע אויגן; ווי ער איז אָפּגעפאָרן ווייט, ווייט, און די שיינע שוואַרצע אויגן האָבן אים נאָך אַלץ פאַרפאָלגט; ווי נאָך יאָרן און יאָרן, און ער קען נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן אירע . . .

— און אפשר ביזטו גאָר יענע מיידל פונעם אידישן שטעטל, וואָס האָט מיר דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער?

טיאָכקעט דאָס האַרץ. קאָכן די בלוטן, און זי שווייגט, מאַניאַ. זי קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן. זיך איינגאַנצן פאַרלוירן. אַ פירשט רעדט צו איר, אַ ריינבלוטיגער פירשט.

שפּילט אויף דער אָרקעסטער אַ רוסישן וואַלץ, לאַדט ער זי איין טאַנצן, דער הויכער, דער בויגעוודיגער שטאַלטנער פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאַלאָרוקאָוו. איז זי אויך שטאַלטנע, זי, מאַניאַ באַלאַ־באַן, דעם טשערעמעיעווער גביר'ס טאָכטער. דרייען זיי זיךביידע אין דער בלויליך־רויטלעכער טונקלקייט. וואַרעמט זיין האַנט דאָרטן, וואו ער האָט אַרומגענומען. אָטעמט פון אים מיט אַזוינע שאַרפע מענערשע ריחות פון טייערן טאַבאַק, פון גוטן וויין, פון קאָסטבאַרע פאַרפומען. בויגט ער זיך צו איר צו בשעת'ן טאַנצן. שווערט זיך מיט די הייסטע שבועות, אַז ער מוז זי נאָך אַמאָל זען אין זיין לעבן. ווייל זיין לעבן

וועט שוין ניט זיין קיין לעבן, אויב ער וועט זי נאָכאַמאָל ניט זען. און פאַרוואָס טאַקע ניט מאָרגן?

— יאָ, מאָרגן, אומבאַדינגט מאָרגן, דאָרטן און דאָרטן.... מאָרגן. יאָ, מאָרגן...

לאָזן זיך אוים אירע כחות . . .

— דערמאָנט דאָס מיך, ווען איך קוק אַזוי און זע ווי דער הימל ברענט, די לעצטע שלאַכט הינטער קיעוו. אַך, מאַניאַ מילאַיאַ (מאַניאַ הארציגע), געווען צייטן!...

דער הימל ברענט איצט ווייט ערגעץ אויף דער פערצנטער גאַס. אָבער אים דערמאָנט דאָס די לעצטע שלאַכט הינטער קיעוו, ווי ער האָט זיך געריסן אויף זיין הויכן געלן פערד סאַמע אין דער געדיכטעניש פון שונא; ווי זיין שווערד האָט געהאַקט קעפּ פון באָלשעוויקעס. צענדליגער קעפּ אַראָפּגעהאַקט, אַזוי זאָל אים גאָט העלפן; ווי אַ קויל האָט אים געטראָפן אין פוס, און ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד.

— אַראָפּגעפאַלן פון פערד? — ווערט מאַניאַ פאַרציטערט.

יאָ, ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד און האָט שוין ניט געוואוסט, וואו ער איז אויף דער וועלט. זיי וואָלטן אים מסתמא אריינגעכאַפּט, די רויטע טייוואָלים.

— ווען ניט מיין געטרייער דיענשטשיק דמיטריטש, רו צו זיין נשמה — צלמ׳ט זיך איבער דער פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש אויף 14טער גאַס, לעבן דריטער עוועניו.

זיין געטרייער דיענשטשיק דימיטריטש, רו צו זיין נשמה, ער האָט אים אונטערגעכאַפּט, אויף די פּלייצעס אים געטראָגן אַ פאַר־חלש׳טן און אַ פאַרבלוטיגטן, און דאָ האָט דער הימל געברענט, און הארמאַטן האָבן געקנאַקט...

— איך קאָן אייך ווייזן, מאַניעטשקע, די קויל, וואָס מען האָט מיר דערנאָכדעם ארויסגענומען פון פוס. איך האָב זי אין מיין צימער. איר וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער קויל? קומט אַרויף צו מיר. איך וואוין דאָ ניט ווייט, טאַקע אויף אַכצנטער גאַס.

ווערט מאַניאַ פאַרציטערט, וואָס ער וויל איר ווייזן די קויל; זאָגט, אַז אַן אַנדערש מאָל וועט זי שוין זען די קויל. אָבער גראָדע וויל איר דער פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאָלאָרוקאָוו שוין, איצט,

ווייזן די קויל, און אז ער וואוינט דערצו נאָך ניט ווייט, אויף אבצנטער גאַס. ס'איז באַלד דאָ ארומעט.

— אַ, ניין, אַן אנדערש מאָל — איז מאַניאַ אזוי פארשעמט, און עס ציטערט איר דאָס הארץ, און ס'ווערט איר היים אין די אויערן.

— אָט באַלד, ס'איז ניט ווייט — איז דער פירשט פריילעך, וואָס ס'איז אָט באַלד און ס'איז ניט ווייט.

ס'איז טאַקע ניט ווייט. קליינע בלאָקס פון דער פערצנטער גאַס ביז צו דער אבצנטער. אַ שטילע גאַס אזא. אַלע הייזער — ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. רויטלעכע הייזער, מיט הויכע טרעפּ פאַר יעדער טיר. שילדלעך „פוירנישד רומס טו לעט" פאַר יעדן אריינגאַנג. גרויסע ברייטע פענצטער אויפן ערשטן שטאָק. שמאָלע קליינע פענצטערלעך אין די אויבערשטע שטאָקן, ביי יעדער הויז, ביי יעדער הויז.

— און אָט דאָ וואוין איך, מאַניאַ מעיעראָוונאַ — מאַכט דער פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאַלאָרוקאָוו מיט פיל גוטסקייט אין קול.

ברענט אַ לאַמפּאַדקע אין אַ ווינקל אונטער דער סטעליע, קוקט פון דאָרטן אראָפּ דאָס טרויעריגע אידישע פּנים פון דעם געקרייציגטן יעזוס'ן מיטן דערנער־קרענצל אויף זיין פארפייניגטן שטערן.

קוקט אראָפּ פון דער וואַנט צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער מיט זיין גאַנצער משפחה, מיטן ווייב, מיט די טעכטער, מיט זיין יונג בן־יחיד'ל.

הענגט איבערן בעט זיין גלאַררייכע שווערד, מיט וועלכער ער האָט אראָפּגעהאַקט צענדליגער קעפּ פון די פארשאָלטענע באָלשעוויקעס. הענגט אויך ניט ווייט זיין קאָזאַצקע פּאַפּאַכע, די געדיכט־האָריגע, גרויע, היפּשע פּאַפּאַכע.

פיר דאָלאַר אַ וואָך צאָלט ער רענט, דער פירשט ניקאָלאַי סער־געיעוויטש מאַלאָרוקאָוו, צו דער דייטשישער לענדלעידי. אַ שמאָל בעטל מיט אַ דינער קאָלדרע, אַ פּאָר בענקלעך, אַ שאַפע מיט שניפּסן, מיט העמדער, מיט זיינע אָפיצערסקע טוזשורקעס, מיט זיינע הויכע אָפיצערישע שטיוועלעך.

— מיין גאַנצער האָב און גוטס — פארנויגט ער זיך פאַר איר מיט אַ טרויעריגן שמייכל. — אָט דאָס אַלעס איז מיר געבליבן פון מיין גאַנצער אמאָליגער רייכקייט, פון מיין פּאַלאַץ אין מאָסקווע, פון

מיין אימעניע אין וואָראָניעזשער גובערניע, פון מיינע שטאַלן בעסטע פערד.

באַדויערט זי אים נעבעך. עס טוט איר טאַקע האַרציג באַנג, וואָס אַזאַ אַריסטאָקראַטישער און בראַווער מענטש איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופּע.

יאָ, די קויל. ער וועט איר ווייזן די קויל. ער האַלט זי פאַר־שלאָסן אין אַ קעסטעלע פון טונקל־ברוינעם פּאָליטורטן האָלץ. צו־זאַמען מיט זיינע מעדאַלן האַלט ער דאָס.

— איר זעט, מאַניאַ מעיעראָווגאַ, אַ שטיקל בליי, ניט מער. אָבער ביי מיר איז דאָס דאָס טייערסטע אויף דער וועלט. איר זייט אַזוי בלאַס, מאַניאַ מעיעראָווגאַ! וואָס איז אייך? אפשר אַ גלעזעלע קאָניאַק? ס׳וועט אייך שטאַרקן.

אָ ניין, זי טרינקט ניט. אַ דאַנק, אַ דאַנק. אָבער זי מוז טרינקען. טרינקען פון פריינטשאַפט וועגן. זאָל זי אים ניט אָפּזאָגן. זאָל זי אים ניט באַליידיגן.

וויל אים מאַניאַ ניט באַליידיגן. טרינקט זי, אָבער טאַקע בלויז אַ ביסעלע. אָ ניין, זאָל זי איינגאַנצן אויסטרינקען, ווייל דאָס איז וואונ־דערבאַרער קאָניאַק, אימפּאָרטירטע משקה.

טרינקט זי נאָך אַ ביסעלע און נאָך אַ ביסעלע, און עס צעשפּרייט זיך אַ פרייד מיט אַ מורא אין אירע בלוטן. ס׳הויבט זיך איר האַרץ. ס׳טראָגט זי אַרויף, אַרויף. אָ, זאָל ער עפּעס רעדן, ניקאָלאַי סער־געיעוויטש, זאָל ער עפּעס דערציילן. ווייל אַז ער רעדט מיט זיין ברוסטיגער שטימע, איז די מורא ניט אַזוי גרויס. זי דאַרף איצט הערן אַ מענטשלעך קול.

רעדט ער, ניקאָלאַי סערגעיעוויטש. מיט פייערדיגע אויגן רעדט ער צו איר, מיט אַזאַ שיינעם מעלאַנכאָלישן קול רעדט ער צו איר. דערציילט וועגן זיין קינדהייט, וועגן זיין גליקלעך לעבן פאַר דער רעוואָ־לוציע, וועגן אַלע שלאַכטן, אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען, און אומעטום האָט ער אַרויסגעוויזן אַזוי פיל העלדישקייט פאַרן טייערן פאָטערלאַנד. אָבער מיט אַלע זיינע העלדישקייטן האָט ער ניט געקאָנט ראַטעווען דאָס טייערע פאָטערלאַנד. איצט איז ער אין גלות. אין זיין מאָסקווער פּאַלאַץ מיט די מאַרמאָרנע דילן דרייען זיך איצט אַרום אויסוואורפן פון דער מענטשהייט. די טייערע בילדער פון זיינע עלטערן און אורעלטערן זיינען פאַרשוועכט, פאַרשפּיגן, באַשמוצט.

— אַך, מאַניאַ מעיעראָוונאַ, טייערע, האַרציגע...

ס'איז שוין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. זי וועט גיין. זי וועט אָנטאָן איר מאַנטל און וועט גיין אַהיים.

אַ, זאָל זי ניט גיין, ווייל זיין צימער וועט בלייבן פאַר'יתומ'ט, און עס וועט אים ווערן אַזוי אומעטיג, דעם פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאַלאָרוקאָוו. ער איז דאָך אַזוי עלנט אין פרעמדן לאַנד. זאָל זי צו אים זיין אַ שוועסטער. טאַקע בלויז אַ שוועסטער.

האָט אָבער די שוועסטער אַזוי מורא פאַר דעם ברודער מיט די בלאָנדלעכע מייסטעריש־פאַרדרייטע וואָנצעלעך, מיט די פייערדיגע גרויע אויגן, וואָס שיסן פיילן ליכט גלייך צו איר אין האַרצן אַריין. זי האָט מורא. זי שטייט איצט אויף דעם שפּיץ פון אַ סטראַשנעם הויכן פעלז. איין מינדסטער ריר, און זי וועט פאַלן. פאַלן און זיך צעשמעטערן.

גיין, זי וועט גיין. זי טוט טאַקע אָן דעם מאַנטל. וויל ער איר העלפן אָנטאָן דעם מאַנטל. אַ דאַנק, אַ דאַנק. זי וועט זיך אַליין אָנטאָן. ניין, ער וועט איר העלפן. ס'איז זיין בחור'שער חוב, און ער דאַרף איר העלפן. שטרעקט ער אויס זיינע לאַנגע בלאַסע הענט. זיי זיינען אַזוינע הייסע, די הענט זיינע. זיי רירן זיך אָן אָן איר האַלז. זיי פאַרהאַלטן זיך דאָרטן, ביים שיינעם, פול־אויסגעטאָקטן, בריענדיגן האַלז.

— אַ, ניטע, ניקאָלאַי סערגעיעוויטש! איך בעט אייך, ניטע!

— אַ, מאַניאַ, קעניגין מיינע! אַ, מאַניאַ!

ער קושט זי אין די אויגן. ער קושט זי אין שטערן. ער קושט זי אין האַלז. ער קושט זי אין די ליפּן.

לאָזן זיך איר אויס די כחות. דרייט זיך דער קאָפּ. פאַלט זי פון דעם סטראַשנעם הויכן פעלז. פאַלט פון אַזאַ הויכער הויכקייט מיט אַזאַ מורא, מיט אַזאַ זיסקייט. זאָל ער זי צוהאַלטן, ווייל זי וועט צעשמעטערט ווערן...

:: :: ::

בליט מאַניאַ אין שאַפּ ביי דער מאַשין. אין אַ קרייז פון ליכטיג־קייט זיצט זי אַ גאַנצן טאָג און שטעפּט אַרבל. דאָס זיינען ניט קיין אַרבל, נאָר ליכטיגע געדאַנקען. אַ סך געדאַנקען, איינער שענער פאַרן אַנדערן.

פריער איז דאָ געווען: אומעט, האָפענונגסלאָזיגקייט, וויסטע

מאַנאַטאָנע טעג. זינלאָזע ארבל, אין די טויזנטער, אין די צענדליגער טויזנטער. אַלע מענטשן ארום איר, נידעריגע, וואולגארע, ברוטאַלע.

איצט זעט זי קיינעם ניט. זי איז דאָ און ניט דאָ. דאָס הודיען פון די מאשינען איז אַ געזאַנג צום שיינעם ליכטיגן לעבן. זאָל נאָר דער טאָג פון ארבעט שוין אוועק.

קומט אַ סוף אויך צום טאָג פון ארבעט. צעלויפן זיך אַלע. ווער צו ווייב און קינדער, ווער צו עלטערן, ווער אין אַ רעסטאָראַן, ווער צו פריינט און באַקאַנטע. אָבער זי לויפט צו אַ פירשט.

— פירשט מיינער, ליכטיגער! פירשט מיינער, דערהאבענער! דו האָסט מיך אויסגעלייזט פון אונטערגאנג, פון אויסגעמישט צו ווערן מיט די אַלע איבעריגע שאַפּ־מיידלעך.

קויפט די „פירשטין" צוויי פונט סטעיק־פלייש אויפן וועג פון שאַפּ אהיים. זי קויפט אויך טאָמעיטאָס און פּאָטעיטאָס און פרוכט. טראָגט זי די ליבע משא ארויף די טרעפּ. קלאַפּט זי אָן, ווארט שוין אויף איר דער פירשט, דער נאָבעלער.

— זשידאָוואָטשקאַ מאָיאַ (אידישקע מיינע)! — קושט ער זי — מאָשודנאיאַ מאָיאַ! (מיין וואונדערבארסטע).

זעען אַלע רוסישע קיסרים, וואָס הענגען אויף די ווענט, ווי דער פירשט ניקאָלאַי סערגעיעוויטש מאַלאָרוקאָוו קושט זיין זשידאָוואָטש־קאַ. זעט אויך, ווי ער קושט זי, דער טרויעריגער פעטער יעזוס מיטן דערנער־קרענצל איבער זיין פאַרפּייניגטן שטערן.

— טשודנאיאַ, טשודנאיאַ (וואונדערבארע, וואונדערבארע).

צעטשאַדעט זיך דאָס גאַז־אויוועלע. דאָס קאָכט די „פירשטין" וועטשערע פאַר איר מאַן. דאָס שיילט זי קארטאָפליעס אין דינע רייפּט־לעך און לייגט זיי אויפן בעקעלע ארום גרויסן זאַפטיגן בלוטיגן סטעיק.

זי דאַרף אים גוט אָנהאָדעווען, ער זאָל כח האָבן צו זינגען היינט אין קאַבארעט. לאָזט ער זיך האָדעווען. קייעט געשמאַק. ברומט פון פאַרגעניגן און שמועסט מיט זיין ווייב וועגן דעם און יענעם.

— זשיד מאַשעניק, עטאָט שאָליעם (אַ איד אַ שווינדלער, אָט דער דאָזיגער שלום).

דאָס מיינט ער דעם באַלעבאָס פון „רוסישן וואָלף", שלום אָדעסער. בלויז צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך צאָלט אים אָט דער דאָזיגער שלום. ס'איז געמיינע עקספּלואַטאַציע.

פאַרדריסט איר ניט, וואָס ער זאָגט: „זשיד מאַשעניק". פאַר־

קערט, זי האַלט, אַז דער שלום איז טאַקע אַ בלוט־זויגער. עקספּלואַטירט אַזוי ברוטאַל איינעם פון די נאָבעלסטע זין פון רוסלאַנד. ווען ניט אירע ווערזשעס, וואָלט מען גאָרניט געקאָנט אויסקומען.

איז דער סטייק זייער געשמאַק, די פאַרברוינטע קאַרטאָפליעלעך אויך. דאָס גלעזעלע קאָניאַק האָט אָנגעגאָסן מיט פרייד יעדעס ווינקעלע, און דאָ קוקט צו אים זיין אידישע ווייבל מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, איבערגעגעבנקייט און ליכטיגקייט.

— דו ביזט מיר געשיקט געוואָרן פון גאָט — פאַלט אַריין דער פירשט אין גרויס עקסטאַז — דו ביזט אַ מלאך פון הימל.

פון אַזוינע טייערע ווערטער זינגט יעדעס ביינדעלע אין איר. פּוצט זי די לאַנגע שטיוול זיינע, מיט וועלכע ער דאַרף אויפטרעטן היינט אָוונט אין קאַבאַרעט, בערשטלט די שטיוול מיט גרויס ליבע. גלאַנצן זיי, שיינען זיי.

שטאָפּט זי פאַר אים אָן פּאַפּיראָסן פון רוסישן טאַבאַק. בערשטלט זי אָפּ די קליידער. פאַרצירעוועט אים די זאָקן, דערלאַנגט אים ריינע נאָז־טיכעלעך.

— טשודנאַיאַ מאַיאַ, טשודנאַיאַ מאַיאַ (וואונדערבאַרע מיינע, וואונדערבאַרע מיינע)...

פאַר אַ שנעלער פאַרניכטונג פון אַלע קאָמוניסטן און זשידעס . . .

— אַ גוטן אָוונט איך, קניאַז (פירשט), און אַ גוטן אָוונט איך, קניאַגיניאַ (פירשטין) — גריסט זיך צו זיי די גאַרדעראָב־מיידל מיט גרויס רעספּעקט.

גריסן זיך אויך די באַלאַלאַיקע־שפּילער מיט גרויס רעספּעקט. גריסט זיך אויך טאַמאַראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, די באַלעבאָסטע, מיט גרויס רעספּעקט. נאָר דער אַסטמעניק, דער באַלעבאָס, שלום אָדעסער, יענער איז אָפּלאַכעריש, שמייכלט מיט שפּאָס און מאַכט דווקא אין אידיש:

— אַ גוטן אָוונט אויף דיר, מיין פּורים׳דיגע בת־מלכה.

באַליידיגט זי זיך ניט אויף דעם שלום׳ען. זי קאָן שוין די טבע פון אירע אידן. האָבן זיך ליב איינעם יענעם אין דער נשמה. ס׳איז גאָרנים. דער עיקר איז דאָס גרויסע גליק. די באַרוישטקייט. די באַ־

גייסטערנדיגע בליקן און אויך אייפערזיכטיגע בליקן. אַלע געסט ווייסן שוין, אַז זי איז פירשטין מאַניאַ מאַלאָרוקאָווא. פאַרנויגט מען זיך פאַר איר מיט פיל ערפורכט. קושט מען איר שיין הענטל. שמייכלט זי ליבלעך.

אָ, זאָל איר גליק ניט פאַרשטערט ווערן. זאָל מען איר ניט געבן קיין עין־הרע. זי שרעקט זיך עפּעס, מאַניאַ. ער פאַלט אָפּט אַריין אין אַזאַ פינצטערער מרה־שחורה, דער פירשט, אַז עס איז אַ סכנה גאָר דעמאָלט אַ וואָרט צו אים אויסרעדן.

ער האָט איר שוין דערלאַנגט אַ פּליאַסק אויך. טאַקע אין דער מינוט פון זיין וויסטער מרה־שחורה. זי האָט אים אָבער פאַרגעבן. זי ווייסט, אַז רוסישע פירשטן זיינען קאַפּריזנע. צעווילדעווען זיך אַמאָל. אַזוי איז שוין זייער שטייגער. גרויסע שרייבער האָבן שוין פון לאַנג באַשריבן אין די ביכער זייערע מאַניערן.

פונדעסטוועגן שרעקט זיך איר דאָס האַרץ. ער שיכור׳ט צופיל, איר פירשט. טרינקט זיך אָן ביז פאַרגעסנהייט. אָבער דאָס איז ניט דער עיקר. דער עיקר איז, אַז אַלע אירע מיידלשע טרוימען זיינען מקוים געוואָרן. זי איז די אויסדערוויילטע אין לעבן.

אַלע אָוונט קומען אַהער רייכע געסט. פון אַפּטאָון קומט מען, אין סאַמעט און אין בראָקאַט, אין די טייערסטע זיידנס און פוטערס. באַשטעקט מיט די טייערסטע בריליאַנטן, באַהאַנגען מיט די קאָסט־באַרסטע פּערל, באַשפּריצט מיט די זעלטנסטע פּאַרפיומען.

אין אָוונט קומען אָן רייכע געסט. פריילעכע געסט אַזוינע. איר־דישע ביזנעסלייט, פון די אַרויפגעאַרבעטע, מיט זייערע קעפּס־ווייבער. יעדער טישל ווילן האָבן דעם כבוד פון דעם פירשט׳ס און דער פירשטינ׳ס געזעלשאַפט. מאַנעוורירט שוין אַזוי אום שלום׳ס ווייבל, די געראָטענע טאַמאַראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַז דער פירשט מיט דער פירשטין זאָלן באַערן מיט זייער געזעלשאַפט אַזאַ טישל, וואו עס זיצן גאָר רייכע געסט.

יענעם אָוונט איז מיסטער באַרנאָף, דער מיליאָנער פון די פוטער־און־אייער ביזנעס, געקומען מיט זיין קעפּס־ווייב. מיסטער באַרנאָף און זיין בלאָנדע קראַסאַוויצע, וואָס האָט געבלישטשעט און געפינקלט מיט גאָלד, מיט פּערל, מיט דימאַנטן און בריליאַנטן, וואָס האָט גע־שיינט מיט אירע ראָזעווע, פרישע, אויסגעצאַצקעטע, נאַקעטע אַקסלען, נאַקעטן האַלז, ביז אַ גראָפּ, ביז אַ שטיקל איבער דער גרענעץ.

דער מיליאָנער פון די פוטער־און־אייער ביזנעס, מיסטער בארנאָף אליין, האָט אויך געשיינט. געשיינט מיט זיין פארקעמטן, פארפיום־באַשפּרינקלטן פליך, מיט זיין שניי־ווייסן זיידענעם אויבער־העמד, מיט זיין הייסן גבירישן קארק, מיט די גאָלד־און־בריליאַנטן־זאַפּינקעס פון די מאַנזשעטן, מיט דעם גראָבן שווערן סיגנעט.

די קלוגע באַלעבאָסטע טאמארא אַלעקסאנדראָווגא האָט שוין אַזוי אויסגעמאַנעווּרירט, אַז דער פירשט מיט דער פירשטין זאָלן זיך צוזעצן לעבן מיסטער בארנאָפ'ס טישל. האָט מיסטער בארנאָפ'ן זייער הנאה געטאָן, וואָס לעבן אים, דעם אידן פון טעפּליק, (אליין א טעפּליקער, דער מיסטער בארנאָף), זיצט איצט אַ סאַמאָראָדנע פירשט, איינער פון צאר ניקאָלאי'ס משפחה. האָט ער שוין באַשטעלט צוליב דעם גע־הויבענעם גאַסט די טייערסטע געטראַנקען און מאכלים, וואָס דער דאָזיגער נאַכט־קלוב פארמאָגט. איז געווען זייער פריילעך ארום דעם דאָזיגן טישל. מיסטער בארנאָף האָט גערעדט רוסיש צום פירשט, אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע, און הנאה געהאַט, וואָס ער, דער טעפּליקער איד, קלאַפּט אַ קניאַז איבער די פּלייצעס, אַקוראַט ווי יענער וואָלט געווען זיין גלייכן.

לאָזט זיך דער פירשט קלאַפּן איבער די פּלייצעס. גיסט אריין איין כוסה נאָך דער אַנדערער, און די רציחה זיינע וואַקסט אַלץ שטארקער און שטארקער מיט יעדער נייער אריינגעגאָסענער כוסה.

— פאר א באַפּרייטער מוטערל־רוסלאַנד! — שטעלט זיך אויף דער פירשט און הויבט פייערלעך א טאָסט.

הויבט זיך אויך אויף מיסטער בארנאָף און הויבט א טאָסט. עס ארט אים ניט. פרעגט אים מעג רוסלאַנד באַפּרייט ווערן. דער עיקר איז, וואָס עס איז פריילעך.

— אַך, רוסלאַנד, רוסלאַנד! — פארבענקט זיך מיטאַמאָל ניקאָ־לאַי סערגעיעוויטש ביז טרערן און גיסט אריין נאָך א גלעזל. — רוס־לאַנד! רוסלאַנד! מיין אָרעם פאָטערלאַנד! — גיסט ער אריין א ניי גלעזל.

— טרינק ניט אַזוי פיל, סעריאָזשע — בעט זיך ביי אים די פירשטין אין דער שטיל.

— לאָז אָפּ! — שטופּט ער גראָב אָפּ איר האַנט און מאַכט א נייעם לחיים. — געווען ציטן! אָבער איצטער, סוקיני סיני! — טוט ער א קלאַפּ אין טיש אריין.

דאָס מיינט ער די באָלשעוויקעס מיט „סוקיני סיני”. ער דערציילט מיסטער באַרנאָפ'ן, וואָס פאַר אוממענטשן זיי זיינען, די באָלשעוויקעס. שאָקלט מיסטער באַרנאָף צו מיטן קאָפּ. ער גלויבט אים אויפן וואָרט. ער ווייסט, וואָס פאַר א פאַרשוינען זיי זיינען, די באָלשעוויקעס.

— און לאָמיר טרינקען — ווייסט שוין ניט דער פירשט אויף א וועלכער וועלט ער איז. — לאָמיר טרינקען — שטעלט ער זיך אויף מיטן בעכער און רופט אויס צו אַלע געסט — פאַר א שנעלער פאַרניכטונג פון אַלע קאָמוניסטן און זשידעס.

מיינט ער אודאי, אז אַלע וועלן זיך אויפשטעלן, אויפהויבן די בעכערס און נאָכזאָגן זיין טאָסט. איז גאָר געוואָרן עפּעס מאָדנע שטיל. מענטשן קוקן זיך איבער מיט דערשטוינונג. מיסטער באַרנאָף זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מאַניאַ ווינקט צו סעריאָזשע'ן מיט די אויגן, ער זאָל זיך אַנידערזעצן.

— וואָס ווינקסטו צו מיר? — איז שוין דער פירשט ריכטיג צערייצט. — טרינקט, זאָג איך אייך, מערזאַוועצי! — גיט ער א טופּע הערשעריש מיטן פוס.

— אויב אַזוי, ווייסן מיר דאָך, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן — רופט זיך אָן אין אידיש איינער פון די געסט ביי א צווייטן טישל.

— דאָס שענסטע איז — מאַכט א צווייטער גאַסט אויך אין אידיש — וואָס ער איז אויף זיין לעבן גאָר קיין קניאַז ניט געווען. מסתמא געווען א קאָניוך ביי א קניאַז.

— האָסט געהערט? „מערזאַוועצי” האָט ער אונז גערופן — פאַרטייטשט אין ענגליש א מיטליאָריגער איד צו א יונגן אַמעריקאַנערגעבוירענעם אידישן בחור, וואָס יענער האָט געזאָגט.

רייסט זיך גלייך דער אידיש־אַמעריקאַנער בחור צום פירשט. ער וועט אים אָנלערנען, דעם חזיר, פאַר באַליידיגן אידן. האַלטן אים זייניגע אַרום טישל צו. הויבן זיך אָן צו רייסן פון ווייטערע טישלעך אַנדערע יונגע אידישע בחורים. לויפט די באַלעבאָסטע צו מיט גרויס פאַרדראָס צום פירשט, זידלט אים אין רוסיש, הלמאי ער באַליידיגט די געסט. שטויסט זי דער פירשט אָפּ. שטויסט אָפּ מאַניאַ'ן. ער איז שוין נעוואַלדיג צעהיצט. די גרויע אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט. דאָס פנים — הוילער כוליגאַן.

— מאַלטשאַט! (שטיל זאָל ווערן) — טוט ער א געשריי ווי אַן

אמת'ער פּאַנראַמשטשיק. — מאַלטשאַט, זשידי, יאַ וואַש באַג! (שטיל זאָל ווערן, אידן, איך בין אייער גאָט!)

האָט שוין טאַמאַראַ אַלקסאַנדראָוונאַ געגעבן אַ באַפעל צו די ווײַטערס מען זאָל אים צונעמען. לאָזט ער זיך ניט, וואַרפט זיך שלאָגן. כאַפּט זיך אָן ביים טישל. הויבן זיך אויף געוואַלדן און קוויטשערייען. די פרויען לויפן צו דער טיר. מען ברעכט פלעשער, מען קערט איבער טישלעך. לויפט אַריין דער הויכער קאָזאַק אין דער טשערקעסקער בורקע, וואָס שטייט תמיד אינדרויסן ביים אַריינגאַנג אַלס אַן אַדוועד־טאַיזמענט, און טוט אַ כאַפּ דעם פּירשט אין די הענט אַריין, ווי אַ קליינעם אינגל. טראָגט אים אין דער הויך, איבער אַלעמענס קעפּ, און וואַרפט אים אַריין אין קיך אַריין ווי אַ באַרעם האָלץ.

בלייבט ער ליגן, דער פּירשט, אויפן דיל אין קיך אַ צע'נהרג'טער, אַ צעפּליקטער. האַלט אין איין מאַכן מיט די הענט ליגנדיג, האַלט אין איין שרייען מיט אַ הייזעריגער, שיכור'ער כוליגאַנישער שטימע: „מאַלטשאַט, זשידי, יאַ וואַש באַג!"

גלעט אים מאַניאַ, קושט אים אין די שיכור'ע ליפּן.

— וואָן, זשידאָווקאַ פּראַקליאַטאַיאַ! (אַוועק פון מיר, דו פאַר־שאָלטענע אידישקע) — טוט ער זי אַ וואָרף פון זיך, אַז זי שלאָגט זיך אָזש אָן אין קיך־טיש. — אַוועק פון מיינע אויגן, דו אידישע אומריינע בלוט...

אידישקע, אידישקע, ביזט נאָך אַלץ דאָ . . .

— טשודנאַיאַ מאָיאַ, טשודנאַיאַ מאָיאַ! (וואונדערבאַרע מיינע, וואונדערבאַרע מיינע).

זיינען דאָס טאָקע געווען וואונדערבאַרע גליקלעכע טעג, ווען זיינע אויגן האָבן געשיינט צו איר פול מיט ליבשאַפט, און ער האָט איר געקושט די הענט און זי גערופן: טשודנאַיאַ מאָיאַ, טשודנאַיאַ מאָיאַ".

מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון „רוסישן וואָלף". נאָך מיאוס אָפּגע־זאָגט אויך. טאַמאַראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַליין האָט אים אָפּגעזאָגט. אים גערופן „חזיר", „כוליגאַן", „פּאַנראַמשטשיק". דער קאָזאַק אין דער בורקע איז געשטאַנען דערביי, ווען זי האָט אים גערופן „חזיר, כוליגאַן און פּאַנראַמשטשיק", האָט יענער זיך ניט אָנגענומען פאַר אַ

ראסן־ברודער. פארקערט, נאָך זיך אויסגעשנייצט די נאָז אין דער הויך, אזוי ווי אומיסטנע, מיט א דרימזשע אויסגעשנייצט די נאָז.

די באַלאַלאַיקע־שפּילער האָבן אוועקגעדרייט זייערע פּנים׳ער פון אים. די וועיטערקעס האָבן געהאַלטן אראָפּגעלאָזט די אויגן. שלום איז געשטאַנען גרייט ביים טעלעפאָן. טאָמער וועט מען דארפן, זאָל ער גלייך קאָנען אויסשטרעקן די האַנט צום טעלעפאָן.

די אידן האָבן אים געמאַכט א תל פון זיין מוטערל רוסלאַנד. די אידן האָבן אים אויך א תל געמאַכט פון זיין קאַריערע אין אמעריקע. מ׳וויל אים שוין אין קיין שום קאַבאַרעט ניט אריינגעמען. מען ווייסט שוין אומעטום וועגן זיין אויפפירונג.

וואוהין־זשע וועט ער זיך קערן און וואוהין וועט ער זיך שוין ווענדן ? אומעטום די אידן. אפשר וועט ער שוין פאָרן קיין באַרבין בעסער. דאָרטן קלייבט מען זיך, דאָרטן גרייט מען זיך.

פאָרט ער נאָך ניט אזוי גיך קיין באַרבין. דערווייל עסט ער די וועטשערעס, וואָס מאַניא קאָכט אויפן גאַז־אייוועלע, אהיימקומענדיג פון דער ארבעט. דערווייל האָט ער נאָך א דאך איבערן קאָפּ, פאַר וועלכן מאַניא צאָלט פון אירע פארדינסטן. אָבער ער האָט זי שוין פיינט, די דאָזיגע מיידל, וואָס האָט אין זיך אויך דאָס אידישע אומ־ריינע בלוט. ער קאָן זי שוין ניט פארטראָגן. און דאָ דארף ער נאָך שלאָפן מיט איר אין איין בעט. איר יונגער שיינער קערפּער מיינט שוין גאָרנישט פאַר אים, און אויב ער מיינט, איז מיט חוזק, איז מיט פייניגן.

דערנאָכדעם קומען אָוונטן, ווען מאַניא טרעפט אים שוין אינ־גאַנצן ניט אין דער היים. קאָכט שוין מאַניא וועטשערע פאַר זיך אַליין. עסט און וויינט. צעוואַשט די טעלער און וויינט. לייגט זיך אויפן בעט אין די קליידער און וויינט.

זי וויינט נאָך יענעם איידעלן, נאָבעלן פירשט, וואָס פלעגט איר אויסטאָן די שיכלעך. וואָס פלעגט זי טראָגן אויף די הענט צום בעט, איר אויסקושן יעדן אבר און מאכן : „טשודנאיא מאָיא, טשודנאיא מאָיא" (מיין וואונדערבארע, מיין וואונדערבארע).

וויינט זי איצט און בעט ביים גאָט, צו וועלכן איר מאמע האָט געבעטן אום יום־כפּור, ביי ליכט־בענטשן (דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל אין יאָר, ווען איר מאמע פלעגט בענטשן ליכט). בעט זי איצט ביי איר מאמע׳ס יום־כפּור׳דיגן גאָט, ער זאָל אהיימברענגען

איר פירשט בשלום. ער זאָל אים אהיימברענגען אָן אויסגעלייטערטן, אָן אויסגעקלאָרטן און אַ ליבנדיגן.

ברענגט אים גאָט אהיים אַ וואַקלענדיגן, אָן אָנגעטרונקענעם, אַ באַזויפענעם. פאַלט אָוועק אין די קליידער, פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע בעט, שטויסט זי צו דער וואַנט און מאַכט:

— אידישקע, אידישקע, ביזט נאָך אַלץ דאָ? ווען פאַרשווינדסטו שוין!!!

וואָס זשע ווינסטו, טאַטע?

דער זייגער אויף דער עדיסאָן־געביידע האָט געשלאָגן צוועלף מאָל. הערט מען אין אַלע הייזער, פון סעקאָנד עוועניו ביז דער פינפ־טער עוועניו, פון דער פערצנטער גאַס ביז דער דרייסיגסטער גאַס און נאָך ווייטער, ווען דער זייגער אויף דער עדיסאָן־געביידע שלאָגט צוועלף מאָל... צוועלף שווערע נאָכהודיענדיגע קלונגען, וואָס צעגייען זיך איבער אַלע דעכער מיט אַ לאַנגן, ווייטן ברום.

דער זייגער אויף דער עדיסאָן־געביידע האָט דערנאָכדעם שוין געשלאָגן בלויז איין מאָל. איין שווערן נאָכהודיענדיגן קלונג, וואָס איז זיך צעגאַנגען מיט אַ לאַנגן ווייטן ברום און פאַרלוירן געוואָרן צווישן די דעכער אַרום די גאַסן, פון דער צווייטער עוועניו ביז דער פינפטער עוועניו, פון דער פערצנטער ביז דער דרייסיגסטער גאַס.

האָט מאַניאַ אויך געהערט דעם איינזאַמען קלונג אין דער שפּעטער נאַכט. דעמאָלט האָט זי שוין ניט געוואָלט וואַרטן. זי האָט געוואָלט שלאָפן. געוואָלט שלאָפן מיט דעם זעלבינן שלאָף, ווי אין די אַמאָליגע יאָרן, אין גוטן היימישן בעט. ווען מען ווייסט ניט ווי אַזוי בעסער זיך צוטוליען צו דעם ווייכן פרישן בעט־געוואַנט; ווען ס׳כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער פון גרויס פאַרגעניגן, וואָס מען קאָן זיך איינמאַשטשען, זיך צונויפנעמען און זיך אַפּלאָזן אין אַזאַ געזאַנג פון אייבינער רו.

זינגט מען טאַטע איצט. מענטשן זינגען אויף די גאַסן, און קלויסטער־גלאָקן קלינגען, און ס׳איז אַזאַ גרויסער יום־טוב אויף דער וועלט. פּאַלקאָוויקעס און גענעראַלן אין וואַשזנע עקיפּאַזשן האַלטן אין איין פאַרבייפאָרן. סאָלדאַטן און סאָלדאַטן. טויזנטער סאָלדאַטן אויף די טראָטואַרן. מען שרייט: הוררא. פאַר וועמען שרייען זיי אַזוי הוררא? לאָמיר זען. מען שרייט טאַטע פאַר איר און פאַרן פירשט

הורא. זי פאַרןביידע אין א פירשטלעכן עקיפּאַזש, באַצירט מיט בלומען. אירע חבר׳טעס פון דער אָדעסער גימנאַזיע זינגען „באַזשע צאַריא כראַני״. אַלע קלויסטער־גלאָקן איבער גאַנץ מאָסקווע האַלטן אין קלינגען, און מאָסקווע זעט גאָר אויס ווי אָדעס, אויף דער דעריי־באַסעוועסקע גאַס. אַזאַ ליכטיגע זון, און עס שמעקן די אַקאַציע־ביימער, און אַלע מענטשן פרייען זיך. ס׳איז איר חתונה היינט. איר חתונה מיט דעם פירשט. אָבער דער טאַטע אירער, דער גביר, וויינט.

— מיין קינד, מיין קינד, פאַרוואָס זאָלסטו פאַרבייטן דעם אידישן גלויבן, דעם גלויבן פון דיינע עלטערן?

— איך האָב ניט געוואוסט פון קיין אַנדערן גלויבן — ענטפערט זי אַף איר טאַטן. — עס איז מיר שטענדיג געווען פרעמד דער אידישער גלויבן. אין הויז האָבן מיר בלויז גערעדט רוסיש. מיינע חבר׳טעס זיינען געווען קריסטלעכע קינדער. אין אָדעסער גימנאַזיע פלעגט מיט אונז דער גלח לערנען די עוואַנגעליע. אין טשערעמעיוו האָבן מיר ניט פאַרקערט מיט די אידן פון שטעטל. דער סודעבני פריסטאַוו, דער מיראָוואָי סודיא, דער נאָטאַריוס און דער אַפּטייקער, זיי זיינען געווען בלויז די ,מיט וועמען מיר האָבן זיך געפריינטלט. טאָ פאַרוואָס־זשע קומסטו איצט און וויינסט און וויינסט, און פאַרשטערסט מיר די שמחה?

וויינט דער טאַטע אַזוי יאָמערלעך, אַזוי יאָמערלעך. וויינט אויך אין איר דאָס האַרץ... קלינגען שוין ניט די קלויסטער־גלאָקן, שרייען שוין ניט די סאָלדאַטן הורא, הורא. פאָרן שוין ניט קיין עקיפּאַזשן מיט גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס... עס קוויטשעט נאָר דער וועק־זייגער... ער ליינט איין וועלטן, דער וועק־זייגער... מען דאַרף שוין גיין צו דער אַרבעט... דער טאָג איז שוין ליכטיג, און זי ליגט איינע אַליין אין בעט...

נימאָ דער פירשט אירער... שוין ניט געקומען דער פירשט...

אַרקעלע טרעפט אָן מאַניאַ׳ן

— אָבער ס׳איז דאָך פאַרט מאַניא! — האָט אַרקעלע א טענה צו יאַנקעלע׳ן.

— וואָס פאַר א מאַניא? וואָס חלומ׳ט זיך דיר מאַניא? זעעסט ניט, אַז ס׳איז ניט מאַניא?

דער „רוסישער וואָלף" איז געפּאַקט. אַלע נאַכט איז שוין איצט דער „רוסישער וואָלף" געפּאַקט. פון אַלע עקן שטאָט קומט מען אָן זיך חידוש'ן, ווי די רוסישע פירשטין מאַריאַ מאַלאַרוקאָווא, וואָס שטאַמט פון אַזאַ גרויסן יחוס, טראָגט זיך מיט די טאַצן, ווי אַ פּשוט'ע וועיטערקע.

גרויסע גרינע אוירינגלעך הענגען אַראָפּ פון מאַניאַ'ס אויערן. אַ רוסישע לייוונטענע בלוזע, אויסגענייט ביי די אַרבל מיט פאַרשיידענע קאָלירטע קווייטעלעך. אירע שיינע שוואַרצע האָר אַרויפגעקעמט פון שטערן אַרויף און מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ איבערגעפלאָכטן אַרום קאָפּ. אין אַ גרינער קליידל, אין רויטע שיכעלעך. טראָגט זיך אַרום די אַדעליגע פירשטין מיט אַ ליבן שמייכל, מיט אַ בלייפעדער און מיט אַ טשעק־ביכעלע. פאַרשרייבט די באַשטעלונגען, דערלאַנגט די באַשטעלונגען, מאַכט חשבונות, נויגט זיך ליבלעך צו אַלע אַריינקומענדיגע, צו אַלע אַוועקגייענדיגע.

— מאַניאַ! — גיט אַרקעלע אַ רוף, בשעת יענע האָט פאַרביי־געשוועבט מיט דער ליידיגער טאַץ אין קיך אַריין.

גיט מאַניאַ אַ ציטער, קוקט זיך אום, דערזעט ווער ס'האָט זי גערופן. פאַרבאַהאַלט גלייך איר צעטומלעניש. קערט אָפּ ס'פּנים. קוקט זיך שוין ניט אום די גאַנצע צייט אין דער ריכטונג, וואו אירע לאַנדס־לייט זיצן.

— נו, דו זעסט, אַז ס'איז ניט מאַניאַ? — לאַכט יאַנקעלע.

— אָבער זי האָט זיך דאָך אומגעקוקט, ווען איך האָב געזאָגט מאַניאַ — האָט אַרקעלע אַ טענה.

שפּאַצירנדיג היינט איבער דער צווייטער עוועניו, האָבןביידע חברים'לעך פלוצלונג דערזען אויפן שויפענצטער פון קאַבאַרעט די בילד פון אַ מיידל, וואָס ווערט אַדווערטאַיזט אַלס אַ רוסישע פּרינצעסין, און זיי האָבן גלייך דערקענט, אַז ס'איז גאָר מאַניאַ. האָט שוין אַרקעלע געמוזט אַריינגיין אינעווייניג, און מיטגעשלעפּט דעם חבר זיינעם יאַנ־קעלע'ן אויך... זיצן זיי, ביידע חברים, ביי אַ טישעלע, עט פאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע. ס'ערשטע מאָל אין זייער לעבן, אַז זיי זיינען אַריינ־געפאַלן אין אַזאַ פּלאַץ. שעמט זיך יאַנקעלע, פּילט זיך אומבאַקוועם. אַרקעלע'ן אָבער גייט שוין ניט אין שעמען זיך, ער מוז אויסגעפינען דעם אמת.

— מיינע ליבע הערן און דאַמען—רופט אויס די הויכע שטאַלטנע

באַלעבאַסטע, טאַמאַראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ — אונזער אַדעליגע פירשטין, מאַריאַ סערגעיעוונאַ מאַלאַרוקאָווא, איז אויך אַ זעלטענע פּיאַנאָ־שפּילערין.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — קלאַפּט דער עולם און איז מלא גדולה, וואָס די פירשטין איז אויך אַ זעלטענע פּיאַנאָ־שפּילערין.

די פירשטין זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, אַ פּאַרשעמטע, אַ פאַר־רויטלטע. דער עולם ווערט גליך פאַרצויגן פון איר שפּילן. שלום, וואָס זיצט ביי דער קאַסע, לאַכט אין אַרבל אריין. ס׳איז טאַקע געווען זיין איינפאַל צו מאַכן מאַניאַ׳ן פאַר אַ פירשטין. טוט אים איצט הנאה, וואָס ער איז אַזאַ גרויסער חכם. ס׳איז עפּעס געווען ווי אַ נבואה פון גאָט, ווען ער האָט זי דערזען אַריינקומען, נאָכדעם ווי דער פירשט האָט זי אַוועקגעוואָרפן און זיך אַוועקגעלאָזט קיין כאַרבין. ס׳האָט אים אַזש אַ שלאָג געטאָן אין האַרצן פון דער דאָזיגער נבואה. אַ כפּרה צען אמת׳ע פירשטינס פאַר דער דאָזיגער זעלטענער שיינהייט. פרייט זיך שלום. כאַפּט אַ קוק צו זיין ווייבל, ווי איינער זאָגט: זעסטו באָטש, וואָס פאַר אַ קלוגן מאַן דו פאַרמאָגסט?

שפּילט מאַניאַ אויף דער פּיאַנאָ. אירע בויגעוודיגע מיידלשע אַקסלען לאָזן זיך אָפּ צום שפּילן. איר הויכער אויסגעטאָקטער שיינער האַלז איז טרויעריג. זי שפּילט איצט איינציגע פון די שטיקלעך, וואָס זי האָט אַמאָל געשפּילט אין איר טאַטנ׳ס רייכן הויז. אַ זומער פאַר־נאַכט, ווען די ברייטע פענצטער זיינען געווען צעעפנט צו די הויכע שמעקעדיגע אַקאַציע־ביימער; ווען די לאַנגע פאָרהאַנגען האָבן זיך געוויגט און געפלאַטערט צו די קילע שמעקנדיגע ווינטלעך, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די אַרומיגע טשערעמעיעווער פעלדער און גערטנער; ווען אַ גאַנץ שטעטל מיט אידן איז געשטאַנען הינטער די פענצטער און זיך געקוויקט מיט דער צויבערלעכער מוזיק און זיך גע׳חידוש׳ט, וואָס אַ גביר איז געבענטשט מיט אַלע תענוגים פון דער וועלט.

פלעגט אָפּט צווישן די אַלע אידן הינטער די פענצטער אויך שטיין אַ פאַרכאַפּטער אַרקעלע בורמילע, דער קייסער פון אַלע באַסיאַקעס. איז שוין אַרקעלע איצט ניט קיין בורמילע. ער איז שוין איצט אַ געלערנטער מענטש. ער קאָן שוין שרייבן מיט זיינע אייגענע הענט בריוולעך צו זיין מאַמען. ער האָט שוין איבערגעלייענט פון אָנהויב ביזן סוף ראַבאָי׳ס „ניין ברידער“. איצט האָט ער זיך גענומען לייענען „מאָטל, פּייסי דעם חזנ׳ס“ פון שלום עליכם. שוין אַן אַנדער אַרקעלע, וואָס

ארט אייך. ברומט אָבער אויך אין דעם איצטיגן ארקעלע יעדער אבר, פונקט ווי ס'האָט אין אים אַמאָל געברומט, ווען ער איז נאָך געווען א בורמילע און געשטאַנען הינטער אירע פענצטער. ס'כאַפּט אים איצט אָן די זעלבע בענקעניש און נאָגעניש, פונקט ווי ס'האָט אים אַמאָל אָנגעכאַפּט אין די אַמאָליגע זומער פאַרנאַכטן. האָט ער דעמאָלט ניט געוואוסט דעם באשייד פון דער דאָזיגער אנגענעמער פיינלעכקייט, וואָס איר שפּילן האָט ביי אים ארויסגערופן, ווייסט ער איצט אויך ניט דעם באשייד.

מאַניא שפּילט אַ שטיקעלע, וואָס זי האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן אינדערהיים. ווײנט אין איר איצט יעדער גליד. זי ווײנט נאָך איר גליקלעכער יוגנט, וואָס איז אוועק און וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן. זי ווײנט נאָך איר שטאָלטנעם פּירשט, וואָס איז אוועק און וועט זיך שוין אויך קיינמאָל ניט אומקערן.

— בראַוואָ, בים, בראַוואָ, בים!... — קלאַפּט דער עולם מיט גוואַלדיגער באַגייסטערונג.

קלאַפּט בראַוואָ שטאַרקער פון אַלעמען איין מענטש צווישן עולם, און דאָס איז מיסטער ראַטנער, דער רייכער קאָנטראַקטאָר און בויער פון הייזער, וואָס פאַרפעלט שוין ניט קיין איין אָוונט צו קומען אַהער אין „רוסישן וואָלף".

— בר־אַ־אַ־וואָ! — פּילדערט מר. ראַטנער. — בראַוואָ, ביי־י־ם...

מיסטער ראַטנער און די פּרינצעסין

שמייכלט מר. ראַטנער צו דער פּרינצעסין, מאַריאַ מאַלאָרוקאָוואַ, מיט אַזאַ פריינטלעכן און העפלעכן שמייכל.

פאַרנויגט זיך מיסטער ראַטנער פאַר איר, פאַרנויגט זיך ביזן גאַרטל, דער פינף־און־פופציג־יאָריגער קאַוואַליער, דער מיטל־יאָריגער גאַלאַנטנער קאַוואַליער מיט דעם נאַקעטן אויסגעקייטלעכדיגטן פּליכעלע אין צענטער פון שאַרבן. שטרעקט איר אויס אַ וואַרעמע האַנט מיט אַ ווייסן מאַנזשעט, באַקנעפּלט מיט קליינע דימענטלעך.

קוים נע'פּועל'ט ביי דער באַלעבאָסטע זי זאָל באַפרייען איר פּרינ־צעסין די וועיטערקע, זי זאָל שוין מערער ניט דאַרפן דערלאַנגען צו די טישן. זאָל זי זיצן מיט אים, מיסטער ראַטנער'ן, וועט ער קאָנען

קוקן אומגעשטערט אין איר מאַיעסטעטיש פּנים און הנאה האָבן פון דער קעניגלעכער לויטערקייט.

זיצט די רוסישע פּרינצעסין, מאַריאַ סערגעיעווגאַ מאַלאַראָקאָווא, אַנטקעגן אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי שעמט זיך, די פּרינצעסין, נעמט ער אָן איר ווייס־אויסגעטאָקט הענטל און פאַרמאַכט דאָס אין זיין געזונטער רויטער האַנט מיט די צעפּלאַטשטע פינגער.

דלאָטעס, האַמערס, זעגן מיט אָפּצווייגעס האָט די דאָזיגע געזונטע ברייטע האַנט געהאַלטן פון אינגלווייז אָן. בערישל דעם סטאָליער'ס. דער טאַטע זיינער אויך געווען אַ סטאָליער. דאָ אין אַמעריקע האָט זיך בערישל אויך פאַרנומען מיט סטאָלערייַ אַ שיינע פּאָר יאָרן, ביז ס'האָט אים אָנגעהויבן צו גליקן. איצטער האַלט די דאָזיגע רויטע פאַרהאַרטעוועטע האַנט אַ פירשטלעך מיידל־הענטל, און אַזאַ גרויסער תענוג צעגייט זיך איבער די בלוטן.

— איר זיינט מיד, איידעלע פירשטין — רופט ער זיך אָן צו איר פאָטערלעך און מיט רחמנות.

יאָ, מאַניאַ איז מיד. אונטער די אויגן קוים באַמערקבאַרע קנייטשן. די פּיס נאָיען, די ביינער ברעכן. אַ פּרינצעסין פאַר דער וועלט...

— ניין, איך וועל ניט דערלאָזן, אַז די איידל־געבוירענע זאָל פאַרמוטשען אירע גאָלדענע פינגערלעך — קושט מיסטער ראַטנער די דאָזיגע גאָלדענע פינגערלעך און שמאַקעט זיי ווי די ביינדלעך פון אַ געשמאַק שטיקל עוף.

זעט דאָס צו אַרקעלע פון זיין טישל, און עס קומט שוין ביי אים אויס, אַז די וועלט קערט זיך דאָ איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— אָבער ס'איז ניט מאַניאַ — טרייסט אים דער חבר.

— ס'איז יאָ מאַניאַ — טוט אַרקעלע אַ ביטערן זיפץ. — מען האָט זי אומיסטן פאַרשטעלט פאַר אַ פּרינצעסין, צוליב ביזנעס.

כאַפּט אויך מאַניאַ אַ פאַר'גנב'עטן בליק צו אַרקעלע'ס טישל. זי האָט מורא פאַר אים. ער קאָן זי נאָך אומגליקלעך מאַכן. זי געדענקט נאָך פון דער היים, וואָס פאַר אַ מיאוסע שטיק ער פלעגט אָפּטאָן. ער קאָן זיך נאָך אויפשטעלן אינמיטן דערינען און אויסרופן אויף אַ קול, אַז זי איז ניט קיין פּרינצעסין, אַז זי איז גאָר מאַניאַ באַלאַבאַן פון טשערעמעיעוו.

— איז מיר דערלויבט צו וויסן, ווי אַלט איז די פּרינצעסין? —

פרעגט פּלוצלונג באָריס ראַטנער מיט פיל העפלעכקייט און פריינט־לעכקייט.

— איז מיר דערלויבט צו וויסן, צוליב וואָס איר פרעגט דאָס? — רופט מאַניא זיך אָן אין דעם זעלבן טאָן מיט א לייכטער קאָקעטעריי.

אָן אנגענעמער מענטשעלע, דער דאָזיגער מיליאָנער. ציכטיג, שמייכלענדיג, פּאַטערלעך. זי דערפילט צו אים א צוטרוי. א דאַנק אים דארף זי איצט מער ניט זיך אונטעררייסן מיט די שווערע טאַצן. די פיס ברעכן אזוי שטארק, די אָדערן ציען. דאָס לעבן איז אזוי שווער. ניטאָ קיין אויסגאַנג. א פּרינצעסין פאר דער וועלט. א צעבראָכענע, א דערנידעריגטע אין איר אייגענעם צימער. אין שאַפּ אפילו איז שוין די ארבעט געווען א סך לייכטער.

אפשר וועט עפּעס פּאָרט טרעפן א נס. אפשר וועט נאָך קומען דער שיינער, דער יונגער, דער בראַוער, דער שטאַרקער, און וועט זי אויסלייזן פון איר ביטערן לעבן, און וועט איר פאַרגיטיגן פאר אלע צרות. איז דער דאָזיגער מיסטער ראַטנער ניט שיין, ניט יונג, ניט בראַוו, ניט שטאַרק, אָבער אזוי פריינטלעך און אזוי רייך. ער פּאָיעט זי מיט ווייַן, און זי טרינקט. זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט טרינקען אין דעם פּלאַץ. צעוואַרעמט דער זעלטענער וויין אלע ביינער. ווילט זיך אזש וויינען.

— איז צוליב וואָס זשע האָט מיסטער ראַטנער געפרעגט, ווי אַלט איך בין? — לאָזט זי אים שוין ניט אָפּ.

— ווייל איר קוקט אויס אזוי יונג.

— וויפיל, א שטייגער, דענקט איר, בין איך אַלט?

— אכצן יאָר.

ניט צוליב דעם האָט ער אָבער זי געפרעגט, ווי אַלט זי איז. ס'איז אים פּלוצלונג ארויף אויפן געדאַנק זיין טעכטערל בלענטש. כמעט אויך אין די זעלבע יאָרן, ווי די פּרינצעסין, און עפּעס ענלעכעס איז פאַראַן צווישן זיי ביידע.

— גלאַט אזוי געפרעגט — קושט ער איר בלאַסע האַנט. — אזא צאַרטינקע, אזא יונגינקע, פון אזא געהויבענעם יחוס, און מוז נעבעך זיין א וועיטערקע.

צעוויינט זיך מאַניא. זי האָט זיך איצט דערמאָנט אין טשערע־מעיעוו, אין פּעטיא'ן, דעם גלח'ס זונדל, און אין איר גליקלעך, לוקסוס־דיג לעבן.

— נו, שאַ, שאַ, וויין ניט — נעמט ער ארויס אַ זיידן טיכעלע און ווישט איר אָפּ די טרערן. — לאָמיר בעסער ארויסגיין פון דאַנען. ס'איז דאָ אָנגערויכערט און שטיקנדיג. קום, טעכטערל.

אין רוסיש רעדט ער צו איר. ער געדענקט נאָך די דאָזיגע שפּראַך פון דער היים. ווערט מאַניאַ נאָך מער גערירט, וואָס ער רופט איר: טעכטערל („דאָטשקאַ") אין איר ליבער רוסישער שפּראַך. צעלאָזן זיך אירע טרערן אָן אַ גרענעץ.

ער פירט זי ארויס אינדרויסן. שווימט צו, ווי דורך אַ כישוף, אַ גרויסער גלאַנציגער שוואַרצער אויטאָמאָביל, איילט זיך צו דער קאָזאַק אין דער בורקע און עפנט דאָס טירל אין טיפער פאַרנייגונג. דערפילט גלייך דער קאָזאַק אין זיין האַנט אַ פּאַפּירל. אַ גרין פּאַפּירל. אפשר אַ דאָלאַר, אפשר פינף דאָלאַר און אפשר גאָר גאַנצענע צען. ער וועט אָבער איצט ניט אַ קוק טאָן. ער לאָזט דאָס גלייך אריין אין קעשענע. ער וועט שוין שפּעטער אַ קוק טאָן.

איז אויך ארקעלע און זיין חבר יאַנקעלע געווען דערביי, ווען דער גביר האָט מאַניאַ'ן אריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל. האָט ארקעלע אויך געזען, ווי דער אויטאָמאָביל האָט געגעבן אַ יאָג אַוועק אַזוי ביסטרע, און ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביי אים דאָס האַרץ.

— ער וועט שוין היינט האָבן אַ גוטע נאַכט — מאַכט יאַנקעלע מיט אַ ביטערן חוזק.

— ס'מעג דיר אָפּדאַרן דער פּיסק! — גיט אים ארקעלע גלייך אַ שמיר איבערן קאָפּ.

— וואָס שלאָגסטו זיך וואָס, דו בורמילע איינער? — צעוואָיעט זיך יאַנקעלע...

:: :: ::

דעם צווייטן אָוונט איז ארקעלע אויך געווען דאָרטן. דעם דריטן און פערטן אָוונט. אָבער שוין אויס מאַניאַ. מען האָט שוין אפילו איר בילד אַראָפּגענומען פון שוי־פענצטער. אַ ניי בילד האָט מען שוין ארויסגעשטעלט. די בילד פון אַ באַרימטער רוסישער גראַפיניע...

וועווקע, מלכה־לאה דער קוראַלאַפּניצע'ס

אַלע זיינען דאָ. קומען צו צו וועווקע'ן. שטייען ארום אים. רעדן צו אים מיט פיל ווארעמקייט און גוטסקייט.

בערעלע גאַנאַפּטי איז אויך דאָ. פון וואַנען ער האָט זיך גע־יאַוועט, ווייסט קיינער ניט. ער וויל ניט דערציילן. אַן אויסגעפּוצטער בערעלע אין גאַלע שוואַרצן. שוואַרצע לאַקירטע שיך, אַ שוואַרצער פראַק, שוואַרצע הויזן, אַ שניי־ווייס העמד מיט אַ שניפּסל אויפן אָנ־געקראָכמאַלעטן קאָלנער. אַ שיינער בחור, מיט ברענענדיגע שוואַרצע וואָנצעלעך, מיט פייערדיגע אייגעלעך.

ער האָט זיך צעקושט מיט וועווקע'ן גלייך אין די ליפּן אַריין:

— וועווקע, וועווקע, זאָל דיר גאָט געבן פיל נחת און גליק. איך ווינטשעווע דיר דאָס פון טיפסטן האַרצן.

ברוך ביר, אין דער יאַרמולקע, מיט אַ פּיצעלע בערדעלע אונטער דער פרומער פעטער ליפּ, בענטשט וועווקע'ן אין לשון־קודש:

— און גאָט זאָל אייך העלפן, איר זאָלט זיך פרוכפּערן און מערן און אויפשטעלן אַ דור צווישן אידן.

פרויקעלע סענדערס ווינטשעוועט ניט מיטן מויל. ער ווינטשעוועט מיט זיינע ליבע סאַמעטענע אויגן, וואָס קוקן אויס פאַרגרעסערט דורך זיינע ברילן. מיט זיין פיינעם חן־גריבעלע ווינטשעוועט ער, מיט דער וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון זיין האַנט־דרוק, ווינטשעוועט ער.

זלאַטע שעמט זיך, ווען זי גייט צו צו וועווקע'ן. זי ווערט רויט ביז אין די וואָרצלען. זי שעמט זיך פאַר אירע לאַנדסלייט.

— אַ סך גליק און פרייד! — זאָגט זי אין ענגליש.

דער דאַזיגער ענגליש, וואָס קומט פון איר מויל, פון דער קבצנ'ישער טשערעמעיעווער מיידל, קלינגט זייער מאָדנע אין די אויערן פון די לאַנדסלייט. אַקוראַט ווי איר טאַטע דער קבצן וואָלט זיך אַנידערגעזעצט ביי דער מזרח־וואַנט צוזאַמען מיט אַלע רייכע באַלע־באַטים.

אַרקעלע האָט זיך אויך צעקושט מיט וועווקע'ן. גוטברודעריש אַרומגעכאַפּט דעם לאַנדסמאַן זיינעם און אַ געשמאַקן קוש געטאָן אין מויל.

דעם חבר זיינעם, יאַנקעלע'ן, איז ניט געפעלן געוואָרן דער דאַזיגער קוש. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַרקעלע מאַכט דאָס נאָך ניומעלע בעלצער. ניומעלע בעלצער האָט אויך אַזאַ טבע, ווען ער וויל עמיצן פאַרשאַפן אַ סך פרייד, ווען די געלעגנהייט איז זייער אַ פייערלעכע, כאַפּט ער אַרום און קושט זיך.

משה האָט אָנגענומען װעװוקע׳ס האַנט, אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט טרויעריגקייט און מיט ליבשאַפט און בלויז געזאָגט:

— װעװוקע, מלכה לאה דער קוראַלאַפּניצע׳ס! אַ?!

פון די דאָזיגע װערטער איז װעװוקע׳ן געװאָרן װאַרעמער װי פון אַלע איבעריגע װינטשעװאַניעס. פון דעם װאָרט „קוראַלאַפּניצע" איז מיטאַמאָל אָנגעקומען צו זײַנע נאָזלעכער אַלע היימישע ריחות, ריחות פון הינער, פון שטרוי, פון שטויב, פון עפּל און באַרן און פון גרינסן. זײַנע אויגן זײַנען געװאָרן פײַכטלעך.

— װאָס־זשע װײַנסטו, װעװוקע? — גלעט אים דעיװו שאַמעס.

— װײַל איך בין גליקלעך — צעשײַנען ייך זײַנע פײַכט־אָנגעזאָפּטע אויגן.

אַ מושב־זקנים געפינט זיך אין דער זעלביגער געביידע, װאו די חתונה קומט פאָר. אַ מושב־זקנים, אַ שול און פאַרשיידענע אַנדערע זאַלן פאַר לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינגען. זײַנען אַ פּאָר אַלטיטשקע פרויען פון מושב־זקנים געקומען קוקן אויף דער חתונה. אויף דעם באַלקאָן האָבן זיי זיך אויסגעזעצט. אין די קאָפּן־טיכלעך, אין סװעטער־לעך. אַלעמען איז היים אין דעם זאַל, אָבער זיי איז קאַלט. טוליען זיי זיך איינע צו דער אַנדערער, קוקן אַראָפּצוצו, װאו די כלי־זמר שפּילן, װאו דאָס יונגװאַרג טאַנצט.

זישע קלעזמער מיט דער גוליע איז אויך דאָ. װי קאָנען דען די טשערעמיעװער לאַנדסלײַט פּראַװען זייערע חתונות אָן זישע קלעזמער מיט דער גוליע, װאָס קאָן אויסשפּילן אויף זײַן פידעלע אַלע נגונים׳לעך, װאָס זײַנען געזונגען געװאָרן אין בעסאַראַביע?!

— זישע קלעזמער, שפּילט אונז דאָס בעטלערל, מיר בעטן אײַך.

לאָזט זיך זישע קלעזמער לאַנג ניט בעטן. סטראָיעט אָן די סטרונעס, לייגט צו דאָס ליכטיג־ברוינע פידעלע צום קאָלנער. פאַר־מאַכט די אויגן מיט די גרױלעכע ברעמען, און עס שפּרייטן זיך שוין אָט יענע טענער, װאָס װיקלען אײַן אין זיסן טרויער אַלע בעסאַראַביער לאַנדסלײַט, װאָס האָבן זיך פאַרזאַמלט סיי פון חתנ׳ס צד, סיי פון כלה׳ס צד.

װעװוקע טאַפּער האָט היינט חתונה, און ער װיל גאָר װיינען. ער איז טאַקע אודאי גליקלעך, װאָס די גאַנצע חברה, די שיפס־ברידער און די שיפס־שװעסטער, שטייען אַרום אים, װי גוטע חברים זײַנע, װי האַרציגע פרײַנט. שטייען אַרום אים, רעדן צו אים איידל און פאַר־

שאַפֿן אים פֿיל כבוד. אָבער ער וויל וויינען.

„וועווקע, מלכה לאה דער קוראַלאַפּניצע'ס" — האָט משה געזאָגט. האָבן די דאָזיגע ווערטער זיך אויפֿגעוויקלט ווי דורך אַ כשוף, און ס'האָבן אָנגעהויבן צו מאָלן זיך בילדער און געשטאַלטן פֿון זיין שטעטל, און אַ גרויסע בענקשאַפֿט האָט אים אַרומגעכאַפּט, אין דער נאַכט פֿון זיין חתונה, נאָך זיין קינדהייט... ער דערזעט איצט זיין קינדהייט. ווי די גאָלדענע זון אין טשערעמעיעוו. ס'קומט שוין ביי אים איצט אויס, אַז נאָר גוטס און פֿריידיגס האָט ער אין זיין קינדהייט געוואוסט. ער האָט דאָך ניט געהאַט אַזאַ גליקלעכע קינדהייט. ביז זעקס יאָר פֿלעגט אים די מאַמע פֿאַרשליסן איינעם אַליין אין שטיבל, ווייל זי האָט געדאַרפֿט לויפֿן אויפֿן מאַרק האַנדלען מיט עופֿות. האָט ער געוויינט פֿון גאַנץ פֿרי ביז פֿאַרנאַכט, זיך געריסן אויף אַלע צוויין. אַ קליין קינד איינער אַליין אין אַ פֿאַרשלאָסענער שטוב.

פֿון הונגער האָט ער אויך געוואוסט אין זיין קינדהייט. פֿון קעלט און פֿון פֿייכטקייט. ווינטער איז געווען שטאַרק קאַלט. ער האָט ניט געהאַט קיין שיך, און אין הויז איז געווען פֿייכט. די הרובע האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט אָנוואַרעמען. אַ פֿאַרשאָלטענע הרובע, וואָס האָט ניט געוואָלט איינהאַלטן אין זיך קיין היץ.

אויפֿן געלעגער האָבן אים די קריכנדיגע געביסן. ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער, זיינען ביי אים די האָר פֿון קאָפּ געווען שטענדיג פֿול מיט פֿעדערן, צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן מיט עופֿות. אַ גרויסער בחור זאָל טאַפּן הינער, פּונקט ווי די ווייבער!

חברה האָבן שטענדיג פֿון אים לצנות געמאַכט, אים אָפּגעטאָן כל־ערליי שפּיצלעך. מען האָט געמיינט אין שטעטל, אַז מחמת ער איז אַ נאַר, אַרט דאָס אים ניט. אַ סימן, ער לאַכט שטענדיג, אַפֿילו מען זאָל אים אָפּטאָן די ערגסטע שפּיצלעך.

ער האָט שוין אָבער פֿאַרגעסן, וועווקע, אין די אַלע שאָטנדיגע, ניט־פֿריילעכע צייטן פֿון זיין קינדהייט. ער געדענקט איצט בלויז דאָס גוטע, דאָס פֿריידיגע, דאָס שמעקנדיגע, דאָס ווייענדיגע, דאָס פֿלאַטערנ־דיגע און דאָס לויטערע פֿון זיין קינדהייט.

אויבן, אויף דעם באַלקאָן, זיצן נאָך די באַבעלעך פֿון מושב־זקנים. אין יעדער באַבעלע איז דאָ אַ שטיק פֿון זיין מאַמען, מלכה לאה דער קוראַלאַפּניצע, מיט די טריפֿנדיגע אויגן און מיט די פֿאַרשמאַלצעוועטע קליידלעך.

גוט נאָך, וואָס אַלע זײַנע חברים שטייען אַרום אים. ס׳אָטעמט פון זיי מיט היימישקייט, מיט אייגנקייט. ער שמייכלט צו זיי מיט פייכטע אויגן.

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, ברוך? און וואָס־זשע מאַכסטו, פרויקעלע? און דו, משה? און דו, דעיוו? און ווערא? און זלאַטע? הי, הי, הי, גייט צו צום טיש, פאַרבייסט עפּעס, הי, הי, הי. משה, ברוך, דוד, בערל, פרויקעלע, זלאַטע, ווערא, הי, הי, הי.

כל זמן שהנשמה בקרבי, איז דוי, מאָטיע!

— אַזוי פיל שיינע מיידלעך אויף וועווקע׳ס חתונה! אַי, אַי — טוט ברוך אַ זיפץ.

— איז וואָס זשע זיפצסטו אַזוי, ברוך? — מאַכט צו אים דעיוו מיט שפּאָס.

— גלאַט אַזוי, דעיוו, גלאַט אַזוי...

אַזוי פיל שיינע מיידלעך אויף דער חתונה. אַלע טאַנצן, דרייען זיך, בויגן זיך, לאַכן, שיינען, פייערן, רויטלען זיך, ציטערן אויף. פלאַטערן און שוועבן פאַרביי.

— נו, וואָס זשע מאַכסטו עפּעס, בערעלע? — וויל אים ברוך אָפּשטעלן.

בערעלע האָט קיין צייט ניט. בערעלע לויפט פאַרביי. בערעלע טאַנצט שוין מיט אַ הויכער בלאָנדער מיידל.

— אַזאַ „בערעלע גאַנאַפטי”! — מאַכט בלומרשט ברוך חוזק פון אים ביי זיך אין געדאַנק. — אַזאַ גנב׳ל! קוק, ווי ס׳טאַנצט!

ער טאַנצט, בערעלע, מיט פיל גנבה׳שקייט אין זײַנע טריט. לייכט גליטשט ער זיך, ווי איבער אייז. זײַנע וואָנצעלעך פאַרדרייט מיט די שפּיצן אַרויף. אַ בחור אין אַ פראַק. כמעט דער איינציגער בחור אין אַ פראַק צווישן די אַלע מחותנים. ער ווייסט אַליין, ווי חנ׳עוודיג ער איז, ווי שיין און לאַווקע ער טאַנצט, ווי די מיידלעך קוקן אים אָן מיט באַוואונדערונג. עס איז אַ וואוילע לאַנד, אַמעריקע. אַזוי פיל פאַר־גניגנס, אַזוי פיל אויפטואונגען! וואָדען, אין טשערעמעיעוו, וואָס איז גרויס ווי אַ גניץ?

— טאַ־ראַ, ראַ — זינגט ער אונטער די מעלאָדיע און שוועבט מיט דער בלאָנדער מיידל צווישן די טאַנצנדיגע פּאָרלעך, און זעט

גאַרנים און באַמערקט גאַרנים, ווי עמיצער קוקט אויף אים אַזוי שאַרף און צודרינגלעך; ווי עמיצער קוקט אויף אים מיט ווייטאָג, מיט דערשרעק און מיט כעס.

אַן עלטערער איד קוקט אויף אים מיט ווייטאָג, מיט דערשרעק און מיט כעס. איינער פון די מחותנים פון כלה׳ס צד. אַ איד מיט אַ גרויסן שטערן, מיט פאַרשוואַרצטע הענט, מיט פאַרוואַקסענע אויערן, מיט בייזע ברעמען. ער קוקט אויף בערעלע׳ן, אָבער ער איז נאָך ניט זיכער. רופט צו די ווייב זיינע און הייסט איר קוקן אויף בערעלע׳ן. יענע אָבער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין...

— אַ, בערעלע, איז וואָס זשע זאָגסטו? — וויל אים ברוך אָפּשטעלן, ווען דער טאַנץ האָט זיך געענדיגט.

האָט בערעלע ווידער קיין צייט ניט. ער לויפט פאַרביי. ער האָט באַמערקט אַן אַנדער שיין מיידל, וועט ער יענער אויך אַרויסנעמען אויף אַ טאַנץ.

ס׳ציט אים, ברוכ׳ן, צו אַט דעם בערעלע׳ן מער ווי צו יעדן איינעם פון זיינע לאַנדסלייט. עפּעס באַמערקט ער, ברוך, ווי די לאַנדסלייט זיינען גאַרניט אַזוי פריינטלעך צו אים. פאַרקערט, זיי וואָלטן זיך איצט גאַר געדאַרפט איבערנעמען מיט אים, ברוך ביר. אַ מענטש האָט שוין אַזאַ נאָמען אין באָראָ־פּאַרק. אַ פּרינציפּאַל פון אַ תלמוד־תורה. האָט שוין געהאַלטן אפילו אַ לעקציע וועגן דער דערציאונג פון דער אַמעריקאַנער יוגנט אין אַ הדסה־ברענטש. ס׳איז שוין געווען וועגן אים אַ באַשרייבונג אין „מאָרגן־זשורנאַל". זיין בילד איז אויך דאָרטן געווען. ער האָט טאַקע דעם אויסשניט איצט ביי זיך אין בוזעמקעשענע.

— איז ווען וועסטו שוין מיר ווערן טאַנצן, בערעלע? — שטעלט אים ברוך צום דריטן מאָל אָפּ.

— קיינמאָל ניט מיר ווערן — לאַכט בערעלע מיט ווייסע ציינדלעך.

— כל זמן שהנשמה בקרבי, איז דווי, מאָטיע!

— כאַ, כאַ, כאַ — צעלאַכט זיך ברוך זייער האַרציג. — כל זמן שהנשמה בקרבי, זאָגסטו, דווי מאָטיע. קום זשע, זעץ זיך אַנידער לעבן מיר. אַזוי פיל יאָרן זיך שוין ניט געזען. וואו ביזטו געווען? וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן? מיר האָבן פאַראיאָרן געזען דיין פּיקטשע אין די בלעטער, דיין ווייב האָט דיך אַרומגעזוכט.

— טשעפּוכאַ! — מאַכט בערעלע גלייכגילטיג און גיט זיך אַ

פאַרדריי אַ שפּיצל פון אַ וואַנצע. — ס'איז גאָרניט, איך האָב זי שוין גע'גנט.

— כאַ, כאַ, כאַ, שוין גע'גנט — ווערט ברוכ'ן פריילעך. — האָסטו שוין מסתמא אַן אַנדערע?

— ס'פעלט ניט אויס, ברוך השם — גיט אים בערעלע אַ שטורכע מיטן עלנבויגן. — נו, און איר, ברוך, האָט עפּעס פּרנסה?

— מיינסט די פּרנסה, אָדער יענע פּרנסה? — לאַכט ברוך כלומרשט וואויל־יונגעריש.

— איך מיין סיי אַזוי און סיי אַזוי — איז בערעלע'ן גאָרניט קיין נפקא מינה.

— וועגן דער פּרנסה איז גאָט צו דאַנקען — פאַרגלאָצט ברוך פרום די אויגן — איך בין שוין געוואָרן אַ פּרינציפּאַל אין דער תלמוד־תורה, האָב צו זאָגן איבער צען לערער.

— אַזוי, אַ פּרינציפּאַל? מאַכט איר דאָך געלט? — פרייט זיך בערעלע. — אפשר וואָלסטו ביי מיר געקויפט אַ פינגערל מיט אַ בריליאַנטל, דער ווערט אפשר פינף הונדערט דאָלאַר, אייך אָפּלאָזן פאַר פופציג דאָלאַר.

אָ ניין, ברוך דאַרף ניט קיין בריליאַנטן. אַן אַנדערש מאָל. איצטער וויל ער מיט אים גאָר שמועסן וועגן מיידלעך. בערעלע קאָן דערציילן אַ סך פּיקאַנטע מעשה'לעך וועגן מיידלעך, און אפשר וועט אים יענער ווידער געבן עפּעס אַ גוטן אַדרעס. יענער אַדרעס, וואָס בערעלע האָט אים געגעבן מיט יאָרן צוריק, איז געווען זייער אַ פיינער אַדרעס.

— פאַרוואָס זשע טוט איר ניט, ווי וועווקע טאַפּער האָט געטאָן? געלט פאַרדינט איר נישקשה, נעמט מען און מען האָט חתונה, וועט אייך זיין גוט און וואויל, און איר וועט שוין ניט דאַרפן אָנקומען צו מיינע אַדרעסן.

— ביזט גערעכט, בערעלע. לאָמיך נאָר צונויפלייגן אַ שיינע אַפּותיקא, קלייב איך מיר אויס דאָס שענסטע מיידל. ניט קיין יוראָפּשע, אַן אַמעריקאַנער־געבוירענע איז בעסער. די יוראָפּשע זיינען אויסגע־מוטשעטע, אַרבעטן נעבעך אין שאָפּ, און עס בלייבט פון זיי גאָרניט. די אַמעריקאַנער־געבוירענע זיינען אָבער ווי דאָלס. אַזוינע שיינע פיס פאַרמאָגן זיי. שלאַנקע אַזוינע. זיי דאַרפן זיין אמת גוט אין בעט.

— יאָ, שיינע מיידלעך אין אַמעריקע — ווערט אויך בערעלע

אַנגעצונדן. — פרעג מיך. איך בין שוין אויסגעווען, וואו אַמעריקע האָט אַן עק. שוין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס אויך.

— אַזוי, אַזש אין לאָס אַנדזשעלעס? ! — קוועלט אַן ברוך.

— יאָ, אין סאַן־פראַנציסקאָ אויך. אָבער דאָס שענסטע מיידל האָב איך געהאַט אין שיקאַגאָ. אַ שיקסל, אַ בלאָנדס מיט בלויע אייגעלעך, מיט פיינע בריסטעלעך. שוין דאָס אמת'ע מיידעלע געווען. זי האָט געכאַפּט די כאַליערע נאָך מיר. פלעגט מיר געבן געלט, וויפיל נאָר איך האָב געוואָלט. שוין געווען אין מעקסיקאָ אויך. אָבער דאָרטן זיינען די מיידלעך גאָר אַנדערש.

— דערציייל בעסער וועגן דער שיקסל פון שיקאַגאָ — בעט זיך ברוך.

— וועגן שיקסל אין שיקאַגאָ?

לאָזט זיך בערעלע אַריין אין אינטימע באַשרייבונגען וועגן שי־קאַגער שיקסל. מאָלט אויס יעדן אבר, באַזונדערס די אברים, וואָס קיין בחור'ש אויג קאָן זיי ניט זען צו אָפט. ווערט ברוכ'ן היים אַ מחיה, מאַכט צורעכט די יאַרמולקע אויפן קאָפּ, כדי בעסער צו קאָנען הערן.

— אַי, אַי — טוט יענער נעבעך אַ ביטערן זיפץ, נאָכדעם וואָס בערעלע האָט פאַרענדיגט זיין וואונדערבאַרע מעשה.

— איז וואָס זשע זיפצט איר אַזוי, ברוך? — מאַכט יענער ביטרע.

— גלאַט אַזוי, בערעלע, גלאַט אַזוי...

וואָס טוסטו מיט אַזוי פיל געלט, פרויקעלע?

ער גייט אים נאָך, בערעלע'ן, אָט יענער איד מיט די פאַרשוואַרצטע הענט, מיט די פאַרוואַקסענע אויערן און מיט די בייזע ברעמען. די ווייב זיינע האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניט ער, אָבער דער חשד קאָן פאָרט ניט אַרויס פון קאָפּ.

בערעלע האָט שוין באַמערקט, אַז מען גייט אים נאָך. מאַכט ער זיך, אַז ער זעט אַפילו ניט, צי מען גייט אים נאָך.

— העלאָ, פרויקעלע! וואָס זיצט מען אַזוי אָפּגעזונדערט? — וויל זיך בערעלע ראַטעווען פון אידן מיט דעם, וואָס ער וועט צוגיין צו אַ מענטשן און פאַרפירן אַ שמועס.

בלייבט דער איד שטיין פונדערווייטנס. שטייט און קוקט. פונקט

ווי פאַר׳כשופ׳ט. קאָן ניט אָפּרייסן די אויגן פון אָט דעם יונגנ־מאַנטשיק.

— די וועלט שמועסט, אַז דו וואַקסט אַ גרויסער גביר. איז דאָס אמת, פּרויקעלע?

— ווייסיך, וואָס די וועלט שמועסט! — איז פּרויקעלע אומ־צופרידן, ווען מען דערמאָנט אים וועגן זיין גבירישקייט. — מאַלע וואָס די וועלט שמועסט.

— אָבער פונדעסטוועגן, עפּעס מוז דאָך זיין אין דעם — רעדט צו אים בערעלע זייער פאַרזיכטיג. — פאַרוואָס זאָגט מען ניט אויף מיר? באַי דהי וועי, ביזט עפּעס אַ מבין אויף בריליאַנטן? איך האָב דאָ אַנומעלט געקויפט אַ בריליאַנטל פאַר שפּאָט ביליג.

בערעלע נעמט אַרויס פון אַ גרין פּליושן קעסטעלע אַ בלישטשענ־דיג שטיינדל. פּרויקעלע באַטראַכט דאָס גלייכגילטיג און גיט דאָס אים אָפּ צוריק, ניט זאָגנדיג קיין וואָרט.

— איך ווייס פון אַזאַ פּלאַץ, וואו מען קאָן קויפן די טייערסטע בריליאַנטן שפּאָט ביליג. זיי קומען פון אַנטווערפּן, יו נאָו.

ניט פּרויקעלע׳ן דערציילט מען נישט געשטויגענע און נישט גע־פלויגענע מעשיות, אָבער ער רופט זיך ניט אָן. רעדט יענער פאַר פייער און פאַר וואַסער. ס׳איז אים דאָ זייער ענג, בערעלע׳ן. דער גאַזאָליוּוער איד שטייט נאָך אַלץ און קוקט און קוקט.

— איז וואָס זשע מאַכסטו, פּרויקעלע? דערצייל עפּעס וועגן זיך — בעט זיך בערעלע ביי יענעם, ער זאָל עפּעס רעדן. זאָל דער איד זען, ווי מענטשן רעדן צו אים. אפשר וועט ער אַוועקגיין.—מ׳זאָגט, אַז דו בויסט הייזער און לעקסט אָפּ אַ גוט ביינדל.

— מאַלע וואָס מען זאָגט — איז פּרויקעלע פאַרשלאָסן.

פּרויקעלע האָט פיינט צו רעדן וועגן זיינע געשעפטן. פונקט ווי זיין טאַטע האָט זיך געהיט פון אויסצורעדן דעם נאָמען פון גאָט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַזוי האָט זיך פּרויקעלע געהיט פון אויסצו־רעדן דעם נאָמען פון זיינע געשעפטן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אפילו דאָס געפּיל פון באַרימען זיך איז אים פרעמד געוואָרן. די ערשטע צייט האָט מען זיך יאָ באַרימט דאָ און דאָרטן. איצטער שווייגט מען שוין. באַשיידן זיצט ער זיך אין אַ ווינקעלע, קוקט ווי מען טאַנצט, הערט ווי די מוזיק שפּילט, און טראַכט זיינע טראַכטענישן. עפּעס וועט ער שוין אויסטראַכטן...

— האסטו שוין עפּעס אַ מיידל, פּרויקעלע?

וואָס זשע זאָל ער אים ענטפערן, אַט דעם בערעלע'ן, ווען יענער פרעגט אים וועגן מיידלעך? ער ווייסט גאָרניט וועגן זיי, וויל ניט טראַכטן וועגן זיי. בחורים שפּאַצירן מיט מיידלעך אין די פּאַרקס, נעמען זיך אַרום און קושן זיך. מענטשן האָבן חתונה. מאַן און ווייב שלאָפן אין איין בעט. ער פאַרשטייט דאָס ניט. ער באַגרייפט דאָס ניט. ער וויל דאָס ניט פאַרשטיין און וויל דאָס ניט באַגרייפן.

— וואָס זשע טוסטו מיט אַזוי פיל געלט? קיין ווייב האָסטו ניט, טרינקען טרינקסטו ניט, קליידן זיך, קליידסטו זיך אויך ניט אַזוי וואַזשנע. דו זיצסט אויף דעם, האַ?

— ווען דו הערסט מיר אויף צו דולן אַ קאָפּ, וואָלסטו געטאָן אַ גלייכע זאַך — מאַכט פּרויקעלע צו בערעלע'ן דווקא אין אידיש לשון.

— עקסקיוז מי — גיט זיך בערעלע אַ כאַפּ. — סאָ לאָנג — טוט ער זיך אַ לאָז צווישן עולם, דאָרטן וואו עס איז געדיכטער, און פאַר־שווינדט.

אַ מעשה מיט אַספּירין

— איר קאָנט אים? — זעצט זיך צו דער עלטערער איד, וואָס האָט איצט בערעלע'ן פאַרלוירן פון אויג.

— וועמען? — שטעלט פּרויקעלע אָן אויף דעם פרעמדן אַ פּאָר אומפריינטלעכע אויגן.

— אַט יענעם יונגנמאַן, וואָס איז פריער געזעסן מיט אייך און גערעדט.

— וואָס איז דען? — דערשמעקט גלייך פּרויקעלע, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג.

— איך ווייס ניט, צי ס'איז טאַקע ער. איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז טאַקע ער, אָבער מיין פּלונית'טע זאָגט, אַז ס'איז ניט ער.

— וואָס ער און וואָס ניט ער? — פאַרדריסט פּרויקעלע'ן, וואָס מען דולט אים אַ קאָפּ.

— אַ מעשה מיט אַספּירין, אַז ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. און אויב ס'איז טאַקע ער, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיגן, איך רוף אַ פּאָליס־מאַן און אַרעסטיר אים. גלייך פון דער חתונה נעם איך אים אַוועק, און עס וועט מיך שוין גאָרניט אַרן.

— איך פארשטיי ניט, וואס איר רעדט דארטן.

— שטיי איך מיר אזוי אין מיין שאפ — הויבט יענער גלייך אן און פרעגט אפילו ניט, צי מ׳וויל יא הערן זיין מעשה, צי מ׳וויל ניט הערן. — א שוך־שאפ האב איך אויף ריווינגטאן סטריט. שטיי איך מיר אזוי אין מיין שאפ איינמאל א פרימארגן, ווי איך זע: א רייכע מאשין שטעלט זיך אפ פונקט לעבן מיין שאפ. עס גייט ארויס א יונגערמאן, שיין פארפוצט, און איך וואלט קאנען שווערן ביי וואס איר ווילט, אז דאס איז טאקע דער יונגערמאן וואס איז פריער געזעסן לעבן אייך. קומט אריין צו מיר אין שאפ, פרעגט מיך, צי ער קאן זיך דערוויל צוזעצן. פארוואס ניט? מהיכא תיתא. זיצט ער אזוי, שווייגט א ווילע. דערנאכדעם אהין, אהער, מען צעשמועסט זיך. דערציילט ער מיר, אז ער איז א לענדלארד, פארמאגט עטלעכע הייזער אין דעם בלאק, און דאס ווארט ער איצט אויפן איידזשענט. דער איידזשענט דארף אים דא אפגעבן דאס געלט, וואס ער האט איינגעקאלעקטעט פון די טענאנטס פאר רענט. אזא זשוליק! רעדט זיך אזוי מיט א גלאט צינגעלע. ממש זיס ווי האניג. פרעגט מיך צי איך מאך א לעבן פון סטאר. דערצייל איך דעם אמת, אז מען מאכט זייער א שווער לעבן, און אז אויף איין בלאק זיינען דא דריי שו־רעפערינג שעפער מיט־אמאל. רופט ער זיך אן צו מיר, אז אזא אלטער מאן ווי איך וואלט געקאנט לעבן און לאכן. ניט אריינטאן קיין פינגער אין קאלט וואסער און זיך מאכן מיינע פופציג דאלאר א וואך, כל זמן איך וועל לעבן. אט, גיט ער מיר א משל, איז דער איידזשענט, וואס דארף באלד אים טרעפן און אים אפגעבן דאס געקאלעקטעטע געלט, מאכט פופציג דאלאר א וואך. די איינציגע ארבעט, וואס ער טוט, איז: גיין צווישן די טענאנטס און איינמאנען די רענט. דאס אלעס. איז אדרבא, מאך איך, הלואי שיקט מיר גאט אויך צו אזא גאלדענעם דזשאב. מאכט ער מיטן זיסן צינגעלע, אז אויב איך וועל ווארטן אויף גאט, וועל איך בלייבן א שוסטער ביזן טויט אריין. נאר וואס זשע דען, ער האט נאך הייזער אין אן אנדער בלאק, און דארף גראדע האבן אן איידזשענט, און ער איז אויך וויליג צו צאלן פופציג דאלאר א וואך. אבער איין זאך דארף מען האבן — סעקיוריטי. אזוי ווי ער רעדט צו מיר אזוי, קומט טאקע גלייך אריין א צווייטער יונגערמאן. דערלאנגט אים א טארבע פול מיט געלט. יענער נעמט ארויס פופציג דאלאר פון קעשעניי, באצאלט אים. „מיין איידזשענט”, מאכט ער צו מיר. און איך, אלמער

נאָר, גלויב יעדע זאַך און נעם דאָס אָן פאַר תורת לאָקשן. מיך צופיל בלעימען קאָן מען אויך ניט, ווייל ווער וויל דען דאָס ניט זיך אַרויס־רייסן פון אַזאַ ביטערער וויסטער פּרנסה? פרעג איך אים: וויפיל אַ שטייגער סעקיוריטי וואָלט אַזאַ מענטש ווי איך באַדאַרפט האָבן? ענטפערט ער מיר: ניט מער ווי טויזנט דאָלאַר. און גראָד האָב איך טויזנט דאָלאַר, ביטערע פאַרהאָרעוועטע געלטער. יאָרן און יאָרן גע־שפּאָרט אַ פּעני צו אַ פּעני. רוף איך אַריין מיין אַלטיטשקע, דערצייל איר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. כאַפּט איר אויך אָן אַ חשק און זי רופט זיך אָן צו מיר: אפשר טאַקע איז דאָס באַשערט פון גאָט...

איך זאָל דאָס אייך מאַכן קורץ: איך טו אויס דעם פּאַרטוך, וואַש זיך אָרום, טו זיך אָן מיינע יום־טוב׳דיגע בגדים, און מיר לאָזן זיך אַלע דריי צו דער באַנק — איך, דער זשוליק און מיין ווייב. דאָס געלט איז אויף אונזערע ביידנס נעמען, אויף מיינעם און אויף מיין אַלטיטשקער׳ס. דער זשוליק שטייט אינדרויסן און וואַרט אויף אונז. גיט מען אונז גלייך אַרויס דאָס געלט, אָן קיין שום טענות ומענות. קומען מיר אַרויס אינדרויסן. באַגעגנט ער אונז מיט אַ זיסן שמייכל. גיב איך אים דאָס געלט. נעמט ער דאָס צו מיט ביידע הענט. זאָג איך צו אים: „אַ רעסיט.״ מאַכט ער: „אודאי אַ רעסיט.״ נאָר ער קאָן מיר דאָך דאָ אויף דער גאַס ניט געבן. זאָלן מיר צופאָרן צו זיין אָפּיס. זעצן מיר זיך אַלע דריי אַריין אין זיין רייכער מאַשין און מיר דאַרפן, הייסט עס, פאָרן צו זיין אָפּיס. רעדט ער צו אונז זייער פריינטלעך אויפן וועג. אָבער פּלוצלונג פאַרקרימט ער זיך, כאַפּט זיך ביים קאָפּ. אַ שטאַרקער „העדעיק״, זאָגט ער, איז אים באַפאַלן. מיר זאָלן אים „עקסקיוזן״, זאָגט ער, אויף איין מינוט. ער וועט אַריינ־לויפן אין דראָג־סטאָר נאָך אַן אַספּירין און וועט גלייך אַרויס. זאָל אונז דאָ עפּעס איינפאַלן, חס וחלילה, אַ שלעכטער געדאַנק?!

דער סוף איז געווען: איר האָט אים געזען קומען צוריק פון דראָג־סטאָר? אַזוי האָבן מיר אים געזען. שוין העכער אַ יאָר, אַז די דאָזיגע מעשה איז פּאַרלאָפן. איך האָב אים שוין געזוכט אומעטום. גיי זיך אומיסטן דורך עטלעכע מאָל אַ טאָג איבער די גאַסן און קוק זיך איין אין פּנים׳ער. אָבער איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז ער. אייערער אַ לאַנדסמאַן? קאָנט איר זיינע עלטערן? כאָטש ערלעכע לייט? שאַ נאָר — דערשרעקט זיך פּלוצלונג דער איד — עפּעס זעט מען אים

שוין ניט מער, אייער לאַנדסמאַן! ער איז דאָך ערשט געשטאַנען אָט דאָרטן־אָ!

בערעלע איז טאַקע ערשט געשטאַנען אָט דאָרטן־אָ, אָבער ער שטייט ניט מער אָט דאָרטן־אָ. מען קאָן אים שוין איצט אין ערגעץ ניט געפינען. ער האָט זיך שטילערהייט אָפּגעטראָגן. און שאַ שטיל...

וואָס־זשע ביסטו אַזוי אומעטיג, פּרויקעלע?

וואָס זשע אייגנטלעך איז פּרויקעלע געקומען צו וועוועק'ס חתונה? גייט אפילו ניט צו צו די לאַנדסלייט אַ שמועס טאָן, זיך צעפּרעגן וועגן דעם, וועגן יענעם.

די וועלט ווייסט שוין, אַז ער איז אַ גרויסער גביר. נאָך ווייט צו זיין אַ גביר. אין טשערעמעיעוו אַ גביר, האָט געמיינט אַ מענטש מיט אַ שיינער הויז, מיט אַ גאָרטן, מיט אַ גרויסער קראָם. אין אַמעריקע איז ער אָבער נאָך דער אָרימסטער צווישן אַלע גבירים. זיין פאַרמעגן קאָן מען ערשט ציילן אין די טויזנטער. ווען ער זאָל שוין האָבן אַ מיליאָן, וואָלט ער זיך שוין געקאָנט אָנרופן אַ גביר.

איז וואָס זשע אייגנטלעך איז ער געקומען אויף דער חתונה, אַז ער האָט דאָרט גאָרניט וואָס צו טאָן? ס'האָט אים אָבער געצויגן אַהער. ס'האָט גענאָגט דאָס האַרץ. ס'האָט זיך געוואָלט זען היימישע פּנים'ער. האָט ער שוין אַלע היימישע פּנים'ער געזען, און גאָרניט, ס'איז געבליבן ווי פריער.

— ביסט אַן אומעטיגער, פּרויקעלע — קומט צו צו אים משה.

— אומעטיג נאַר? וואָס פעלט דיר איין? — לאָזט זיך ניט פּרויקעלע.

— מען זאָגט, אַז דו ביזט זייער פאַרמעגלעך, אָבער קוקן קוקסטו אויס, ווי דו וואָלסט באַדאַרפט ערגעץ לייען אויף שבת.

— אַזוי קוק איך טאַקע אויס? — וואונדערט ער זיך כלומרשט.

— וואָס זשע איז דיר אַזוי אומעטיג, פּרויקעלע? דערצייל מיר, אפשר האָב איך אַן עצה דערצו?

שמייכלט פּרויקעלע מיטן חן־גריבעלע. ס'איז באמת קאָמיש. ער האָט געהערט, פּרויקעלע, ווי שלעכט עס גייט אָט דעם משה'ן, ווי ער האָט אפילו ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. אפילו אויף דער חתונה איז ער געקומען אין וואָכעדיגע, אָפּגעריבענע מלבושים. האָט

גאָר מורא געהאַט, אַז טאָמער נאָך וועט משה ביי אים בעטן אַ גמילת־חסד, און ער וועט אים מוזן אָפּזאָגן. אַנשטאָט דעם, האָט גאָר נאָך משה רחמנות אויף אים, פּרויקעלע'ן.

— איך האָב געהערט, אַז דו דרוקסט זיך שוין אין די צייטונגען — וויל פּרויקעלע אוועקפירן דעם געשפּרעך אויף אַנדערע רעלסן.

— יאָ, מען דרוקט זיך. — ווערט משה רויט — האָסט אפשר געלייענט?

ניין, ער האָט ניט געלייענט. מען וואָלט אפשר געדאַרפט לייענען. ס'אינטערעסירן אים אָבער ניט איצט אַזוינע זאַכן. אים אינטערעסירט די אָפּטיילונג פון דער „טאַימס", וואו עס רעדט זיך וועגן קויפן און פאַרקויפן הייזער, וועגן נייע בויאונגען, וועגן ריעל־עסטעיט. קיין אַנדערע זאַכן אינטערעסירן אים איצט ניט.

טאַקע אַן אומעטיגער מענטש — ווערט משה אַליין אויך אומעטיג, און ס'טוט אים שוין באַנג, וואָס ער איז צוגעגאַנגען צו אים. ער איז צוגעגאַנגען צו אים מיט פּיל וואַרעמקייט, געוואָלט זיך טוליען צו אָט דעם בחור פון זיין שטעטל, וואָס דערמאָנט שטיקער פון זיין יוגנט: אין דער הויכער שול פלעגן זיי ביידע לערנען אַ בלאַט גמרא. די צוויי בעסטע קענער פון שטעטל. פּרויקעלע האָט פאַרמאָגט אַ זיס שטימעלע, און אַז ער פלעגט זיך צעשאָקלען איבער דער גמרא און זיך צעזינגען מיט פיל מתיקות, פלעגט משה דערפילן אַזאַ נאָענטקייט און אַ וואַרעמ־קייט צו אָט־דעם פּרויקעלע'ן, מיט די סאַמעטענע אייגעלעך און מיטן ליבן חן־גריבעלע.

איינמאָל אין אַ שמחת תורה האָט דער דאָזיגער פּרויקעלע פאַר־זוכט אַן איבעריגן טראָפּן וויין, איז ער געוואָרן שיכור'לעך. דערזעען משה'ן, איז ער צוגעלאָפן צו אים און אויסגעשריען הויך אויף אַ קול: „גאָט האָט אונז געגעבן די תורה, משה, און מיר אידן טרינקען וויין."

משה האָט דעמאָלט זייער געלאַכט: אַ צעפלאַמט פּרויקעלע, די הענטלעך האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן. דאָס קאַפּעליושל צע־דרייט. „גאָט האָט געגעבן די תורה", און ער, פּרויקעלע, פון אידישן פאָלק, טרינקט וויין. איצט זיצט זיך דאָס פּרויקעלע פון אידישן פאָלק, אַזאַ אומעטיגער און אַזאַ פאַרשלאָסענער. מען זאָגט, אַז ער איז קורח רייך. אָבער מען זעט דאָס ניט אויף אים. אַרום אַ פופציג מענטשן אַרבעטן ביי אים. זיינע געשעפטן, שמועסט מען, דערגרייכן אין די צענדליגער טויזנטער.

— מען שמועסט, אז דו ביזט א גאנצער מיליאָנער — קומט אויך צו דעיוו צו זיי. — טוט מיר טאַקע הנאה, באמת הנאה, ווייל איך האָב דאָך אויך א שטיקל חלק אין דיר. אָן אָרימען גרינעם האָב איך אַרויסגעפירט פון טשערעמעיעוו, ווי אין חומש שטייט.

משה פאַרשווינדט. א מאָדנער פאַרשוין אָט דער דעיוו. משה ווייסט, אז יענער האָסט אים ווי דעם טויט, אָבער שטענדיג קריכט דער דאָזיגער דעיוו צו אים, גייט אים נאָך פוס־טריט.

— א גרויסער פּאָעט געוואָרן, אָט דער משה — רימט אים דעיוו פאַר פּרויקעלע׳ן.

— עט — גיט יענער א מאַך מיטן הענטל, ווי זיין טאַטע רעב סענדערל פלעגט מאַכן — א פּאָעט, ווער דאַרף דאָס דאָ האָבן? לידער־שמידער, נארישקייטן!

— האָסט אפשר אַמאָל געלייענט דאָסטאָיעווסקי׳ס „פאַרברעכן און שטראָף”? — טוט אים דעיוו א פרעג ניט מיר, ניט דיר.

טוט פּרויקעלע א קוק אויף זיין לאַנדסמאַן מיט נייגעריגקייט און שטוינונג, און קאָן ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס יענער האָט אים איינ־מיצקע־דערינען געפרעגט אזא קלאָץ־קשיא.

— דו פאַרשטייסט? שוין זייער לאַנג געלייענט דעם בוך, און ס׳קאָן מיר ניט ארויס פון קאָפּ. ס׳דערציילט זיך, ווי א מענטש האָט געוואָלט באַגיין א מאָרד אַזוי פּערפעקט, אז קיין שום שפור זאָל ניט בלייבן, אז קיינער אין דער וועלט זאָל בשום אופן ניט קאָנען אויס־געפינען דעם מערדער. איז מיר געוווען טשיקאַווע צו וויסן, צי דו האָסט דאָס אויך געלייענט?

ס׳טוט שוין דעיוו׳ן באַנג, וואָס ער האָט געפרעגט פּרויקעלע׳ן וועגן דאָסטאָיעווסקי׳ן. ווייל דאָס אליין וואָלט שוין געווען א געוונגנדער שפור, ווען ער, דעיוו, זאָל טאַקע דורכפירן דאָס, וואָס ער האָט פאַר־טראַכט. לאָמיר זאָגן, אז מ׳געפינט משה׳ן א דערמאָרדעטן. קיין שום שפור איז טאַקע ניט געבליבן. אויב דער מענטש אין דאָסטאָיעווסקי׳ס בוך האָט געקאָנט פאַרווישן אַלע שפורן, פאַרוואָס זאָל ער, דעיוו, דאָס ניט קאָנען טאָן? וועט אָבער זיין געגנוג, אז דער דאָזיגער פּרויקעלע זאָל זיך דערמאָנען, ווי ער, דעיוו, אויף וועוקע׳ס חתונה, האָט אים עפּעס געפרעגט וועגן דאָסטאָיעווסקי׳ן, און דאָס אליין וועט שוין פירן צו א חשד.

— איז וואָס זשע מאַכסטו, פּרויקעלע? — נעמט אים דעיוו אַרום

מיט פיל פריינטשאפט און וויל, אז יענער זאל וואס גיכער פארגעסן אן דעם, וואס ער האט פריער געפרעגט. — שוין אזא לאנגע צייט זיך ניט געזען. שוין געבענקט נאך דיר. און וועוקע האט חתונה. וועווקע טאפער. קוק, ווי ער זיצט און שוויצט נעבעך. ער פאסט טאקע. ביי אים איז ניטא קיין מעשיות. מען זאגט, אז ער דארף פאסטן, פאסט ער... וועווקע טאפער, כא, כא כא...

אלע קוקן אויף זלאטע׳ן

טאנצט זלאטע מיט א בחור. א בחור מיט א געדיכטער טשופרינע האר. א פייערדיגער ברונעט. א רוסישן וואלץ טאנצן זיי. ווערט עפעס מיט אמאל א היפשע ראד ארום זיי, און מען קוקט מיט שטוינונג און באוואונדערונג.

די איבעריגע טאנצנדיגע פארלעך באמערקן אויך, ווי מענטשן קוקן, שטעלן זיי זיך אויך אפ, און ס׳בלייבט שוין אינמיטן דער ראד בלויז זלאטע מיט דעם פייערדיגן ברונעט.

— קוק, קוק, זלאטע הערש־בער דעם בלינדנ׳ס! — ווערט אזש ברוך געפלעפט.

— זי טאנצט שוין אמת שיין — רופט זיך אן ווערא מיט פיל מבינות.

די קלעזמער האבן אויך באמערקט, ווי אלע האבן זיך אפגע־שטעלט. דערזען דאס איינציגע טאנצנדיגע פארל אין זאל און גלייך אויפגעלעבט. זיי האבן תיכף דערפילט א פראפעסיאנעלע קרובה׳שאפט צו דעם דאזיגן בחור און מיידל, וואס דערהויבן דעם טאנץ צו דער מדרגה פון קונסט. ווערט שוין זייער שפילן מער ארגאניזירט. האלטן זיך אלע איינאיינעם אין פולשטענדיגער הארמאניע, גייען נאך מיט זייער מוזיק טריט ביי טריט דעם דאזיגן פארל, וואס צייכנט אין דער לופט אזוינע שיינע בויגן און נויגן.

צעלאזט זיך אויך זישע קלעזמער אויפן פידעלע. ער שטעלט זיך אויף אין דער גאנצער לענג. באקומט פאנטאזיע אין די פינגער, ווי מען פלעגט אויף אים זאגן אין טשערעמעיעוו. און ער גיט אריין אין זיין שפילן דאס בעסטע וואס ער פארמאגט.

אלע לאנדסלייט זיינען געפלעפט. מען קאן זיך גארניט פאר־שטעלן: דאס קבצנ׳ישע מיידל, דאס טעבטערל פון אן ארימאן מיט א

טאַרבע, און פאַרכאַפּט אַלעמענס הערצער.

— דו זעסט כאַטש? כאַ, כאַ, כאַ! — צעלאַכט זיך אַזש ברוך און טוט אַ שטורכע פּרויקעלע׳ן אין אַ זייט.

— וואָס זשע איז דאָ דאָ פון וואָס צו לאַכן? — פאַרקרימט זיך פּרויקעלע פון יענעמס שטורכע.

— גאָרניט, מען לאַכט — איז ברוך אַלץ פרייליך. — און דער בחור, מיט וועמען זי טאַנצט, טרעט ניט אָפּ פון איר אַ גאַנצן אָוונט. איך האָב דאָס נאָך פריער באַמערקט. ער מיינט אודאי, אַז זי איז ווער ווייסט ווער.

— וואָס זשע, זי איז עפּעס אַ שפּעטנע מיידל? — פאַרדריסט דאָס פּרויקעלע׳ן.

— ווער זאָגט דיר דען, אַז זי איז אַ שפּעטנע מיידל? אָבער אין אַמעריקע איז ווייזט אויס גאָרניט: יאָ יחוס, ניט יחוס.

— פאַרוואָס זשע גייסטו ניט אויסזאָגן איר בחור וועגן איר יחוס?

— זיינען פּרויקעלע׳ס ווערטער פול מיט שנאה צו אָט דעם לאַנדסמאַן זיינעם, וואָס איז געוואָרן אַזוי פעט אין אַמעריקע.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — קלאַפּט דעם עולם, ווען זיי פאַרענדיגן דעם טאַנץ. — בראַוואָ, בראַוואָ! — רינגלען אַרום דאָס פּאָרל פילע יונגע מיידלעך און יינגלעך.

כאַפּט זיך ערשט איצטער זלאַטע, אַז אַלע האָבן געקוקט, און אַז זי מיט דעם בחור זיינען געווען דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט. פאַרשעמט זי זיך נעבעך, לאָזט אַראָפּ איר קאָפּ און ציט אַוועק דעם בחור אירן אין אַ ווינקעלע. ווען זי זאָל געווען זיין באַוואוסטזיניג, אַז די לאַנדסלייט קוקן אויף איר, וואָלט זי ניט געווען געקאָנט טאַנצן. די לאַנדסלייט, אַחוץ משה׳ן, נעמען ביי איר צו יעדן ביסל קוראַזש און מוט. זי פילט זיך נאָך אַלץ אָרים געגן זיי, דערנידעריגט און בזיונ׳דיג.

— אַזוי שיין, אַזוי שיין! — לויפט צו משה מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים. — ווי אַ ליד, זלאַטע! און איך האָב גאָרניט געוואוסט. פאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב שטענדיג דאָס געפילט, אַז אין אייך איז עפּעס דאָ אָט יענע דערהויבנקייט. שטענדיג געטראַכט, אַז איר זיינט עפּעס אַנדערש. אַנדערש פון אַלע מיידלעך, וואָס איך האָב געקענט אין טשערעמעיעוו, אַנדערש אַפילו פון טויזנטער מיידלעך דאָ אין ניו יאָרק. וואָס איז דער סוד, וואָס מאַכט אייך אַנדערש? און וואָס זשע באַקענט איר מיך ניט, זלאַטע, מיט אייער פריינט?

— אָך יאָ, באַקענט זיך — גיסט זיך אָפּ זלאַטע מיט הייסער שעמעוודיגקייט — דאָס איז סאָול הוירש, מײַנער אַ פּריינט, אַ פּיאַניסט. איך האָב אים מיטגענומען אויף דער חתונה. און דאָס איז משה בוכ־בינדער, סאָול, וועגן וועמען איך האָב אײַך שוין דערציילט.

גיבן זיי זיך די הענט,ביידע בחורים. שטעלט אָן סאָול אַ פּאָר נײַגעריגע, וואַכזאַמע אויגן אויף משה'ן און וויל באַנעמען אַט דעם בחור, וועגן וועמען זלאַטע האָלט אין איין רעדן מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג.

— שיין, ווי אַ דורכזיכטיגער בלויער וואָלקן אין הימל. יעדער דריי אייערער איז געווען געזאַנג. אָך, זלאַטע, זלאַטע, איך וואָלט אײַך אַזש אַ קוש געטאָן.

וואָלט איר משה טאַקע אַ קוש געטאָן, וואָלט זי זיך גאָרניט געוועדט. אין דער מינוט האָט זי שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן סאָול הוירש'ן, איר פּריינט, דעם פּיאַניסט, וואָס איז אַזוי איבערגעגעבן צו איר. זי האָט איצט געזען נאָר משה'ן, צוגעצויגן געוואָרן צו זײַן קול. זײַן קול, וואָס האָט גערעדט צו איר מיט יאָרן צוריק אויף דער שיף, האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן פון איר. ס'האָט גערעדט צו איר דאָס קול אין פילע בענקענדיגע, שלאָפלאָזע נעכט, דאָ אין אַמעריקע.

— ס'איז מיר היינט בײַנאַכט אי טרויעריג, אי פריילעך, זלאַטע. איך קוק אויף וועווקע'ן. וועווקע, מלכה לאה דער קוראָלאַפּניצע'ס. געקומען אַ בחור קיין אַמעריקע, אַן אָרימער, אַ הילפלאָזער, און האָט אויסגעפיעט מער פון אַלעמען. קיין צו גרויסע השגות האָט ער סיי ווי סיי קיינמאָל ניט געהאַט. איז יעדער ביסל גוטס — אַ גרויסע בענטשונג פאַר אים. ער האָט מסתמא אין טשערעמעיעוו קיינמאָל ניט גע'חלום'ט, אַז ער וועט זיך אַמאָל פאַרפּוצן אין אַזוינע טייערע קליידער. קוק, אומיסטנע, זלאַטע, ווי ער זיצט זיך אַזוי פאַרשעמט אין דער דוירבי, אין דער שניי־ווייסער מאַנישקע, אין טייערן חתונה־גאַרניטור. ער האָט דאָך אין דער היים אַפילו אויף פּסח קיינמאָל קיין נײַעם גאַרניטור ניט פאַרמאָגט. אַ באָרוועסן זע איך אים. מיט ברייטע צע־קנייטשטע הויזן פון אַ מיתה־משונה קאָליר... וועווקע טאַפּער האָט חתונה... ער וועט האָבן קינדער אין אַמעריקע. זײַנע קינדער וועלן אויך האָבן קינדער. אַ גאַנצן דור וועט ער דאָ שאַפן אויף דער נײַער ערד, וואָס וועט ניט אָנהויבן צו וויסן פון וועווקע'ס אָפּשטאַם. וועווקע וועט שוין זײַן אויסגעמישט מיט דעם שטויב פון דער אַמעריקאַנער

ערד, זייגע קינדער וועלן ארומגיין אויף דער דאָזיגער ערד און וועלן גאָרניט וויסן, אַז זייער טאַטע איז געווען דער אָרימער ערלעכער בחור, וועווקע, מלכה לאה דער קוראַלאַפּניצע'ס... אפשר וועט מיך מיסטער הוירש ניט פאַרשטיין, ווייל אים איז ניט באַקאַנט דאָס לעבן פון אָט דעם וועווקע'ן. זלאַטע פאַרשטייט מיך אָבער גאַנץ גוט. אָ, זלאַטע, איר פאַרשטייט?

יאָ, זי פאַרשטייט. זי איז איצט צוריק געוואָרן אַ טשערעמעיעווער מיידל. זי גייט איצט אויך באָרוועס אויף די טשערעמעיעווער גאַסן, אַ פאַרשטויבטע, אַן אָפּגעריסענע, אַן אָפּגעשליסענע. ווי קומט צו איר די דאָזיגע לאַנגע בלויע קלייד, וואָס זי טראָגט איצט? מיט די חנ'עווודיגע געלע שיכלעך, מיט די לאַנגע זיידענע זאָקן? ווי קומט צו איר אַזאַ שיינער און פיינער בחור, וואָס קלעפּט זיך צו איר פאַר די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן און וויל גאָרניט אָפּטרעטן?

זי וואָלט זיך געוואָלט צעוויינען פאַר משה'ן, ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער. אים זאָגן: משה, משה, די שענדלעכע אָרימקייט, וואָס איך האָב געוואוסט אין מיין שטעטל, האָט איבערגעלאָזט אין מיין הארץ אַ נעפּיל פון מורא און נידעריגקייט. משה, משה, איך פאַרדין אַרום דרייסיג דאָלאַר אַ וואָך. איך בין אַן אויסגעצייכנטע נייטאָרין. איך האָב זיך געלערנט ענגליש, איך האָב זיך אויך געלערנט אידיש. אינ־דערהיים האָב איך אַפילו קיין אלף ניט געקאָנט אָנשרייבן. איך האָב שוין געלערנט אויך אַנדערע וויסנשאַפטן, וואָס האָבן מיר אויפגע־קלערט, אַז אָרעמקייט איז ניט קיין שאַנדע. אָבער איך קאָן זי ניט פאַר־געסן, די אָרעמקייט. ווי אַן אייביגע קללה אין מיינע ביינער...

— אָט איז פרויקעלע, זלאַטע! — שטראָמט האַסטיג דער קוואַל פון רייד ביי משה'ן. — פאַרוואָס זשע וויינט אין מיר מיין הארץ פאַר אים? מען זאָגט, ער איז זייער רייך, זלאַטע, אָבער קוק ווי דערשלאָגן ער איז, ווי איינגעקאָרטשעט אין זיך. דערציילט קיינעם גאָרניט, רעדט ווינציג. אַ קלוג בחור'ל, אָט דער פרויקע. אַזוינע קליינגעוואַקסיגע מענטשעלעך פאַרמאָגן אין זיך אַ סך כח און ווילן. זלאַטע, פאַרוואָס זשע האָב איך מיטלייד מיט אים און וויל אים באַדויערן?... אָט איז אויך ברוך ביר, זלאַטע. קוק, ווי היפּש ער איז געוואָרן. ווי דער גלח פון טשערעמעיעוו. הויך, ברייט, פעט און הייליג. ער איז אויך קלוג אויף דער אַמעריקאַנער ערד. האָט אויך געוואוסט, ווי אויס־צוקלייבן זיך אַ גוט שטיקל חלק אין לעבן... און אָט איז אַרקעלע בור־

מילע. אָבער ווען אים הערן רעדן, זלאַטע, ווען אים שוין ניט רופן בורמילע. ס'איז געווען א יוניאָן־מיטינג. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז אונזער אַרקעלע געשטאַנען. אַ קרעפּטיגער און מעכטיגער בחור'ל. ס'איז געווען אַזוי שטיל אין זאַל. אין אַ זאַפטיגן בעסעראַבישן אידיש האָט ער גערעדט צו הונדערטער אַרבעטער. אַ גרויסער נס איז ביי מיר דאָס געווען, אַ נס... און אָט איז דעיוו — פאַרקרימט זיך פּלוצלונג משה.

דעיוו קומט צו מיט ווערא'ן. ער האָט זי אַליין צוגעפירט צו משה'ן. געזען, ווי יענע עקט זיך, הלמאי ער זיצט אַזוי לאַנג לעבן זלאַטע'ן.

— און דו ווייסט, זלאַטע — לייגט דעיוו אַרויף זיין האַנט אויף משה'ס אַקסל מיט איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט — אונזער משה איז דאָך שוין אַ גרויסער מענטש, כאַ, כאַ, כאַ. האָסט כאָטש געלייענט זיין לעצט ליד? איך האָב עס געלייענט, עטלעכע מאָל איבערגעלייענט. איך קאָן עס שוין אויף אויסנווייניג. איר ווילט הערן?...

די בעסאַראַביער קאַפּעליע

געגאַנגען שלאָפן, די באָבעלעך פון מושב־זקנים. זיך ניט געקאָנט טאָקע דערוואַרטן, ביז מען וועט פירן חתן־כלה צו דער חופּה. אין דער אַלטער היים, דאָרטן פירט מען חתן־כלה צו דער חופּה איידער נאָך די זון פאַרגייט. דאָ איז שוין אַ שטיק נאַכט אוועקגעגאַנגען, און צום טאַנצן נעמט נאָך אַלץ ניט קיין סוף.

זיינען זיי געגאַנגען שלאָפן, די אַלטיטשקע. לעבן דעם באַלקאָן, וואו זיי זיינען געזעסן די גאַנצע צייט, געפינט זיך טאַקע דער עלע־ווייטאָר. ס'איז אַ צען־שטאָקיג הויז, אויפגעבויט פון ביישטייערונגען, וואָס די אידן אויף דער איסט־סייד האָבן צוגעטראָגן, געפינט זיך אין דעם הויז אַ שול, אַ תלמוד־תורה, אַ מושב־זקנים, אַ חתונה־זאַל, מיטינג־זאַלן. אַ גרויסער צענטער פאַר די איסט־סאַידער אידן.

גייען זיי אַריין, די אַלטיטשקע, אין עלעוועיטאָר, און פּונקט דעמאָלט גיבן זיך אַ דערטראָג די קלאַנגען פון חופּה־מאַרש. אַ שאָד, אַ שאָד, ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט צוזען, ווי מען פירט חתן־כלה צו דער חופּה...

:: :: ::

פירט מען דעם חתן געארמעט. מלך דאנסקאי, זיין טאטנ'ס חבר, וואס האט איס, וועווקע'ן, אריבערגעבראכט קיין אמעריקע — פון דער רעכטער זייט, און דעיוו — פון דער לינקער זייט. נאך זיי פאלגן נאך פרויקעלע, משה, ווערא, ברוך, זלאטע, ארקעלע און יאנקעלע. און נאך דער טשערעמעיעווער חברה — די איבעריגע מחותנים. בערעלע'ס ארט האט זיך פון לאנג שוין אויסגעקילט. זיך אפגעטראגן אין א זייגעזונט.

טראגן די טשערעמעיעווער חברה צווישן די פינגער אנגעצונדענע ליכטלעך. קוקט מען אויף די פלעמלעך און מ'וואונדערט זיך, וואס דא אין אמעריקע האט מען אויך ניט פארגעסן אין די אנגעצונדענע ליכטלעך, בשעת מען פירט חתן־כלה צו דער חופה.

— געדענקסטו כאטש, ווערא, ווי שיין זיי האבן געפינקלט, די אנגעצונדענע ליכטלעך, אין דער טונקלקייט פון פארנאכט, בשעת מען האט אין טשערעמעיעוו געפירט איבערן מארק חתן־כלה צו דער הויכער שול ?

ווערא געדענקט. מען האט זי אויך געפירט צו דער הויכער שול מיט אנגעצונדענע ליכטלעך. הלואי וואלט מען זי ניט געוועזן געפירט.

— אונז ביידן וועט שוין קיינער ניט פירן מיט אנגעצונדענע ליכטלעך — שושקעט איר משה אריין אין אויער — אבער וואס וועלן מיר שוין דארפן אנגעצונדענע ליכטלעך, אז דאס גאנצע לעבן אונזערס וועט שיינען פאר אונז מיט ליכטיגקייט און פרייד ?

וויל ווערא גלויבן. וויל ווערא זיך איינרעדן, אז ס'וועט טאקע קומען די צייט, ווען משה וועט זי אוועקפירן פון דעיוו'ס הויז, און ביידע צוזאמען וועלן זיי זיין שטענדיג, אויף אייביג, אין פריידן און אין ליידן. גלויבט זיך שוין אבער ניט מער. אזוי פיל יארן זיינען שוין פארביי זינט זיי זיינען אין אמעריקע. אזוי פיל מאל, אז ער פארשווינדט אינגאנצן אויף חדשים און חדשים.

— יא, משה — שושקעט אים אריין אין אויער ווערא מיט פרומקייט און ווארעמקייט — מיר וועלן שוין ניט דארפן, מען זאל אונז פירן מיט אנגעצונדענע ליכטלעך, אז דאס גאנצע לעבן אונזערס וועט שיינען פאר אונז מיט ליכטיגקייט און פרייד.

די בעסאראביער קאפעליע, מיט זישע קלעזמער אין דער שפיץ, שפילט מיט פיל איבערגעגעבנקייט דעם היימישן חופה־מארש. דעם זעלביגן חופה־מארש, וואס מען פלעגט אמאל שפילן אין טשערע־

מעיעוו, ווען מען האָט געפירט חתן־כלה איבער דער ברייטער מאַרק־גאַס צו דער הויכער שול.

מיט די טרעפּ אַרויף־צו פירט מען וועווקע׳ן טריט ביי טריט. דאָרטן, אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, אין דער שול וועט מען די חופּה שטעלן. איז שוין דאָרטן די גאַנצע שול איבערגעפּאַקט מיט מחותנים.

האָט וועווקע אַזוי מורא, וואָס אַזוי פיל שמייכלענדיגע פּנים׳ער קוקן נאָר אויף אים, פון אַזוי פיל שמייכלענדיגע פּנים׳ער, ווייסט ער שוין פון דערפאַרונג, נאָך פון דער היים אין טשערעמעיעווער שול, קאָן פּלוצלונג פליען אַ נאַסער האַנטוך אין קאָפּ אַריין. אָדער עמיצער קאָן שטילערהייט צוטשעפּען אַ שמאַטקעלע הינטן צו זיין רעקל. האָט ער איצט אויך מורא, אַז אַזוי גייענדיק וועט פּלוצלונג אים עפּעס פליען אין קאָפּ אַריין, אָדער אפשר הענגט שוין אַ שמאַטקעלע הינטן אויף זיין חתונה־סורטוק, און דערפאַר קוקן אַלע מיט שמייכלענדיגע פּנים׳ער.

— טראַ ראַי, ראַם, טראַ ראַי, ראַם. שאַט, מען פירט די כלה! — טוען זיך שוין אָפּ אַלע שמייכלענדיגע אויגן פון וועווקע׳ן און ווערן געווענדעט צו דער אַנדערער טיר.

מען פירט די כלה, די הויכע געזונטע כלה זיינע, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט קושן און אַרומנעמען, אפילו נאָכדעם וואָס ער האָט איר שוין געשאָנקען דאָס דימאַנט־פינגערל.

זי שפּאַנט גלייך צו דער חופּה, די כלה זיינע, מיט די היפּשע שטאַלטנע פיס. „אוי גאָטעניו”, פאַרמאַכט אַזש וועווקע די אויגן פון פיל וואַרעמקייט צו דער כלה זיינער. „אוי גאָטעניו, זאָל כאָטש מיין גליק ניט פאַרשטערט ווערן.”

אַזאַ גרויסן און היפּשן שטיק גליק פירט מען איצט גלייך צו אים. אַזוי פיל זיך שוין אָנגעפיינט אין די דאָזיגע פּאָר יאָר. אַזוי פיל זיך אָנגעשפּאַצירט אין די אָוונטן און אין די זונטאָגס איבער די ברייטע עוועניוס, איבער אַלע אַלייען אין סענטראַל פּאַרק. אין אַזוי פיל מואוויס און אין אידישע טעאַטערס געגאַנגען. אַזוי פיל אייז־קרימס אויפגעגעסן ביידע צוזאַמען אין די קענדי־סטאָרס, אַזוי פיל סאָדע־וואַסער אויסגעטרונקען, אַזוי פיל שפּעטע שעה׳ן אָפּגעשטאַנען לעבן איר הויז אויפן סטופּ.

מען הויבט אָן צו דרייען די כלה אַרום אים, און וועווקע האָט מורא, אַז ס׳איז אפשר אויך אַן אָפּלאַכעריי. ער כאַפּט אַ קוק צו די אַרומיגע, צו זען, אויב מען שפּאַט טאַקע ניט אָפּ פון דעם, וואָס מען

האלט זיין פלארא'ן אין איין דרייען ארום אים. יא, אויגן לאכן טאקע און שפאטן.

עס טרעט ארוים א שוויים אויף זיין שטערן. האט ער מורא אויפ־צוהויבן די האנט און זיך אפווישן דעם שוויים פון שטערן, ווען אזוי פיל אויגן קוקן דיר נאך יעדע באוועגונג.

רינט דער שוויים. הייסע טראפנדלעך גלייך איבער די באקן, פון די באקן אין צווישן־קאלנער אריין. שטייט ער א געפייניגטער מיט אויפגעהויבענע פלייצעס.

— קול חתן וקול כלה — הויבט אן דער רב מיט דער ארומ־געשטשיפעטער באָרד צו זינגען מיט א הייזעריג צעטראסקעט קול.

קוקט וועווקע צו אים, ווי א סאלדאט צו זיין עלטסטן, אנגעלאדן און אויפמערקזאם, און מוז זיך נעבעך לאזן באזינגען.

נאכן באזינגען הויבט יענער אים אן צו בארעדן אין א פרעמדער, מאדנער שפראך. מוז ער נאך אלץ שטיין מיט אויפגעהויבענע פלייצעס, און האט מורא אפצואווענדן די אויגן פון יענעם.

אזוי קוקנדיג צום רב'ס ליפן, וואס האבן זיך באוואויגן אן אויפ־הער, האט מיטאמאל זיך אפגעטאן די ליכט פון זיינע אויגן, און ער האט שוין גארנישט געזען. דאס הארץ האט זיך אקוראט ווי אפגע־שטעלט, די קני האבן זיך געבויגן, און ער האט שוין גארנישט געפילט, גארנישט געוואוסט און גארנישט געהערט.

שפעטער מיט יארן, ווען ער האט זיך געוואלט דערמאנען אין יענער מינוט, האט ער שוין גארנישט געדענקט. עפעס ווי א בלינדע זאך. צי האט ער טאקע אליין מיט זיינע אייגענע הענט אנגעטאן דאס קדושין־רינגל אויף זיין פלאריטשקע'ס פינגער? צי האט ער פארזוכט א ביסל ווייז פון גלעזל? ער האט זיך ניט געקאנט דערמאנען.

אפשר האט ער דעמאלט גע'חלש'ט, און קיינער האט גארנישט געוואוסט, אז ער חלש'ט. גע'חלש'ט שטייענדיג, געטאן אלצדינג, וואס מען האט אים געהייסן, אבער גארנישט געפילט, גארנישט געוואוסט.

אויפגעכאפט האט ער זיך ערשט דעמאלט, ווען די פויק האט א דונער געטאן, ווען די מוזיק האט זיך צעלאזט מיט הויכע טעגער, ווען אלע מחותנים האבן זיך א לאז געטאן צו אים אזוי צעווילדעוועטע, אקוראט ווי זיי וואלטן אים געוואלט באפאלן און שלאגן.

ער האט טאקע אזוי געמיינט אין ערשטן אויגנבליק, אז מען וויל אים און זיין פלארעטשקע'ן איצט גוט אנברעכן די ביינער. האט ער

זי אַ כאַפּ געטאָן אַרום דער טאַליע כדי זי צו באַשיצן, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. מען האָט זי אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. מען האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר, מען האָט זי געקוועטשט און געדריקט און צעפּאַטלט.

מען האָט זיך אויף אים אויך אַרויפגעוואָרפן. מען האָט אים געשלעפּט אין אַלע זייטן, מען האָט אים געבראָכן די פינגער. מען האָט אים געטרייסלט און געשאָקלט, און ער האָט זיך שוין גאָרנישט געקאָנט ראַטעווען.

דערנאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוואַרפעניש. און דאָ ווידער אין ערשטן אויגנבליק האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. די אייביגע שרעק, ווי ער פלעגט קומען אין שול צווישן אַ סך מענטשן, און שטענדיג פלעגט אים עפּעס פאַלן אין קאָפּ אַריין.

איצט פאַלט אים אויך עפּעס אין קאָפּ אַריין. אָבער קאָלירטע, קיילעכדיגע פאַפּירלעך גאָר, כאַ, כאַ, כאַ.

— מזל־טוב, חתן, מזל־טוב, כלה...

דער געקרוינטער פּאָעט

זלאַטע האָט זיי קיין איינלאַדונג טאַקע ניט געשיקט, אָבער זיי גייען אַהינצו סיי ווי סיי. אין דער „פרייהייט" איז געווען געמאָלדן וועגן איר קאָנצערט. איר בילד איז געווען אָפּגעדרוקט מיט אַ קורצער באַשרייבונג: ווי אַן אַרבעטער־מיידל, אַ נייטאָרין, האָט פּאַראַינטערע־סירט די באַרימטע טענצערין מאַרטאַ בריגמאַן, און יענע האָט זי אומ־זיסט, אָן געלט, געלערנט טאַנצן, און איצט טרעט שוין אַליין אַרויס אָט־די אַרבעטער־מיידל, זינאַ אוציעס, אין אַ טאַנץ־פּראָגראַם אין „ניו סקול אָוו סאָשל ריסוירטש".

פאָרן זיי דאַון־טאַון, אַלע דריי: משה, ווערא און דעיוו. דעיוו און ווערא האָבן זיך פּאַרפּוצט צוליב דער געלעגנהייט, פּונקט ווי צו אַ חתונה. מיט זייער פּאַרפּוצטקייט ווילן זיי דערפרייען זלאַטע'ן, איר אָפּגעבן כבוד.

משה איז אָבער אָנגעטאָן אָרעם. אָרעם אין זיין גרויען אָפּגע־טראָגענעם אָנצוג. שוין העכער אַ יאָר, אַז ער טראָגט נאָך אַלץ דעם זעלבינן גרויען אָנצוג. אָרעם זיינען זיינע אויסגעטראָטענע שיך. אָרעם איז זיין דינער זומערדיגער מאַנטל, און אינדרויסן איז שוין רעכט

ווינטער. די איינציגע יום־טוב׳דיגקייט אין זיינע קליידער וועט זיין דאָס נייע ווייסע אויבערהעמד מיט דעם קאָלירטן שניפּס. אַן אָרימער משה. ער שיינט אָבער און לויכט אַרויס פון זיינע אָרימע מלבושים. די ברוינע אויגן זיינע לויכטן מיט פיל גוטסקייט און וואַרימקייט. זיין הויכער שטערן שטאַלץ און דערהויבן. קיין פּרנסה האָט ער נאָך דער־ ווייל אַליץ נים, אָבער דערפאַר האָט מען געשריבן וועגן אים אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. מען האָט געזאָגט דאָרטן, אַז משה בוכבינדער וואַקסט אַ גרויסער טאַלאַנט, און די ליבהאָבער פון דער אידישער פּאָעזיע וועלן נאָך בענטשן זיין נאָמען.

— קוק, קוק, קוק — דערפרייט זיך דעיוו מיט אַ געוואַלדיגער איבערטריבנקייט, ווען אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אין וואַגאָן — קוק, ווי מען לייענט דיך.

אמת. אַ מיטליאָריגער אידישער אַרבעטער, אפשר אַ פּרעסער, צי גאָר אַן אָפּערעיטאָר, קוקט אַריין אין דער „פרייהייט", פירט מיט די אויגן איבער די היפּש־געדרוקטע אותיות פון משה׳ס ליד.

— אַלבעטשי, ער ווייסט גאָרניט, אַז דער שרייבער אַליין געפינט זיך דאָ אין וואַגאָן — פּאַרגייט זיך דעיוו אין איבערגעטריבענער התפעלות.

דערפרייט זיך משה, ווערט אויפגעלויכטן, צעשיינט זיך. אַ גע־ קרוינטער פּאָעט ביי די אידישע אַרבעטער.

פרייט זיך אויך ווערא. אָבער איר פרייד איז אויסגעמישט מיט טיפן ווייטאָג. ער הונגערט ממש, אָט דער באַרימטער פּאָעט אירער. זי ווייסט שוין גוט די טעג, ווען ער האָט ניט קיין פּרוטה ביי דער נשמה. געוויינלעך אין אַזעלכע טעג יאָוועט ער זיך איינגאַנצן ניט צו איר. אַמאָל געדויערט דאָס חדשים נאָכאַנאַנד, ווען ער באַווייזט זיך נים. ווייסט זי שוין, אַז ער גייט אום אַ פּאַרלאָרענער, אַ פּאַרביטערטער. באַקומט ער ערגעץ אַ דזשאַב, אַזוי יאָוועט ער זיך צו איר אַ מונטערער, אַן אויפגעלויכטענער. רעדט צו איר מיט פיל דערהויבנקייט. פּאַר־ זיכערט צום טויזנטן מאָל, אַז איצטער וועט אים שוין אָנהויבן צו גיין, און גאָר אינגיכן נעמט ער זי אַוועק פון דעיוו׳ס הויז.

איצט האָט משה אויך ניט קיין דזשאַב, אָבער ס׳איז אים סיי ווי סיי גוט. ער וויל גאָר היינט ניט טראַכטן וועגן מאָרגן. דער מאָרגן איז נאָך אַזוי ווייט. ביז מאָרגן וועט גיין די צייט אין גאַלער פרייד. אַ, ער וועט זיך טאַקע שוין גאָרנישט זאָרגן. ס׳וועט אים נאָך גיין

גוט אין ענין פון פרנסה אויך. זיין מזל האָט שוין אָנגעהויבן צו שיינען: אָט שרייבט מען שוין וועגן אים אין די זשורנאַלן, אָט זיצט אַ איד אין סאָבוועי און לייענט אַזוי אויפמערקזאַם די שאַפונג זיינע. טויזנטער מענטשן לייענען מסתמא איצט, אין דער מינוט, זיין אויס־געדיכטעט וואָרט, לייענען און פאַרטראַכטן זיך, און עס ווערט זיי גוט פון דעם וואָס זיי פאַרטראַכטן זיך.

— אַי, משה, משה — טוט פּלוצלונג דעיוו אַ וויטאָגדיגן זיפץ.

קוקן זיך ביידע מיטאַמאָל אום אויף אים. פאַרשעמט זיך דעיוו, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר זיי, צעשמייכלט זיך כלומרשט און פאַרענטפערט זיך:

— מיד אַ ביסל פון דער אַרבעט, היינט געהאַט אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאַפּ.

ער איז מיד, דעיוו. ער פילט זיך שוין איבעריג. ווערא האָט משה'ן אַ קוש געטאָן פאַר אים, דעיוו'ן, אין די אויגן, נאָכדעם וואָס זי האָט איבערגעלייענט אין זשורנאַל, וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן מען שרייבט דאָרטן וועגן משה'ן דעם פּאָעט. זי טוט דאָס שוין אָפן, זיין ווערא. ער האַלט זי אויס מיטן שענסטן און בעסטן, און יענע שעמט זיך שוין אפילו ניט פאַר אים אין די אויגן משה'ן אַ קוש צו טאָן.

ער פאַרמאַכט די אויגן, דעיוו. זאָלן זיי מיינען, אַז ער איז כלומרשט איינגעשלאָפן. מיינען זיי טאַקע, אַז ער איז איינגעשלאָפן, בויגן זיי זיך צו איינער צום אַנדערן נאָך נעענטער. רעדן איינער צום אַנדערן פילע ליבלעכקייטן. פאַרזיכערט זי משה צום וויפלסטן מאָל, אַז זאָל ער זיך נאָר שטעלן אויף אַ דרך, וועט שוין דערפילט ווערן זייער האָפענונג.

זעט אָבער דעיוו דורך פּיצעלעך שפּעלטעלעך פון די פאַרמאַכטע אויגן זיין גרויס אומגליק. צעגיסט זיך די שנאה און די גיפט איבער די בלוטן. הויבט אָן צו עסן זיין האַרץ אַזאַ העסלעכער האַס: ער וועט אים שוין מוזן אומברענגען פון דער וועלט, אָט דעם צעשטערער פון זיין גליק. ער וועט אים טויטן. ער וועט אים טויטן מיט אַזאַ טויט, אַז קיינער וועט ניט וויסן, אַז ס'איז זיין אַרבעט. פּונקט ווי ביי דאָסטאָיעווסקי'ן. אָבער ער וועט שוין ניט זיין אַזאַ נאַר און קומען זיך אַליין מודה זיין...

— מ'יר דאַרפן ביימן, דעיוו — גיט אים משה אַ צי ביים אַרבל.

— א, ביימן? — צעשמייכלט ער זיך. — איינגעשלאָפן, ווייזט אויך...

איז דאָס זלאַטע, הירש-בער דעם בלינדנ׳ס?

פינצטער אין זאַל. אַלע מענטשן — איין האַרץ... אַלע אויגן — איין אויג... די מוזיק פליסט זיך ביי דער זייט. מען זעט ניט די פיאַנאָ, מען זעט ניט דעם פיאַניסט. אויף דער בינע אַ יונג מיידל מיט אַן אַנטבלויזטן קערפּער. אַ שטיקל רויטער טוך אַרום די לענדן. אַ שטיקל ראָזעווע טיול אַרום די בריסטן. נאַקעטע לייב. פאַרשעמט לייב. פאַרוויטלט לייב. די אברים ווילן רעדן, עפּעס דערציילן. שמייכלען ברוינע אויגן מיט באַשיידנקייט און פרומקייט.

די מוזיק, וואָס פליסט פון דער זייט, פון דעם אומגעזעענעם אָרט, איז ווי דער קילער קרישטאָלענער טייך הינטערן באַרג אין טשערע־מעיעוו. לאָזט זיך אַריין דאָס יונגע נאַקעטע מיידל אויף דער בינע אין דעם זינגעוודיגן טאַקט, שפּרייט אויס די הענט, ווי אויף צו שווימען.

אפשר מיינט טאַקע זלאַטע מיט איר טאַנצן דעם טשערעמעיעווער טייך? ס׳איז פאַרנאַכט. אַן איינזאַמער שטיין. אַ פאַרוואָרפן ווינקל. ווייט פון דעם ברוגעם איז געווען דאָס פּלאַץ, וואו אַלע אינגלעך האָבן זיך געבאָדן. אַז אַ מיידל האָט זיך געוואָלט גיין באָדן אין טשערע־מעיעוו, האָט זי געדאַרפט אַוועקגיין אַזש צום ווייטן שטיין. איצט טאַנצט זלאַטע, ווייזט אויס, דעם טאַנץ פון אַ יונג מיידל, וואָס גייט זיך באָדן צום טייך איינע אַליין אין אַ זומערדיגן פאַרנאַכט.

משה איז איינמאָל אַ פאַרנאַכט פאַרקראָכן צו אָט דעם ווייטן שטיין, זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס און פאַר׳כשופ׳ט געוואָרן פון אַ נאַקעטן יונגן מיידלשן קערפּער, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אַריינגעגאַנגען אין וואַסער.

אפשר איז דאָס דעמאָלט געווען זלאַטע, אָט דער יונגער נאַקעטער מיידלשער קערפּער, אין יענעם פאַרנאַכט לעבן ווייטן שטיין? דער הימל איז געווען טונקל בלוי. די וואַסערן ליכטיג־העל. דאָס מיידלשע לייב צעדרימלט, פאַרשעמט. משה, אַ יונג בחור׳ל מיט שרעק און מיט זינדיגקייט.

וואָס קאָן דער עולם פאַרשטיין, וואָס אירע פאַרשעמטע אברים דערציילן איצט? די פון עולם, וואָס זיינען ניט געבוירן געוואָרן אין

טשערעמעיעוו, וואס האבן ניט געזען אין א פארנאכט לעבן ווייטן שטיין דעם דניעסטער מיט די צעלויכטענע וואסערן, אנטקעגן דער פארגייענדיגער זון.

דאס פלאטערנדיגע הארץ פון עולם פארשטייט ניט, אבער עס דערפילט דעם טרויער פון דער ארעמער יונגער מיידל, וואס גייט זיך באדן אין טייך אריין איינע אליין אין אן איינזאם פלאץ. דאס אויער פון עולם הערט, ווי די כוואליעס בייזערן זיך לעבן ברעג. א לייכטער בייזערן זיך פון א פולן צעשפרייטן טייך.

„מיין יוגנט" הייסט די ערשטע סעריע נומערן פון פראגראם: „ביים טייך", „לעבן ברודער'ס ווינעלע", „ביי דער נייטארין", „שפעט ביינאכט אויפן וועג אהיים פון דער ארבעט".

זלאטע טאנצט שוין דעם צווייטן נומער. הויבט אן דער פארבארגענער פיאניסט צו שפילן דעם אלטן באקאנטן נוסח, וואס די אידישע מיידלעך אין טשערעמעיעוו האבן געזונגען, ווען זיי האבן פארוויגט זייערע קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

משה הערט דאס סקריפען פונעם שטרויענעם וויגל. דאס וויגל, וואס איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק צו דער סטעליע. משה ווייסט, אז דאס פארוויגט זי איר ברודערל. א קליין ברודערל האט זי איבערגעלאזט אין דער היים. א ברודערל מיט א סטון אינדרויסן, מיט א פארשמירט נעזל, מיט לאכנדיגע שיטערע ציינדעלעך. אירע שיינע הענט האלטן די שטריק, איר פארשעמט פרום פנים איז אריבערגעבויגן איבערן וויגעלע. אירע נאקעטע אברים וויגן זיך, זינגען און דערציילן.

משה ווייסט די גאנצע געשיכטע, וואס אירע טאנצנדיגע אברים דערציילן. זיי דערציילן, אז איר טאטע איז אוועק אין א פרעמדער שטאט, צו גיין איבער די הייזער; איר מאמע פליקט פעדערן ביי דער טונקעלער שיין פון א פאררויכערטן לעמפל. די שוועסטערלעך שלאפן שוין, צוויי שוועסטערלעך אויף איין סאפקע. ליגט איינע צוקאפנס, די צווייטע צופוסנס. די שוועסטער יעטא איז אין דער ווייטער אמעריקע. אינדרויסן איז א בלינדע שרעקעוודיגע נאכט, און זי, זלאטע, פארוויגט איר ברודערל מיט דער ווארעמקייט פון א שוועסטער'ס הארץ.

פארשטייט כאטש דער עולם, וואס זי מיינט? שרעקט זיך משה. דער עולם פארשטייט ניט, דער עולם שאפט זיך מסתמא אייגענע מעשיות און מיינט, אז אזוי האט טאקע זלאטע געמיינט.

זלאטע טאנצט דעם דריטן נומער: די ניי־מאשין שטעפט. די

ראָד לויפט. די פיס טרעטן דעם טרעטער. די נאָדל שפרינגט. די אויסגעמאָטערט־פאַרפּייניגטע הענט ציען דאָס פרעמדע קלייד. עס געפינען זיך נאָר אַ פּאָר נייטאָרינס צוזאַמען. זינגט מען אַ לידעלע וועגן דעם חתן, וואָס איז אַוועק דינען פאָניע'ן, שוין זייט דריי יאָר. אָרימע טשערעמיעווער מיידלעך לערנען זיך אַ מלאכה, און זייערע הערצער בענקען נאָך דעם שטיקעל גליק. אַזוי שפּט אין דער נאַכט, די אויגן קוים וואָס זיי זיינען אָפן. די אברים ברעכן. די ניי־מאַשין שטעפט, די ראָד לויפט, די פיס טרעטן דעם טרעטער, די נאָדל שפרינגט, די אויסגעמאָטערטע הענט ציען דאָס פרעמדע קלייד...

דערנאָכדעם גייט מען שפעט ביינאַכט אַהיים. אַלע לאָדנס צוגעמאַכט. אַזאַ מורא'דיגע שטילקייט איבער דער איינזאַמער גאַס. די יונגע מיידל האָט אַזוי מורא איינע אַליין אין אַזאַ שפעטער שעה. גייט זי גיך, שנעל, קוקט אין אַלע זייטן. דאָס האַרץ שפרינגט שיר ניט אַרויס. פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ שכור קול. אַ גרויסע אימה באַפאַלט. זי לאָזט זיך לויפן, די יונגע מיידל...

אין זאַל ווערט ליכטיג. אַזוי פיל יונגע אַמעריקאַנער געבוירענע מיידלעך און בחורים געפינען זיך אין זאַל. מען לאָזט זיך אַרויס אין רויכער־זאַל. אַלעמענס אויגן שיינען מיט פאַרט־פּטקייט און מיט געדאַנק. אַלעמענס פנים'ער צערויטלט. משה וויל זיך צוהערן צו דעם, וואָס זיי רעדן צווישן זיך. ער וויל וויסן, צי זיי האָבן כאָטש פאַרשטאַנען. רעדן זיי אָבער פון באַוועגונגען, פון דעם שפיל פון אירע אברים, פון דעם ריטם און שוואונג, פון פאָרמע און סטיל. מען באַוואונדערט איר סטיל.

משה'ן טוט באַנג, הלמאי זיי פאַרשטייען ניט די מעשה גופא. זיי וואָלטן נאָך אפשר מער געווען באַגייסטערט.

די צווייטע סעריע איז שוין געווען אין „אַמעריקע": „מיין ערשטער טאָג אין שאַפּ", „אָווערטאַים", „אין אַ זונטאָג בייטאָג אין פאַרק". די דאָזיגע נומערן האָט זי שוין געטאַנצט צוזאַמען מיט אַ גרופּע. דאָ האָט שוין דער עולם פאַרשטאַנען די מעשה גופא אויך. משה, ווידער, האָט שוין אין דער סעריע זיך ניט געקאָנט אַזוי פיל אַריינלעבן וויפיל אין דער ערשטער, האָט ער זיך שוין מערער צוגעקוקט צו אירע באַוועגונגען. פאַרנומען איר ריטם. גע'חידוש'ט זיך און געשטוינט און זיך אָנגערופן צו ווערא'ן:

— איז דאָס זלאַטע, הירש בער דעם בלינדנ'ס טאָכטער, וואָס

פלעגט אומגיין איבער די הייזער?

— איז דאָס זלאַטע, די טאָכטער פון הירש בער דעם בלינדן, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט זיננעוודיגע פיס, מיט פאַרטראַכטע הענט, מיט פלאַטערנדיגע אברים, מיט וואַרעמע טרויעריגע אויגן...

כאַפּט זיך יעטאַ אויף אין אַ פרימאָרגן . . .

— שוועסטער זינאַ, שוועסטער זינאַ, זיי שוין דו גליקלעך, ווייס שוין דו פון אַ פאַרהייראַט לעבן.

— ער איז אַזאַ גוטער — שרעקט זיך זלאַטע פאַרן מאָרגן.

— פאַר דער חתונה זיינען אַלע גוטע — מיינט ניט חס וחלילה יעטאַ צו רעדן שלעכטס וועגן יונגנמאַן, נאָר דאָס האַרץ איז איר שווער.

— וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו? — פאַרכאַפּט אויש זלאַטע'ן דער אָטעם.

ווייסט טאַקע ניט יעטאַ דאָס, וואָס זי, זלאַטע, ווייסט. זי ווייסט ניט די גוטסקייט פון דעם בחור, פון זיינע טייערע וואַרימע הענט, פון זיין שמעקנדיג מויל. זי ווייסט די גוטסקייט פון דעם בחור, פון זיין קלאַפּנדיג האַרץ, פון זיינע פאַרזיכטיגע טריט, ווען זיי גייען ביידע שפּאַצירן. פון זיינע טרייע אויגן, ווען זיי קוקן אויף איר.

אַ מורא'דיגע קאַלטע נאַכט. דאָס גאַז-אייוועלע האָט זיך שוין פון לאַנג אָפּגעקילט. די פענצטער זיינען ווייס מיט פראָסט. די ווענט זיינען קאַלט. פון הינטערן בעט יאָגט אַ קרירה.

— ליג אַריין דיינע פיס צווישן מיינע — מאַכט זלאַטע צו איר עלטערער שוועסטער מיט פיל גוטסקייט.

— זיי זיינען ווי שטיקער אייז — וויל ניט יעטאַ — זיי וועלן נאָך קאַלט מאַכן דיינע פיס אויך. גאָט האָט דיר געגעבן אַ ברכה אין דיינע פיס, דאַרפסטו זיי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, קינד.

די לעצטע נאַכט, אַז ביידע שוועסטער שלאָפן צוזאַמען. מאָרגן וועט שוין יעטאַ ליגן איינע אַליין אין בעט. ס'וועט איר שוין מער ניט וואַרימען דאָס יונגע הייסע שמעקעוודיגע לייב. איר קליין שוועסטערל האָט מאָרגן חתונה. זאָל זשע זיין מיט גליק. זאָל זי שוין קיינמאָל פון קיין צער ניט וויסן. זאָל יעטאַ מיט איר אומעטיג וואַרלאָזן לעבן אויסקויפן יעדעם פיצעלע צער פון איר שוועסטערל'ס יאָרן.

— האָב קיין מורא ניט, ליג אַריין דיינע פיס צווישן מיינע, זיי

װעלן זיך אין איין מינוט אָנװאַרעמען — שטייט צו איר צו זלאַטע.

ליגט זי אַריין אירע קאַלטע אויסגעפייניגטע פיס צװישן זלאַטע׳ס, כאַפּט זיי גלייך אַרום אַזאַ ליבע װאַרעמקייט. פילט זיך אָן דאָס האַרץ מיט אַזאַ גוטסקייט צו אָט דער יונגער שװעסטערל, װאָס איז אַזוי פּראָסט און היימיש אַפילו נאָכדעם, װאָס זי איז דערהויבן געװאָרן אין לעבן.

אַ װאונדער, איר שװעסטערל. אַ גרויסער װאונדער. אפשר איז דאָס גאָרניט איר שװעסטערל. ניט פון איר משפּחה. פון עפּעס אַ רייכער משפּחה. פון אַריסטאָקראַטיש בלוט. פון ברויט מיט קנאָבל, פון שמאַטעס און לאַטעס קאָן דען געמאָלט זיין אַזאַ געבענטשט שװעסטערל?

זי קושט איר שװעסטערל אין האַלז, אין אַ באַק, אין אַן אויער. עס איז יאָ איר שװעסטערל. אירע ברוינע אויגן זיינען דער מאַמעס אויגן. דער מאַמעס גוטע אויגן. איר שטערן און די ברעמען זיינען דעם טאַטנ׳ס שטערן און דעם טאַטנ׳ס ברעמען.

איר טאַטע. קיינמאָל ניט געװאָלט זאָגן אין הויז, װאו ער איז געװען פאַרשװאונדן. גייט אַװעק אַ חודש, צװיי, דער טאַטע איז ניטאָ. די קינדער פרעגן דער מאַמען, װאו איז דער טאַטע. די מאַמע שװייגט. שװייגט מיט װייטאָג און מיט בזיון. פרעגן שוין מער ניט די קינדער ביי דער מאַמען, װאו איז דער טאַטע.

דער טאַטע יאָװעט זיך אַריין אין הויז. לויפט אים ניט די מאַמע אַנטקעגן, אַקוראַט װי ער װאָלט גאָר ניט געװען אַװעק פאַר אַזאַ לאַנגער צייט.

דער טאַטע האָט קיינמאָל ניט געגעבן קיין קוש קיין קינד. אַפילו ניט קיין גלעט. אָבער אַז די מאַמע האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער זופּ, און די קינדערלעך זיינען געקראָכן מיט זייערע לעפל אין זיין טעלער, האָט ער אומיסטן אָנגעהויבן צו עסן פּאַװאָליע, כדי די קינדער זאָל אָנקומען מערער לעפל זופּ.

אַ בלינדער אויף איין אויג. געװען אינגאַנצן אויסגערונען, דאָס אויג. דאָס צװייטע אויג איז געװען פול מיט ליבע צו די קינדער און פול מיט יסורים און פול מיט זאָרג.

כאַפּט זיך יעטאַ אויף אין אַ פרימאָרגן — דעם טאַטנ׳ס פאַר־לאַטעטער װעג־מאַנטל הענגט שוין מער ניט אויף דער װאַנט. דעם

טאטנ׳ס שטעקן שטייט שוין מער ניט אין ווינקל. א סימן, אז ער איז שוין ווידער אוועק.

עס קומען איצט אן צו יעטא׳ן שטיקלעך אמאל. פינצטערע, וויסטע שטיקלעך אמאל. דא ליגט לעבן איר א שוועסטערל, וואס האט אויסגעקויפט א ביסל דעם אמאל.

— א, זלאטע, זלאטע — צעוויינט זיך יעטא.

— וואס וויינסטו, נארעלע?

— איך וויין פון נחת, קינד. זאל זשע טאקע זיין מיט מזל, שוועסטער. ער איז א גאלדענער בחור, א בריליאנטענער בחור...

זלאטע און סאול

— דאס איז דער טייך הודסאן, זלאטע. ער לויפט ביז אלבאני און ווייטער.

— יא, דאס איז דער טייך הודסאן, סאול — שמייכלט זלאטע ווי א קינד.

דער באן לויפט. די רעדער טאראראכקען. דער וואגאן איז פול מיט אמעריקאנער־געבוירענע פרויען און מענער, וואס ארבעטן אין ניו יארק און קערן זיך איצט אום אהיים, אין די דערבייאיגע שטעטלעך, וואס ליגן אויסגעשפרייט דא און דארט פון דעם זייט ברעג הודסאן.

זיצן זיי און שווייגן, די אמעריקאנער. אלע קענען זיך דא איינער דעם אנדערן, אבער מען שווייגט. א חוץ דעם „העלאו" און „קאלטער וועטער" האבן זיי זיך שוין מערער ניט וואס צו זאגן.

קוקן אייניגע פון זיי אויף דעם דאזיגן פאר־פאלק, וואס איז ניט פון זייער שניט, ניט פון זייער גלויבן, ניט פון זייער לאנד. קוקן, באטראכטן, שאצן אפ, מעסטן איבער. דערנאכדעם טוען זיי שוין אפ זייערע אויגן און קוקן ניט מער.

וואס זשע טראכטן די דאזיגע אמעריקאנער מענטשן וועגן דעם בחור מיט די געדיכטע געקרייזלטע האר, מיט די קינדערשע לויכטנדיגע שווארצע אויגן, מיט דעם ברייטן מאסיוון פנים?

זיי ווייסן ניט, אז דאס איז סאול הוירש, דער טאלאנטפולער פיאניסט, דער מוזיק־קאמפאזיטאר, וואס האט שוין געשאפן א פאר לידער, וואס ווערן געזונגען פון פילע מיידלעך און יינגלעך אין ניו יארק און אומגעגנט.

וואָס זשע טראַכטן די דאָזיגע מענטשן וועגן דער מיידל מיט די פלאַקסענע האָר, מיט די זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים, מיט דער לאַנגער אידישער נאָז?

זיי ווייסן ניט, אַז דאָס איז זינאַ אוציעס, וועמען די גרעסטע טאַנץ־מבינים פון ניו יאָרק האָבן שטאַרק געלויבט פאַר איר מייסטערישקייט.

זלאַטע׳ס פּנים איז איר ניט געפעלן, אָט דער מיטליאָריגער פרוי, וואָס זיצט אַנטקעגן, אויפן צווייטן בענקל, אַזאַ וואַזשנע און ווירדיגע. יענע האָט בלויז איין קוק געטאָן אויף זלאַטע׳ן און גלייך געכאַפּט, אַז זי איז אַ פרעמדע, ניט פון איר שניט אײנגאַנצן. קוקט זי שוין ניט מער אויף איר. ס׳פּאַסט ניט. ס׳קאָן נאָך געמינערט ווערן פון איר אייגענער פּערזענלעכקייט, אויב זי וועט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן.

וואָס זשע טראַכט דער עלטערער מאָגערער מאַן מיט די גרינגע וואַסערדיגע אויגן, וואָס זיצט אויך אַנטקעגן דעם פּאָרל? קלוג טוט ער קוקן אויף זיי, מיט אַ פריילעכער נייגעריגקייט. יענער האָט גלייך געכאַפּט, אַז דאָס דאָזיגע יונגע פּאָרל הויבט איצט אָן זייער לעבן צוזאַמען. דערמאָנט ער זיך פון אַמאָל, ווען ער האָט אויך אָנגעהויבן זיין לעבן מיט זיין „זיס־הארץ". ווערט טרויעריג, וואָס יענע צייט וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן. פילט מען אָבער אַ נחמה, וואָס דאָס לעבן חזר׳ט זיך איבער. פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, מיט פערציג יאָר צוריק, אַזוי אויך איצט.

— הימל און טייך, זינאַ! — צעשמייכלט זיך סאָול מיט לויכטנ־דיגע אויגן. — אוי, וואָלט איך געוואָלט איבערגעבן אין קלאַנג די קילקייט פון וואַסער, די פּאַרקלערטקייט, די זויבערקייט, די אייביגע רואיגקייט!

שמייכלט צו אים זלאַטע. אויף אירע ליפּן ליבשאַפט צו אים פאַר זיינע קלוגע רייד. זי רעדט ווינציג, זלאַטע. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי קענען זיך, האָט זי אַזוי ווינציג געזאָגט מיטן מויל. דערפאַר האַלטן אין איין רעדן אירע אויגן צו אים. זיי האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך, אירע אויגן, דעם צער פון אָרעמקייט, דעם ערנסט פון ווייסן און קלוגשאַפט, דעם שפּיל פון פרוי און מוטער. רעדן די דאָזיגע אַלע עלעמענטן צוזאַמען צו סאָול׳ן, נאָך מער ווי די ליבסטע ווערטער.

אַ שעמעוודיגע, פלאַטערנדיגע מיידל איז זי מיט צוויי יאָר צוריק אַריינגעקומען אין מאַרטאַ ברינגמאַנ׳ס סטודיאָ. סאָול הוירש איז

דעמאָלט געזעסן ביי דער פּיאַנאָ. מאַרטאַ בריגמאַן האָט נעשמייכלט צו דער מיידל, זי געגלעט, גערעדט צו איר מיט פיל פריינטלעכקייט. דאָס מיידל האָט זיך גערויטלט, ניט געקאָנט אויפהויבן די אויגן, געשטאַנען אומגעלומפּערט און נעבעכדיג.

מאַרטאַ בריגמאַן האָט זי אוועקגעפירט פון יענער זייט ווענטל. אין אַ ווײַלע שפּעטער זי אַרויסגעפירט פון דאָרטן נאָך מערער פאַר־שעמט, מיט שלאַנקע זינגעווודיגע נאַקעטע פיס, מיט פאַררויטלטע, בויגעוודיגע, ריידעוודיגע אַנטבלויזטע אָרעמס. מיט אַזאַ פלאַטערניש אין אירע דערשראָקענע האַלב־אויפגעדעקטע ברוסטן.

זי האָט געטאַנצט דאָס ערשטע מאָל פאַר מאַרטאַ בריגמאַן. ער, סאָול, האָט באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ. זי האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, ער זאָל קוקן אויף איר בשעת זי טאַנצט. יעדעס מאָל ווען ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איר, איז איבערגעבראָכן געוואָרן דער ריטם אין אירע באַוועגונגען. האָט מאַרטאַ גלייך פאַרשטאַנען און אים געבעטן ניט צו קוקן אויף איר. שפּעטער האָט ער אָבער יאָ געקוקט, און זי האָט שוין ניט געוואוסט, צי ער קוקט. אירע אויגן האָבן שוין ניט געזען פון דער נאָענט. אירע אויגן האָבן זיך פאַרטראָגן צו דער ווייט. אירע פלאַטערנדיגע אברים האָבן גערעדט, אירע זינגעוודיגע נאַקעטע פיס האָבן שוין אַלץ דערציילט. גערעדט און דערציילט פון דער פילבאַרקייט, פון דער פרויענלעכקייט, פון דער גוטסקייט און ווארעמקייט, פון די אַלע רייכע שיינע אוצרות, וואָס זיינען געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין יעדן אבר פון דעם זעלטענעם קערפּער...

זלאַטע מיט סאָול'ן אויף דער פאַרם

ביינאַכט אויף דער פאַרם. גרויסע פענצטער. שטיל. פון הימל קוקט די לבנה. פון באַרג קוקט דער וואַלד. אָפענע, זעענדיגע שויבן צו אַ צויבערלעכער בלויער וועלט.

אין אַ ברייטן בעט, אויף שמעקנדיגן זויבער־ווייסן בעט־געוואַנט, ליגן זיי ביידע, ליגן און פלאַטערן, שוויגן און שעמען זיך.

זיי זיינען דאָך שוין מאַן און ווייב. שרעקן זיי זיך פאַר דעם, וואָס זיי זיינען מאַן און ווייב. ליגן ביידע, ווייט אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן, און וואַרטן און שוויגן.

א בחור פון 28 יאָר, און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געוואוסט די נאָענטקייט פון א פרוי.

אין בראָנזוויל געבוירן געוואָרן, דער דאָזיגער בחור, ביי א טאַטן א הויזן־אָפּערעיטאָר. א ציטערדיגער, פלאַטערנדיגער אינגל. דער שכן געווען א פּיאַנאָ־לערער, האָט יענער ליב געהאַט דעם פּילבאָרן, ציטער־דיגן, שעמעוודיגן אינגל און אים אָנגעהויבן צו לערנען אויף דער פּיאַנאָ. דערזען אין דעם קינד א גרויסן וואונדער און אים שוין ניט אָפּגעלאָזט פון אויג.

מאַמע און טאַטע האָבן שוין אויך ניט אָפּגעלאָזט דעם ענין, און דאָס אינגל האָט זיך איבערגעגעבן צום שפּילן מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

די קינדער פון דער גאַס האָבן זיך ניט געחבר'ט מיט אים. ער האָט שוין ניט געקאָנט ווערן איינער פון זייער גלייכן. אַן אָפּגעשלאָסן קינד. געזעסן שעה'ן און שעה'ן פאַר דער פּיאַנאָ, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געקויפט אויף אויסצאָלן, און געשוועבט אין וואונדערלעכע צויבערלעכע וועלטן.

אויסגעוואַקסן, איז ער געבליבן אַזוי שעמעוודיג ווי געווען. אָפּגעשלאָסן, צוריקגעצויגן.

געוואָרן מאַרטאַ בריגמאַנ'ס פּיאַניסט. געזען אָפט די נאַקעטקייט פון פרויען. די פרוי אַליין איז אָבער פאַרבליבן פאַר אים א פאַר־שלאָסענע, פאַר'חתמ'עטע וועלט.

מען האָט שוין געמיינט אין מאַרטאַ בריגמאַנ'ס סטודיאָ, אַז דער בחור איז פון יענע בחורים, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט וויסן פון קיין פרוי, ווייל ער האָט ניט ליב דעם מין פרוי.

האָט זלאַטע זיך געיאָוועט. אויך א פאַרשעמטע, א צוריק־געצויגענע, אָבער מיט פיל ערלעכקייט אין אירע אויגן, מיט פיל מאַמעדיגקייט און פרויענדיגקייט אין יעדן אבר. האָט ער זיך געצויגן צו איר.

איצט ליגט ער לעבן אָט דער וואונדערלעכער מיידל. זיינע הענט טוען אים אַזש ווי פון וועלן זי אָנרירן.

פאַרשטייט זלאַטע די שעמעוודיגקייט פון מאַן מיט דעם פאַר־שטאַנד פון אירע מאַמעס, באָבעס און עלטער־באָבעס, מיט דעם פאַרשטאַנד פון דער ערשטער אוראַלטער פרוי. וואַרט זי מיט פיל געדולדיגקייט און ליבשאַפט.

זי רעדט צו אים אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט מיט אַ הייס גלעטנדיג קול. זי דערציילט אים שטיקער פון איר קינדהייט. דערציילט אים וועגן איר אָרימען לעבן. דערוועקט זיך נאָך מער זיין ליבשאַפט צו איר פאַר איר אָרימען לעבן... דערפילט ער זיך מיט אַמאָל שטאַרק און מעכטיג, רוקט ער זיך נעענטער צו איר, קושט אירע ליפּן, אירע אויגן.

גייט אויס איר האַרץ נאָך אים מיט פיל בענקשאַפט, דערוואַכן זיך אַלע זאַפטן, אַלע ריחות. זי האַלט נאָך אַלץ אין איין רעדן צו אים מיט איר הייס גלעטנדיג קול. דערציילט אים פון איר שוועסטער, פון אירע ערשטע טעג אין שאַפּ, פון דעם מורא־געפיל צו אירע לאַנדסלייט. רעדט צו אים פון איר קליין ברודערל לייבעלע, פון איר מאַמען, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן אַזאַ פאַר'צער'טע, ווען זי האָט זיך געלאָזט אויפן וועג קיין אַמעריקע.

הויבט אין אים אָן צו דערוואַכן אַן אומבאַקאַנטע גבורה. נעמט ער זי אַרום. גיבן זיך אירע אברים צו זיין אַרומנעם, מיט שטילקייט, מיט געדולדיגקייט, מיט רואיגקייט, מיט צוטרוי און מיט צוזאָג...

וואָס זשע וועט ער זאָגן דער באַלעבאָסטע?

גאַנץ פרי געטרונקען קאַווע מיט אַ בולקעלע, אַוועק אין דער ביבליאָטעק. פאַרנאַכט געגעסן אַ זופּ מיט ברויט אין אַ קאַפעטעריע און ווידער אַוועק אין דער ביבליאָטעק.

וואַרעם אין דער ביבליאָטעק און שטיל. ניין אַזייגער פאַרמאַכט מען ערשט דאָס דאָזיגע פּלאַץ. ביז ניין אַזייגער איז נאָך אַ גאַנצע אייביגקייט. זאָל ער זיך שוין אין די דאָזיגע פאָר שעה גאָרניט זאָרגן. זאָל זיין רו און פרידן צו אים. הונגעריג איז ער דאָך שוין ניט. דער בויך איז פול מיט ווערזשעטעיבל זופּ און מיט דריי שטיקלעך ברויט. עס בורטשעט איצט אין בויך. ס'שטעכט אַ ביסל. ער וועט זיך אָבער נים צוהערן.

די גרויסע לאָמפּן צינדן זיך אָן איבער דעם ברייטן צימער מיט די הויכע שראַנקען ביכער. ער האָט ליב די דאָזיגע שיינע ליכטיגקייט. און וואָס דערמאָנט אים די דאָזיגע שיינע ליכטיגקייט? עס דערמאָנט אים, אַז אינדרויסן איז קאַלט און פינצטערלעך, אַז דער קרירה'דיגער ווינט שמייסט אין די פּלייצעס... אַן אומקומעניש אינדרויסן.

וויכע שראַנקען מיט ביכער. אזוי פיל ביכער. זיינער אַ בוך וועט אפשר אויך אַמאָל זיך געפינען אין איינעם פון די דאָזיגע שראַנקען. זיין נאָמען הויבט זיך אָן מיט אַ „בית". מיינט דאָס, אַז מען וועט דאַרפן זוכן אין יענעם שראַנק, וואו די ביכער פון אַלע שרייבער, וואָס הויבן זיך אָן מיט אַ „בית", געפינען זיך.

וועט אַריינקומען אַ בחור אָדער אַ מיידל. וועט זיך גלייך לאָזן צו דעם שראַנק מיט דער „בית", וועט זוכן צווישן די ביכער און וועט אים גלייך געפינען. וועט זיך זעצן פאַר אָט דעם ליכטיגן ברוינעם טיש, וועט עפענען זיין בוך, וועט אָנבויגן דעם קאָפּ און וועט לייענען איין וואונדערלעכע ליד נאָך דער אַנדערער.

— פאַנטאַזירסט, משה? אַ, דו פאַנטאַזירסט? — לאַכט ער זיך אליין אויס. — דו ביזט רייך אין פאַנטאַזיעס און אָרעם אין אַלע קעשענעס. היינט גאַנץ פרי האָסטו נאָך געטרונקען קאַווע מיט אַ בולקעלע. פאַרנאַכט געגעסן וועדזשעטעיבל־זופּ מיט דריי שטיקלעך ברויט. מאָרגן וועסטו שוין עסן אַ מכה. אָרעם אין די קעשענעס. און וואָס פאַר אַ תירוץ וועסטו היינט אָנגעבן דער באַלעבאָסטע? אָן אָרעמע אידענע, וואָס ווילסטו פון איר? וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף איר קאָפּ?

מיט אַזוינע געדאַנקען וועט ער שוין קיין רו און פרידן ניט קאָנען האָבן.

— זיי שטיל, מיין זון — רעדט ער שוין צו זיך אַליין האַלב אין שפּאַט, האַלב אין טרויער. — זיי שטיל, קוק בעסער אויף די הונדערטער ביכער, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אין די שראַנקען. די מענטשן, וואָס האָבן געשריבן די דאָזיגע גייסטרייכע ביכער, האָבן אויך מסתמא זיך געפּלאָגט. נעם בעסער אין די הענט אַריין אַ בוך און קוק אַריין, ווייל די אָנגעשטעלטע קוקן שוין אויף דיר צו קריטיש.

אפשר גאָר איינגאַנצן זיך נעמען שרייבן אַ ליד? אין דער דאָזיגער ביבליאָטעק האָט ער אָנגעשריבן די מערסטע פון זיינע לידער. ער דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן, זיך פאַרטראַכטן, אַזוי גלייך קומט אָן צו אים אָט יענער שעפערישער טרויער, וואָס ברענגט צו טראָגן צו זיינע געדאַנקען גאַנצע שורות, הייסע, לעבעדיגע, זינגעוודיגע שורות.

ער וועט מאַקע שרייבן וועגן דעם אידישן פּאָעט, וואָס זיצט אין דער ביבליאָטעק אַ האַלב־הונגעריגער און קוקט אויף די שורות ביכער אין די שאַפעס. און וואָס אַזוינס טראַכט ער וועגן די שורות ביכער

אויף די פּאַליצעס, ווען אינדרויסן איז אַזוי קאַלט ? שוין העכער צוויי חדשים ניט געצאָלט קיין רענט. דער מאַנטל איז אָפּגעריבן און אויס־געטראָגן. די אבֿרים אויסגעמאָגערט און אויסגעצערט, און אין בויך שטעכט.

ברענגט טאַקע דער שפּעטערישער טרויער צו טראָגן הייסע, לעבע־דיגע שורות. לויפט דער בליישטיפט גיך, גיך איבערן פּאַפּיר. אַ ליד ווערט איצטער געבוירן. ביז ניין אַזייגער, ווען מען דאַרף שוין פאַר־מאַכן די ביבליאָטעק, איז נאָך אַזוי ווייט. אַ גאַנצע אייביגקייט. דערווייל איז וואַרעם און אַזאַ ליבע ליכטיגקייט, און אַזאַ פייערלעכע שטילקייט.

משה בוכבינדער, דער אידישער פּאָעט, וואָס האָט היינט נאָך כמעט גאָרנישט געגעסן, שרייבט אַ לויב־געזאַנג צו אַלע שפּעטערישע מענטשן, וועמענס ביכער שטייען לאַנגע שורות'ווייז אין די הויכע שראַנקען. ער רופט זיי „מיינע ברידער". די דאָזיגע וואונדערלעכע ברידער זיינע, וואָס האָבן געלעבט אין אַלע דורות, אין אַלע צייטן, און געגעבן דער וועלט חכמה און שיינקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין טיפסטן צער, אין די שווערסטע ליידן...

ער שמייכלט, משה. ער פריט זיך. ס'געפעלט אים די נייע ליד זיינע. ער לייענט זי איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. דאָ אַ שורה אויסגעבעסערט, דאָרט אַ וואָרט אויסגעבעסערט. ס'איז מוזיק. ער פאַרמאַכט די אויגן און לייענט זי שוין אויסנווייניג...

ס'לעשן זיך שוין אָבער די ליכט אין ביבליאָטעק... מען דאַרף שוין פאַרלאָזן...

ער פאַרקנעפּלט זיך דעם מאַנטל. אַ דינער אויסגעריבענער מאַנטל. ער שטעלט אויף דעם קאָלנער. ער גייט אַרויס אינדרויסן, און ס'גיבן אַ פאַרפריר די בלוטן, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך אונטער־געטונקען אין קרירה'דיגע וואַסערן.

וואוהין זשע גייט מען ? אַהיים. וואָס זשע וועט ער זאָגן דער באַלעבאָסטע ? וואָס טאַקע פאַר אַ תירוץ וועט ער איר אָנגעבן ?...

שלאָף, שלאָף, אידישער פּאָעט . . .

ער האָט שוין קיין תירוץ ניט געדאַרפט אָנגעבן. געטראָפן זיין רענצעלע לעבן די טרעפּ אין האָל. זיינע עטלעכע שטיקלעך קוטיגע

אונטערוועש האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ צענומענער צייטונג. נאָענט דערביי די פּאָר ביכער זיינע, די מאַנוסקריפּטן, צעוואָרפן דאָ און דאָרט. די קינדערלעך פון הויז האָבן זיך שוין, ווייזט אויס, געפּאָרעט אַרום זיי. עס פעלן אים אַ סך בלעטלעך פון די מאַנוסקריפּטן.

אויפן ראָג איז דאָ אַ קענדי־סטאָר. דער קענדי־סטאָר־מאַן איז אַ „פּרייהייט"־לייענער. יענער ווייסט שוין, ווער משה איז. לייענט תמיד זיינע לידער, לויבט אים מיט פיל פאַרערונג.

— אַ גוטן אָוונט, אַ גוט יאָר, חבר משה בוכבינדער — באַגעגנט ער אים מיט גרויס רעספּעקט, אָט דער דאָזיגער קענדי־סטאָר־מאַן. — שוין לאַנג ניט געוועזן פון אייך קיין ליד. ס'בענקט זיך שוין נאָך אייערס אַ ליד.

דערפרייט זיך משה, וואָס אַ מענטש שטייט אין אַ קענדי־סטאָר אויף דער 12טער גאַס, לעבן דער ערשטער עוועניו, און בענקט נאָך זיינע אַ ליד. פאַרזיכערט ער אים, אַז אינגיכן וועט שוין דערשיינען זיינע אַ ליד. טאַקע היינט אָנגעשריבן די נייע ליד. אָבער דערווייל וועט ער דאָ איבערלאָזן זיין רענצעלע מיט די זאַכן, בלויז אויף אַ פּאָר טעג. ער דאַרף זיך איבערקלייבן אין אַ נייער דירה.

— אַך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — גיט אַ נעם דער איד פון דער קענדי־סטאָר זיין רענצעלע מיט די איבעריגע זאַכן און שטעלט זיי אַריין אין הינטערשטן צימערל. — קיינער וועט זיי ניט אָנרירן — איז ער צופרידן, וואָס ער קאָן טאָן אַ געפעליגקייט דעם דאָזיגן וואונדערבאַרן פּאָעט, וועמעס לידער דערקוויקן זיין האַרץ און טרעפן אים ביזן פינטעלע. — איז אינגיכן, הייסט דאָס, וועלן מיר שוין לייענען אייערס אַ ניי ליד — באַלעקט ער זיך אַזש. — גוד נאַיט, גוד נאַיט. און וועגן אייערע זאַכן זאָלט איר זיך שוין גאָרניט זאָרגן. פּונקט ווי ביי אייך אין דער היים.

די טונקל־באַלויכטענע גאַסן ציען זיך מיט בלאַקס טענעמענט־הייזער אויף מיילן און מיילן אין דער לענג. דער ווינט איז אַ רשע. שטויסט אים אין די פּלייצעס, שמייסט אים אין די פּיס און טרייבט און טרייבט. דאָס היטל אויפן קאָפּ ווערט פאַרפרוירן. די שיך ווערן צונויפגעקרעמפּעוועט פון פראָסט. היינט האָט ער געשאַפן אַ ניי ליד. ער זאָגט איבער די ליד אינדערשטיל. געפעלט זי אים נאָך אַמאָל. ער זאָגט איבער די ליד אין דער הויך. די גאַסן זיינען סיי ווי סיי ליידיג. יעדער איינער, ווער ס'האָט נאָך אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט זיך פאַר־

באהאלטן פאר דער מורא'דיגער קעלט. מעג ער שוין זיין ליד איבער־זאָגן אין א הויך, הויך קול, און קיינער וועט שוין ניט הערן. סיידן דער ווינט, דער רשע...

קומט ער ארויף אויף דער פינצטערער באוערי. גייט אריין אין א שמאָלן קאָרידאָר. זיצט לעבן א פענצטערל מיט גראַטעס א ברוגז'ער, ניט־אויסגעשלאָפענער בלאַסער מאַן. באַצאָלט ער אים די 25 סענט, זיין לעצטן פאַרמעגן. גיט יענער אים א שליסל. שטייגט משה מיט דעם שליסל אין די הענט אויף די טרעפּ. קומט אריין אין א גרויסן צימער פול מיט קעסטעלעך־צימערלעך. רייען און רייען קעסטעלעך־צימערלעך. ער איז שוין דאָ א פּאָר מאָל געשלאָפן אין דעם דאָזיגן „האָטעל".

— נו, משה, גרויסער אידישער פּאָעט? — רעדט ער צו זיך אליין מיט חוזק. — מאַך א שוויג, זאָג קיינעם ניט אויס.

ער צעהוסט זיך אזש, משה, פון דעם שאַרפן ריח, דעם ריח פון אַנטיסעפּטיקס. דער דאָזיגער ריח דאַרף דאָס אוועק'הרג'ענען אַלע קריכנדיגע און בייסנדיגע. דער דאָזיגער ריח קאָן אָבער אוועק'הרג'ענען א לעבעדיגן מענטשן אויך.

משה ציט זיך אויס אויפן אייזערנעם בעטל מיטן האַרטן מאַטראַץ. פאַרמאַכט די אויגן. דער קאָפּ ווערט פאַרטשאַדעט פון דעם שאַרפן ריח. די געדאַנקען ווערן פאַרטעמפּט. ס'הויבן זיך אָן פּלאָנטערן די געדאַנקען.

— שלאָף, אידישער דיכטער — רעדט ער ווידער צו זיך האַלב אין חוזק און האַלב אין טרויער. — שלאָף, שלאָף. גרעסערע פּאָעטן פון דיר האָבן אפילו דאָס בעטל ניט פאַרמאָגט. שלאָף, בחור, און זאָלן זיך דיר חלום'ען די שענסטע חלומות.

האָבן זיך אים טאַקע גע'חלומ'ט די שענסטע חלומות. דער דניעסטער האָט זיך אים גע'חלומ'ט. א שיפל מיט שניי־ווייסע זעגלען. ציט דאָס שיפל מיטן ווינט. שווימט פאַרביי דעם טשערעמעיעווער באַרג. אויפן באַרג שטייט ווערא אין ווייסע שיכעלעך, אין א העל־ברוינער קלייד, מיט א קאָלירטער שאַרפע אַרום האַלז. מאַכט זי צו אים מיט די הענט און רופט: „משה, חביבי, משה יקירי" (משה מיין ליבסטער, משה מיין טייערסטער). שטעלט ער אָפּ דאָס שיפל מיט די שניי־ווייסע זעגלען, שטרעקט איר אויס א האַנט, און נעמט זי אויך אריין אין שיפל.

— וואוהין שווימען מיר, משה יקירי? — פרעגט ווערא.

— מיר שווימען צו א ניי לעבן, רעיתי, מחמד נפשי (מיין פריינט, די גלוסטונג פון מיין זעל). דאָס פריערדיגע לעבן אונזערס, ווערא, איז געגליכן צו דער טשערעמעיעווער בלאָטע, צו די אָסיענדיגע רעגנס, צו דער וואָרלאָזינגקייט פון א כסליו׳דיגער פינצטערער נאסער נאכט. געדענקסט כאָטש, ווערא, די כסליו׳דיגע פינצטערע, וואָרלאָזע, גיסנדיגע נעכט? עס טאָליאָפּעט און טאָליאָפּעט, און אזא חושך אינדרויסן, און דער הימל איז פארלוירן געגאנגען, און די ערד איז פארלוירן געגאנגען, און דאָס גאנצע לעבן קלאָגט און וויינט.

— אך, גאָט, ווי עס שטעכט! — כאַפּט ער זיך פלוצלונג אויף.

ער ווייסט נאָך ניט, וואו עס שטעכט. אָבער ס׳שניידט ווי מיט מעסערס. אין בויך רייסן אים שווידערלעכע קראמפּן. ער פארקרעמפּעוועט די ציין. ער ליגט זיך מיטן בויך צום מאטראץ. וואָס זאָל דאָס הייסן?

— אוי, מאמע!

שוין אזוי פיל יאָרן ניט גערופן זיין מאמען. איצט רופט ער זי. זאָל זי זיך איילן און קומען אים ראטעווען, ווייל ער קאָן שוין ניט איבערטראָגן דעם ווייטאָג.

דער שאַרפער ווייטאָג ווערט עטוואָס פארשטילט. עס בלייבט אָבער איבער א טעמפּער שמארץ. ער דרייט זיך איבער. ליגט מיטן פּנים צו דער סטעליע. ליגט אָפּ אזוי א שטיק פינצטערע שטיקנדיגע נאכט. עס קומט דער פארטאָג — דער ווייטאָג איז שוין פון לאנג אוועק. דערפאר איז געבליבן עפּעס אזא שלעכטקייט אין די בלוטן. א סם אזא, וואָס האָט פארגיפטעט יעדעס ביינדעלע. א גיפטיגע שלעכטקייט צו דער וועלט און צו די מענטשן. ער האסט איצט יעדן איינעם, ער האסט ווערא׳ן, ער האסט זיין מאמען, זיין טאטן, ער האסט זיינע חברים, ער האסט אלע מענטשן מיט א גיפטיגן האס...

משה דער טרעמפּ און די וואַרימע זון

טרעמפּס זיצן אויף די שטיינערנע טרעפּ פון קופּער־האָל און שמייכלען צו דער וואַרעמקייט פון דער זון.

אויף דער דריטער עווענױ שמייסן הויך־באנען פארביי אהין און צוריק. מאשינען און טראָקס, אָנגעלאָדענע מיט סחורות, יאָגן פון פערטער עווענױ, פון דער באָוערי און פון די זייטיגע גאסן נאָענט

דערבײַ. פּוסגײיער אין די הונדערטער קומען אָן פֿון זײַטיגע גאַסן, שנײַדן דורך קופּער־סקווער, אײַלן זיך פֿאַרבײַ ראַשיק און אימפּעטיק.

אַלע פֿאַרבײַגײיער האָבן אַ וואוהין. אַלע יאָגנדיקע טראָקס און מאַשינען האָבן אַ שפּעטער. די טרעמפּס, וואָס זיצן אויף די שטײנערנע טרעפּ פֿון קופּער־האָל, האָבן ניט קײן וואוהין, האָבן ניט קײן שפּעטער.

משה זיצט אויך צווישן זײ. ער האָט אויך ניט קײן וואוהין און ניט קײן שפּעטער. ער איז שוין געגליכן צו זײ. זײַן העמד — קויטיק, דער קאָלנער — ברודיק, דעם שניפּס האָט ער פֿאַרלוירן אין שטאָטישן נאַכט־הויז. די נעזער פֿון די שיך האָבן זיך צעשפּאָלטן. דער מאַנטל — צעקנײטשט, באַפֿלעקט. די האָר — צעשויבערט, שטויביק. דאָס פּנים — קויטיק־רויט, פֿון שטויב, פֿון ווינט, פֿון פֿראָסט.

איצטער אַרט אים שוין גאָרנישט. איצטער איז אַ מחיה ווארעם. אַזאַ ליבע יונג־פֿרילינגדיקע זון. ווען מ'זאָל זיך נאָך קאָנען אויסציִען אין דער גאַנצער לענג, פֿאַרמאַכן די אויגן און דרעמלען. קאָן מען דאָ אָבער אינמיטן גאַס זיך ניט אויסציִען.

זיצן די טרעמפּס און קוקן אויף די טומלדיקע גאַסן אַרום און אַרום. קוקן אָן שום מיין. קוקן און זעען גאָרנישט. קוקט אויך משה אויף די טומלדיקע גאַסן אַרום און אַרום. קוקט אויך אָן שום מיין. קוקט און זעט גאָרנישט.

ער לערנט זיך פֿון זײַנע טרעמפּישע ברידער, ווי אַזוי אָנצוהאַלטן דאָס שטיקל לעבן אָן גאָרנישט, דורך נסים. שוין אַרום זעקס וואָכן, אַז ער לעבט אַזוי אָן גאָרנישט. נוצט אויס, פּונקט ווי זײ, די אומזיסטע שטאָטישע און פֿילאַנטראָפּישע קיכן, וואו מען האָדעוועט אָן מיט אַ טעלער זופּ און מיט אַ טעפּעלע קאַווע. רויכערן רויכערט ער ניט, דאַרף ער שוין במילא אויך ניט בעטלען קײן סיגאַרעטלעך בײַ די פֿאַרבײַגײיער, אָדער אויפֿקלײַבן די אָראָפּגעוואָרפֿענע שטיקלעך פֿון די גאַסן. שלאָפֿן שלאָפֿט ער וואו ס'מאַכט זיך און וואו ס'לאָזט זיך. אין די זײער קאַלטע נעכט בעטלט ער בײַ די פֿאַרבײַגײיער אויף נאַכטלעגער. אין די מילדערע נעכט זיצט ער אין אַ האָל אויף די טרעפּ. זיצט און דרעמלט.

ער האָט פֿײַנט, משה, אַלעמען פֿײַנט: ער האָט פֿײַנט זײַנע לידער. ער האָט פֿײַנט ווערא'ן און אַלע זײַנע חברים־שרײַבער. ער דאַרף שוין קײנעם ניט האָבן. ער וועט פֿאַרלוירן גײן אין דער וועלט,

אז קיין שפור זאָל שוין פון אים ניט בלייבן. ער וועט אפשר אוועק איבערן לאַנד, פונקט ווי פילע טרעמפּס, וואָס לאָזן זיך אוועק וואַנדערן איבער אַלע וועגן פון אַמעריקע, ווען דער פרילינג קומט אָן. ער וועט שטאַרבן ערגעץ הינטער אַ פּלויט, און זאָל זיך פאַרענדיגן זיין נאַריש פּרוכטלאָז לעבן...

די זון אָבער, זי וואַרעמט אַזוי ליבלעך יעדן אבר זיינעם... די זון, זי ברענגט אים טרייסט, זי ברענגט אים האָפענונג... עס קומט אָן צו אים אַט יענער טרויער, וואָס מאַכט שעפעריש זיין געדאַנק... עפּעס ווילט זיך אים איצט אויסדיכטן אַ ליד... אַ ליד אַזאַ, וואָס זאָל זינגען צו אַזוינע מענטשן ווי ער איצט.. אַ ליד, וואָס זאָל טרייסטן און געבן האָפענונג צו אים, משה'ן, און צו טויזנטער אַזוינע משה'ס ווי ער.. עס קומט גלייך אַרויף אין זיין שעפערישן געדאַנק אַ שיינע שורה. די דאָזיגע שיינע שורה בעט גלייך אַ צווייטע שורה, און אַ דריטע, און אַ פערטע, און ביסלעכווייז ווערט געבוירן אַ נייע ליד... ניט די מענטשן דאַרף ער פיינט האָבן — טענה'ט ער אין זיין נייער ליד — און ניט דאָס לעבן דאַרף ער האַסן. פיינט האָבן דאַרף ער די אומגערעכטע איינפירונג אין לעבן. ער רעדט אין זיין ליד איצט צו דעם בחור, וואָס וויל זיך אָפּלאָזן און זינקען אין פאַרלאָזן טרעמפּישן לעבן. ער רופט אים צוריק. זאָל ער זיך שטעלן אויף זיינע צוויי יונגע שטאַרקע פיס. זאָל ער צוריק אַריינשפּאַנען אין שווערן אום'ברחמנות־דיגן לעבן און עס אויפרודערן...

די טיר עפנט זיך, ער שפּאַנט אַריין, ער שפּאַנט אַריין . . .

פירט אים ווערא אַריין אין וואַש־צימער. צעלאָזט די הייסע וואַסער. גרייט אים אָן זייף, פרישע וועש און האַנטיכער. גייט דער־נאָכדעם אין קיך אַריין, אים צוגרייטן עפּעס עסן.

קומט ער אַרויס אַן אויסגעוואַשענער, אַן אָפּגעזייפטער, אַ ציכטיגער, אין דעיוו'ס אונטערוועש, אין דעיוו'ס אַן אויבערהעמד און אפילו אין דעיוו'ס הויזן און רעקל.

עסט ער דעם מאַלצייט מיט פאַרשעמטע אויגן. מיידט אויס צו קוקן ווערא'ן גלייך אין פּנים אַריין.

דערנאָכדעם זעצט ער זיך אַנידער אויפן ווייכן דיוואַן. זיצט אַזוי

און שוויַיגט. הערט זיך צו צו דער קיך, ווי ווערא צעוואַשט דאָרטן דאָס געפעס. שעמט זיך פאַר זיין אייגענער הילפלאָזיגקייט, פאַר זיין נישטיגקייט. אין דעם נייעם ליד זיינעם, וואָס ער האָט היינט געשאַפן, האָט ער גערופן דעם פאַרצווייפלטן בחור זיך שטעלן אויף זיינע יונגע שטאַרקע פיס און צוריק אַריינשפּאַנען אין שווערן אומ'ברחמנות'דיגן לעבן און עס אויפרודערן. שפּאַנט גאָר אַריין דער בחור אין הויז אַריין צו ווערא'ן, וואָס לעבט אַ פּרוכטלאָז, זינלאָז, פאַרקויפט לעבן...

ס'איז אָבער געווען נויטיג — פאַרענטפערט ער זיך אַליין. — זיך געדאַרפט ראַטעווען. לאָז ער אַ ביסל קומען צו זיך. ער וועט פון היינט אָן אָנהויבן טאַקע אַ ניי לעבן. ער וועט אָפּזוכן עפּעס אַ באַשעפטיגונג. ער וועט שוין מוזן געפינען אַ באַשעפטיגונג. די ערשטע זאַך, וואָס ער וועט טאָן, איז אויסצולייזן די געגאַרטע זיינע, די ליבסטע און שענסטע פון אַלע מיידלעך, פון איר בזיונ'דיג לעבן. ער וואָלט זיך געשטעלט איצט פאַר איר אויף די קני און געקושט די זוימען פון איר קלייד...

ניט ווידער אַ בליץ דורך אין זיין געדאַנק אַ נייע שורה, קומט גלייך אָן אַ צווייטע שורה און אַ דריטע שורה. ס'וועט שוין באַלד געבוירן ווערן אַ ניי ליד. אַ ליד פאַר ווערא'ן. פון זיך אַליין קומען אָן די שורות, שטעלן זיך אויס אין דער ברייט. ס'הויבט זיך אָן צו זינגען אין די אויערן, אַ וואונדערבאַרע מעלאָדיע. אַזאַ מעלאָדיע האָט ער נאָך אויף זיין לעבן ניט געהערט...

קומט אַריין ווערא פון קיך, זעט זי, אַז ער שלאָפט שוין. אַזוי זיצנדיג שלאָפט ער. ברענגט זי אַ קישן פון שלאָף־צימער, הויבט אויף זיינע פיס און ציט זיי אים אויס אויפן דיוואַן. פירט זי זיין קאָפּ צום ווייכן, אויפגעשלאָגענעם קישן. זעצט זיך אַנידער לעבן אים, קוקט און קוקט אויף אים...

קוקט אויף זיין פּנים, וואָס האָט זיך אויפגעלייזט אין שלאָף אַזאַ רואיגס, אַזאַ אויסגעלייטערטס. קוקט אויף זיין גאַנצער געשטאַלט, וואָס איז איר אַזוי ליב...

ווען ס'זאָל איר געווען זיין באַשערט, וואָלט געווען אַזוי ניחא דאָס לעבן. זי וואָלט אים באַדינט, זי וואָלט אים געצערטלט. קינדער וואָלט זי אים געבוירן. צוזאַמען געגאַנגען אין לעבן. אָנגענומען מיט גרוים געדולד דאָס שלעכטע. הנאה געהאַט פון דעם גוטן. אַזוי איז זי אָן אָפּגעריסענער אבר...

ער שלאָפט, משה, שעה נאָך שעה. און זי שטייט אין קיך און קאָכט וועטשערע פאַר איר מאַן און פאַר איר טייערן גאַסט. אָבער ווייזן ווייזט זיך איר אויס, אַז בלויז פאַר איר געגאַרטן קאָכט זי וועטשערע. אַז זי וואַרט שוין מיט משה'ן פון יאָרן און יאָרן. אייביק זיינען זיי שוין צוזאַמען. אַלע פאַרנאַכט קאָכט זי פאַר אים וועטשערע. קאָכט זי אויך היינט אָוונט פאַר אים די וועטשערע. מישט דאָס געקעכטס מיט אַזוי פיל ליבע, גלעט אויס דעם קאָטלעט מיט אַזוי פיל צאַרטקייט.

דער אָוונט קומט. טונקלקייט שפּרייט זיך. דער אָוונט קומט. די טיר עפנט זיך... ער שפּאַנט אַריין. ער שפּאַנט אַריין, דער ווייסטער פינצטערער שאָטן, וואָס גייט איר נאָך אַזוי פיל יאָרן און מאַכט פינצטער פאַר איר די זון.

ער שפּאַנט אַריין, דערשמעקט גלייך, אַז דער חברה־מאַן איז שוין ווידער דאָ אין זיין הויז.

— שאַ, שאַ — גייט זי אים אַנטקעגן — ער שלאָפט.

— ער שלאָפט ? — פרעגט ער איבער דערשראָקן.

— יאָ, ער שלאָפט — לייגט ווערא צו אַ פינגער צום מויל.

— שוין לאַנג אַז ער שלאָפט ? — גייט אים איצטער אין לעבן צו וויסן בלויז איין זאַך : צי ער שלאָפט שוין לאַנג.

— יאָ, ער שלאָפט שוין לאַנג.

— זאָל ער שלאָפן, זאָל ער שלאָפן...

אַ דעיוו, בין איך אפשר ניט גערעכט ?

צו וועטשערע איז געקומען נאָך אַ גאַסט אומגעריכט. ברוך ביר איז געקומען.

— העלאָ ; העלאָ ! אומדערוואַרטעט ! זיך פלוצלונג פאַרבענקט נאָך אייך. און משה איז אויך דאָ ? מאַקע גוט, כ'לעבן !

ער איז פול מיט פריינטשאַפט, ברוך ביר. דאָס בייכל זיינס צעשפּאַרט אים שוין דעם זשילעט גאָר היפּשלעך. דאָס גלאַט אָפּגעראַזירט פּנים אַזוי מחיה פעט, מיט קליינטשינקע, שוואַרצע, פוטערדיגע אייגעלעך. די שווערע ליפּן פייכט, מיט פריינטשאַפט און מיט גוטסקייט.

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן ערשט אָפּגעגעסן סאַפּער — נעמט אים דעיוו אויף מיט פיל גאַסטפריינטלעכקייט — אַז ניט, וואָלסטו

גענעסן מיט אונז. מיין ווערא איז שוין איינמאָל אַ קאַכערקע. מעגסט אַמאָל פּאַרזוכן אירע פּאַטראַוועס.

— אָ, אַ דאַנק, אַ דאַנק, איך בין שוין אַן אָפּגעגעסענער און אַן אָפּגעטרונקענער.

— און אַן אָפּגעבענטשטער — וואַרפט צו משה מיט בייזקייט.

— און אַז דו ווילסט, אַן אָפּגעבענטשטער אויך — ענטפערט אים יענער אויף צו להכעיס. — איך שעם זיך ניט מיט דעם, וואָס איך היט אָפּ אידישקייט. זאָלן זיך אַנדערע שעמען.

צעקאָכט זיך גלייך משה. די גיפטיגקייט, וואָס איז שוין פון לאַנג איינגעשטילט געוואָרן ביי אים אין די בלוטן, גיט זיך אַ צעגיי איבערן גאַנצן לייב, טרעט אַרויס אויף זיין פּנים. באַמערקט דאָס גלייך ווערא, גיט זי אים אַ בעט מיט די אויגן, ער זאָל ניט אָפּענטפערן. פאַר־קרעמפּעוועט משה די ציין און האַלט זיך אָפּ.

— איך ווייס ניט פאַר וואָס! — קלאָגט זיך נעבעך ברוך. — איך צו דיר אדרבא ואדרבא, און דו צו מיר מיט שטעכעלקעלעך.

מישט זיך אויך דעיוו אַריין. וויל ניט דערלאָזן צו קיין קריג, הויבט ער אָן צו רעדן פון זייטיגע זאַכן. דערציילט, ווי ער האָט באַזוכט פאַראַכטאָגן זונטאָג יאָסל'ען אין משוגעים־הויז, ווי יאָסל האָט אים שוין ניט דערקענט. לחלוטין ניט דערקענט. ווי יענער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן. שווייגט שוין אַזוי פאַר די לעצטע דריי יאָר. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ער איז שוין האָפּענונגסלאָז. ער איז שוין אומ־היילבאַר. מען שפּייזט אים נאָך אַלץ מיט געוואַלד.

— זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום היגן לעבן — גייט משה'ן אויס דאָס האַרץ נאָך אָט דעם אומגליקלעכן יאָסל'ען. — אַמעריקע איז ניט פאַר די צאַרטע, פאַר די פילבאַרע. אַמעריקע איז פאַר די האַרט־הויטיגע, פאַר די אומפאַרשעמטע.

— יאָ, פאַר די האַרט־הויטיגע און פאַר די אומפאַרשעמטע — ווייסט ניט ברוך, אַז דאָס האָט משה געמיינט אים. — אָט נעמט מיך, צום ביישפּיל. אַנדערע זיינען רייך געוואָרן דאָ אין אַמעריקע, און איך בין נאָך אַלץ אַן אָרימער פּרינציפּאַל. איך מאַך אפילו ניט אויס אַזוי שלעכט, אָבער פאַרהאָרעוועט, פאַרשקלאַפּט טאָג ווי נאַכט. און וואָס מאַכסטו, משה? אַרבעטסט?

— ניין, איך אַרבעט ניט.

— און אפשר וואָלסטו זיך דורכגעגאַנגען צו מיר אין תלמוד־

תורה? — פאַלט אָן אויף ברוכ'ן די גוטע מינוט. — איך וועל דיר געבן אַ קלאַס. עס וועט דיר ניט זיין שווער. איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי.

קערט אָפּ משה זיין פּנים פון אים, אַזוי בייז איז ער. ס'הויבט אים אָן ווידער צו שטעכן אין בויך, און די שנאה צו מענטשן פאַר־שפּרייט זיך איבער אַלע זיינע אברים.

— נו, מיר וועלן שוין גיין — שטעלט זיך ברוך אויף. — און איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן, דעיוו, דו זאָלסט מיך באַגלייטן אַ ביסל. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.

צוליב דעם איז ער טאַקע געקומען אַהער, ווייל ער וויל רעדן מיט דעיוו'ן. ער האַלט דעיוו'ן פאַר זיינעם אַ גוטן פריינט און אַ קלוגן מענטשן אויך דערצו. און דאָ איז אים שווער. ער שטייט איצט, ברוך, פאַר זייער אַ גרויסער פּראָבלעם אין לעבן. אין דער היים באַראַט מען זיך מיט טאַטע און מאַמע, אָדער מיט קרובים. מיטן פעטער איז ער ברוגז. זיך צעקריגט מיט אים צוליב אַ געוויסן ענין. אַ מעשה דאָרטן מיט 150 דאָלאַר, וואָס דער רייכער פעטער זיינער האָט די העזה אים צו מאָנען. ער וויל, דער פעטער, יענער זאָל אים אָפּצאָלן פאַר דער שיפסקאַרטע. אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און טשעפּעט זיך נאָך צו אים, צו ברוכ'ן.

— נאָר כ'בעט דיך, דעיוו, ס'זאָל זיין קאָנפידענשעל — מאַכט צו אים ברוך, ווען ביידע זיינען שוין אויף דער גאַס.

פאַרזיכערט אים דעיוו מיט ערלעכע רייד, אַז אַזוי און אַזוי, ס'וועט זיין באַגראָבן ווי אין אַ קבר.

— דו פאַרשטייסט, דעיוו, דו ביזט דער איינציגער גוטער פריינט מיינער אין אַמעריקע. דו פאַרשטייסט, איך בין שוין ניט קיין אינגעלע, שוין אין די יאָרן, און דאָ שדכנ'ט מען מיר אַ מיידל. זייער אַ רייכע מיידל.

— איז דאָך גוט — געפעלט דאָס דעיוו'ן.

— יאָ, ס'איז ניט שלעכט. פופציג טויזנט דאָלאַר נדן גיט מען.

— איז דאָך אויסגעצייכנט.

— יאָ, אָבער ניט דאָס, ניט דאָס. זי איז ניט קיין שיינע, די כלה. מען קאָן זאָגן טאַקע זייער און זייער ניט קיין שיינע.

— אָט דאָס, זעסטו, איז שוין שלעכט — ווערט דעיוו אַנטוישט.

— יאָ, שלעכט. מען פאַרבינדט זיך דאָך אויף אייביג. ס'וועט דאָך זיין ליב מיט לייב. דו פאַרשטייסט, דעיוו, דוקא אַ פיין מיידל,

א שטילע און אן ערלעכע נשמה. אבער קאסאקע א ביסל. וואלט מיך דאס שוין ניט געארט. האלט זי תמיד דעם קאפ אן א זייט. עס קומט אויס, ווי דער האלז וואלט איר אויך געווען קאסאקע. בערטא הייסט זי. בערטא פיינגאלד. איר טאטע איז אין די פאר־ביזנעס. א מיליאנער א איד. דו פארשטייסט, דעיוו. ס'איז קרח מכאן, קרח מכאן. אויסגעריסן פון דער זייט און אויסגעריסן פון יענער זייט. איז וואס זשע איז דיין מיינונג, דעיוו? איך האלט דיך פאר א קלוגן מענטשן און פאר אן אויפריכטיגן, און דו וועסט מיך ניט וועלן פארפירן אין א בלאטע.

וויל אים טאקע דעיוו ניט פארפירן אין א בלאטע. טענה'ט ער צו אים איין מיט פיל היץ, באווייזט אים מיט אותות ומופתים, אז ס'וועט ניט זיין גוט, ער וועט ניט זיין גליקלעך, ווייל געלט איז קיילעכדיג, און אזוי ווייטער און ווייטער...

— גערעכט, כ'לעבן, דעיוו — איז ברוך גערירט, וואס יענער אינטערעסירט זיך אזוי פיל מיט זיין לאגע. — א דאנק דיר, א גרויסן דאנק דיר. איך האב אבער געוואוסט, אז דו וועסט מיר געבן די ריכטיגע עצה. זיך ארויסשלאגן פון קאפ, א? איך בין נאך יונג, וועל נאך קאנען קריגן א שיינע מיידל אויך, מיט געלט און אפשר נאך מיט מער געלט. וואס זאגסטו, דעיוו, בין איך ניט גערעכט, א? איך בין דען עפעס א שפעטנער בחור? און נאך אין אזא פאזישאן; ווען איך וויל, קאן איך אפילו צולייגן דעם טיטול רעווערענד צו מיין נאמען. און ווער ווייסט, ווי ווייט איך קאן נאך גיין? איך קאן נאך גיין גאר הויך. א, דעיוו, בין איך אפשר ניט גערעכט?...

משה וויל ווערן א העברייאישער לערער

בלייבט משה שטיין פאר א הויכער שיינער געביידע, מיט ברייטע, ווייסע טרעפ. איבער די דאזיגע ווייסע ברייטע טרעפ לויפן קינדער מיט העברייאישע טעקסט־ביכלעך אונטער די ארעמס. אידישע אינגלעך און מיידלעך פון בארא פארק, פריילעכע, טומלדיגע.

זייערע טאטעס: פאבריקאנטן, קרעמער, קצבים, שניידער, פוטער־ארבעטער, שוסטער, סטאליארעס, פארבערס און מוליערס.

אידישע קינדערלעך, געבוירן געווארן צו קישענעווער טאטעס און מאמעס, בעלצער, אדעסער, ווארשעווער, קאוונער, גאלאצער און צו

טאטעס, וואָס זיינען געקומען אין אַמעריקע פון פילע אַנדערע אידישע שטעטלעך אויף דער אוקראַינע, ליטע, פוילן, בעסאַראַביע און רומעניע.

אַ הויכע גלעזערנע טיר. איבער דער טיר מיט באַגילדעטע אותיות: „תלמוד תורה חנוך ישראל דבאָראָ פּאַרק" (די תלמוד תורה פון אידישער דערציאונג פון באָראָ פּאַרק).

געפינען זיך אויך אין דער דאָזיגער געביידע מיטינג־האָלס, אַ ספּאָרט־זאַל, אַפילו אַ קליין טעאַטערל מיט אַ בינע.

קינדערלעך אין די הונדערטער ציען זיך פון אַלע בלאָקס אַהער. קומען פון פאַרמעגלעכע היימען און פון אָרעמע היימען. קומען אַהער צו דערצויגן ווערן אין אידישן גייסט.

וואָלט משה געווען שטאָלץ מיט דעם באָראָ פּאַרקער אידנטום, וואָס לאָזט זיך קאָסטן אַזוי פיל געלט אויסצובויען אַזאַ רחבות'דיגע שיינע געביידע, אַ געמיינשאַפטלעכן צענטער פאַר יונג און אַלט... קאָן ער אָבער ניט זיין שטאָלץ, דערמאָנענדיג זיך, אַז ברוך ביר, דער עם־הארץ, איז דער פירער פון דעם דאָזיגן צענטער, דער וועג־ווייזער און דערציער.

ברוך ביר האָט געזאָגט ביי דעיווו'ן אין הויז, אַז ער וועט אים ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף לערנען מיט קינדער. פאַרוואָס זשע האָט ער, משה, אים ניט אָנגעשפּיגן אין פּנים אריין? פאַרוואָס זשע קומט ער נאָך אַזאַ אונטערטעניגער, מיט אַ מורא אין הארצן און מיט אַ געפיל פון זעלבסט־דערנידערונג?

ער וויל זיך איינוואָרצלען אין לעבן. ער וויל האָבן אַן אייגן ווינקעלע. ער וויל אויסלייזן ווערא'ן פון דער שענדלעכער קנעכט־שאַפט. ער וויל אויך לעבן ווי אַלע מענטשן, מיט אַ פּיצעלע זיכערקייט פאַרן מאָרגן. אַלראַיט, זאָל ברוך ביר ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף לערנען מיט קינדער!

ברוך ביר זיצט רחבות'דיג און מאַיעסטעטיש פאַר אַ שיינעם געפּאָליטורטן טיש אין זיין אָפיס. „לשכת המנהל" (די קאַנצעלאַריע פון פּרינציפּאַל), שטייט אָנגעשריבן אויף דעם גלאָז פון דער טיר. צוויי מיידלעך לעבן זייערע אַרבעט־טישלעך קלאַפּן אויף העברייאישע טאַיפּ־ראַיטערס. אַ גרופּע לערער געפינען זיך אין אָפיס, מיט די שול־זשורנאַלן אונטער די אָרעמס.

— אָ, משה! שלום, משה! זה בן עירי (אָ, משה! שלום, משה! דאָס איז מיין לאַנדסמאַן) — שטעלט ער אים פאָר פאַר די לערער.

— נעים מאד, נעים מאד (זייער אנגענעם, זייער אנגענעם) — גיבן אים אָפּ די לערער שלום, מיט אַ פּאַרגליווערטער העפלעכקייט.

— שב, חביבי (זעץ זיך, מיין טייערער) — איז ברוך ביר צוקערזים.

דערציילט ניט ברוך ביר די אַרומיקע, אַז דער דאָזיגער אָפּגעצערטער, פאַרשעמטער בחור איז געווען זיין לערער, און אַז דער דאָזיגער בחור איז געווען פאַר'שמ'ט אַלס דער גרעסטער העברייער נישט נאָר אין טשערעמיעוו, נאָר אויך אין די אַרומיגע שטעטלעך.

ער מאַכט אינגאַנצן אַ שוויג וועגן משה'ן. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן אָן משה'ן. ער האָט קיין צייט ניט. ער דאַרף איצטער אָנשרייען אויף אַ לערער, אָן עלטערן לערער מיט גרויע געקרייזלטע האָר, מיט אינטעליגענטע ברילן, מיט אַ הויכן פילאָזאָפישן שטערן. ברוך ביר קלאַפּט אין טיש אַריין און שטראָפט מיט פיל שלעכטסקייט דעם עלטערן לערער, פאַרוואָס יענער קאָן ניט האַלטן קיין קלאַס. ער, ברוך, האָט זיך נעכטן אַריינגעכאַפּט צו אים אין קלאַס, איז דאָרטן געווען אַן איבערקערעניש. ער וואָרנט אים, דעם דאָזיגן אַלטיטשקן לערער, וואָס שטייט אַ דערנידעריגטער און אַ פאַרלוירענער, אַז אויב ס'וועט טרעפן נאָך אַמאָל, וועט שוין זיין זייער ניט גוט.

בוקט זיך איינדרייען דער גרייז־גרויער לערער, קאָרטשעט זיך און שמייכלט מיט חניפה און זאָגט, אַז דער אָדון ברוך ביר (דער האַר ברוך ביר) מעג שוין זיין זיכער, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט דאָס שוין בשום אופן ניט פאַסירן.

טישעט זיך נאָך ניט דער אָדון ברוך ביר, דער האַר ברוך ביר, מיט יענעמ'ס ענטפער. ער זידלט ווייטער.

פאַרשעלט דער דאָזיגער אַלטיטשקער לערער ביי זיך אין האַרצן דעם לאַנדסמאַן משה'ן, וואָס דער שוואַרץ יאָר האָט יענעם אָנגעטראָגן פונקט אין דער דאָזיגער מינוט. וואָלט דער דאָזיגער לאַנדסמאַן איצט ניט געווען דערביי, וואָלט דער האַר ברוך ביר זיך בלויז באַנוגנט מיט אַ פּאָר ווערטער. ער קאָן אים שוין, דעם האַר זייִנעם, דעם פּרינציפּאַל, דעם גראָבן יונג, אַז ער האָט זיך ליב אויסצושטעלן, ווען פרעמדע מענטשן זיינען דאָ דערביי.

גיט ברוך אַ שטרעק אויס מאַיעסטעטיש זיין גראָבן פינגער און גיט אַ קוועטש אַ פּערלמוטערן קנעפּל ביי זיך אויפן טיש. צעטראָגט זיך גלייך אַ קלינגעריי איבער אַלע קאָרידאָרן. דערהערט זיך באַלד אַ

געלויף, אַ געטרעטעניש. לאָזן זיך אַלע לערער אוועק. שמייכלט ער איצט צו משה'ן מיט אַ מאַרטירער־שמייכעלע. דאָס דאָזיגע שמייכעלע, ווי ס'זאָגט כלומרשט: יו נאָו, אַז מ'האָרעוועט נעבעך אַזוי שווער, אַז מ'דאַרף אײַנזינען האָבן יעדעס פּיצעלע, אַז מען דאַרף האָבן צו טאָן מיט אַזוי פיל מענטשן.

— סלח לי, חביבי (פאַרגיב מיר, מיין טײַערער), איך וועל נאָר דיקטירן אַ בריוועלע, זייער אַ נייטיג בריוועלע, און דערנאָכדעם וועל איך שוין זיין מיט דיר.

לייגט ער אריין אַ האַנט אין אַ קעשענע, הייבט אָן שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן צימער, טראַכט זייער טיף, און דעקלאַמירט אויס העברייאישע ווערטער צו דעם מיידל בײַם טאַיפּראַיטער. הויבט אָזש משה'ן אָן צו שטעכן אין בויך פון דער פאַלשקייט אין די ווערטער, פון דער חניפה אין די ווערטער, פון דעם שווידערלעכן, פאַרגרעבטן העברייאיש:

„אָדון בערגער, הנגיר, הנדיב, החכם, המשכיל, המופלג, נרו יאיר" (דער גביר, דער פילאַנטראָפּ, דער חכם, דער געבילדעטער, דער גרויסער קאָפּ־מענטש, זאָל לויכטן זיין ליכט).

ברוך ביר לאַדט איין דעם האַר בערגער, דעם גרויסן חכם, אויף דעם באַל און קאָנצערט, וואָס די תלמוד־תורה וועט געבן מיר'צעשעם פּורים בײַנאַכט. זאָל דער גרויסער האַר בערגער קומען מיט זיין גבירה'נטע, דער חכמת, דער געבילדעטטער צווישן אַלע פרויען, דער מרת בערגער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַרן חנוך ישראל (פאַר אידישער דערציאונג). ברוך ביר געדענקט נאָך זייער גוט די גייסטרייכע ברידזש־פּאַרטי, וואָס די גבירה'נטע האָט געגעבן פאַר חנוך ישראל (פאַר אידישער דערציאונג) חנוכה אָוונט ביי איר אין הויז. אָ, ער, ברוך ביר, וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דאָזיגע ברידזש־פּאַרטי. ס'איז געווען דער דערהאַבנסטער, דער הייליגסטער אָוונט אין זיין לעבן, פול מיט רוח הקודש (הייליגער גייסט).

וויל משה שוין אַנטלויפן. עס גודיעט אים אויפן האַרצן, פּונקט ווי פון עפּל־פּאַי. (משה קאָן דאָ אין אַמעריקע ניט עסן קיין עפּל־פּאַי. צו זיס, דאָס דאָזיגע געבעקס אין אַמעריקע. ער האָט אַמאָל פאַרזוכט אַ שטיקל עפּל־פּאַי, האָט ער דאָס גלייך אָפּגעגעבן צוריק.)

— און איצטער, מיין טייערער משה, פיר איך דיך אין קלאַס אריין — נעמט אים אָן ברוך ביר געאָרעמט. — וועגן אינסטרוקציעס,

ווי אזוי דו זאָלסט זיך פירן אין קלאַס, האָב איך איצט קיין צייט ניט. נאָר מאָרגן אָוונט האַלט איך אָפּ אַ מיטינג מיט די לערער, וואו איך וועל האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער מאָדערנער פעדאַגאָגיק, וועסטו שוין דאָרטן קאָנען ארויסנעמען פון מיין לעקציע פונקטן פאַר דיין ארבעט. קום.

ער שפּאַנט מיט משה'ן איבערן לאַנגן קאָרידאָר. פון ביידע זייטן — פאַרמאַכטע טירן, וואָס פירן צו די קלאַסן. ברוך ביר שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדער טיר, הערט זיך איין. ביי אַ געוויסער טיר שאָקלט ער צופרידן מיטן קאָפּ, ביי אַן אַנדער טיר שאָקלט ער בייז מיטן קאָפּ, נעמט ארויס אַ נאָטיצן־ביכעלע און פאַרשרייבט עפּעס דאָרטן.

— איך האָב געהאַט צרות מיט זיי — קלאָגט ער זיך נעבעך פאַר משה'ן.

משה שווייגט. משה ענטפערט ניט. ער וועט זיין נידעריגער פון גראָז, קלענער פון אַ מויז, ער מוז קריגן די שטעלע...

איוואַן פערעפּערדעלע

האָט זיך געהערט פון קלאַס אַ גרויס געברומעריי, פונקט ווי אויף אַ פּיקניק ערגעץ אין אַ פּאַרק, פונקט ווי ערגעץ אויף אַ פאָלקס־יום־טוב.

חברה קינדער האָבן זיך געלאָזט וואויל גיין, איידער דער נייער לערער קומט.

אויף די בענק, אויף די טישן, אויף די פענצטער האָבן זיך חברה געדראַפּעט. אינמיטן קלאַס, צעלייגט אויפן דיל, האָבן אייניגע פאַר־ברענטע געמבלערס דערווייל אריינגעכאַפּט אַ מאַרבל־שפּיל. אַ פּאָר אינגלעך האָבן זיך דערווייל געשלאָגן. און עס האָט זיך געהערט אַ קול ענות חלושה וקול ענות גבורה (דאָס קול פון דעם שוואַכערן, פון דעם געשלאָגענעם, און דאָס קול פון שטאַרקערן, פון שלעגער). איינער האָט דערווייל באַוויזן אַ גרויסן קונץ, ווי ער שפּרינגט אַראָפּ פון טיש אָנגעטאָן אין די ראָלער־סקייטס.

ווען די טיר האָט זיך געעפנט, און זיי האָבן דערזען דעם פּרינ־ציפּאַל, איז גלייך געוואָרן אַ גרויסע מאַרדאַוואַניע. מען איז געפלויגן פון אַלע ווינקעלעך צו די בענקלעך. מען האָט פאַרכאַפּט פּלעצער אין איין אויגנבליק, געבליבן זיצן ווי די סטאַטיקעס און אַנידערגעלייגט די הענט אויף די טישלעך.

מאכט דאָס ברוך ביר זייער קורץביים פאַרשטעלן דעם נייעם לערער. אין העברייאיש רעדט ער צו זיי. פינטלען די קינדער מיט די אויגן פון זיין העברייאישער רעדע און שווייגן זייער פילאָזאָפיש און טיף.

גייט זיך ברוך ביר ארויס, בלייבט משה מיט אַ קלאַס פון אַ דרייסיג קינדער; מיט אַ קלאַס באָרװאַ פאַרקער אינגלעך מיט ממזר'ישע שטיפערישע אייגעלעך, מיט פאַרשנדיגע ליפעלעך. זיי קוקן אויף אים, זיי ווייסן נאָך ניט, צי מען דאַרף מורא האָבן פאַר אים, אָדער מען קאָן זיך גאָר צולאָזן. זיי דאַרפן פריער אויסגעפינען דעם נייעם לערער'ס כאַראַקטער, און דערנאָכדעם וועט מען שוין וויסן, וואָס מען האָט צו טאָן.

משה דאַרף מיט זיי לערנען עברית בעברית, דאָס הייסט העברייאיש אין העברייאיש. ער טאָר קיין וואָרט אידיש צו זיי ניט אַרויסרעדן, און דאָך זיי אויסלערנען העברייאיש.

— אני מורה (איך בין אַ לערער) — ווייזט משה אויף זיך אַליין און חזר'ט איבער די ווערטער עטלעכע מאָל און שטורכעט זיך מיט אַ פינגער אין האַרצן אַריין.

— אני מורה — שטורכען זיך אויך די קינדערלעך מיט די פינגער אין האַרצן אַריין, און האָבן דערפון גרויס הנאה.

— לא, אני מורה (ניין, איך בין אַ לערער) — דינגט זיך מיט זיי משה און וויל ניט ליידן.

— לא, אני המורה (ניין, איך בין דער לערער) — כאַפּן אויף די קינדער דעם „לא" מיט גרויס שמחה.

בלייבט משה שטיין. טראַכט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן. יאָ, ער וועט דאָ טאָן פשוט. ער וועט צייגן מיט די פינגער אויף געגנשטאַנדן און וועט זיי אָנרופן ביי די נעמען.

— זה שולחן (דאָס איז אַ טיש).

— זה שולחן — מאַכט ניט אויס ביי זיי.

— זאת דלת (דאָס איז אַ טיר).

— זאת דלת — פועל'ט מען ביי זיי דאָס אויך.

משה איז דערוויל צופרידן, שמייכלט צו די קינדער. ס'גייט נישט שלעכט. די קינדער האָבן אָבער גלייך שוין געכאַפּט דעם לערער'ס כאַראַקטער. זיי זעען שוין, אַז ס'איז אַ וואוילער מענטש, און אַז ער וועט ניט קניפּן אין גראָבן פלייש, ווי דער פריערדיגער לערער, און

וועט נישט אריינכאַפּן קיין פינגער און קוועטשן אַזוי לאַנג, ביז מען דערזעט בלוי און גרין פאַר די אויגן, ווי דער פּרינציפּאַל, דער פעטער גזלן. זיי זעען שוין, אַז מיט אַזאַ גוטמוטיגן לערער וועט מען שוין ניט ווערן פאַרפאַלן. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אומקערן צו זייערע פריערדיגע געשעפטן. ווילי איז נאָך געבליבן שולדיג סימאָר'ן פון דעם פריערדיגן געשלעג, דערלאַנגט ער אים איצט אַ שטורכע. האַימי דאַרף נויטיג וויסן, וויפיל מאַרבלס סעמי האָט געוואונען ביי גילמאָר'ן. דזשעיקעלע'ן איז פּלוצלונג געוואָרן ענג דאָס פּלאַץ, שטופּט ער זיך אויף מעקסל'ען. וויל מעקסל ניט ליידן און שטופּט אויף צוריק. יודזשינ'ען איז עפּעס געוואָרן זייער פריילעך, וואָס אַלע קינדער אינ־איינעם שרייען „זה חלון", „זאת דלת", האָט ער זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, אַ טאַנץ געטאָן אינמיטן דערינען פאַר אַלעמען אין די אויגן. האָבן אַלע אויסגעשאָסן אין אַ גרויסן געלעכטער.

עפנט זיך פּלוצלונג די טיר מיט אַ שטילער רשעות. עס דערשיינט, ווי דער דראַקאָן אין די מואוויס, דער הויכער, פעטער ברוך ביר. ווערן אַלע קינדערלעך גלייך פאַרצאַפּלט. יודזשין האָט ניט געזען, ווי דער פּרינציפּאַל איז אַריינגעקומען, ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום פענצטער און נאָך אַלץ געלאַכט און געקוויטשעט און געשריען: „זה חלון".

אָט צו דעם צען־יאָריגן יודזשינ'ען איז דאָס דער הויכער און פעטער ברוך ביר צוגעשפּרונגען, אים אַ נעם געטאָן ביים קעפּל, אויס־געדרייט דאָס פּנים צו זיך. דערנאָכדעם אַ כאַפּ געטאָן יודזשינ'ס קינדערשן פינגער און אָנגעהויבן קוועטשן.

— וועסט לאַכן, דו לויפער? וועסט זיך אויפפירן ווי אַ ווילדער אינדיאַנער?! — שרייט שוין אויף אים ברוך, מלא גזלן, ניט אין עברית בעברית, נאָר אין אידיש באידיש.

ביי יודזשינ'ען קריכן אַזש אַרויס די אויגן פון ווייטאָג. ער קאָרטשעט זיך פון פּיין, שרייט מיט באַנומענע קולות, און וויל אַרויס־רייסן זיין פינגער.

— וועסט וויסן! וועסט וויסן! — קלעמט יענער אומ־ברחמנות'דיג.

—לאָז אָפּ דעם קינד'ס פינגער — פאַרגעסט משה, אַז מיט דעם שניידט ער זיך גלייך אָפּ דעם ביסן פון מויל. — לאָז אָפּ זיין פינגער, דו פעטער שרץ!

— ו—אָ—ס ? ! — גלויבט זיך ברוך ביר ניט, לאָזט ארויס יודזשינ'ס פינגער, עפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און קוקט אַ געפּלעפּטער אויף משה'ן.

— איוואַן פּערעפּערדעלע ! דו נישטיגער מענטש ! וואָס האָסטו צום אינגל ? וואָס איז ער שולדיג, אַז מיר ווילן מאַכן אַ לעבן פון אַ טויטער סחורה ?

— אַזוי דאַנקסטו מיר אָפּ ? ! — ווערט ברוך בלאַס, און אַ גרויסער רחמנות צו זיך אַליין כאַפּט אים ארום. ער וויל זיך אַזש צעוויינען. — אַזוי צאָלסטו מיר אָפּ פאַר דעם ? !...

— פאַר דעם, פאַר דעם ! — קרימט זיך אים משה נאָך. — אַ מנהל בישראל ! אַ פּרינציפּאַל צווישן אידן ! קענסט דען העברייאיש ? פאַרשטייסט דען, וואָס עס מיינט דערציאונג ? פּעדאַגאָגישע לעקציעס ניט דאָס נאָך ! אידיאָט, פערד, אייזל, פּאַסקודניאַק !

משה לויפט ארויס פון קלאַס. ברוך לאָזט זיך לויפן נאָך אים, אַ באַליידיגטער נעבעך, אַ דערנידעריגטער אומזיסט און אומנישט נעבעך. די קינדערלעך לויפן אויך נאָך מיט קולות און קוויטשערייען. מירן עפענען זיך, לערער שטעקן ארויס די קעפּ...

דער פּאַסלעדניער שעבעפּאַסלעדניער

עס קומען אריין אַזוי פיל מענטשן דורכן טאָג אין זיין דעלי־קאַטעסן־סטאָר, וואָס געפינט זיך אויף סוטער עוועניו, סאַמע לעבן דער סאָבוועי־סטאַנציע פון דער „בי־עם־טי״.

ס'קאָכט און ס'רוישט דאָרטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט : פאַרטאָג לויפן אריין כאַפּן אַ ביים די ארבעטער, וואָס יאָגן זיך צום סאָבוועי. מיטאָג־צייט ווערט אָנגעפילט דאָס פּלאַץ פון די אָנגעשטעלטע פון די נאָענטע שעפּער, וואָס געפינען זיך אַ פּאָר בלאָקס ווייטער. פאַרנאַכט קומען פרויען און קינדער איינקויפן עפּעס פאַר וועטשערע. שפּעט אין דער נאַכט ליגן דאָרטן איבער די טעקסי־דרייווערס.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט האַלט דער רעדזשיסטער אין איין קלינגען. וועווקע מיט זיינע רויטע געזונטע הענט האַלט אין איין שניידן מיטן גרויסן מעסער, וויקלט אין די פּאַפּירלעך, לייגט אריין אין די זעקעלעך, לויפט צו די טישלעך, נעמט צו די ליידיגע

טעלער, ווישט מיטן האַנטיכל און הישעט: הי, הי, הי.

פיר מענטשן באַדינען די פּילע געסט אין דעם דאָזיגן דעלי־קאַטעסן־סטאָר. מיט ווייסע פּאַרטיכער לויפן זיי אַרום, נעמען צו, דערלאַנגען, קלינגען אויף די רעדזשיסטערס, און ס'מאָלט ווי אין אַ מיל.

ווערן די שופלאָדן געשוואָלן פון די ניקלס, דאַימס, קוואָדערס, האַלבע דאָלאַרס, פון די בערגלעך דאָלאַרן, פינפערלעך און צענערלעך.

שטייט משה אָן אַ זייט. שטייט שוין העכער צען מינוט. וועווקע האָט שוין עטלעכע מאָל אַ הויב געטאָן זיינע אויגן צו אים. האָבן געשמייכלט זיינע פריינטלעכע בלויע אויגן, ווי צו יעדן קונה. וועווקע האָט, ווייזט אויס, משה'ן ניט דערקענט. אַזוי פיל פרעמדע אידן קומען אַריין אהער, אידן פון גאַנץ בראָנזוויל. גיי ווייס, אַז אַ בחור קוקט אויף דיר מיט היימישע טשערעמעיעווער אויגן.

— משה — פאַלט וועווקע'ן איין, אַז ס'איז טאַקע משה — הי, הי, הי, אַ ברכה אויף דיין קאָפּ, משה! שוין געבענקט נאָך דיר, משה, משה — צעקושט ער זיך מיט אים און מאַכט אים נאָס אַ באָק. — קום, לאָמיר זיך צוזעצן ביי אַ טישל. ביזט אפשר הונגעריג, משה? דאָס בעסטע און דאָס שענסטע קאָנסטו דאָ אויסקלייבן: סאַלאַמי, לעבער, דאַרע קישקע. יאָ, יאָ, דאַרע קישקע, פּונקט ווי אין טשערע־מעיעוו. און אפשר גאָר טשיקן, הייסע קנישעס גלייך פון פייער? אפילו אַ גלעזעלע יי"ש קאָנסטו אויך ביי מיר קריגן.

ער קוקט שוין אויס מיטליאַריג, וועווקע. זיך צעשפּרייט אין דער ברייט, זיך אָנגעגאָסן אין דער פול. ראָזעווע פעטע אָרעמס, אַ פולער רויטער האַלז, אַ היבשלעך צעשפּאַרטער פּאַרטוך.

— דיין קאָפּ איז שוין נאַקעט — איז משה טרויעריג.

— וואָס קאָן מען זיך העלפן — גיט זיך וועווקע פאַרשעמטער־הייט אַ טאַפּ דעם פּליך — אויסגעקראָכן ביזן לעצטן; אַנו, אַ האָרעלע זאָל בלייבן.

משה ווערט טרויעריג, קוקנדיג אויף זיין לאַנדסמאַן. וועווקע דערמאָנט אים, אַז אויך זיין אייגענע בחור'שאַפט טוט זיך שוין אָפּ, און מען גייט שוין באַלד אַריין אין די מיטעלע יאָרן.

— וויפיל ביזטו אַלט, וועווקע?

— ווער געדענקט זיך דאָס? איך ווייס, אַז לויטן פּאַספּאָרט בין איך שוין אַלט אַרום דרייסיג יאָר, אָבער אין אמת'ן דאַרף איך שוין

זיין א סך מערער. א, משה, משה, ווען דו פארבלייבסט מיט מיר א ביסל לענגער, נעם איך דיך אהיים, וועסטו זען וואו איך וואוין, וועסטו זיך באקענען מיט מיין באיטשיקל, מיין עלמער'ן. מיין מיסעס וועט זיין העכסט צופרידן.

ער האט שוין אן עלמערל אויך. נאך זיין טאטן לעמל. א געזונט אים אין די ביינער. איז דאס א באיטשיקל, שוין איינמאל א באיטשיקל. דאס פערטע יאר, קיין עין־הרע.

— און די דעליקאטעסן־סטאר איז אינגאנצן מיינע. געשטאנען דא פריער מיט א פארטנער, האב איך דעם פארטנער אויסגעצאלט און געבליבן דער גאנצער באלעבאס. און פרנסה איז גאט צו דאנקען, אבער... אבער...

— וואס אבער, וועווקע?

— אוי, משה, משה, ס'איז עפעס אפטמאל אזוי שווער אויפן הארצן...

— וואס איז דיר שווער, וועווקע? דערצייל!

— איך ווייס ניט וואס... עפעס אזא זאך... עפעס דא... אמאל נאגט דאס ,און מען ווייסט ניט פארוואס... עפעס קומט נאך אלץ אוים פרעמד... ניט ווי אין טשערעמעיעוו... איז וואס־זשע מאכסטו, משה?

משה וויל, אז וועווקע זאל אים עפעס געבן ארבעט ביי אים אין דעליקאטעסן־סטאר. ס'גייט אים זייער שלעכט. ער האט ניט א טאג איבערצולעבן. שוין געארבעט ביי שמאטעס, געארבעט ביי בליי, גע־שארט שניי, געפירט שטיינער אויף א טאטשקעלע. ס'איז אים זייער שלעכט.

וואלט וועווקע גראדע יא געוואלט, אז זיינער א לאנדסמאן, און נאך א וואסער לאנדסמאן, זאל שטיין מיט אים צוזאמען אין זיין גע־שעפט. וואלט מען זיך געקאנט דורכשמועסן פון צייט צו צייט אזוי היימישלעך, פא בעסאראבסקאמו.

— אבער, ערשטנס, דארף איך ניט קיין נייעם מענטשן, און מ'זאל עמיצן אפזאגן צוליב דיר, וואלסטו דאך אליין ניט געוואלט, און, צווייטנס, איך זאל שוין יא געפינען פאר דיר עפעס ארבעט ביי מיר אין סטאר, איז ווי וואלט מיר דאס הארץ דערלאזן איך זאל זיך מיט דיר שאפן?

ניט מיט משה'ן וועט ער זיך קאנען שאפן, מיט דעם איידעלן בחור פון זיין שטעטל, מיט דעם גרויסן קענער. וועט ער דען קאנען

זיך אַנרופן צו אַט דעם משה'ן, וואָס פלעגט זיצן אין טשערעמעיעוו אויפן גאַניק פון זייער הויז און אַריינקוקן אין אַ גראָבן בוך: „גיי צעוואַש די דישעס", אָדער „גיי און קער אויס די סטאָר"? ניין, ער וועט זיך ניט קאָנען שאַפן מיט אים, אַז ער האָט פאַר אים אַזאַ אָפּשיי, ווי צום רב פון זייער שטעטל, און אפשר נאָך מער.

— אוי, משה, משה, דו זעסט אויס שלעכט. ביזט הונגעריג? זאָג דעם אמת. וואָס פרעג איך דיך גאָר? אודאי ביזטו הונגעריג. אָט מאַך איך דיר גלייך עפּעס.

קיינמאָל האָבן זיינע הענט נאָך אַזוי פריידיג ניט געמאַכט קיין סענדוויטש, ווי איצט. אַזאַ גרויסע גדולה אויף זיינע הענט, ווען זיי האָבן געשניטן גראָבע שטיקער סאַלאַמי פון דעם בעסטן סאָרט, ווען זיי האָבן אַרויפגעשמירט דאָס טייערסטע ביסל מאָסטאַרד, ווען זיי האָבן אויפגעעפנט אַ קאַלט פאַרשוויצט פלעשעלע ביר.

— נאַ דיר אַ סענדוויטש און עס, און אָט האָסטו ביר, עס און טרינק, כ'בעט דיך, וועסט מיר פאַרשאַפן אַ סך פאַרגעניגן.

איז טאַקע משה הונגעריג, עסט מיט הנאה, און וועווקע'ן וואַרגט אַזש אין האַלז פון גרויס גערירטקייט. משה, דער וואַויל־קענער, דער איידעלער יונגערמאַן פון טשערעמעיעוו, עסט פון זיין ברויט.

— עס אויף אינגאַנצן, משה. איך וועל דיר נאָך אַהיימגעבן אויך. און אפשר ווילסטו גאָר אַ הייסן קניש מיט קאַשע?

— אָ, אַ דאַנק, אַ דאַנק — שפּאַרט משה'ן אין בויך פון דעם היפּשן שטיקל סאַלאַמי.

— דאַרפסט מיר ניט דאַנקען, איך דאַרף דיר דאַנקען, וואָס דו ביזט געקומען מיך זען... און איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו דערציילן, אַז איך ברענג דאָך אַריבער מיין מאַמען אַהער. איך האָב איר געשיקט אַ שיפסקאַרטע פאַרן צווייטן קלאַס. איך וועל שוין מאַכן די אמת'ע פּאַדי, און פאַרגעס ניט צו קומען. אָך, מיין מאַמע, מיין מאַמע. זאָל זי שוין האָבן אַ ביסל נחת אויף אירע עלטערע יאָרן. איך האָב איר אודאי געשיקט געווענ געלט אַלע חודש, אָבער דאָ אין אַמעריקע וועל איך קאָנען נעמען מער קער אויף איר... משה, משה, איז וואָס־זשע מאַכט דעיוו? און וואָס מאַכט ווערא? שוין באַלד אַרום פינף יאָר, ווי מיר האָבן זיך שוין ניט געזען. טאַקע פון זינט איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין פלאָרעטשקע'ן... יאָ, איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה: אָט דאָ ניט לאַנג קומט צו מיר אַריין עפּעס אַ סעילאָר־בחור,

מיט וואַנצעלעך, מיט פייערדיגע אויגן. קוק איך אויף אים און קוק אויף אים, און דאָס איז גאָר בערעל גאַנאַפּטי. ער דערציילט מיר, אז ער איז אַ מאַטראָס. קומט גלייך פון אנטוועראָפּן מיט אַ שיף, און אז ער האַנדלט מיט קאָנטראַבאַנדסקע בריליאַנטן. נו, אַן אייגענער לאַנדס־מאַן, אַהין אַהער, איך קויף ביי אים אַ רינגעלע פאַר פופציג דאָלאַר. לאָזט זיך אויס, אז ס'האָט אפילו ניט די ווערט קיין פופציג גראָשן. אזאַ גאַנאַפּטילע! מילא, וואָס איך האָב שוין געקראָגן פון מיין מיסעס, דאַרף איך דיר שוין ניט דערציילן...

גייט משה'ן קנאַפּ אָן די מעשה מיט בערעלע'ן. עס דרייט אים אין מוח די פראַגע וועגן זיין וואַרלאָזיגקייט. וואָס וועט זיין דער סוף מיט אים?

— איז קיין דזשאַב קאָן איך ביי דיר טאַקע ניט קריגן? — איז משה פאַרצווייפלט.

— גאָט איז אָן עדות. ווען, ווען, אָבער דיר אודאי. אָבער פאַרשטייסט, עס וועט ניט טויגן. איך וועל דיר לייען בעסער אַ ביסל געלט. ס'איז אָלראַיט, וועסט מיר אָפּגעבן. אזאַ דאגה זאָל איך שוין האָבן. 20 דאָלאַר וועט זיין וויניציג? זאָג, שעם זיך ניט.

לויפט וועווקע גלייך צו דער קאַסע, פאָרעט זיך אַ ווײַלע און קומט צולויפן ניט מיט צוואַנציג דאָלאַר נאָר מיט גאַנצע דרייסיג.

— דריי צענערלעך, נאַ — זיינען וועווקע'ס אויגן פייכטלעך פון טרויער, וואָס זיין לאַנדסמאַן איז אַזוי אָרעם, און אויך פון פרייד, וואָס ער, וועווקע טאַפּער, דער פּאָסליעדני שעבעפּאָסליעדני אין טשערע־מעיעוו, קאָן טאָן אַ טובה משה'ן דעם וואויל־קענער. — דו גייסט שוין, משה? ווען דו וואַרטסט צו אַ ביסל, ווער איך פאַרטיג און איך נעם דיך מיט צו מיר אהיים. מיין מיסעס וואָלט זיך געפרייט מיט דיר, און מיין עלמערל אויך. אָבער, אז מיין מאַמע וועט קומען, וועסטו שוין אודאי זיין צו דער פּאַדי. איך וועל מיט דיר קיינמאָל ניט רעדן, אויב דו קומסט ניט. משה, משה! — קושט ער אים אין אַ באַק, נעמט אים ארום, און וויל אים גאָרניט ארויסלאָזן פון די הענט. אַ שטיק היימישקייט האַלט ער אין זיינע הענט—משה, משה!...

מלכה לאה די קוראַלאַפּניצע און איר אייניקל
עלמערל

מלכה־לאה די קוראַלאַפּניצע פון טשערעמעיעוו איז מיט מזל אַנגעקומען קיין אַמעריקע. אין אַ ווייס זיידן קאָפּן־טיכל, אין אַ קעשער־מירענער שאַל, מיט טרערנדיגע אייגעלעך... אַן איינגעדאַרט מאַמעלע.

גאַנצע צען יאָר זיינען פאַרלאָפן פון זינט איר זון וועווקע איז אַוועק פון דער היים, און זי האָט זיך דערוויייל אין די דאָזיגע צען יאָר היפּש אַראָפּגערוקט.

עס דינען איר שוין ניט די אויגן. זיי האַלטן אין איין טרערן. פריער האָבן זיי אויך געטרערט, אָבער ניט אַזוי שטאַרק. אַן איינ־געבוינענע אַלטיטשקע אידענע, און זי איז אפשר קוים אַ 55 יאָר אַלט.

איז טאַקע דאַנקען און לויבן דעם וואָס לעבט אייביג און וואָס מען טאָר זיין נאָמען ניט דערמאָנען, וואָס האָט זי באַגליקט אויף דער עלטער. זי פאַרמאָגט דאָך איצט אַזוי פיל געלט אין קעשענע. זי ווייסט אַזש ניט וואָס צו טאָן מיט דעם. צעטיילט אַ סך צדקה אין טשערעמעיעוו. געגעבן אויף דער שול און צושטייער אויף אַ נייעם פּאַרקאַן צום אַלטן בית עולם. אויך איבערגעלאָזט דעם טשערע־מעיעווער רב 25 דאָלאַר, ער זאָל, כל זמן ער וועט לעבן, שטעלן אין שול אַ גרויס וואַקסן ליכט אַלע יום־כפור פאַר איר מאַנ׳ס נשמה. זי האָט זיך אויך אויפגענייט אַ פּאָר תכריכים ביי כאַיקע דער נייטאָרין, איידער זי איז אָפּגעפאָרן. אַז עס וועט קומען דער טאָג, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר, און מען וועט זי רופן צו איר מאַן, זאָל מען זי כאָטש באַערדיגן אין אייגענע תכריכים...

. . . אַזאַ גרויסע רייזע איבער דער וועלט. איז פון דער רייזע גאָרניט פאַרבליבן אין געדאַנק. דער מוח האָט דאָס ניט געקאָנט באַ־נעמען. איז דאָס שוין אויסגעקומען, פּונקט ווי אַ חלום האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט ביינאַכט, און מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און אינגאַנצן פאַרגעסן...

. . . דער איינציגער כח, וואָס האָט זי אויפגעהאַלטן איבער דער געפערלעכער נסיעה איבערן ים, איז די גרויסע, פריידיגע דערוואַרטונג פון צו זען איר זון, איר וועלוועלע׳ן. זי האָט אים געזען אין געדאַנק נאָך אַלץ אָט יענעם וועלוועלע, וואָס איז געזעסן אויפן וואָגן, בשעת ער איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און געוויינט: מאַמע, מאַמע...

* * *

— מאמע, מאמע — האט זי אויף עלים איילאנד ארומגעכאפט א פרעמדער בחור מיט א פליכעוואטן קאפ. — מאמע, מאמע — האט געוויינט דער פרעמדער בחור.

זאל דאס זיין איר וועלוועלע? עפעס איז דאס יא איר וועלוועלע און ניט איר וועלוועלע. עפעס ווי א פארביטענער זון.

— מאמע, מאמע, דו דערקענסט מיך ניט?

— שוויגער, שוויגער — רופט זיך אן א הויכע, דיקע פריצ'טע מיט א גרויסן הוט, מיט געפארבטע ליפן, מיט רויטע נעגעלעך.

— אט דאס איז מיין ווייב! פלארע הייסט זי, מאמע.

די מאמע חלש'ט גאר. די מאמע פארמאכט די אויגן, גיט זיך א וויג, און אט־אט פאלט זי צו דער ערד. זי איז מיד. די גרויסע רייזע האט זי מיד געמאכט. דאס קרעפטיגע, רוישיגע לעבן, וואס שלאגט אזוי היים פון דער שטאט ניו יארק, האט זי אפגעשוואכט.

האט וועווקע ממש אויף די הענט אריינגעטראגן זיין מאמען אין אויטאמאביל אריין. אריינגעטראגן אן אויסגעדארטע אידענע אין א ווייסן זיידענעם קאפן־טיכל, מיט א קעשעמירענעם שאל, מיט טרערנדיגע אייגעלעך. אמאל איז די דאזיגע מאמע געווען א נישקשה'דיגע מאמע, א ביינערדיגע מאמע, א קרעפטיגע מאמע. איצט איז שוין גאר ווייניג געבליבן פון יענער מאמען. א מאמעלע איז דאס...

— מאמע, מאמע, אט דא וואוין איך. אן אייגענע הויז, זעסט? אין דעם צימער עסן מיר. „דאינינג־רום" רופן מיר דאס אין אמעריקע. און דא וואשן מיר זיך. אין א וואנע, דו זעסט? אין גאנץ טשערעמעיעוו איז מסתמא ניט געווען קיין וואנע, סיידן די הילצערנע ביטלעך אין דער באד. און דאס איז די „קיטשן", די קיך.

הערט זיך גאר מלכה־לאה ניט צו, וואס דער זון רעדט צו איר. אירע אויגן זוכן עפעס. זי זעט ניט איר אייניקל. וועווקע האט איר געשריבן, אז זי פארמאגט שוין אן אייניקל אין אמעריקע.

— וואו זשע איז מיין אייניקל? — פאדערט זי מיט שטרענגקייט.

— עלמערל? ער שלאפט. אינדרויסן שלאפט ער.

— אינדרויסן גאר? — דערשרעקט זי זיך. — ס'איז ניט גוט אין דרויסן. א חזיר קאן אים נאך צעראיען, א הונט קאן אים נאך א ביס מאן.

— האָב ניט קיין מורא, מאַמע! אין אַמעריקע שלעפּן זיך ניט אום קיין חזירים אויף די גאַסן. האָב ניט קיין מורא, הי, הי, הי.

זי האָט אָבער געמוזט אַרויסגיין אינדרויסן אַ קוק טאָן אויף איר איינקל. ס׳איז זיך געשלאָפן רואיג און באַזאַכט. אַ היפּש פּעמפּיקל, מיט פעטע נאַקעטע הענטלעך, מיט פּוכלינקע פּיסלעך.

— אָט איז דיין איינקל עלמערל, מאַמע! עלמער, נאָכן טאַטן לעמל, עליו השלום. וואָס זשע דאַרפסטו וויינען, מאַמע? פּאַרקערט, דאַרפסט זיך גאָר פרייען.

— איך ווייס אויך ניט, הלמאי איך וויין, זון. ס׳וויינט זיך פון זיך אליין...

און גאָט האָט באַשאַפן...

פאַרטאָג איז וועקער אַריין אויף די שפּיץ פינגער אין צווייטן צימער, צו זען ווי עס שלאָפט זיך זיין מאַמען אין גרויסן געראַמען בעט, אויפן ווייכן מאַטראַץ מיט ספּרונשינעס און אויף דעם היפּשן זויבער־ווייסן קישן.

איז שוין אָבער וואַכנדיג זיין מאַמע. שלאָפט שוין פון לאַנג ניט. גראָדע אין קוויטיגן בעט, אויף די קישנס אָן ציכן, האָט זיך געשלאָפן בעסער. קוקט זי צום פענצטער און טראַכט און טראַכט. זי טראַכט פון אַלע אירע יאָרן. זי טראַכט פון סאַמע אָנהויב אָן.

— ס׳איז דו, מיין זון?

— ס׳איז איך, מאַמע.

— וואָס אַזוי פרי?

— איך דאַרף שוין גיין אין „סטאָר" אַריין, אין קראָם אַריין, מיין איך.

— נו, און דיין ווייב?

— מיין ווייב? זי שלאָפט נאָך. זאָל זי שלאָפן. מיד געבעך, מיין פלאָרעטשקע.

— זי גייט גאָרניט מיט דיר אין קראָם?

— ניין, מאַמע, זי דאַרף נישט גיין. איך האָב גענוג מענטשן אין קראָם, וואָס אַרבעטן פאַר מיר. פאַרוואָס שלאָפסטו ניט, מאַמע? שלאָף, שלאָף, דאַרפסט זיך שוין גאָרנישט זאָרגן. לאָז שוין איבער די זאָרגן אײַנגאַנצן צו מיר.

— עס שלאָפט זיך ניט, זון.

— דיר אריינטראָגן א מאַראַנץ, מאַמע ?

— אָ, ניין, א דאַנק, זון. א מאַראַנץ גאָר אינמיטן דערינען ? !

— אין אַמעריקע עסט מען אינדערפרי מאַראַנצן, מאַמע. אָט וועל איך דיר אריינטראָגן א מאַראַנץ.

שמייכלט מלכה לאה צו זיך. שמייכלט מיט א מין אָפּשפּעטעריי, וואָס אין אַמעריקע עסט מען אינדערפרי מאַראַנצן. א לאַנד פון גאַלע גבירים, ווייזט אויס.

ער טראָגט איר אריין אָן אָפּגעשיילטן מאַראַנץ אויף א טעלערל. אָ, ניין, זי איז ניט געוואַשן. זי דאַרף זיך פריער וואַשן און זאָגן מודה אני.

זי וויל זיך אויפהויבן, זיין מאַמע, פון בעט. פאַרשטייט גלייך וועוועקע, וואָס זיין מאַמע וויל, און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטער. וועוועקע האָט נאָך אויף זיין לעבן ניט געזען, ווי זיין מאַמע טוט זיך אָן. ווי זיין ווייב טוט זיך אָן האָט ער שוין א סך מאָל געזען. ס'איז אָבער א גרויסע עבירה צו זען, ווי א מאַמע טוט זיך אָן.

ער פירט זי אריין אין וואַש־צימער, דרייט־אויף פאַר איר די קראַנען. די מאַמע זיינע האָט נאָך אַלץ מורא פאַר די קראַנען. ווייסט נאָך ניט ווי זיך צו באַנוצן מיט זיי. ווייסט נאָך ניט, וועלכער איז דער הייסער און וועלכער איז דער קאַלטער.

ציטערן אָבער די הענט ביי דער מאַמען און טרייסלען זיך. זי איז נעבעך זייער אָפּגעשוואַכט. העלפט ער איר. אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען זיין שוועסטערל און ער דער עלטערער ברודער. זייפט אָן איר פּנים, נעמט אָן פולע זשמעניעס מיט וואַסער און שווענקט אָפּ.

— אוי, זון, א דאַנק דיר פאַר דעם כבוד, וואָס דו גיסט אָפּ דיין מאַמען.

— ס'איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט, הי, הי, הי. האָסט מיך אויך אַמאָל אַזוי געוואַשן קליינערהייט, הי, הי, הי.

ער פירט זי אַרויס אויפן גאַניק. א ווייסער גאַניק מיט הויכע וואַזאָנעס אינעווייניג. גאַנצענע ביימער וואַקסן אין פעסלעך אַזוינע, אָנגעפילט מיט ערד. די זון שיינט מיט אַזאַ שפע פון ליכטיגקייט, אָן אַמעריקאַנער ליכטיגקייט. ער זעצט זי אַנידער אין דעם שטול מיטן ווייכן קישעלע. ער גיט איר אין דער האַנט אריין דאָס טעלערל מיט דעם אָפּגעשיילטן מאַראַנץ.

— עס אויך, זון, נעם אויך א שטיקעלע.

נעמט ער און לאכט. עסט און לאכט. א מאמע בלייבט א מאמע, וויל, אז דער זון זאל אויך עסן.

זויגט זי די וואונדערבארע זיסקייט פון מאראנץ, און עס פאר־בענקט זיך איר פלוצלונג נאך פורים. א נארישקייט, כ׳לעבן. זי וואלט עפעס געוואלט, ס׳זאל טאקע איצטער זיין פורים. פארדעקן דעם טיש, אפבאקן דעם גרויסן פורים־קוילעטש.

— דו גייסט שוין, זון? א גוטן טאג דיר, א גוט יאר.

— זיץ דא, מאמע. שפעטער וועט פלארעטשקע אויפשטיין, וועט זי דיר געבן ברעקפעסט, איך מיין איבערביימן.

— א גוטן טאג, מיין זון, גיי בשלום און קום בשלום.

שפילט זיך די גאלדענע אמעריקאנער זון מיט דעם צעאקערטן, צעקארטשעטן פנים פון מלכה־לאה דער קוראלאפניצע. זי שמייכלט, מלכה־לאה. פרייט זיך, וואס גאט האט זי געבענטשט מיט אזא טייערן זון, וואס גיט אפ אזוי פיל כבוד דער מאמען.

און דא צעהוידעט זיך נאך דער שטול, פון זיך אליין צעהוידעט ער זיך. און דא באוויזט זיך איר איניקל עלמערל, מיט בארוועסע פיסלעך, אין די גאטקעלעך און אין העמדל. ער וויל זען, עלמערל, וואס די באבע זיינע מאכט.

גיט זי אים א רוף מיטן פינגער. לויפט ער גלייך צו. וויל זי אים ארויפזעצן אויף די קני, קאן זי ניט, צו שוואך. דראפעט ער זיך שוין ווי ס׳ניט איז אליין ארויף. קושט זי אים אין דער באק אריין. געפעלט דאס עלמערל׳ען, און ער צעשמייכלט זיך. הויבט זי אים אן צו זינגען א לידעלע:

און גאט האט באשאפן דאס וואסער אין ים, דאס וואסער אין ים,
און גאט האט באשאפן די ביימער אין וואלד, די ביימער אין וואלד,
און האט אויך באשאפן דעם מענטשן אויף דער ערד...

פרייט זיך עלמערל, וואס די באבע זינגט אים א לידעלע. ס׳גע־פעלט אים זייער און זייער אזא זאך. זעט זי, ווי דאס איניקל פרייט זיך, פרייט זי זיך אויך. אט דאס לידעלע האט זי אויך צו איר וועלוועלע׳ן געזונגען. איצטער זינגט זי עס צו וועלוועלע׳ס זונעלע:

און גאט האט באשאפן הימל און ערד,
און האט נאך באשאפן דאס וואסער אויף דריערד . . .

קוגל אויף שבת

שבת פארמיטאג האט וועווקע געפראוועט א קידוש צוליב זיין מאמען. פונקט ווי אינדערהיים. איינגעלאדן א פאר אידן פון דער שול און דעם חזן, געשטעלט בראנפן צום טיש און טייערע געבעקסן.

זיצט מלכה לאה א צעטומלטע, א בארוישטע, קוקט מיט די טרערנ־דיגע אייגעלעך אויף די פרעמדע אידן מיט די געגאלטע מארדעס, קוקט אויפן הימש פעטן חזן אין דער יארמולקע, מיטן פיצעלע בערדעלע, קוקט און וואונדערט זיך און חידוש'ט זיך...

ס'איז א הייסער זומער־טאג אויף איסטערן פארקוועי. אלע פענצטער זיינען צעעפנט. די אמעריקאנער גאס קלאפט, סטוקעט, בריאזגעט, און ברומט דער משערעמעיעווער אלטיטשקער אידענע אין די אויערן אריין.

— נו, מאמע, וואס זאגסטו? — איז וועווקע גליקלעך.

ווייסט אויך ניט די מאמע, וואס צו זאגן. זי וואלט אפשר געקאנט הנאה האבן, האט זי קיין כח ניט הנאה צו האבן. עס בענקט זיך גאר צוריק קיין משערעמעיעוו. ס'איז געווען גוט דארטן, אין דער שטילקייט און אין דער רואיגקייט, צו זיצן אויף דער פריזבע און זיך לאזן גלעטן פון די קילע ווינטעלעך, אדער פארהענגען די פענצטער מיט א ליילעך און זיך אנדערליינן אויפן שליאבאן אין דער קילער טונקעלער שטוב. דרעמלען און טראכטן און וועגן איר זון וועלוועלע'ן, וואס איז געבעך פארווארפן געווארן אין אזא ווייטן, ווייטן, פרעמדן לאנד.

די געסט טרינקען לחיים און ווינטשעווען איר א גליקלעכע עלטער. רימען וועלוועלע'ן, איר געטרייען זון, וואס האט זיך געלאזט קאסטן אוצרות מיט געלט צוליב זיין געטרייער מאמען. דער חזן ציקלט זיך און גארגלט זיך. שמייכלט זי קוים, קוים. פרייט זיך קוים, קוים. בענקט נאך נאכן משערעמעיעווער חזן, נאך דער ווייבערשער שול, נאך אירע אלע גוטע און ליבע פריינט דארטן.

דערלאנגט איר שנור, פלארא, די גוטע עסנס, די פעטע עסנס. קוגל האט זי היינט געבאקן. מיט חוזק האט זי געבאקן דעם קוגל. דער־ציילט די שכנות, אז זי באקט קוגל צוליב דער יוראפישער שוויגער.

א שנור גאר מיט קורץ־געשוירענע האר, מיט רויטע נעגעלעך! ! וואס גאר פארבן די נעגעלעך?! ס'איז מיאוס, ס'איז פארשייט. אן בושה. וואו איז דאס געהערט געווארן? וואו איז דאס געזען געווארן?

זי האָט אודאי אַ גרויסן ווייטאָג פון דעם, אָבער זי רעדט זיך ניט אויס פאַר איר זון. מען טאָר ניט צעשטערן דעם שלום־בית. נאָר אין דער שטיל, ביי זיך אין צימער, ווען קיינער איז ניטאָ דערביי, פאַרגיסט זי ביטערע טרערן אויף דעם אומגליק פון איר זון, וואָס איז אריינגעפאַלן צו אַזאַ פאַרשייטער פרוי אין די הענט אריין.

ווי צו אירע אויגן, וואָס דאַרפן צוזען אַזאַ הפקרות. צעשטערט איז דאָ אין דעם לאַנד דער גאַנצער סדר פון דער וועלט. צעמישט זיינען אַלע גלייכע זאַכן.

— מאַמע, מאַמע, עס קוגל, גוטער קוגל, פעטער קוגל, באַלד אַזוי ווי אין דער היים, און אפשר נאָך בעסער.

זינגט דער חזן, גאַרגלט זיך, פאַרגלאָצט די אויגן צו דער סטעליע. קוועלן אָן די אידן. פרעגלט זיך אין נחת דער געטרייער זון, וועווקע. קוקט אַלעמאַל אויף זיין מאַמען, צו זען וואָס זי זאָגט באַטש דערצו.

שמייכלט זיין מאַמע קוים, קוים, און ס'בענקט זיך איר אַזוי שטאַרק צוריק אַהין, וואו מען קאָן פאַרהענגען דאָס פענצטער מיט אַ ליילעך, זיך צולייגן אויפן קילן שליאַבאָן און טראַכטן, און טראַכטן וועגן איר זון וועלוועלע'ן, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן אין אַזאַ ווייטן, ווייטן, פרעמדן לאַנד...

באָם, גלאָן!... באָם, גלאָן!...

שפּילט די וויקטראָלאַ אַ שיין שטיקעלע פון יאָסעלע ראָזענבלאַט. ברענען די רויטע און גרינע לעמפּלעך אין גאַסט־צימער. איז דער טיש אָנגעשטעלט מיט גרויסע טעלער פרוכט און ניס, און זיסע זאַכן.

ערשט איצט איז דער ריכטיגער יום־טוב. ערשט איצט, ווען אַלע לאַנדסלייט זיינען זיך צונויפגעקומען, טוט זיך שוין ניט אָפּ דער גרויסער, גוטער, צופרידענער שמייכל פון וועווקע'ס לויטערן, ראָזעווען פּנים.

— הי, הי, משה, מיין מאַמע.

משה איז דאָ, און דעיוו, און ווערא, און פרויקעלע, און אַרקעלע, און יאַנקעלע, און זלאַטע מיט איר מאַן, און בערעלע גאָנאַפטי, און ברוך מיט זיין ווייב.

ברוך ביר האָט זיך אַליין באַזעצט אויבנאָן. ער ווייסט, אַז ס'קומט אים. ער ווייסט, אַז ער איז דאָ דער יחוס. אַ פּרינציפּאַל, און אַ ווייס־

פרעזידענט פון מושב־זקנים, און דער סעקרעטאר פון לחם לעניים, און אן עקזעקוטיוו־מעמבער פון דער בארא פארק מזרחי־ארגאניזאציע.

און אז ברוך ביר זיצט אויבנאן, זיצט דאך אודאי לעבן אים זיין ווייבל מיט די קאסאקע אויגן און מיטן קרומען האלז; טאקע אט יענע, וועגן וועמען ברוך האט זיך געהאלטן אן עצה מיט דעיוו'ן, און דעיוו האט אים גע'עצה'ט, אז ס'טויג ניט, און ברוך האט אים טאקע געגעבן רעכט און אים זייער באדאנקט פאר דער קלוגער עצה.

דעיוו האט פונדעסטוועגן ברוכ'ן גראדע געפרעגט, ווי עס קומט, וואס ער האט דוקא סוף כל סוף יא חתונה געהאט מיט אזעלכער, וואס איז אים ניט געווען שטארק צום הארצן.

— מסתמא מיר שוין אזוי געווען באשערט — האט ברוך א פרומען זיפץ געטאן — א זיווג מן השמים. איידער דאס קינד ווערט געבוירן, זאגט זיך אין דער הייליגער תורה, רופט מען שוין אויס אין הימל: בן פלוני לזו ובת פלוני לזה. און דאס אינגל וועט שוין דארפן חתונה האבן פאר דער און דער, און דאס און דאס מיידל וועט שוין דארפן חתונה האבן פאר דעם און דעם. זעסטו דאך!

אודאי זעט דעיוו. אלע זעען. אלע ווייסן אויך פון די פופציג טויזנט דאלאר נדן, וואס ער האט געקראגן. ברוך ביר מאכט זיך אבער ניט וויסנדיג, זיצט אויבנאן, שאקלט זיך אין דער יארמולקע, זיפצט פרום און האלט זיך מעשה רבי.

פרויקעלע זיצט גראדע ניט אויבנאן. ס'ארט אים ניט, וואו ער זיצט. ער קוקט אויס זייער א תל, אט דאס פרויקעלע. ס'פנים'ל אויסגעדארט ביז גאר, קוקט אויס קראנק, אט דער מיליאנער. מען שמועסט, אז ערשט פאר די לעצטע פאר יאר האט ער א וואקס געטאן. גאנצע בלאקס מיט הייזער פארמאגט ער אין פארשיידענע טיילן פון ניו יארק און ברוקלין.

זיצט ער אבער א באשיידענער, אן ערנסטער. ער איז געקומען אפנעמען א גרוס פון זיין טאטן, איז דער גרוס ניט אזא פרייליכער.

— דיין טאטע? ווער איז דיין טאטע? רעב סענדערל? א, א, רעב סענדערל. נעבעך שוין אלט געווארן רעב סענדערל, שוין גרוי ווי א טויב.

וויינט פרויקעלע'ן דאס הארץ, וואס זיין טאטע איז שוין גרוי געווארן ווי א טויב. זיין קלוגער טאטע, דער גרויסער תלמיד חכם. ער שיקט דעם טאטן געגנוג געלט. אריבערנעמען אים אהער וויל ער

אָבער ניט. ער פאַרשטייט, פּרויקעלע, גאַנץ גוט, אַז זיין טאַטע וועט קיין נחת ניט האָבן פון דער הפקרות דאָ אין אַמעריקע, וואו די מערהיים היט ניט אָפּ קיין אידישקייט, און אַפילו ביי די, וואָס היטן יאָ אָפּ, קוקט עס שוין אויך אויס, ווי נאָכגעקרימט. שיקט ער אים בעסער געלט. אַ סך געלט.... ווי אַ טויב גרוי געוואָרן זיין טאַטע !...

— און וואָס מאַכט מיין מאַמע ? האָט איר זי געזען פאַרן אָפּ־פאָרן ? — בעט זיך אַרקעלע מיט אַ ציטערדיגן קול.

זי האָט געזען זיין מאַמען אויך. זי געדענקט אַפילו, וואָס זיין מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל למען השם איבערגעבן איר זון אַרקעלע׳ן דאָרטן אין אַמעריקע. זי זאָל אים איבערגעבן, אַז זי איז זייער ברוגז, הלמאי ער איז נאָך אַ בחור. זאָל ער בלי שום תירוץ זיך אָפּזוכן זיין באַשערטע און חתונה האָבן, ווי גאָט האָט געבאָטן, און ווי אַלע פרומע און גוטע ליט הייסן צו טאָן.

לאַכט יאַנקעלע פון אַרקעלע׳ן, ווען ער דערהערט דעם גרוס. אין אַלע בריוו שרייבט טאַטע אַרקעלע׳ס מאַמע צו איר זון, אַז ער זאָל למען השם חתונה האָבן.

זלאַטע פרעגט זיך ניט אויף קיין גרוס. אַ שוויינגנדיגע זיצט זי צווישן אירע לאַנדסליט, אַ מורא׳דיגע, מיט אַ געפיל פון בזיון. זי, וואָס איז דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט אין אירע קרייזן, און נאָך וואָס פאַר אַ קרייזן, גאָלע געבילדעטע מענטשן, קינסטלער, שרייבער און געלערנטע, קומט זי צו די לאַנדסליט, פילט זי זיך נידעריגער פון גראָז, שטילער פון אַ טויב.

— ווייסט מען כאָטש אין טשערעמעיעוו, וואָס איך טוט דאָ אין אַמעריקע ? — פרעגט ברוך ביר מיט באַשיידענער גדלות.

— מען ווייסט — ענטפערט אים מלכה־לאה — די גאַנצע שטאָט ווייסט פון עליק דעם ליפעראַנט׳ס זון, וואָס האָט פיין אויספייעט אין אַמעריקע.

— כאַ, כאַ, כאַ — לאַכט ברוך — אויספייעט, האָט זי געזאָגט. אויספייעט, „מינס, סוקסידעד" — דערקלערט ער דער ווייב. — ווער ווייסט, וויפיל יאָרן כ׳האָב שוין ניט געהערט דאָס וואָרט „אויספייעט".

— און יאַנקל דעם טוטין־שניידער׳ס טעכטערל האָט זיך אויפ־געהאַנגען אונטער אַ באַלקן אויפן בוידעם — האַלט אין דערציילן מלכה־לאה נייעס פון שטעטל צו דער חברה, וואָס קוקן צו איר דורשטיגע, נייגעריגע און בענקענדיגע. — מען ווייסט ניט פאַרוואָס,

נאָר מען שמועסט, אַז ס'איז צוליב דעם, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרן לערנען אין קישענעווער גימנאַזיע, און דער טאַטע אירער האָט זי ניט געלאָזט.

דערזעט מען גלייך יאַנקל'ען דעם טוטין־שניידער, דעם הויכן, דאַרן אידן מיט דער געלער באָרד, מיט דער רויטער פאַטשיילע, וואָס האָט אים שטענדיג אַראָפּגעהאַנגען פון אַ קעשענע. מען דערזעט יאַנקל דעם טוטין־שניידער'ס הויז מיט די שטענדיג פאַרהאַנגענע פענצטער. ס'איז תמיד געווען פאַרהאַנגען, אויס מורא פאַרן קאָנ־טראָליאָר, וואָס האָט נאָך געקאָנט מאַכן דעם ריכטיגן פּראָטאָקאָל, ווען ער כאַפּט יאַנקלען שניידן טוטין. זיין טעכטערל, וועגן וועלכער מלכה לאה האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך אויפגעהאַנגען, געדענקט שוין קיינער ניט פון דער חברה. יענע איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, בשעת זיי האָבן פאַרלאָזט טשערעמעיעוו.

— . . . און פאַראיאָרן האָט דאָס צעלאָזענע אייז אַראָפּגעטראָגן דעם בריק, האָט מען אויסגעלייגט אַ נייעם בריק... און די מיל האָט אָפּגעברענט. אַזאַ שרעקלעכע שרפה געווען... אינמיטן דער נאַכט האָט דאָס געטראָפן. און ווי אַזוי איך ליג שוין און שלאָף, פלוצלונג די גלאָקן אין קלויסטער: באַם, גלאַן! באַם, גלאַן!...

מלכה לאה דערציילט זיי מעשיות פון טשערעמעיעוו, מעשיות פון דער דאָזיגער היימישער ערד, איבער וועלכער זיי האָבן געטראָטן מיט זייערע יונגע פיס. מעשיות פון אַ לעבן, וואָס איז שוין ביי זיי געוואָרן כמעט ווי אַ לעגענדע. זיצן זיי, די לאַנדסלייט, מיט פאַרטאַיעטע הערצער, מיט פינקלדיגע אויגן, און הערן זיך צו מיט בענקשאַפט אין די בלוטן צו דעם קול פון טשערעמעיעוו, וואָס דערציילט: און אַזוי ווי איך ליג שוין און שלאָף, ווי פלוצלונג די גלאָקן אין קלויסטער: באַם, גלאַן!... באַם, גלאַן!...

אין דער מאָדנער וועלט

אי, אַי, די שנור, די שנור. פירט זיך ניט, ווי קיין אידישע טאָכטער. אין עפּעס טערקישע הויזן דרייט זי זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג, מיט אַ טיפן אויסשניט אויבן איבערן קאַפּטל. קלינגט מען אין דער טיר, אַנטלויפט זי ניט אין אַ צווייטן צימער צו פאַרבאַהאַלטן איר אומפאַרשעמטן הולך. פאַרקערט, גייט אַליין עפענען די טיר. פאַר־

שעמט זיך אפילו ניט, ווען א מאנסביל האט טאקע געקלונגען אין דער טיר. צערעדט זיך מיט אים, לאכט צו אים, יענער לאכט צו איר צוריק.

און אפשר איז זי גאר א צעדרייטע, די שנור אירע? א פרוי אין אירע יארן שטעלט זיך פלוצלונג אנידער אינמיטן שטוב, הויבט אן צו מאכן מיט די הענט אהין און צוריק. בויגט די קני, ציט זיך אויס אויף דער פאדלאגע, ווי גרויס זי איז, מאכט מיט די פיס, הובט זיך מיט די הענט. א פרעמד מענערש קול רעדט ארויס פון עפעס א קעסטעלע, וואס מען רופט דאס ראדיא, און די שנור פאלגט, ווייזט אויס, דעם פרעמדן קול, וואס קומט ארויס פון קעסטעלע.

וואס זאל דאס מיינען און וואס זאל דאס הייסן? און אפשר דאכט זיך איר גאר אויס? זי איז אזוי אפגעשוואכט, מלכה־לאה. דארטן, אין טשערעמעיעוו, גארניט געווען אזוי אפגעשוואכט. פון זינט זי האט זיך געזעצט אויף דער שיף איז עפעס געווארן ניט גוט מיט איר.

יא, ס׳האט זיך איר, ווייזט אויס, אויסגעדאכט, אז די שנור מאכט מיט די הענט אהין און צוריק. קיינער מאכט שוין ניט מיט די הענט אהין און צוריק... האט איינגעדרעמלט מלכה־לאה, איינגעשלאפן. און דאס, וואס זי האט געזען אין איר שלאף, איז געווען מערער ווירקלעך, ווי דאס וואס זי האט געזען אין דער וואך. די וואך אין דעם מאדנעם פרעמדן לאנד איז גאר געווען א חלום. און אין שלאף איז געקומען צו גיין דאס אמת׳ע ווירקלעכע לעבן, האלב־פארגעסענע בילדער פון אמאל זיינען אנגעקומען אין איר שלאף, און זי האט צוריק געלעבט דארטן, וואו זי איז געבוירן געווארן, וואו זי האט חתונה געהאט, געבוירן א קינד, געלאפן אין מארק אריין, אוועקגעשיקט א זון קיין אמעריקע, געבענקט און געטרויערט נאך אים.

ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, מלכה־לאה, איז גאר אויסגעקומען, אז זי איז פריער גארניט געשלאפן, גארניט גע׳חלומ׳ט; אז דאס, וואס זי זעט ערשט איצטער, איז דער חלום: ס׳זיצן עטלעכע פרויען, אויך אין טערקישע גאטיעס, קוקן אויף איר און לאכן. זי קאן שווערן, מלכה לאה, אז זיי האלטן קארטן אין די הענט, גאט זאל נאר שומר ומציל זיין! יא, קארטן האלטן זיי טאקע אין די הענט! אומפאר־שעמטע ווייבער, פארשמירטע, פארפארבטע, שפילן מיט איר שנור אין קארטן און לאכן און לאכן.

ווי צו איר מזל! וויל זיך מלכה־לאה רייסן די האר אויפן קאפ. געוואלד וויל זי שרייען. דערזעט זי אבער שפעטער אזא זאך, וואס

מאכט פארגליווערט אירע אלע בלוטן: א פאפיראס רויכערט די שנור. יא, א פאפיראס, ווי א פובליקע, ווי א חצופה רויכערט זי א פאפיראס. און דא ארבעט איר זון אזוי שווער. זי האט שוין געזען, ווי ער הארעוועט אזוי שווער, ווי צו איר! וועווקע האט זי איינמאל מיט־גענומען אין זיין קאלבאס־געשעפט. האט זי שוין געזען מיט אירע אייגענע אויגן, וואס פאר אן עבודת פרך עס איז. נעבאי וואלט אים דאס ווייב א ביסל צוגעהאלפן. ניין, שפילט זי גאר אין קארטן. ניין, איר גלויבט זיך עפעס ניט, צי ס׳איז טאקעווירקלעך דאס, וואס זי האט געזען. ניין, זי האט גארניט געזען, ס׳איז געווען א חלום, א שווערער חלום. זי איז גאר קיינמאל נישט געווען אין אמעריקע. זי איז גאר ביי זיך אין טשערעמעיעוו. די קלויסטער־גלאקן קלינגען ווי צו א חגא. פויערים גייען אויפן יאריד און טראגן הינער. אזוי פיל הינער, פעטע הינער, גרויסע הינער. מען גיט איר טאפן די הינער. יעדער פויער גיט איר טאפן זיין הון...

— מאמע, מאמע, דו שלאפסט גאר?

— ס׳איז דו, וועלוועלע? — כאפט זיך מלכה־לאה אויף.

— יא, מאמע, ס׳איז איך, הי, הי, הי. זיך אפגעריסן פון סטאר אויף עטלעכע מינוט און געקומען געוואויר ווערן, וואס דו מאכסט. האסט שוין געגעסן, מאמע? און וואו איז פלארא? און וואו איז עלמערל?

ווייסט ניט די אלטע מלכה־לאה, וואו איז פלארא און וואו איז עלמערל. זי קוקט אויפן זון און וויל אים עפעס דערציילן, און קאן זיך ניט דערמאנען, וואס אזוינס זי וויל אים דערציילן. עפעס אזא שווערקייט אין הארצן, עפעס א שרעקלעכע זאך האט געטראפן, און זי געדענקט ניט וואס.

— וואס ווייגסטו, מאמע?

— פיר מיך אפ צוריק קיין טשערעמעיעוו, זון. נעם מיך צוריק, כ׳בעט דיך.

— וועסט זיך אסאדזשיען, מאמע. ס׳איז גארניט. ס׳נעמט צייט ביז מען אסאדזשיעט זיך אין אמעריקע. ביזט אפשר הונגעריג, מאמע? איך וועל דיר עפעס מאכן עסן. דיר אפשר אפפרעגלען א פאר אייער? אויפזידן א גלאז קאווע? וועסט זיך אסאדזשיען, מאמע. ס׳איז גארניט, ס׳איז גארניט...

וואָס איז אַזוי פינצטער, זון?

מלכה לאה די קוראַנאַפּניצע איז בלויז עטלעכע וואָכן אָפּגעווען אין אַמעריקע, און פּלוצלונג זיך איינגאַנצן אָפּגעלאָזט. זיך אָפּגעלאָזט און שוין גאָרניט געוואָלט באַנעמען דאָס לעבן אַרום איר.

צו איר אייניקל, עלמערל, האָט זי שוין אויך קיין כח ניט געהאַט אַרויסצואווייזן פרייד. זי האָט זיך אודאי יאָ געפרייט. טיף אין אירע בלוטן האָט זי זיך געפרייט, וואָס נאָך אַ גליד איז צוגעקומען צו איר משפחה, און דער דאָזיגער גליד וועט ווייטער ציען דאָס לעבן נאָכדעם, ווען זי וועט שוין ניט זיין, אַפילו נאָכדעם, ווען איר זון וועט שוין אויך ניט זיין. מען האָט אָבער ניט געקאָנט דערקענען אָן איר, צי זי פרייט זיך, צי זי טרויערט. געוואָרן שטיל. שוין גאָרניט געוואָלט. געזעסן גאַנצע טעג אין דעם ווייכן שטול, וואָס אויפן גאַניק, געזעסן און געדרעמלט, און געלעבט אין דעם אַמאָל.

פלאָרא האָט גלייך באַמערקט, אַז מיט דער שוויגער איז עפּעס דער מער. אַז זי זינקט, אַז זי גייט אָפּ צוביסלעכוויז. האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך געטריישאַפט צו איר, אַלעמאָל זי געוואָלט מחיה זיין מיט אַן אַנדער ביסן. מלכה־לאה'ן איז אָבער שוין גאָרניט אָנגעגאַנגען.

וועווקע האָט אָבער גאָרניט באַמערקט. ער איז געווען גליקלעך, וואָס זיין מאַמע וואוינט ביי אים אין הויז. וואָס ער קאָן אַריינגיין אַלע פאַרטאָג צו איר אין צימער און זאָגן: אַ גוט מאָרגן, מאַמע", זי אַרויספירן אויפן גאַניק און איר דערלאַנגען אַ מאַראַנץ. ער איז געווען גליקלעך, וועווקע, וואָס זיין מאַמע בענטשט אים דערפאַר, וואָס ער דערלאַנגט איר אַ מאַראַנץ; וואָס זי ווינטשעוועט אים די אַלע גוטס־קייטן פון דער וועלט.

אָבער ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אין זיין דעליקאַטעסן־סטאָר און אים אָנגעזאָגט די טרויעריגע בשורה, אַז זיין מאַמען איז פּלוצלונג ניט גוט געוואָרן, און זי האָט אַוועקגע'חלש'ט, איז אים גלייך געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. ער איז שנעל געלאָפן אַהיים און שוין דאָרטן געטראָפן דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי איז זייער שוואַך, קוים וואָס די מאַשינעריע אַרבעט אין איר. ער דענקט, אַז ס'איז ניט געווען גוט, וואָס מען האָט זי אַריבערגעבראַכט אַהער קיין אַמעריקע, ווייל פאַר אַן עלטערן מענטשן איז זיך שווער צו אַקלימאַטיזירן.

— מאמע! מאמע! — האט וועוקע געמונטערט זיין מאמען, וואס האט געקוקט צו אים מיט אזוינע ווייטע אויגן.

זי האט אים געזען, איר זון, אבער ערגעץ ווייט־ווייט האט זי אים געזען. ווייטער מיט יארן האט זי אים געזען. און זי האט געשמייכלט צו אים, אבער וועוקע האט ניט געזען איר שמייכל, ווייל איר שמייכל איז ניט געווען אויף איר פנים, נאר ערגעץ אינעווייניג איז געווען איר שמייכל.

— מאמע, מאמע, וואס איז דיר? — האט וועוקע געבראכן פיסקעס.

— איך בין מיד, מיין קינד — האט יענע קוים געענטפערט.

דער דאקטאר האט געראטן, אז וועוקע זאל אפשר פרובירן ארויסנעמען זיין מאמען אויף דער גאס, אפשר ארומפירן זי אין פארק. דארטן איז די לופט א קילע, א פרישע, וועט זי א ביסל קומען צו זיך.

— קום, מאמע, אין פארק אריין, קום צווישן דיביימער, אין דער קילער לופט וועסטו זיך פילן גוט.

קאן די מאמע זיך שוין ניט שטעלן אויף די פיס. זי קאן זיך אפילו ניט אויפהויבן פון בעט. הויבט וועוקע אויף זיין מאמען. ווי א קליין קינד הויבט ער זי אויף, און זי איז נאך אפילו גרינגער פון זיין עלמערל'ען.

זעצט וועוקע זי אריין אין זיין אויטאמאביל. שפארט זי אן אויף די ווייכע קישעלעך. טרייבט לאנגזאם די מאשין. כאפט אלע מאל א קוק אויבן אין שפיגעלע, צו זען וואס זיין מאמע טוט. דרעמלט זי גאר, זיין מאמע. מיט אזא שיינער רואיגקייט דרעמלט זי. האט וועוקע נאך מערער ליב באקומען זיין מאמען פאר דער דאזיגער שיינער רואיגקייט. זי איז ביי אים געווארן נאך טייערער, און ער האט זי אזוי ניט געוואלט פארלירן.

ער איז מיט איר ניט געפארן אין פארק אריין. ער איז אוועקגעפארן אויסער דער שטאט, וואו דארט איז די גאנצע וועלט א פארק, א וואלד. ער האט זיך אפגעשטעלט אין א פארווארפן ווינקל. אפגעשטעלט די מאשין, געעפנט אלע טירן. זיך געזעצט לעבן איר. ארייננעמען איר קוים, קוים ווארימע האנט אין זיין האנט און געזאגט:

— מאמע, מאמע, א יא קיל, א יא שיין?

— יא, וועלוועלע, ס'איז קיל, שיין, אבער וואס איז אזוי פינצטער?

— ווייל די זון זעצט זיך, מאמע, הי, הי, הי. קוק, ווי די זון זעצט זיך.

קוקט די מאמע, ווי די זון זעצט זיך. א גאָלדן שטיק ליכטיגקייט גייט אראָפּ, אראָפּ. האָט זי שוין געזען דאָס גאָלדענע שטיק ליכטיגקייט אַלע אירע יאָרן, פון אייביג אָן. ס'איז די לעבעדיגע וועלט, וואָס מען זעט מיט די אויגן, ווען זיי זיינען אָפן און קאָנען נאָך זען.

— וואָרט־אויס, מאמע — רעדט ער צו איר ווי צו א קינד — איך וועל דיך אָפּפירן אהיים קיין טשערעמעיעוו, איך וועל אויך מיט־פאָרן.

— יאָ, זון! יאָ, זון! — הערט זי אפילו ניט, וואָס ער רעדט צו איר. זי הערט עפּעס אנדערש. זי הערט דאָס פאַרגאַנגענע לעבן. זעט די אַמאָליגע טעג. פרייט זיך מיט אַן אומדערקלערבארער פרייד.

דערקענט וועווקע, אַז זיין מאמע פרייט זיך. פרייט ער זיך אויך. זי איז אָפּגעפרישט געוואָרן, זיין מאמע. ער קאָן דאָס זען. די קילע לופט האָט זי אָפּגעפרישט.

ער האָט זי געבראַכט אהיים, און זי איז שוין געשלאָפן. ער האָט זי אריינגעלייגט אין בעט, און זי איז נאָך אַלץ געשלאָפן. יאָ, ער וועט זיין מאמען אָפּפירן צוריק אהיים. ער וועט אויך מיטנעמען זיין ווייב, זיין קינד. יאָ, ער וועט שוין אזוי טאָן.

וועווקע האָט זיך אויך געלייגט און איינגעשלאָפן. פאַרטאָג זיך אויפגעכאַפּט מיט גרויס פּחד. אריינגעשפּאַנט אויף די שפּיץ פינגער צו זיין מאמען אין צימער — איז זי געלעגן מיטן פּנים ארויף צו דער סטעליע, אַזאַ רואיגע, אַזאַ שטילע, אַן אייביג רואיגע, אַן אייביג שטילע...

האָט זיך וועווקע צעוויינט ווי א קליין קינד... ס'האָט זיך אויס־געלאָשן דאָס לעבן אין דער פרוי, וואָס האָט אים געטראָגן, וואָס האָט אים געבוירן, וואָס האָט אים געבאָוועט... מלכה־לאה די קוראָלאָפּניצע פון טשערעמעיעוו...

משה טרינקט זיך

ניי־יאָר נאַכט אויף דער פערצנטער גאַס. דער שני רינט אויס אין דער לופטן. אויבן, אנטקעגן די ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּלעך,

איז דער שני. נאָך ווייסע פאַלנדיגע שטיקעלעך, אינדערנידער — איז דאָס שוין רעגן און בלאָטע.

מען טרובעט. די האָרנס פון די אויטאָמאָבילן טרובען. מיידלעך און אינגלעך אויף די נאַסע טראָטואַרן טרובען. פון בלוילעך־רויטלעכע פּאַפּירענע רערן טרובען די מיידלעך און די אינגלעך.

חברות'ווייז יונגע אינגלעך און מיידלעך, 15־יאָריגע און 16 יאָריגע, גייען און לאַכן און שרייען און קווימשען. שטעלן זיך אָפּ אינ־מיטן טראָטואַר, טאַנצן און קושן זיך. רויכערן סיגאַרעטלעך. אפשר איז דאָס גאָר היינט דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס זיי פאַרזוכן דעם טעם פון אַ סיגאַרעטל? זיי זיינען נאָך כמעט קינדער, אָט די פריילעכע אינגלעך און מיידלעך. פון דעם איסט־ריווער געגנט קומען זיי אַהער. פון עוועניו „עי", „בי" און „סי" און נאָך ווייטער. מערסטנס, איטאַליענישע. פון דער אָרעמשאַפט קומען זיי, אָנגעטאָן אין ביליגע יום־טוב'דיגע קליידער, אין וואָלוועלע מאַנטעלעך און אָנצוגן, אין קאָלירטע שאַרפעלעך, אין אויסגעפּרעסטע היטעלעך, אין גלאַנציגע שיך, וואָס ווערן איינגעקאָרטשעט תיכף נאָכן ערשטן רעגן.

די מיידלעך, פופצניאָריגע און פערצניאָריגע, טראָגן שוין לאַנגע קליידער ביז צו דער ערד. קליידער פון ביליגן שטאָף, וואָס ווערן גלייך איינגעשרומפּן נאָך איין מאָל טראָגן. אָבער היינט איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי טראָגן די דאָזיגע לאַנגע קליידער ביז צו דער ערד, קוקן זיין שוין כמעט אויס ווי לעידיס. טאַנצן די לעידיס אינמיטן דער גאַס. אַ בחור'ל שפּילט אויף אַ האַרמאָניקע, און די פערצניאָריגע און די פופצניאָריגע לעידיס מיט די אונטערגעפּירטע ברעמען, מיט די געפאַרבטע ליפּעלעך וויגן פאַרשייט מיט זייערע קינדערשע היפּטן, שטעלן די בייכלעך זייערע גלייך אַנטקעגן די בחורים, ציטערן אויף, טריפּן זיך, בויגן זיך און לאַכן, און לאַכן. מען קושט זיך. מיט אַלע בחורים קושט מען זיך, נישטאָ קיין אונטערשייד. וו־הו־פּי און טרו, טרו, טרו, טרו. נעמען אריין די מיידלעך די לאַנגע בלוילעך־רויטלעכע פּאַפּירענע רערן צווישן זייערע געפאַרבטע ליפּעלעך און טורקען גלייך די פאַרבייגייער אין די אויערן אריין.

טור, טור טור — טורקעט מען אויך אַריין גלייך אין משה בוכבינדער'ס אויערן אַריין.

— אַ פינצטער יאָר אויף אייך! — שעלט ער זיי אין אידיש — אַ מפּלה אויף אייך!

פארשטייען זיי ניט, וואס אזוינס ער זאגט. רינגלען זיי אים ארום און לאכן. שטעלט זיך אויף די שפיץ פינגער א קליינוויקסיגע פערצנ־יאריגע מיידעלע מיט היפשע ברוסטן, מיט אונטערגעפירטע אויגן, מיט געפארבטע ליפעלעך און גיט משה׳ן א קוש גלייך אין די ליפן.

— ווהו־פי! — צעשרייען זיך אלע — וו־הו־פי!

רייסט זיך משה ארויס פון דער ראד און איילט אוועק אין צע־ריסענעם לאנגן מאנטל זיינעם, מיט די אפגעריבענע בוטעלקעס, מיט די אפגעטראגענע ארבל.

דער זייגער האט געשלאגן צוועלף... צוועלף האט געשלאגן דער זייגער... צעשאלן זיך אלע הייזער און אלע גאסן אין ניו יארק. טרובעט מען און מען פייפט, און מען טורקעט, און מען אוקקעט, און מען שרייט און מען קוויטשעט. א גרויסע ריזיגע שטאט מיט זיבן מיליאנען מענטשן צעשאלט זיך און צעברומט זיך.

— א כאליערע! וואס איז די שמחה אויף אייך? — זידלט משה דעם גאנצן טאראראם. — וואס קאן שוין ברענגען דאס נייע יאר צו אלע ארעמע, צו אלע פארשפיגענע, צו אלע פארגעסענע, צו אלע נויט־ליידנדיגע, צו אלע עלנדע און בארויבטע?...

פון אלע ארימע און פון אלע פארגעסענע אין ניו יארק איז משה דער ארימסטער און פארגעסנסטער. ער שרייבט שוין קיין לידער אויך ניט. פאר די לעצטע עטלעכע מאנאטן האט זיך איינגאנצן אפגעטאן פון אים די נבואה — פון הונגער, פון פארביטערטקייט, פון פארלאזנקייט.

— טור, מור, טור — טשעפען זיך צו משה׳ן די פארבייגייער פון דער גאס מיט זייערע פאפירענע טרובעס.

ער איז גאר הונגעריג, משה. ער וויל עסן. עסן וויל ער. ס׳איז אים נאס אין די פיס. ס׳דראזשעט אים דאס לייב. עס שטעכט אים אין בויך. אפשר פון הונגער? יא, ס׳איז פון הונגער. א סימן, ווען ער עסט עפעס אפ, אזוי הערט גלייך אויף צו שטעכן אין בויך.

ווי א טיפער ים מיט ברויזנדיגע, קאכנדיגע וואסערן איז איצט פאר אים געגליכן ניו יארק. ער טרינקט זיך. ער גייט אונטער. שוין אזוי פיל מאל זיך געטרונקען און געמיינט, אז אט־אט גייט ער אונטער, און שטענדיג איז געקומען עפעס א שטיקעלע הילף. אפשר וועט איצט אויך פון ערגעץ קומען א שטיקעלע הילף? אפשר גאר אנקלאפן אין ווערא׳ס טיר? וועט זי אים אנהאדעווען, אנווארימען? ניין, ער וועט דאס ניט טאן. שוין אזוי פיל מאנאטן זי ניט געזען. און אפשר וואוינט

זי שוין ניט דאָרטן ? און אפשר וועט זי אים שוין גאָרניט אַריינלאָזן ? אפשר האָט זי אים שוין אויך פאַרגעסן און זי לעבט זיך איצט גליקלעך און רואיג ? וואוהין זאָל ער איצט גיין ? צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן נאָך הילף ?

— משה ! משה ! — דערהערט זיך פּלוצלונג צווישן אַלע פרעמדע מענטשן אַרום אַ באַקאַנט היימיש קול.

— ווער רופט דאָס משה׳ן ? ווער דאַרף האָבן אָט דעם משה׳ן, דעם אָרעמסטן און דעם נישטיגסטן ?

— משה ! משה ! — דו ביזט בלינד ? צי וואָס ?

פון אַן אויטאָמאָביל רופט מען אים. אַ האַנט מאַכט צו אים. אַ פּנים שמייכלט צו אים אַרויס פון אויטאָמאָביל־פענצטערל.

— פרויקעלע ! — שרייט אויס משה מיט אַזאַ מין ווייַנענדיגער פרייד — פרויקעלע סענדערס !

— קריך אַריין, משה. יאָ, אָט־דאָ. איך פאָר פאַרביי, דערזע איך אויפן טראָטואַר עפּעס אַ באַקאַנטע פיגור. איז דאָס ניט משה ? טראַכט איך צו זיך. יאָ, ס׳איז טאַקע משה. משה, משה, וואָס מאַכסטו? וואוהין שלעפּט מען זיך אַרום אין אַזאַ קאַלטער, נאַסער נאַכט ?

— אָך, פרויקעלע ! — רופט זיך אָן משה מיט ווייַנענדיגקייט אין קול.

— וואָס איז, משה ? — פרעגט יענער מיט וואַרימקייט.

— איך בין הונגעריג, פרויקעלע — פּיעסטשעט זיך יענער פאַר זיין לאַנדסמאַן.

דאָס לעדערנע בייטעלע

— באַשטעל, משה, וואָס דו ווילסט — זאָגט אים פרויקעלע, ווען זיי זיצן שוין ביידע אין אַ ביליגן רעסטאָראַן אויף צווייטער עוועניו.

אין דער ליכט פון רעסטאָראַן דערזעט פרויקעלע, ווי אויסגעמאַטערט זיין לאַנדסמאַן קוקט אויס. אַן אויסגעמאָרעט, אָפּגעצויגן פּנים. לעבן די שלייפן אָנגעשטרענגטע אָדערן, דאָס פּנים בלוי, די באַקן איינגעפאַלן, די ליפּן בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט. די אויגן מיט אַ פיבערישן גלאַנץ. „ווי, ווי, וואָס עס איז געוואָרן פון אָט דעם משה׳ן,

פון אָט דעם גערעַטענעם' העברייאישן לערער פון טשערעמעיעוו ?"
טראַכט פּרויקעלע מיט וויטאָג.

— קאָנסט זיך באַשטעלן אַ סטעיק, אויב דו ווילסט — איז יענער בריטהאַרציג — איך וועל בלויז טרינקען אַ קאַווע.

עסט משה דעם פּיינעם גרויסן סטעיק, און זיינע געדערים הויבן זיך גלייך אָן צו פרייען. אַ ליבע וואַרימקייט, און אַזאַ ניחא'דיגקייט הויבט זיך אָן צו צעשפּרייטן איבער אַלע זיינע אברים.

— ווי אַזוי נאָר איך פיל מיר אָן דעם בויך — מאַכט משה מיט גליקלעכע אויגן — אַזוי גלייך הערט אויף שטעכן. אַ מאָדנע זאַך עפּעס.

— דו ליידסט מיטן מאָגן, משה ? — פרעגט דער לאַנדסמאַן מיט מיטגעפיל.

— אַלץ הייסט געליטן ! אַ רשע זיצט דאָרטן ביי מיר אין די קישקעס. ווי מיט טשוועקעס שטעכט ער.

— אי, משה, משה — פאַרקלעמט פּרויקעלע'ן ביים האַרצן — אי, משה, משה.

— ס'איז גאָרניט, פּרויקעלע — איז משה גאָר איצט אויפגעלייגט — ס'וועט איבערגיין.

לאָזט זיך פּרויקעלע טרייסטן פון משה'ן, אַז ס'איז נאָרניט און אַז עס וועט איבערגיין. דער געפיל פון רחמנות צום לאַנדסמאַן, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן ביי אים אָנצואוואַרימען, ווערט גלייך אָפּגעקילט. ער ווערט צוריק איינגעשלאָסן אין זיך. אַלע זיינע יאָרן אין אַמעריקע איז ער שוין אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך.

שווייגט שוין פּרויקעלע. קוקט ווי יענער עסט. וואַרט געדולדיג ביז יענער פאַרענדיגט זיין מאָלצייט. הויבט זיך אויף. נעמט אַרויס פון קעשענע אַ לעדערן בייטעלע. פון יענע בייטעלעך, וואָס מען פלעגט זיך נאָך מיט זיי באַנוצן אין טשערעמעיעוו. אַ בייטעלע מיט צוויי האַטשיקלעך, וואָס עפענען זיך אויף מיט אַ קלונג און פאַרמאַכן זיך מיט אַ קלונג. נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ צונויפגעקנייטשטן דאָלאַר־ביל, ציילט די רעשט, וואָס מען גיט אים, מיט פאָרזיכטיגע פינגער.

געפעלט משה'ן דאָס בייטעלע. ער האָט אַמאָל אויך געהאַט אַזאַ בייטעלע, נאָך אַלס קינד, אין טשערעמעיעוו. אָבער נאָך מער געפעלט אים, וואָס פּרויקעלע, אויף וועמען די וועלט זאָגט, אַז ער איז שוין אַ

גרויסער מיליאָנער, האַלט זיין געלט אין אַזאַ אָרימען, קליינשטעטלדיגן בייטעלע.

— ביזט טאַקע אַ מיליאָנער, פּרויקעלע? — פרעגט משה נאַאיוו.

— עפּעס זעסטו ניט אויס ווי אַ מיליאָנער.

— ווי אַזוי דען דאַרף אויסזען אַ מיליאָנער? — צעשמייכלט זיך פּרויקעלע.

— כ׳וויים? — צעשמייכלט זיך אויך משה. — אַ מיליאָנער? רייך אָנגעטאָן, חוצפּה׳דיג און אַפּלאַכעריש. און דו קוקסט גאָר אויס אָרעמלעך. האָסט טאַקע ממש אַ גאַנצן מיליאָן דאָלאַר?

— איך האָב אַפילו ניט קיין גאַנצן טויזנטער — לאַכט פּרויקעלע.

— הייסט דאָס, אַז דאָס, וואָס די וועלט זאָגט אויף דיר, אַז דו האָסט מיליאָנען, הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס — וויל זיך שוין משה פרייען, וואָס זיין לאַנדסמאַן איז טאַקע ניט קיין מיליאָנער.

— עפּעס איז די וועלט גערעכט — מאַכט יענער מיט אַ קלוגן וואונק אין די אויגן. — קריך אַריין אין מיין מאַשין, וועל איך דיך ערגעץ נעמען.

צייל אומיסטן, וויפיל . . .

טרייבט ער דעם אויטאָמאָביל זיינעם דורך גאַסן און געסלעך. פּאַרקירעוועט אין דער אָרימער געגנט. טענעמענט-הייזער וויקן זיך אין נאַסקייט. אַ גלאַנציגע פייכטקייט אויף די שטיינער פון די גאַסן. די פענצטער זיינען ליכטיג. פריילעכע געזאַנגען פון וויקטראָלאַס און ראַדיאָס רייסן זיך אַרויס דורך די פענצטער. אין די טענעמענט-הייזער פראַוועט מען אויך שמחה׳לעך צוליב ניי־יאָר. פון צווישן די טענעמענט-הייזער שיילט זיך אַרויס אַ צען־שטאָקיגע געביידע. קוקט אויס די דאָזיגע צען־שטאָקיגע געביידע צווישן די אָפּגעקראָכענע טענעמענט-הייזער גוואַלדיג הויך און ריזיג.

— זע נאָר — וואונדערט זיך משה — איך האָב גאָרניט גע־וואוסט, אַז אין אַזוינע גאַסן בויט מען אויך הויכע מויערן!

— קיינער האָט ניט געוואוסט — צעשמייכלט זיך פּרויקעלע — ביז איך האָב גענומען און אויפגעבויט.

— ס׳איז דען דיין הויז, פּרויקעלע?

— צי ס'איז מיין הויז? — קוועלט יענער אָן. — אַ שאלה, כ'לעבן. אָבער ווארט אויס, דאָס איז נאָך גאָרניט.

פירט אים פּרויקעלע אין ווייטערדיגע גאַסן, נאָך אָרימערע ווי די פריערדיגע. ניט ווייט איז שוין דער איסט ריווער מיט די טויזנטער פייערלעך, וואָס ווינקען צווישן טומאַן און נאַסקייט.

— איז דאָס אויך דיין הויז?

— צי דאָס איז אויך מיין הויז? אַ שאלה, כ'לעבן. אָבער דאָס איז נאָך אויך גאָרניט.

ער פאָרט ווייטער. פאַרקירעוועט זיך אין דער צענטער גאַס. דאָרטן אַזאַ אומעט און עלנט. אַלטע טענעמענט-הייזער שטייען דאָרטן. די דאָזיגע הייזער האָט מען נאָך געבויט צוריק מיט עטלעכע צענדליג יאָר, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די גרויסע אימיגראַציע. צווישן די דאָזיגע אַלטע חורבות הויבט זיך מאַיעסטעטיש אַ פּאַלאַץ. אַ ברייטע פּיל-שטאָקיגע געביידע, מיט הונדערטער גאָלדיג-ליכטיגע פענצטער.

— צייל אומיסטן, וויפיל שטאָק.

— איינס, צוויי, דריי, פיר — פאַררייסט משה דעם קאָפּ — פינף... אַכט... צען.. פערצן... זעכצן...

— איז דאָס ניט קיין וואונדער, משה? — קריכט פּרויקעלע אַרויס פון דער מאַשין און פאַררייסט אויך דעם קאָפּ צו דער הויכקייט, וואָס הויבט זיך פון צווישן דער פינצטערניש אַרויס. — צווישן חרוב'דיגע טענעמענט-הייזער גאָר בויען וואָלקן-קראַצערס?!

— טאָקע אַ וואונדער, פּרויקעלע. און ווער זשע וואוינט דאָרטן?

— מענטשן — צעלאַכט זיך פּרויקעלע.

— יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן?

— לאָיערס, דאָקטוירים, דענטיסטן, פאַרמעגלעכע סטאָרקיפּערס און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס ציען זייער פּרנסה פון די מענטשן, וואָס וואוינען אין דער אָרימער געגנט... מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, ווען איך האָב געוואָלט פאַראינטערעסירן געוויסע ריעל-עסטעיט קאָמפּאַניעס אין אַזאַ פּלאַן. מען האָט געלאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער. איצטער לאַך איך... באַמערקסט כאָטש, ווי יעדער שטאָק איז באַזעצט? אָנגעפילט פון אויבן ביז אַראָפּ? קיין איין אַפּאַרטמענט שטייט ביי מיר ניט ליידיג. אַ הייזקעלע גנב! אַ, משה?! ס'קאָן אַריינגעמען גאַנץ טשערעמעיעוו מיט הכל, בכל, מכל, כל...

דער שווייצאַר אין דער יוניפאָרם מיט די גאָלדענע קנעפּ, שטייט

אונטערן קאָלירטן געוואַנטענעם אָפּדעכל פון אריינגאַנג און קוקט מיט פאַרדאַכט אויף די צוויי פאַרשוינען, וואָס דרייען זיך אַרום הויז. אים געפעלט ניט דער אויטאָמאָביל, וואָס איז געבליבן שטיין סאַמע ביים צופאָר. אים געפעלן אויך ניט די דאָזיגע צוויי פרעמדע סוביעקטן. וואָס דאַרפן זיי האָבן דאָ אין אַזאַ שפּעטער שעה פון דער נאַכט? ער איז אומרואיג, דער שווייצאַר. לאָזט זיי שוין ניט אַראָפּ פון אויג. און זיי, די פאַרדעכטיגע פאַרשוינען, שושקען זיך, מאַכן מיט די הענט, טאַפּן די ווענט, פאַררייסן די קעפּ אַרויף.

— און דעם אַרטיקל אין דער „פאָוסט" האָסטו אַדואי ניט געלייענט?! — ציט פּרויקעלע אַרויס פון קעשענע אַן אויסשניט פון דער „פאָוסט". — אודאי האָסטו ניט געלייענט. דו לייענסט דאָך בלויז די שיינע ליטעראַטור. נו, קוק, אומיסטן. מיין בילד איז אויך דאָ.

אַ שמייכלענדיג פּרויקעלע קוקט אַרויס פון דעם ציימונגס־אויס־שניט. איבער דעם בילד שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע ווערטער: „דער מאַן, וואָס האָט שיין געמאַכט די סלאַמס פון דער איסט־סאַיד" (פון דער סעריע: „אימיגראַנטן, וואָס האָבן אויפגעבויט ניו יאָרק").

— דאָס בין איך דער מאַן, וואָס האָט אויפגעבויט ניו יאָרק — גאַנערט זיך פּרויקעלע — איך, פּרויקעלע סענדערס, פון טשערע־מעיעוו. לייען ווייטער, לייען.

אין אַרטיקל דערציילט זיך, אין אַ מליצה'דיגער שפּראַך, וועגן דעם זעלביגן פּרויקעלע'ן, ווי ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט יאָרן צוריק, אַלס אַן אָרימער אימיגראַנט, און ווי ער האָט זיך באַזעצט אין דער אָרימער איסט־סאַיד, און ווי נאָך אין זיינע גרינע יאָרן האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב גאָט וועט אים באַגליקן, וועט ער שענער מאַכן די סלאַמס פון דער איסט־סאַיד און בויען דאָרטן גרויסע מאָדערנע הייזער מיט אַלע איינריכטונגען. ס'איז געווען אַן אומדער־גרייכבאַרע פאַנטאַזיע. מענטשן האָבן געלאַכט פון אים, אָבער ער, מיט פיל גלויבן און עקשנות, איז אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, און היינט צו טאָג, ווען איר וועט אַמאָל אַריינפאַלן אין דער איסט־סאַיד און דערזען, ווי סאַמע צווישן די אָפּגעקראָכנסטע, אָפּגעלאָזנסטע טענעמענט־הייזער הויבן זיך שטאָלצע הויכע דזשוניאָר־וואָלקנקראַ־צערס, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם קליינ־געוויקסיגן אידישן אימיגראַנט מיט די אומרואיגע, סימפּאַטישע אויגן.

— מיט די אומרואיגע, סימפּאַטישע אויגן — לאַכט כלומרשט פּרויקעלע אָפּ. — דאָס מיינט מען מיך, הייסט דאָס...

משה האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געזען פּרויקעלע'ן אַזאַ אויפגעלויכטענעם. ער, פּרויקעלע, וואָס זעט אויס, צופּוסנס פון דער דאָזיגער ברייטער, הויכער, פילשטאָקיגער געביידע, ווי אַ קליין מוראַשקעלע, האָט אַליין, מיט זיין ווילן און אַמביציע, געמאַכט אויסוואַקסן, צווישן דער קויטיגקייט און אָפּגעלאָזנקייט, אַזאַ שטאָלצע, קרעפּטיגע מאַכינע.

— פריער זיינען דאָ געשטאַנען חורבות — קאָן שוין פּרויקעלע זיך ניט אָפּשטעלן אין זיין באַגייסטערונג. — איך האָב זיי צעוואָרפן, צעבראָכן, צעקאַראַשעט. האָסט כאָטש געזען, ווי מען צעברעכט הייזער דאָ אין אַמעריקע? אַ מאַשין אַזאַ מיט אַן אומגעהויער שווערן אייזערנעם קיילעך, וואָס הענגט צווישן דראָטן און בוכטשעט אין די ווענט. ס'האָט געבראָכן די ווענט, ווי זיי וואָלטן געווען פון דינע ברעטלעך. דער גאַנצער בלאָק איז זיך דעמאָלט צונויפגעלאָפן. מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן געפרעגט: וואָס גייט מען דאָ בויען? וואָס וועט דאָ זיין? אָבער איך האָב געשוויגן. און טאָג נאָך טאָג האָבן געוואַקסן די ווענט, הויכע, הוי־־כע ווענט.

דער מאַן אין דער יוניפאָרם מיט די גאָלדענע קנעפּ קאָן שוין רואיג ניט איינשטיין. אָט די פאַרדעכטיגע צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט זייער מאַשין סאַמע לעבן דעם צופאָר, גיבן אים ניט קיין רו. ס'איז קאַלט און נאַס אינדרויסן. געוויינלעך שטייט ער זיך אינעווייניג, הינטער דער גלעזערנער טיר, און קוקט אַרויס צו דער גאַס. אינעווייניג איז אַ מחיה וואַרעם. איצטער אָבער מוז ער שטיין אינדרויסן און קאָן ניט אַריינגיין אינעווייניג, ביז די דאָזיגע מאַשין מיט די צוויי פאַרדעכטיגע פּאַרשוינען וועט זיך ניט אָפּטראָגן.

— נאָ פּאַרקינג היר — באַשליסט ענדלעך דער שווייצאַר צו זיין שטרענג צו זיי.

— ווהאַט דו יו מין, נאָ פּאַרקינג? — גאָנערט זיך פּרויקעלע אָן.

— אַי עם דהי לענדלאָרד אָוו דהיז האַוז, מיסטער שאַרפּשטיין.

— ענד אַי עם מיסטער ראַקעפעלער — מאַכט דער שווייצאַר אַ פּנים פון אַ חכם.

צעשמייכלט זיך פּרויקעלע מיט זיין ליבן חן־גריבעלע. ענטפערט

שוין דעם שווייצאַר קיין וואָרט ניט. זעצט זיך אין דער מאַשין און הייסט דעם שטוינענדיגן משה'ן זיך אויך אַריינזעצן.

— גוד נאַיט — גיט פּרויקעלע אַ פּאַכע מיט דער האַנט.

ענטפערט יענער ניט אויפן גוד־נאַיט. אַ שטרענגער, אַ דראָענ־דיגער, שטייט ער ווי צוגעזאָטן צו דער ערד. רירט זיך ניט פון אָרט, ביז זיי פאָרן אָפּ. דערנאָכדעם דרייט ער זיך אויס און שפּאַנט זיך צו דער הויכער ברייטער טיר, פול מיט פאַראַכטונג צו יענע פאַר־שוינען און פול מיט ווירדע צו זיך אַליין, וואָס ער איז אַ געזעצלעכער טייל פון דער דאָזיגער ריזיגער, מאַסיווער, פּילשטאָקיגער געביידע.

אָט דאָ וואוין איך

פּרויקעלע פילט זיך ניט געטראָפן. ס'קומט ביי אים אויס גאַנץ נאַטירלעך. משה קאָן זיך אָבער ניט באַרואיגן. מאָדנע און טראַגיש קומט ביי אים אויס די גאַנצע געשיכטע: פאַרטריבן דעם באַלעבאָס פון זיין אייגענער הויז, און יענער ווערט זיך אפילו ניט.

דערקלערט אים פּרויקעלע, אַז ער, משה, דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרצן פון דעם. ווייל פונוואַנען ווייסט דען דער שווייצאַר, אַז ער, פּרויקעלע, איז דער באַלעבאָס פון הויז? ער זעט אים דען אַמאָל אָן? באַקומט ער דען זיינע וועכנטלעכע שכירות פון פּרויקעלע'ס האַנט? אַ גאַנצער אַפּאַראַט פון אָנגעשטעלטע: פאַרוואַלטער, אויפזעער, עלעוועיטאָר־לייט, פלאָמבערס, עלעקטרישנס און הויז־דינער אַרבעטן פאַר אים. וויסן בלויז די פאַרוואַלטער און אויפזעער, ווער דער באַלע־באָס איז. פאַר די איבעריגע אָנגעשטעלטע איז ער, פּרויקעלע, אַ לעגענדע.

— איז וואו זשע זאָל איך דיך אַראָפּלאָזן, משה? — איז שוין פּרויקעלע מיד און וויל שוין פּטור ווערן פון זיין לאַנדסמאַן.

שווייגט משה און ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערן. וואו טאַקע זאָל מען אים אַראָפּלאָזן? וואו מען וועט אים ניט אַראָפּלאָזן, איז ער וואָרלאָז און דאַכלאָז. וואו מען וועט אים ניט אַראָפּלאָזן, וועט ער בלייבן איינער אַליין, אַ פאַרלוירענער, אַ הילפלאָזער, אָן גאָרנישט, אָן קיינעם.

— וואו זשע זאָל איך דיך אַראָפּלאָזן, משה? — איז שוין פּרויקעלע אומגעדולדיג.

— לאָז מיך אראָפּ אָט דאָ־אָ — ענטפערט משה מיט גרויס יאוש.

— אָט דאָ־אָ ? — פאַרשטייט ניט פּרויקעלע און פאַרשטייט יאָ.

— אָלראַיט — דערקלערט ער שוין ניט, וואָס ער מיינט מיטן „אָלראַיט“, און פאָרט ווייטער.

פרעגט שוין ניט משה, וואָס יענער האָט געמיינט מיטן „אָלראַיט“. ער וויל שוין גאָרנישט פרעגן. זאָל זיין, וואָס עס ווילט זיך. הפקר איז זיין לעבן אין דער דאָזיגער ריזיגער גרויסער שטאָט. זיין עקזיס־טענץ האַלט זיך אויף דורך נסים. יעדן טאָג מוז געשאַפן ווערן אַן אַנדער נס פאַר אים, אַנדערש וואָלט ער שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער, אָדער פאַרפרוירן געוואָרן פון דער בייזער קעלט. היינט האָט ער אָנגעטראָפן זיין לאַנדסמאַן, האָט אים יענער מחיה געווען מיט אַ מאָלצייט. נעכטן האָט אים אַן אַנדער באַקאַנטער מחיה געווען. אייער־נעכטן האָט אים קיינער ניט מחיה געווען, האָט ער זיך טאַקע שיר ניט געעקט פון הונגער און פון די ווייטאָגן אין בויך. מיט פיר וואָכן צוריק האָט ער פאַרדינט גאַנצע פופצן דאָלאַר, אַלס אַ געשיר־וואַשער. צען טעג האָט מען אים געהאַלטן אויף דעם דאָזיגן דזשאַב. מער האָט מען אים שוין ניט געוואָלט האַלטן. זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיטן קוכער, געזידלט די וועיטערס, זיך געוואָרפן שלאָגן אויפן באָס. פאַר די פופצן דאָלאַר האָט ער אָבער אָפּגעלעבט גאַנצע 26 טעג אין זאַטקייט און אין צופרידנהייט. וואָס זשע וועט מאָרגן זיין? מאָרגן? זאָל ער נאָר היינט זיך ערגעץ גוט אויסשלאָפן. מאָרגן וועט אפשר ווידער טרעפן אַ נס.

— אָט דאָ וואוין איך — שטעלט פּרויקעלע אָפּ זיין מאַשין.

— אָט דאָ? — קוקט זיך משה ארום פרעגנדיג. — וואו דאָ?

— אין יענער הויז — ווייזט אָן פּרויקעלע. — קריך ארויס און וואַרט דאָ צו. איך וויל נאָר אריינפירן מיין אויטאָמאָביל אין גאַראַדזש.

מאָדנע די וועגן פון מענטשן

שטייט משה אויף די נאַסע טרעפּ. נאַסע טרעפּ, וואָס פירן צו אַ קויטיגער, אָפּגעלישעטער טיר. אַ שילדל הענגט אויף דער טיר: פוירנישד רום טו־לעט“. משה האָט שוין ניט איין מאָל געוואוינט אין אַזאַ הויז. ווייסט ער שוין, אַז אינעווייניג זיינען דאָ אַ סך טירן אויף

יעדן שטאָק. אַ פאַרדעמפּטער ריח פון אייביגן שטויב און צוגעלעגער־טער לופט. פרעמדקייט און עלנדקייט הינטער יעדער טיר.

— יאָ, אָט דאָ וואוין איך — איז שוין פּרויקעלע דאָ צוריק.

שווייגט משה און לאָזט זיך פירן. איבער שמאָלע טרעפּ, דורך רייען טירן, פון שטאָק צו שטאָק, איבער אָפּגעריבענע פּליושענע טעפּיכער. עפנט פּרויקעלע אַ טיר, גיט אַ צי אין דער פינצטער דאָס שטריקל. לויכט אויף דאָס צימער מיטן שמאָלן בעט, מיט דער אָפּגעריבענער געל־פּאָליטורטער קאָמאָדע, מיטן טרויעריגן שפּיגל איבער דער קאָמאָדע, מיטן ווייסן סינק, מיט דעם איין־און־איינציגן בענקל, מיט דעם קליינעם טישעלע, מיטן וועק־זייגער אויפן טישל. אָט דאָ וואוינט פּרויקעלע.

— דו פאַרמאָגסט אַזוי פיל פּראַכטפולע הייזער, פּרויקעלע, און אַליין וואוינסטו אין אַזאַ לאָך? אַך, פּרויקעלע, פּרויקעלע.

— איך וואוין שוין דאָ יאָרן און יאָרן — פאַרענטפערט זיך פּרויקעלע — ס'איז שוין געוואָרן ווי אַ היים.

— מאָדנע די וועגן פון מענטשן, פּרויקעלע, זייער מאָדנע.

ענטפערט אים דערויף גאָרנישט דער לאַנדסמאַן. ער גרייט צו דאָס בעט. נעמט אַרויס אַ גראָבן טייכטער פון בוזעם־קעשענע און לייגט אים אונטערן קישן.

— טו זיך אויס, משה — נעמט פּרויקעלע זיך צעשפּיליען זיינע בגדים.

אין אַ יוניאָן־סוטל בלייבט שטיין דער קליינגעוויקסיגער לאַנדסמאַן. זעט ער אויס, ווי אַ נעבעכדיג, ניט־דערוואַקסן אינגל. האַלב־מאַן און האַלב־אינגל, מיט דאַרע האָריגע פיסלעך, מיט אַ בלאַסער הויט אויף די אָרעמס און אויף די פּלייצעס.

משה בלייבט אויך שטיין אין אַ יוניאָן־סוטל, מיט די לאַנגע דאַרע האָריגע פיס, מיט די דינע בלוטלאָזע אָרעמס. צוויי לאַנדסלייט, געזויגן די נאַרהאַפטיגקייט פון דער זעלביגער בעסאַראַביער פעטער ערד. איצטער וויאַנען זיי שוין ביידע. איינער צוליב אָרעמקייט, דער צווייטער צוליב קאַרגשאַפט.

זיי שעמען זיך איצט, ביידע לאַנדסלייט, איינער פאַרן אַנדערן מיט זייער טרויעריגער נאַקעטקייט. אַמאָל, אַמאָל איז מען געשטאַנען אינגאַנצן נאַקעט איינער פאַרן אַנדערן. נאַקעטע אינגלעך לעבן ברייטן דניעסטער. אַ יונגע נאַקעטקייט. קוים־קוים מאַנסבילן. דער דאָזיגער

קליינגעוויקסיגער פרויקעלע האָט געקאָנט זייער גוט שווימען. אונטערן וואַסער, און נאַזנדיק, און טריט־וואַסער, און ליגן קלאַפּטער, און זיך מאַכן, אַז ער איז שוין דערטרונקען געוואָרן, און דערנאָכדעם זיך באַווייזן אַ לאַכנדיקער און אַ פאַרסאָפּעטער. אַ רירעוודיג בחור'ל, אַ בויגעוודיגער, אַ וואַכזאַמער אַזאַ. מיט אַזאַ קלוגער וואַכזאַמקייט.

— און ווען, אַ שטייגער, דו זאָלסט וועלן פאַרקויפן דיינע הייזער, וויפיל געלט וואָלסטו אַריינגעקראָגן? — פרעגט אים פּלוצלונג משה אָט די נאַאיווע פראַגע, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין ביידע געלעגן אין בעט.

לאַכט פרויקעלע פון יענעמ'ס נאַאיווקייט. ער ווייסט אפשר אַליין ניט, וויפיל געלט ער וואָלט דעמאָלט געקאָנט אַריינקריגן. ער וועט גאָרניט טאָן אַזאַ זאַך, ווי פאַרקויפן די הייזער. פאַרקערט, ער וויל גאָר בויען נאָך נייע הייזער. ער האָט טאַקע אַ פּלאַן אַזאַ איצט: אין ברוקלין איז פאַראַן אַזאַ ליידיג פּלאַץ, וואו מען וואַרפט אַלע מיסטן אַהינצו. ער וויל דאָס אָפּקויפן און אויפבויען דאָרטן הייזער. אַ גאַנצע שטאָט קאָן מען דאָרט אויפבויען. מיט אַ פּאָבליק־סקול, מיט אַ מואַוויר־הויז, מיט אַ שול, מיט אַ פּאַרק אפילו. אַ שטעטל מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. פאַר יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן קליינע קינדער. אַ שטעטל פאַר יונגע מאַמעס און יונגע טאַטעס.

אַי, וואו וועט ער נעמען אַזוי פיל געלט פאַר אַזאַ ריזיגער אונטער־נעמונג? וועלן שוין זיין בעלנים, וואָס וועלן פינאַנסירן די דאָזיגע אונטערנעמונג.

— וועסט זען. אין אַ פּאָר יאָר אַרום פיר איך דיך אַהינצו אָנקוקן. וועסט זען, ווי אַ שטאָט איז אויסגעוואָקסן פאַר דיינע אויגן. פון אַ פוסטיניע — שיינע הייזער מיט גערטנדלעך, מיט קינדערלעך אויף די טראָטואַרן...

— אָבער דיין לעבן איז אַזאַ אומעטיגס, פרויקעלע.

— אומעטיג גאָר? — לאַכט פרויקעלע. — ניין, ניט אומעטיג. ס'איז דאָ אַ גרויסער אינטערעס דערביי.

— קיין טשערעמעיעוו וואָלסטו אַמאָל געוואָלט צופאָרן?

— קיין טשערעמעיעוו? — ווערט שוין איצט פרויקעלע יאָ אומעטיג. — אָ, יאָ, דעם טאַטן וואָלט איך געוואָלט זען. שוין אַן אַלטער איד מיין טאַטע. גרוי ווי אַ טויב. יאָ, איך וועל זיך נאָך דורכ־פאָרן. זיך שוין געקליבן עטלעכע מאָל, אָבער מען קאָן ניט אַוועקפאָרן.

אלע מאָל דוקט זיך אונטער עפּעס אַנדערש. אַ, טשערעמעיעוו, טשערע־מעיעוו... איך וואָלט געוואָלט כאָטש איינמאָל זיך אָפּבאָדן אין דניעפּ־טער. געדענקסט דעם דניעסטער, משה? וואָס איז? — דערשרעקט זיך פלוצלונג פּרויקעלע — וואָס האָפּסטו זיך אַ וואָרף געטאָן?

— אוי, אוי — צעקרעכצט זיך משה זייער פיינלעך.

— וואָס איז, משה, וואָס איז?

— ס'טוט וויי — פּעסטשעט זיך משה — אוי, ווי ס'טוט וויי.

— וועסט דאַרפן אַריבערגיין צו אַ דאָקטאָר — דערשרעקט זיך פּרויקעלע. — איך וועל דיר אויסלייען אַ פּאָר דאָלאַר, און גיי זיך דורך צו אַ גוטן דאָקטאָר.

משה שווייגט. מיט פאַרצווייפלונג שווייגט ער. ס'גייט אים איצט שוין גאָרניט אָן. אַזאַ ביטערקייט איצט אין זיינע בלוטן. שנאה און האַס שפּרייט זיך אין זיין יעדן אבר. שנאה און האַס צו יעדן איינעם און צו זיך אַליין. ער שעלט אין געדאַנק דעם טאָג פון זיין געבוירן־ווערן. ער שעלט זיין טאַטן און מאַמען, דעיוו'ן מיט ווערא'ן, מיט פּרויקעלע'ן. ער שעלט דאָס גאַנצע לעבן. וואָס אַזוינס מיינט דאָס לעבן? וואָס מיינט דאָס געבוירן ווערן, און וואָס מיינט דאָס געדייען? וואָס מיינט זיין שרייבן לידער, און וואָס מיינט זיין אָרעמקייט? וואָס מיינט פּרויקעלע'ס רייכקייט, און וואָס מיינט זיין גאַנצער אימפּעט צו בויען און צו בויען הויכע הייזער? גאַנצע שטעט וועט ער בויען! אוי, וואָס מיינט דאָס שטעכעניש אין בויך? צוליב וואָס פּייניגט אים דאָס לעבן? צוליב וואָס האָט ער גאָר אינגאַנצן געדאַרפט זיין אויף דער וועלט?

— או־ו־י! — צעשרייט זיך פּלוצלונג משה מיט אַ גרויסן גע־יאָמער — א־ו־י!

— וואָס איז, משה, וואָס איז? — שפּרינגט פּרויקעלע אין איילעניש אַראָפּ פון בעט און מאַכט ליכטיג אין צימער.

ער וויינט, משה, ער וואַרפט זיך, ער קוליעט זיך, ער קאָרטשעט זיך פון ווייטאָג...

די וועלט גייט אונטער... די וועלט גייט אונטער...

אין האספיטאל האט אים שוין ווערא געטראפן. ער איז געלעגן אויפן בעטל, א רואיגער, אן אויסגעליטערטער און געשמייכלט צו איר.

— ווי אזוי האסטו זיך שוין אזוי גיך דערוואוסט? — שיינט זיין פנים צו איר.

— פרויקעלע האט מיר געלאזט וויסן — קוקט זי אויף אים מיט פארוויינטע אויגן.

— וואס זשע וויינסטו, נארעלע? — נעמט ער זי אן ביי דער האנט. — איצט איז מיר שוין בעסער. איך פיל שוין גאר קיין ווייטאג ניט. איך וואלט זיך שוין אפילו געקאנט אויפהויבן און אוועקגיין פון דאנען. פארוואס טאקע האלט מען מיך דא?

ווייסט שוין ווערא גראדע יא, פארוואס מען האלט אים דא. מען האט איר שוין אין אפים דערציילט די גאנצע געשיכטע פון זיין קראנקהייט.

— ליג רואיג און שטיל. ערגער זיך ניט...

— איך ערגער זיך ניט — צעשמייכלען זיך זיינע אויגן צו איר מיט פיל ליבשאפט — איך האב שוין אפילו אנגעשריבן א ליד. ווילסט הערן?

וועגן דער נוירס איז די ליד, וואס ער האט אנגעשריבן דא אין האספיטאל, וועגן דער ביינאכטיגער נוירס, וואס איז געקומען צו אים א פאר מאל אין דער פינצטערניש, געטאפט זיין קאפ, געפילט זיין פולס. צו אלע בעטלעך האט זי צוגעשוועבט מיט רוישלאזע טריט. ווי דער גוטער געדאנק איז זי געקומען צו אים. „די שוועסטער פון רחמנות" רופט ער זי אין זיין ליד. די שוועסטער פון רחמנות, וועמעס טריט ער האט ניט געהערט, איר געשטאלט ניט באמערקט, נאר דערפילט אירע ווארעמע, גוטע הענט אויף זיין שטערן. ער האט געוואלט, אז איר ווארעמע האנט זאל ליגן אויף זיין אויסגעפייניגטן שטערן נאך און נאך, אבער זי האט זיך באלד אפגעטאן, די דאזיגע ווארעמע, גוטע האנט. זי האט זיך געשלייכט צו אנדערע בעטלעך. דארטן ליגן אויך אזוינע בחורים ווי ער, קרעכצן פון שלאף, פייניגן זיך פון די ווייטאגן.

— געפעלט דיר די ליד, אמונה שלי? — רופט ער זי איצט אין העברייאיש, נאך אזוי פיל יארן און יארן, וואס ער האט שוין ניט געוואלט רעדן צו איר אין דער דאזיגער שפראך.

— יפה מאד, חביבי (זייער שיין, מיין ליבער) — רעדט זי צו אים מיט וויינענדיגע ליפּן און לייגט אויך ארויף אויף זיין שטערן א ווארעמע, גוטע האַנט, פירט מיט אירע פלאַטערדיגע פינגער איבער זיינע שלייפן, גלייכט אים אויס זיינע צעשויבערטע ברעמען. בויגט זיך צו זיינע אויגן מיט אירע ליפּן. מאַכט אים ווארעם די אויגן. צעשמייכלט ער זיך. ס'וועט אים שוין זיין גוט. איצטער ווערט ער שוין געזונט. ס'איז מסתמא דאַס לעצטע מאָל, וואָס ס'האָט אים געשטאָכן. מערער וועלן די שווידערלעכע אוממענטשלעכע ווייטאָגן שוין ניט קומען. ער זעצט זיך אַנידער אויפן בעט. אַזאַ דאַרער און אויסגעמאַגערטער. זיין בליק פאַרטראַגט זיך צום אָפענעם פענצטער און פון דאָרטן צו די הויכע, זוניגע דעכער. ער זיצט אַזוי אַ היפּשע ווײַלע אַ פאַרגאַפטער און דערנאָכדעם דרייט ער אויס זיין פּנים צו ווערא'ן. אַן אויסגעצערט איידל פּנים מיט ברייט־צעעפנטע, לויכטנדיגע אויגן. אין זיינע שווארצאַפּלען צוויי פייער־פלעמלעך. פינקלען זיי. לויכטן און ציטערן. זיין הויכער שטערן אין טיפער פאַרטראַכטקייט. זי האָט אים נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט געזען אַזאַ שיינעם און ערהאַבענעם.

— דו הערסט באַטש ווי די דעכער פון ניו יאָרק ברומען צו אונז, מיידל? — גיט ער זי אַ צי מיט דער איידעלער שיין פון זיינע לויכטנדיגע אויגן. — וואָס זשע דערציילט אונז דאָס ברומען פון די דעכער? ס'דערציילט אונז, אַז מיליאָנען מענטשן גייען איצט אָפּ אין שוויס, אַז מיליאָנען מענטשן פייניגן זיך איצט אויף צו פאַרדינען דאָס שטיקעלע ברויט. וועלן מיר אויסלייזן זייער פּיין, ווערא. מיר ביידע, ווערא. מיר וועלן ברענגען פרייד אויף דער וועלט. איך וועל אָנשרייבן אַ ליד אַזאַ, וואָס וועט זיך הערן פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער. וועט יעדעס וואָרט זיין אש להבה (פלאַמענדיגער פייער), עס וועט ברענען, באַלויכטן, אָנצינדן, פלאַמען און וועקן אַלע פאַרפּייניגטע געמיטער. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט פון אַזאַ ליד. איך טראָג זיך שוין ארום מיט דעם געדאַנק חדשים און חדשים. נאָר אַז איך וועל זיין מיט דיר צוזאַמען, וועל איך קאָנען שרייבן די דאָזיגע ליד. מיר וועלן דאָך זיין צוזאַמען, אינגיכן, אָט באַלד. וועל איך אָנהויבן מיין ליד, ווי די ניו יאָרקער דעכער ברומען מיט דעם פאַרפּייניגטן געשריי פון אַלע באַרויבטע און דערדריקטע ארבעטער־מענטשן. דערנאָכדעם וועל איך באַשרייבן די גאַסן פון ניו יאָרק. פון די גאַסן וועל איך זיך נעמען צו די הייזער פון ניו יאָרק. דערנאָכדעם וועל איך זיך

געמען צו די שעפּער, פון די שעפּער וועל איך אַרויפגיין אויף די הויכע שטאָקן פון די ריזיגע וואָלקן־קראַצערס. פון דאָרטן וועלן מיר זען גאַנץ ניו יאָרק, מיט דעם האָדסאָן, מיטן איסט ריווער, מיטן האַרלעם ריווער, מיט די בּאַרזשעס, מיט די שיפן, מיט די הויכע קוימענס, מיט די גיגאַנטישע בריקן. פון הונדערטער שורות וועט זיין די ליד, גרויסע מעכטיגע שורות, ווי די גרויסקייט און מעכטיגקייט פון דעם ריזיגן כרך ניו יאָרק...

ער שטייט, משה, פאַר איר אין זיין האָסיפּיטאַל־כאַלאַט, אין די שטעק־שיך, מיט זיין פאַרריסן דין, איידל פנים, אַן אויסגעמאָרעטער, אַן אויסגעמאַטערטער און חלומ׳ט וועגן אויסלייזן די פאַרפּייניגטע מענטשן פון ניו יאָרק. זי פאַרגעסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אין אָפּיס. עס טוט זיך אָפּ איר ווייטאָג און זיינע דערהאַבענע רייד. ער גייט אויף פאַר איר. ער וואַקסט אוים פאַר איר, אָט דער משה, דער שיינער מענטש, דער פילבאַרער פּאָעט. ס׳פאַרכאַפּט איר אַזש דער אָטעם פון דער הויכקייט, צו וועלכער ער האָט זי אַרויפגעבראַכט. זי האָט מורא, ער זאָל אויפהערן צו רעדן, ווייל הערט ער אויף רעדן, פאַלט זי אַראָפּ פון דער ריזיגער הויכקייט און ווערט צעשמעטערט...

— דער ריזיגער כרך ניו יאָרק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון מיליאָנען הענט, וואָס האָבן צעגראָבן צענדליגער מיילן האַרטע שטיינערדיגע ערד, וואָס האָבן אויפגעריסן הויכע בערג, צעמאָלן גראַניטענע פעלזן, וואָס האָבן איינגעשפּאַנט די שטורעמדיגע ווינטן, די פייערדיגע בליצן און פאַרוואַנדלט זיי אין היץ, אין ענערגיע, אין ליכטיגקייט און אין כח. כח, כח, מיר וויברירן מיט דעם כח, מיר אָטעמען מיט דעם כח, כח כח...

ער איז איינגעשלאָפן אין רו און אין פריידיגער פאַרגעסנקייט, נאָכדעם ווען ווערא איז אַוועק. אין זיין קורצן שלאָף האָט אים דאָס לעבן פאַרגיטיגט פאַר אַלע זיינע יאָרן פון פּיין. ער האָט אָפּגעלעבט אין די פּאָר שעה פון זיין שלאָף פילע גליקלעכע יאָרן. יאָרן מיט זון, מיט פרייד, מיט ליבע, מיט געזאַנג. אין אַ וועלט פון גאָלע גליקלעכע מענטשן האָט ער געלעבט... — — — — — — — — — — — — — —

. . . דערנאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָשן די זון, און ס׳איז געוואָרן מיט אַמאָל אַזוי פינצטער, אַזוי פינצטער. אַלע דעכער פון ניו יאָרק האָבן געקראַכט. ציגל זיינען געפאַלן פון די ווענט. מענטשן האָבן געשריען, געוואַלד מיט אַזוי פיל פּיין. די ערד האָט זיך אָנגעהויבן צו

טרייסלען. בערג האָבן זיך געוויגט. טייכן זיינען ארויס פון די ברעגן. שטורעמדיגע ווירבלענדיגע וואסערן האָבן זיך געריסן אויף דער טריקעניש. די וועלט גייט אונטער... די וועלט גייט אונטער...

קלאָרע, דורכזיכטיגע אויגן

טויזנטער מענטשן אויף די גאסן ארום ארבעטער־צענטער. אינע־וויניג לאָזט מען שוין ניט אריין. שטייט מען אויף די טראָטוארן מיט נייגעריגע טרויעריגע פּנים׳ער. אפילו די לאַנדסלייט האָבן זיך שוין ניט געקאָנט דורכשטופּן, און זיינען געבליבן אינדרויסן איינגעפּרעסטע צווישן דער פּיל־קעפּיגער מאסע.

וועווקע טאַפּער האָט געוויינט הויך אויף א קול און זיך גאָרניט געקאָנט טרייסטן. אן אומגערעכטע זאַך קוקט אויס ביי אים דער טויט. אזא ליכטיגע וועלט, א הימל, א זון; ביינאַכט די לבנה מיט די שטערן; הייזער, גערטנער און פּארקס, סאָבוועיס און קארס, און דאָ פארמאכן זיך די אויגן ביי א מענטשן, וועמענס פּנים ער קאָן אזוי גוט, און ער וועט שוין מערער ניט זען די זון, דעם הימל, די לבנה מיט די שטערן, די סאָבוועיס, מיט די הייזער, מיט די מאַשינען.

זלאָטע׳ס אויגן זיינען געווען קלאָר און דורכזיכטיג. אזוי דורכ־זיכטיג, פּונקט ווי ביי א מענטשן, וואָס האָט שוין געפּאַסט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. דאָס פּנים ביי איר איז געווען זייער בלאַס. אונטער די אויגן בלויע רינגען. אין א ברייטן מאַנטל איז זי געווען אָנגעטאָן, און ס׳האָט זיך געדאכט, אז הינטער דעם מאַנטל איז פארבאַהאַלטן נאָך עמיצער.

בערעלע גאָנאַפּטי האָט געפּרובירט ציילן די מענטשן אויף דער גאַס. ער האָט אָנגעהויבן צו ציילן פון ארייַנגאַנג. לויט די קעפּ האָט ער געציילט. ער האָט שוין אָנגעציילט מערער פון טויזנט אויף איין זייט טראָטואַר. אנטקעגן אָבער און אינמיטן זיינען געשטאַנען נאָך און נאָך. ער האָט זיך געוואונדערט און גע׳חידוש׳ט, וואָס אזוי פּיל מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דער לויה, און די אַלע מענטשן זיינען גאָרניט קיין טשערעמעיעווער, און ניט קיין קרובים. פרעמדע מענטשן.

ברוך ביר איז געשטאַנען אין א טייערן לאַנגן שווארצן מאַנטל מיט א פוטערנעם קאָלנער. א הויכער, א ברייטער. זיין פּנים טרויעריג־

פרום און א ביסל באלײדיגט. באלײדיגט האָט ער זיך געפילט צוליב דעם, וואָס מען האָט אים ניט אַרײנגעלאָזט אינעווייניג, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז דעם פאַרשטאָרבענעמ׳ס אַ חבר, און אַז ער וויל מאַכן אַ הספד.

פּרויקעלע איז געשטאַנען אָן אָנגעבויגענער, מיטן קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד, און אויף זײנע פּלײצעס אַ גרויסער טרויער. ער האָט גע־האַלטן אין איין טראַכטן וועגן דער אָרעמער מאַטעריע, פון וועלכער דער מענטש באַשטייט. און פון וואָס באַשטייט דען זיין, פרויקעלע׳ס, מאַטעריע אַליין? — אַ קלײנער גוף מיט ביינדלעך און מוסקולן. צעטומלטע און צעשראָקענע.

ווערא׳ס פיס זיינען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זיי האָבן שוין ניט געקאָנט מאַכן קיין טריט. זי איז געזעסן אין פרויקעלע׳ס מאַשין. אירע אויגן טרוקענע, אויסגעוויינטע. אירע ליפּן אויסגעמאַרעטע, אויס־געפּייניגטע. איר האַלז אויסגעבלאַסט, אויסגעקילט. אירע פינגער אויס־געצערטע, אויסגעבראָכענע.

זי האָט געקוקט פאַר זיך מיט פאַרשטאַרטע אויגן און שוין וועגן גאָרניט געטראַכט. ס׳איז שוין נישט געווען קיין ווייטאָג. ס׳איז שוין געווען וויסט, פּוסט און לער. און זי אַליין שוועבט צווישן דער פּוסטקייט, וויסטקייט און לערקייט.

דעיוו איז געזעסן לעבן איר און געשמייכלט מיט וויינענדיגע ליפּן. די אויגן קלוג און טרויעריג. זיין שליאָפּע אויפן קאָפּ איז זיך געזעסן אָן אַ זייט, אַקוראַט ווי איינער וואָס וויצלט זיך, וואָס האָט ליב צו טרייבן שפּאַס מיט מענטשן.

ער האָט צו ווערא׳ן ניט גערעדט. זי אַפילו ניט געפּרובירט צו טרייסטן. ער האָט געטראַכט וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן. ער האָט אויך געטראַכט וועגן יענעם פּלאַן, יענעם נאַרישן, פאַרברעכערישן געדאַנק, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין מוח און זיך שוין ניט געוואָלט אָפּטאָן. דער געדאַנק וועגן אומברענגען משה׳ן מיט אַזאַ פּלאַן, אַז אַפילו דער גרעסטער חכם אויף דער וועלט זאָל ניט קאָנען אויסגעפינען, וועמעס אַרבעט עס איז.

זעט ער שוין איצט, ווי לעכערלעך די גאַנצע מעשה איז געווען, און ווי לעכערלעך ער קוקט איצט אויס, ווען ס׳איז שוין ניטאָ וועגן וועמען צו פּלאַנעווען. און אַפילו ווען ער וואָלט שוין יאָ געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצופירן איבער משה׳ן זיין פּלאַן, וואָלט ער אים דען

געווען אויסגעפירט? גלאַט אַזוי געפּלאָנעוועט. זיך געקוויקט מיט נקמה־פּלענער.

איז וואָס זשע וועט דעיוו איצטער טאָן? אָרעם און נאַקעט פילט ער זיך איצט. נאַריש און נישטיג. ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג, ווי ער האָט איינמאָל געזען זיין טאַטן דעם שמש איילן זיך אין שול אַריין אַ ערב־שבת פאַרנאַכט. מיט איינגעבויגענע פּלייצעס האָט ער זיך געאיילט, מיט די הענט פאַרלייגט אין די אַרבל. זעט זיך דעיוו איצט אויך אַזוי, מיט אָנגעבויגענע פּלייצעס, מיט די הענט פאַרלייגט אין די אַרבל, איילט ער זיך דורכן לעבן אַן אָרעמער, אַ נעבעכדיגער...

אַרקעלע מיט יאַנקעלע'ן זיינען גראַדע יאָ געווען אינעווייניג. אויסגעצויגענע, סטראַינע, מיט פויסטן אויפגעהויבן אין דער לופטן, זיינען זיי געשטאַנען פאַרן אָרון. מען האָט זיי פיל מאָל געוואָלט פאַר־בייטן, אָבער זיי האָבן זיך ניט געלאָזט. ס'איז זייער לאַנדסמאַן, זייער משה, זייער חבר, זייער פּאָעט. פון איין שטיק ערד אַרויסגעשפּראָצט. חבר אַרקעלע און חבר יאַנקעלע שטייען מיט אויפגעהויבענע פויסטן פאַרן אָרון פון חבר משה.

דאָ שטייען שוין מערער ניט פאַרן אָרון אַרקעלע בורמילע און יאַנקעלע באָסיאַק. דאָ שטייען שוין צוויי ערנסטע יוניאָן־טוער, באַ־רימטע צוויי יוניאָן־טוער ביי די פּאָריערס.

משה'ס פּנים איז אויסגעדינט, אויסגעאיידלט, רואיג, טויט־רואיג. ניטאָ מערער קיין פּאַרדראָס. ער קערט זיך אום צוריק צו דער ערד. איבערגעלאָזט אַ פּאָר צענדליג לידער אויף דער וועלט. די פּאָר צענדליג לידער וועלן צונויפגענומען ווערן אין אַ בוך. אַזוי האָבן באַשלאָסן זיינע חברים דיכטער פון פּראָלעטפּען.

* * *

ציט זיך די לויה. נאָך אַ בלאָק און נאָך אַ בלאָק. פון דער גרויסער מאַסע בלייבט איבער אַ קליין הייפעלע. פונעם קליינעם הייפעלע ווערט אויך גאָרניט.

עטלעכע מאַשינען פאָרן נאָך דעם אָרון: חברים דיכטער פון פּראָ־לעטפּען און דעם פאַרשטאָרבענעמ'ס לאַנדסלייט.

צווישן אַלע מאַשינען וואַרפט זיך אין די אויגן אַ פּשוט'ע וואָכע־

דיגע טעקסי. א געל־ווייסע געקעסטלטע טעקסי. אין דער טעקסי זיצט איין און איינציגע פרוי.

ברעכט זיך בערעלע גאָנאַפּטי דעם קאָפּ, ווער זאָל זיין די פרוי, וואָס זיצט אין טעקסי? און וואָס קער זי זיך אָן מיט דעם פאַר־שטאָרבענעם?

ווען מען איז אָנגעקומען אויפן בית־עולם, אויף דעם נאַסן ווינטערדיגן פעלד, זיינען אַלע אַרויס פון די מאַשינען און זיך אַוועק־געלאָזט צו דעם פריש־אויסגעגראָבענעם קבר. די פרוי אין דער טעקסי איז ניט אַרויסגעשטיגן. געבליבן זיצן אינעווייניג און געקוקט דורכן פענצטערל צו דער גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווייט איבערן פעלד.

אין אַ קאַסטן אַרומגעוויקלט אין רויטן האָט מען אים אַראָפּ־געלאָזט טיף אין דער ערד.

פּרויקעלע האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען אַ זשמענקעלע פון דער אויסגעגראָבענער ערד און דאָס געקנאָטן צווישן די פינגער: געלע, קלעפּיגע ערד. ניט פון יענער שוואַרצער, פעטער, פרוכטבאַרער טשערעמעיעווער ערד.

ווערא, מיט פאַרשטאַרטע אויגן, האָט צוגעקוקט, וואָס מען טוט מיט דעם בחור, וואָס האָט געהייסן משה.

דעיוו האָט נאָך אַלץ געשמייכלט מיט ווייגענדיגע ליפּן. די שליאַפּע אָן אַ זייט, ווי ביי איינעם אַ ליץ, אַ חברה־מאַן וואָס האָט אַ טבע צו טרייבן שפּאַס.

בערעלע גאָנאַפּטי, מיט אַן אויסגעדרייט פּנים צו דער טעקסי, איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן מיט דער פּראָבלעמע, ווער אַזוינס זיצט דאָרטן? ווער איז זי? אפשר איז דאָס מאַניאַ? אויב ס'איז מאַניאַ — וואָס זשע שעמט זי זיך אַרויסצוגיין? פאַרוואָס איז זי געבליבן דאָרטן?

ברוך ביר איז געשטאַנען אַ טרויעריגער, אַ באַליידיגטער. מען האָט אים דאָ ביים קבר אויך ניט צוגעלאָזט מאַכן אַן הספּד.

אַרקעלע און יאַנקעלע זיינען געשטאַנען נאָענט איינער לעבן אַנדערן. זיך געטוליעט, ביידע חברים, איינער צום אַנדערן. אַרקעלע'ס אויגן האָבן זיך פאַרטראָגן צו די פעלדער אַרום און אַרום: פעלדער

מיט ווינטערדיגער זון, און אזא פרייער בלויער הימל. עס האָט זיך אים פלוצלונג פארגלוסט צעיאָגן זיך איבער דער וויט־אויסגעשפרייטער נאקעטער ערד, לויפן מיט צעשפרייטע הענט, פארדרייסן דעם קאָפּ צום הימל און אריבערשרייען דעם ווינט און מאכן אוך־א, פונקט ווי ער פלעגט דאָס טאָן אויפן סטעפּ הינטער טשערעמעיעוו, אינגלוויז. ס'ערשטע מאָל, פון זינט ער איז אין אמעריקע, האָט ער גראָדע דאָ אויפן בית־עולם ווידער דערזען די פרייע נאטור, און אלע זיינע טשערעמעיעווער הפקר־יונגערשע אינסטינקטן האָבן זיך איצט אפגערופן.

וועווקע טאַפּער האָט זיך ווידער צעוויינט הויך אויף א קול. ערשט דאָ, אויפן ווינטערדיגן נאקעטן פעלד, אונטערן פרייען בלויען הימל, האָבן די טרערן א שפּאַר געטאָן אזוינע גרויסע און הייסע. ערשט דאָ האָט ער זיך געקאָנט צעוויינען גאַנץ היימיש, מיט אלע דריידלעך און מיט אלע קנייטשיקלעך אין קול, פונקט אזוי ווי מען וויינט אין טשערעמעיעוו.

מען פארשיט דעם רויטן אָרון. קוקט צו זלאַטע מיט קלאָרע דורכ־זיכטיגע אויגן, אזוי דורכזיכטיג, ווי ביי א מענטשן, וואָס פאַסט שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. זי איז אָנגעטאָן אין אן אומגעהויער־ברייטן מאַנטל, און עס דאַכט זיך, אז נאָך עמיצן פארבאַהאַלט זי הינטערן מאַנטל.

זי פארבאַהאַלט הינטערן מאַנטל א טייערן חלום, וואָס וועט איינ־גיכן אָננעמען דאָס געשטאַלט פון פלייש און בלוט. און אויב עס וועט זיין א זון, האָט זי שוין פאַר אים א נאָמען — משה וועט ער הייסן.

אָט דער משה, וואָס קערט זיך איצט אום צו דער ערד, איז געווען דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט, וואָס האָט גערעדט צו איר, ווי צו א גלייכן, און דערוואַרעמט איר פארשעמטע האַרץ.

אלע אירע יאָרן אין אמעריקע האָט זי געטראָגן זיין געשטאַלט אין איר געדאַנק, געשטרעקט זיך צו אים, ווען ס'איז איר געווען שלעכט, אים גערופן אין איר מיידלשער איינזאַמקייט, משה, משה.

איצט חלום'ט זי וועגן א נייעם משה'ן, וואָס וועט דאַרפן אויפגיין פון איר בלוט. גלויבט זי מיט אזא פאַנאַטישן, מאַמעשן גלויבן, אז א צוקונפטיגן גרויסן מענטשן טראָגט זי איצט אין איר טראַכט: פאַר דעם לעבן פון אלע אָרימע וועט איר זון משה אָפּגעבן זיין לעבן.

בענטשן וועלן זיך מיט זיין נאָמען פילע פעלקער. ער וועט אויסקויפן די דערנידערונג, וואָס קומט פון אָרעמקייט. ער וועט גיין פון לאַנד צו לאַנד, און וואוהין ער וועט קומען, וועלן זיך זאַמלען אַרום אים די אָרעמסטע און די אונטערדריקטסטע, און ער וועט זיי פירן אין אַ לעבן פון גאָלע גוטס... האָט דען נים אַ פשוט'ע מאַמע געבוירן אויף דער וועלט אַ לעניג'ען?!...

(סוף)